STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 03710

SHOLEM ALEYKHEM'S VERKE

Sholem Aleichem

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דיקלאווע חתנה דרוקט אויס והרוורגען ווילנר

צו דער חתנה פון הערר וואן פרלו ס.לופא.

מיטשעל שטראוסבערג





ש. ראבינאוויטש

שלום עליכם'ס ווערקע

טביה דער מילכיגער

און

אנדערע ערצעהלונגען

ערשטער באנד

טאנעבלאטט'ס פרעמיום אויסגאבע

נויארק

תרע"ב—1912.

אינהאַלט

— פון —

ערשטען באַנד

1) דאָס גרויסע געווינס.
2) אַ בוידעם.
3) היינטיגע קינדער.
4) האָדעל.
5) חוה.
6) שפּרינצע.
7) טביה פאָהרט קיין ארץ ישראל.
8) אין די וואַרמפּעדער.
9) פון'ם פּריזיוו.
10) בּלומען.
11) המן און זיינע טעכטער.
12) גימנאַזיע.
13) דאָס טעפּעל.
14) כל נדרי.

פון די הערויסגעבער

דיזע ספעציעלע אמעריקאנישע אויסגאבע פון **שלום עליכם'ס בעסטע ווערק** איז געוועהלט און רעדאקטירט פון דעם **פּערפּאסער אליין**, מיט דער אויסזיכט צוזאמענשטעלען אזא זאמלונג וואס זאל ענטהאלטען דאס בעסטע וואס ער האט געשריעבען און דאס וויכטיגסטע וואס איז ווערטה צו בעהאלטען פאר דער אידישער ליטעראטור אין אמעריקא. ער האט אויסגעלאזען זאכען וועלכע זיינען שוין אבגעלעבט און וועלכע, אז ער וואלט יעצט געשריעבען, וואלטען זיי א גאנץ אנדער פּנים געהאט.

שלום עליכם וועלכער איז געוועזן א צייט אין אמעריקא און האט שטודירט דעם אימער וואקסענדען, אימער פּראגרעסירענדען אידישען עלעמענט אין דיזען לאנד איז—ווי פיעלע אנדערע אידישע דענקער—געקומען צו דער איבער־ציינוגנג אז אמעריקא וועט מיט דער צייט ווערען א גרויסער צענטער פאר אידישע קולטור און וויסענשאפט. א ספּעציעלע אויפלאגע פון זיינע ווערק, גע־דרוקט אין אמעריקא, בעטראכט ער אלס דעם אנפאנג פון א גרויסע בעוועגונג איבער־צופלאנצען די אידישע ליטעראטור אויף א פרייערען און ברייטערען באדען וואו עס קען וואקסען און בליהען אונטער גינסטיגערע אומשטענדען. ער האט דארום געשיינקט זיין אויפמערקזאמקייט אז אין דער ספּעציעלער אמערי־קאנישער אויפלאגע זאל אריין דורכאוים דאס בעסטע וואס עס איז ארויס פון זיין פעדער.

עס איז גאנץ איבריג אונזערע לעזער צו דערצעהלען ווער און וואס שלום עליכם איז. מיר ווילען נור בעטאנען דעם פאקט אז אויסער וואס שלום עליכם איז דער גרעסטער אידישער טאלענט פון אונזער דור, איז ער אויך כמעט דער איינציגער וואס זיינע זאכען לאזען זיך איבערזעצען אין אנדערע שפּראכען, ניט בלויז אלס קוריאזיטעטען פון א פאלק וואס וואוינט צווישען פעלקער און "זיינע געזעטצע זיינען פערשידען פון די אנדערע", נור אלס פאלקאמענע ליטעראטור פון דעם וועלט ברייטען שטאנדפונקט, די אר־בייט פון א גאנצען טאלענט, אויסגעארבייט, ענטוויקעלט אין אלע פּרטים.

מיר האפען אז אונזערע לעזער וועלכע האבען זיך יאהרען לאנג געקוויקט מיט שלום עליכם'ס הומאר וואס איז ערשינען אין "טאגעבלאט", ווילען וויסען ווי צו שעטצען און טהייער האלטען דיזען רייכען אוצר פון אידישען הומאר וועלכער האט צו זיך קיין גלייכען אפילו אין דער וועלט ליטעראטור פון די אומות העולם.

פערלאג "אידישעס טאגעבלאט".

נויארק, דזשולאי, 1912.

שלום עליכם

צו זיינע לעזער אין אַמעריקאַ.

מיט אַ בעזונדערען פערגניגען גיב איך אָפּ אַ "שלום־עליכם" מיינע לעזער אין אַמעריקאַ.

איך האָב אויסגערייזט די וועלט, און האָב אין ערגעץ מיך ניט גע־פיהלט אזוי גוט ווי אין אַמעריקאַ.

אַמעריקאַ איז מיין צווייטע היים.

אין אַמעריקאַ בין איך אַ היימישער.

אַמעריקאַ, דאָס לאַנד וואָס איז אזוי גאַסטפריינדליך ווי קיין אַנדער לאַנד אין דער גאַנצער וועלט, דאס לאַנד, וואָס האָט ברייט געעפענט די טיהרען פאַר עמיגראַנטען פון דער גאַנצער וועלט. דאָס לאַנד, וואָס פער־גינט איהרע אַלע פרייהייטען יעדען פרעמדען. דאָס לאַנד, וואָס קאָכט איבער אין זיך, ווי אַ שמאַלץ־טאָפּ, דעם איינגעוואַנדערטען און מאַכט איהם אין איין שמע ישראל פאַר אַ היעסען פּאַטריאָט, האָט איבערגעלאָזט פון דעסטוועגען אַ פריי ווינקעלע אין זיין הארצען אויף צוליעב האָבען דאס וואָס איהם איז ליעב—זיין פאָלק, זיין שפּראַך, זיין וויטץ און אפילו זיינע מנהגים, און אפילו זיינע מאכלים. "היימיש" ווערט עס אָנגערופען ביי אייך אין אַמעריקאַ. אַ היימישער נגון, אַ היימישער שדוך, אַ היימישער חזן, אַ היימיש מאכל, אַ היימיש ברויט, היימישע פיש, היימישער חריין מיט ראָסעל, אַ היימישער צימעס—איך האָב געטהאָן דאַנק גאָט מיט מיין קינד אַ היימישען שדוך—בעריהמט זיך אַ איד פאָהרענדיג אין קאַר.—איך זוך אַ היימישען מלמד—קלאָגט זיך אַ איד—ווייסט איהר ניט עפּעס אַ רעכטען היימישען מלמד?

— קויפט ביי מיר אַ היימישע הגדה!—בעט זיך אַ היימישער איד אַ מוכר ספרים אויף עסעקס סטריט ערב פסח.

— היימישע וויין פון היימישעראָזינקעס!

— היימישע ניס! היימישע האָניג! היימישע איינגעמאַכטס! אַ היימישע הושענא! —אתרוגים היימישע!

דעם גרעסטען קאָמפּלימענט, וואָס איך האָב ווען געהערט, האָט מען מיר געמאַכט אין אַמעריקאַ אויף אַ באַנקעט: „שלום עליכם—האָט דער ספּי־קער געזאָגט—איז אונזערער אַ היימישער. אַלסדינג וואָס ער שרייבט איז אונז היימיש, און זיין שפּראַך איז אונזער היימישע שפּראַך..."

איך ווייס, אַז אַ איד אין נויאָרק אָדער אין פילאַדעלפיאַ, אין סט. לו־

אים אָדער אין שיקאַגאָ, אין באָסטאָן אָדער אין מאָנטרעאָל, וועט בעקומען דעם "טאַגעבלאַט'ס" שלום עליכם פּרעמיום, וועט ער נעהמען דעם פּעקעל ביכער אונטער דער האַנד און וועט קומען אַהיים, וועט ער צונויפרופען פריינד און גוטע פריינד, אָדער נעקסט־דאָריגע שכנים, אָדער גלאַט "לאַנדס־לייטע", אידען און ווייבער, לײדים און דזשענטעלמען. איינער, וואָס קען וועט זיך אַוועקזעצען, און וועט לייענען בקול רם שלום־עליכם'ס היימישע מעשיות און געשיכטען, און אַלע ליידיעס ענד דזשענטעלמען וועלען זיך אַוועקזעצען אַרום איהם און וועלען האָרכען און וועלען לאַכען, לאַכען הויך און געשמאַק און אַ סך, און לאַכענדיג וועט מען גאָרניט בעמערקען, ווי איינע אַ ליידי זיפצט און די אַנדער ליידי פערליערט אַ טרעהר...

דער כח פון דער "היים"!—איהם שוואַכט נישט אָפּ די צייט. איהם ווישט ניט אָפּ דער ים. איהם מאַכט ניט פערגעסען די פרייהייט. אדרבה—וואָס מען איז ווייטער, וואָס מען איז פרייהער, ווילט זיך אַלץ מעהר וויסען, וואָס טהוט זיך דאָרטען אין דער שלים־מזל'דיגער היים? וואָס מאַכען דאָר־טען אונזערע אומגליקליכע בריעדער און שוועסטער? ווי שלעפּען זיי דעם גלות? ווי טראָגען זיי די צרות? ווי לאַכט זיך זיי און ווי וויינט זיך זיי און וואָס דערצעהלען אונז זייערע שרייבערס?

נישטמעהר דער פּערפאַסער וואָלט אַליין אויך וועלען יין דערביי. ער וואָלט אַליין אויך וועלען זיין נאָך אַמאָל אַ גאַסט אין אַמעריקאַ. און ער האָפּט, אַז ער וועט עס נאָך זיין—אַבי יאָהרען, אַבי געזונד. דערווייל בעגר־גענט איך מיט זיינע שריפטען. לייענט זיך אָן פּאַר אייערע פּאָר דאָללארס און לאַכט זיך אָן, דערנאָך וועלען מיר קומען וועלען מיר איך דערצעהלען דאָס איבעריגע—הלואי וואָס פריהער און הלואי אין פריידען, ס'זאָל זיין מ ע ה ר צום לאַכען ווי צו וויינען.

שלום עליכם.

מאָנטרע, (שווייץ), מאַי, 1912.

1
דאָס גרויסע גערוינס

דָאס גְרויסֶע גֶעווִינְס.

(אַ וואונדערליכע מעשה, ווי אזוי טביה דער מילכיגער, א יוד אַ אָרעמאַן, אַ מטופל מיט קינדער, איז פלוצים מיט אַ מאָל בּעגליקט געוואָרען דורך אַ משונה ווילדען פאַל, וואָס איז כדאי מע זאָל דאָס בּעשרייבּען אין אַ בּיכעל).

ערצעהלט פון טביה'ן אליין און איבּערגעגעבּען וואָרט בּיי וואָרט.

מְקִימִי מֵעָפָר דָל,
מֵאַשְׁפּוֹת יָרִים אֶבְיוֹן.
ער שטעלט אויף פון דער ערד דעם אָרעמאַן,
פונ'ם מיסט הויבּט ער אויף דעם אֶביון.
(תהלים קי״ג, ז׳)

— אַז ס'איז בּעשערט דאָס גרויסע געווינס, הערט איהר, פּאַני שלום-עליכם, קומט דאָס גלייך אין שטוב אַריין, ווי זאָגט איהר: למנצח על הגיתית — אַז סע גערט לויפט עס; ס'איז גאָר ניטאָ דערבּיי קיין שכל מיט קיין בּריה'שאַפטען, און טאָמער חלילה פערקעהרט, מעגט איהר צעזעצט ווערען ריידענדיג, וועט איך העלפען ווי דער פּאַר אַ יאָהריגער שניי, ווי זאָגט איהר: אין חכמה ואין עצה נגד אַ שלעכט פערד; אַ מענש האָרעוועט, ווערט אויסגעריסען, האָטש נעהם לייג זיך, שונאי ציון, און שטאַרבּ; פלוצים מע ווייסט נישט פון וואָס און פון וואַנען — עס פערדעלט פון אַלע זייטען, ווי אין פסוק שטעהט געשריבּען: רוח והצלה יעמוד ליהודים, פערטייטשען בּעדאַרף איך אייך נישט, נאָר דער פּשט דערפון איז אַזוי, אַז אַ יוד, כל זמן שהנשמה בּקרבּי — עס שלאָגט זיך נאָך אין אָדער, טאָר ער נישט פערליערען דעם בּטחון. איך

האָב דאָס אַרויסגעזעהען פון זיך אַליין טאַקי, ווי אַזוי דער אויבערשטער האָט מיט מיר געפיהרט. מיט מיין איצטיגער פרנסה: וואָרום ווי קום איך גאָר פערקויפען קעז און פוטער אין מיטען דרינען, אַז מיין באָבע'ס באָבע האָט קיינמאָל נישט געהאַנדעלט מיט קיין מילכיגס? ס'איז באמנות כדאי איהר זאָלט אויסהאָרכען די גאַנצע מעשה פון אָנהויב ביז'ן סוף. איך וועל מיך צוזעצען אויף אַ ווייַלע אָט דאָ נעבען אייך אויפ'ן גראָז, לאָז זיך דאָס פערדיל דערווייַל שפיס קייַען, ווי זאָגט איהר: נשמת כל חי — אויך אַ בעשעפעניש פון גאָט.

בקצור, דאָס איז געוועזען אַרום שבועות־צייַט, דאָס הייסט: איך זאָל אייך נישט זאָגען קיין ליגען, אַ וואָך אָדער צוויי פאַר שבועות, און אפשר, האַ? אַ פאָר וואָכען נאָך שבועות. פערגעסט נישט, ס'איז שוין, פאַוואָלינקע, איך זאָל אייך זאָגען אַקוראַט, אַזוי גרויס ווי אַ יאָהר מיט אַ מיטוואָך, דאָס הייסט, פונקט נייַען יאָהר אָדער צעהן און אפשר נאָך מיט אַ סמיטשיק. איך בין דעמאָלט געוועזען, ווי איהר זעהט מיך אָטאָ, גאָר נישט דער, וואָס איצטער, דאָס הייסט, טאַקי דער אייגענער טביה, נאָר פאָרט נישט דער, ווי זאָגט איהר: די אייגענע יענטע, נאָר אַנדערש געשלייערט, דהיינו וואָס? איך בין געוועזען, נישט פאַר אייך געדאַכט, אַ קבצן אין זיעבען פאָלעס, חאָטש אפילו, אַז מע וויל שמועסען דאָס אייגענע ווידער צוריק, בין איך נאָך איצט אויך גאַנץ ווייַט פון אַ נגיד, וואָס מיר פעהלט צו בראָצקין, מעגען מיר זיך דאָס ביידע ווינשען פערדיענען דעם היינטיגען זומער ביז נאָך סוכות, נאָר ווערליג אַ מאָל בין איך היינט, הייסט דאָס, אַ יוד, אַ נגיד, מיט אַ פערד און וועגעלע אין אייגענס, מיט, קיין עין־הרע, בהמה'לעך, אַ פאָר, וואָס מעלקען זיך, מיט נאָך איינע, וואָס האַלט אָט־אָט ביי אָבקעלבען זיך; ס'איז דאָ, נישט צו פערזינדיגען, קעז און פוטער און סמעטענע פרישע אַלע טאָג, אייגענע האָרעוואַניע, וואָרום מיר אַלע אַרבייטען, קיינער זיצט נישט ליידיג, מיין ווייַב זאָל לעבען מעלקט די בהמות, די קינדער טראָגען קריגליך, שלאָגען פוטער, און איך אַליין, ווי איהר זעהט אָטאָ, פאָהר מיר אַרויס אַלע פריהמאָרגען אויפ'ן מאַרק, געה דורך אַלע דאַטשעס אין בויבעריק, מע זעהט זיך מיט דעם, מיט יענעם, אַלע גרעסטע בעלי־בתים פון יעהופעץ, מע רעדט זיך דורך אַ ביסעל מיט אַ מענשען, פיהלט מען, אַז מען איז אויך עפיס אַ שטיקעל מענש אויף דער וועלט, ווי זאָגט איהר, נישט קיין הינקע־דיגער שניידער, און ווער שמועסט שבת בין איך דאָך גאָר אַ מלך, קוק אַריין אין אַ יודישען ספר, אַ פרשה חומש, אַ ביסעל תרגום, תהלים,

ברק, דאָס, יענץ, לאָקש, בוידעם — איהר קוקט מיך אָן, פּאַני שלום־עליכם, און טראַכט זיך אודאי בשעת־מעשה אין הארצען: „ע, אַט דער טביה איז דאָך עפּיס טאַקי גאָר אַ יוד וואָס קאַטאָרי!"...

בקצור, וואָס־זשע האָב איך אייך אָנגעהויבען צו דערצעהלען? יאָ, בּין איך, הייסט דאָס, דעמאָלט געווען, מיט גאָט'ס הילף, אַ בּיטערער אָרעמאַן, געשטאָרבּען, נישט פאַר קיין יודען געדאַכט, מיט ווייבּ און קינדער דריי מאָל אין טאָג פון הונגער אַ חוץ וועטשערע, געהאָרעוועט האָבּ איך ווי איין איזעל, געשלעפּט קלעצער פונ'ם וואַלד צום וואָגזאַל אַ גאַנצען וואָגען, עס זאָל אייך צו קיין חרפה נישט זיין, פאַר צוויי גילדען אַ טאָג, און דאָס נישט אַלע טאָג און דערמיט גיה האַלט אוים, קיין עין־הרע, אַזאַ שטוב מיט פּיקערס, זאָלען געזונד זיין, מיט, להבדיל, אַ פערד אויף קעסט, וואָס וויל נישט וויסען וואָס רש"י מאַכט, בּעדאַרף קייַען אַלע טאָג, גאָר אָהן אַ שום תירוץ. וואָס טהוט גאָט? ער איז דאָך, ווי זאָגט איהר, אַ זן ומפרנס לכל — פיהרט דאָס וועלטיל קלוג, מיט שכל, זעהט ער, ווי איך מוטשע מיך דאָ אַזוי פאַר'ן שטיקעל ברויט, מאַכט ער צו מיר: „דו מיינסט דאָך, טביה, אַז ס'איז שוין אחרי כּכלות הכּל — עק וועלט, דער הימעל איז אויף דיר געפאַלען? פּע, בּיזט אַ גרויסער נאַר! אַט וועסט דו זעהען, ווי אַזוי, אַז גאָט וויל נאָר, טהוט זיך דאָס מזל אויף אַ מינוט אַ דרעה נאַ ליעוואָ קרוגאָם און עס ווערט ליכטיג אין אַלע ווינקעלעך; עס קומט אוים, ווי מיר זאָגען אינ'ם „ונתנה־תוקף": מי ירום ומי ישפל — ווער סע פאָהרט און ווער סע גיהט צו פוס. דער עיקר איז, בטחון, אַ יוד בעדאַרף האָפען, נאָר האָפען; אי וואָס? טאָמער ווערט מען דערווייל פערשוואַרצט? דערויף זענען מיר דאָך עפּיס שטיקליך יודען אויף דער וועלט, ווי זאָגט איהר, אתה בחרתנו — נישט אומזיסט איז אונז די וועלט מקנא... אַקעגען וואָס שמועס איך דאָס? איך שמועס עס אַקעגען דעם, ווי אַזוי גאָט האָט מיט מיר געפיהרט, טאַקי נאָר נסים ונפלאות, איהר מעגט דאָס האָרכען.

ויהי היום, איין מאָל פאַר נאַכט פאָהר איך מיר אַזוי זומער־לעבּען אין וואַלד, שוין צוריק אַהיים, אָהן די קלעצער; דער קאָפּ אין דער ערד, אויפ'ן הארצען וויסט און פינסטער; דאָס פערדיל, נעבּיך, קוים וואָס עס פלאָנטעט מיט די פיס, האַק, חאַטש בראַק. „קריך, זאָג איך, שלים־מזל, אין דער ערד אַריין גלייך מיט מיר, ווייס אויך וואָס בּעדייט אַ תענית אין אַ לאַנגען זומער־טאָג. אַז דו שטעהסט איין בּיי טביה'ן פאַר אַ פערד!" שטיל אַרום און אַרום, יעדער קנאַק פון דער בּייטש רופט זיך

אָב אין וואַלד ; די זון זעצט זיך, דער טאָג ער גוסס'ט ; די שאָטענס פֿון די בוימער ציהען זיך אויס לאַנג, ווי דער יודישער גלות ; עס הויבט אָן ווערען פֿינסטערליך און שטאַרק סומנע אויפ'ן האַרצען, פֿערשידענע געדאַנקען, מחשבות'ען קריכען אין קאָפּ אַריין, אַלערליי געשטאַלטען פֿון מענשען, שוין לאַנג געשטאָרבענע, קומען מיר אַ קעגען און דאָ דערמאַהן איך מיך די חיים, אַז אַך און וועה איז מיר ! אין שטוב איז פֿינסטער, חשך ; די קינדערליך, זאָלען געזונד זיין, נאַקעט און באָרוועס, קוקען אַרוים נעביך אויפ'ן טאַטען, דעם שלים־מזל, טאָמער וועט ער ברענגען אַ ברייטיל אַ פּריש, און אפשר אַ בולקע אַהיים, און זי, די אַלטע מיינע, געזוועהנטליך אַ יודינע, וואָרטשעט : „קינדער בעדאַרף איך איהם האָבען און נאָך זיבען דערצו, האָטש נעם, נאָט זאָל נישט שטראָפען פאַר די רייד, וואַרף זיי אַריין לעבעדיגערהייד אין טייך אַריין !" גוט צו האָרכען אַזעלכע דבורים ? מע איז דאָך נישט מעהר ווי אַ מענש, ווי זאָגט איהר, אַ „בשר ודגים", דעם מאָגען קען מען מיט קיין ווערטער נישט פֿערשטאָפּען, מע חאַפּט אַ שטיקעל הערינג, גלוסט זיך טיי, און צו טיי בעדאַרף מען צוקער, און צוקער, זאָגט איהר, איז ביי בראָצקען. „פֿאַר'ן שטיקעל ברויט, זאָגט מיין ווייב זאָל לעבען, וועט די קישקע נישקשה מוחל זיין, נאָר אָהן דעם גלעזיל טיי, זאָגט זי, בין איך אין דערפריה גאָר אַ טויטע, אַ קינד, זאָגט זי, אַ גאַנצע נאַכט ציהט פֿון מיר די קליי !" און דערווייל איז מען דאָך עפּיס אַ יוד אויף דער וועלט, מנחה איז טאַקי, ווי זאָגט איהר, נישט קיין ציג, זי וועט נישט אַנטלויפען, נאָר דאַוונען דאַרף מען. מאָהלט אייך דאָס שעהנע דאַוונען וואָס קאָן שוין זיין, אַז פּונקט בשעת שטעלען זיך שמונה עשרה, ציגלאָזט זיך, מעשה שטן, דאָס פֿערדיל משוגענערווייז, בעדאַרף מען לויפען נאָכ'ן וואָגען, איינהאַלטען די לייצעס און זינגען „אלהי אברהם אלהי יצחק ואלהי יעקב" — שיין געשטאַנען שמונה־עשרה ! און דאָ, ווי אויף צולהכעיס, גליסט זיך דוקא דאַוונען געשמאַק, מיט האַרץ, טאָמער וועט ווערען גרינגער אויף דער נשמה...

בקצור, איך לויף מיר אַזוי נאָכ'ן וואָגען און זאָג די שמונה־עשרה הויך, מיט אַ נגון, ווי, להבדיל, ביים עמוד : מכלכל חיים בחסד — דער דאָ טהוט טהון שפּייזען אַלע זיינע בעשעפעניש, ומקיים אמונתו לישני עפר — אפילו די וואָס ליגען אין דער ערד און באַקען בייגיל. אוי, טראַכט איך מיר, ליגט מען אין דער ערד ! אוי ווערט מען אויסגעריסען! נישט אַזוי ווי יענע, למשל, די יעהופּעצער נגידים מיין איך, וואָס זיצען

א גאַנץ זומער אין בויבעריק אויף די דאַטשעס, עסען און טרינקען און באָדען זיך אין אַלדעס-גוטס. אוי, רבונו של עולם, פאַר וואָס קומט דאָס מיר? בין דאַכט זיך אַ יוד גלייך מיט אַלע יודען, גוואַלד גאָטעניו, ראה נא בענינו — זעה, זאָג איך, בעטראַכט ווי מיר האָרעוועען און נעם זיך אָן די קריוודע פון די אָרימע לייט נעביך, וואָרום, ווער דען וועט זיך אויף זיי אַרומקוקען ווען נישט דו? רפאנו ונרפא — שיק אונז צו די רפואה, די מכה האָבען מיר שוין אַליין... ברך עלינו — בענש אונז מיט אַ גוט יאָהר, עס זאָל זיין אַ געראָטען אויף אַלע מינים תבואות, פון קאָרן און פון ווייץ און פון גערשטען, חאָטש, אַפילו צוריק שמועסענדיג, וואָס וועט מיר, שלים-מזל, אַרויסקומען דערפון? אַ שטייגער, למשל, וואָס קומט אַרויס מיין פערדיל, להבדיל, צי האָבער איז טייער צי וואָלוועל?... נאָר, פע, גאָט פרעגט מען קיין קשיות נישט, ובפרט אַ יוד בעדאַרף דאָך אַודאי אָני-נעמען אַלסדינג פאַר גוטען און זאָגען „גם זו לטובה", מסתמא הייסט גאָט אַזוי. ולמלשינים — זינג איך מיר ווייטער — ולמלשינים, און די „סטיקראַ-טען", וואָס זאָגען, אַז ס'איז נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט, וועלען האָבען אַ שיין פנים, אַז זיי וועלען קומען אַהין, זיי וועלען דאָס אויס-קרענקען מיט פראָצענט, וואָרום ער איז אַ שובר אויבים — אַגוטער צאָהלער, מיט איהם שפּיעלט מען זיך נישט, מיט איהם בעדאַרף מען געהן מיט גוטען, בעטען איהם, שרייען צו איהם: אב הרחמן — דערבאַ-רעמדיגער הארציגער פאָטער! שמע קולנו — הער צו אונזערע קולות, חוס ורחם עלינו — האָב רחמנות אויף מיין ווייב און קינדער, זיי זענען נעביך הונגעריג. רצה — זאָלסט בעוויליגען, זאָג איך. דיין ליעב פאָלק ישראל, ווי אַ מאָל, אין בית המקדש, נאָך בשעת די כהנים מיט די לוים... פלוצים — סטוי! דאָס פערדיל האָט זיך אַנידערגעשטעלט. איך חאַפּ אָב אויף דער גיך דאָס שטיקעל שמונה-עשרה, איך הויב אויף די אויגען און טהו אַ קוק — עס קומען מיר אַ קעגען גלייך פון וואַלד אַרויס צוויי משונה-מאָדנע נפשות, פערשטעלט און אָנגעטהון נישט ווי געוויינט-ליך. „גזלנים!" איז מיר דורכגעפלויגען אַ געדאַנק אין קאָפּ און האָב מיך אָבער באַלד פערחאַפּט צוריק: „פע, טביה, ביזט אַ שוטה! ס'טייטש דו פאָהרסט אין וואַלד שוין אַזוי פיעל יאָהרען, ביי טאָג און ביי נאַכט, וואָס איז דיר עפּים פלוצים היינט איינגעפאַלען גזלנים"? — וויא! מאַך איך צום פערדיל און נעם זיך אָן מיט האַרץ און גיב דעם אַ פּאָר שמיצלעך פון הינטען, גלייך ווי נישט מיך מיינט מען.

— רב יוד! הערט נאָר, רב קרוב! מאַכט צו מיר איינע פון

די צוויי נפשות מיט א קול פון א נקבה און ווינקט צו מיר מיט א פאטשיילע, א נו, שטעלט זיך נאר אב אויף א רגע'לע, ווארט צו א וויילעטשקע, אנטלויפט נישט, מע וועט אייך, חלילה, גאר נישט טהון!

„אהא, א נישטגוטער!" קלערט איך מיר און טאקי באלד זאג איך צו זיך אליין: „בהמה בצורת פערד! וואס עפים פלוצים אין מיטען דרינען רוחות מיט שדים?" און שטעל אב דאס פערדיל. איך הויב אן גוט איינצוקוקען זיך אין די צוויי נפשות: נקבות; איינע איין עלטערע מיט א זיידען טיכעל אויפ'ן קאפ, די אנדערע א יונגערע מיט א פארוק, ביידע רויט ווי פייער און שטארק פערשוויצט.

— א גוטען אבענד, סקאצעל קומט! מאך איך צו זיי שטארק אויף א קול, כלומר'שט אין גוטען מוטה; וואס איז אייער בעגעהר? אויב איהר מיינט עפים קויפען וועט איהר ביי מיר נישט געפינען גאר נישט, סיידען בויכוועהטאג, אויף מיינע שונאים'ס קעפ, אדער הארצקלעמעניש א פולע וואך, אדער א ביסעל קאפ-דרעהעניש, טרוקענע שמערצען, נאסע יסורים, סיפקע צרות?...

— שא, שא, מאכען זיי, זעה נאר, ווי ער האט זיך דאס אביסעל צעלאזט; א יודען, אז מע זאטשעפעט מיט א ווארט, איז מען נישט זיכער מיט'ן לעבען! מיר דארפען, זאגען זיי, נישט קויפען גאר נישט, מיר האבען נאר געוואלט א פרעג טהון ביי אייך, אפשר ווייסט איהר, וואו איז דא ערגיץ דער וועג קיין בויבעריק?

— קיין בויבעריק? מאך איך און צעלאך מיך כלומר'שט; עס האט ביי מיר, זאג איך, אזא פנים פונקט ווי איהר זאלט מיך א שטייגער פרעגען, צי ווייס איך, אז מע רופט מיך טביה.

— אזוי? מע רופט אייך טביה? א גוטען אבענד אייך, רב טביה! מיר פערשטעהען נישט, וואס איז דא, מאכען זיי, דער געלעכטער? מיר זענען פרעמדע, פון יעהופעץ זענען מיר, און וואהנען דא אין בויבעריק אויף א דאטשע, זענען מיר, זאגען זיי, ארויסגעגאנגען אויף א מינוטקעלע שפאצירען און דרעהען זיך ארום אזוי אין דעם דאזיגען וואלד פאוואלינקע פון גאנץ פריה אן, בלאנזען און בלאנזען און קענען נישט בשום-אופן זיך ארויפשלאגען אויפ'ן רעכטען וועג; דערווייל'ע, זאגען זיי, האבען מיר דערהערט עמיצער זינגט אין וואלד, האבען מיר לכתחלה געמיינט, א קשיא, אפשר איז דאס, חלילה, א גזלן? נאר נאכדעם, זאגען זיי, אז מיר האבען דערזעהען פון דער נאהענט, אז איהר זענט, דאנקען גאט,

אַ ייד, איז אונז געוואָרען אַביסעל גרינגער אויף דער נשמה. הייַנט בערשבערט איהר שוין?

— חאַ־חאַ־חאַ, אַ שעהנער גזלן! זאָג איך, איהר האָט געהאָרכט אַמאָל, זאָג איך, אַ מעשה מיט אַ יודישען גזלן, וואָס איז אָנגעפאַלען אויף אַ דורכגעהער און געבעטען ביי איהם אַ שמעק טאַבעקע? אויב איהר ווילט, זאָג איך, קען איך אייך דערצעהלען די מעשה.

— די מעשה, זאָגען זיי, לאָזט איבער אויף איין אַנדערש מאָל, איהר ווייזט אונז בעסער אָן דעם וועג קיין בויבעריק!

— קיין בויבעריק? זאָג איך, ס'טייטש, אָט דאָס איז דאָך דער אמת'ער וועג קיין בויבעריק! איהר זאָלט אפילו, זאָג איך, נישט וועלען, מוזט איהר מיט דעם שליאַך אָנקומען גלייך קיין בויבעריק.

— וואָס־זשע שווייגט איהר? מאַכען זיי צו מיר.

— וואָס־זשע זאָל איך, זאָג איך, שרייען?

— ווי באַלד אַזוי, מאַכען זיי צו מיר, קעהרט איהר שוין וויסען, איז עס נאָך עפּיס וויַט קיין בויבעריק?

— קיין בויבעריק, זאָג איך, נישט וויַט, עטליכע ווערסט, דאָס הייסט, זאָג איך, אַ ווערסט פינף־זעקס אָדער זיבען און אפשר טאַקי אַלע אַכט.

— אַכט ווערסט?! האָבען אויסגעשריגען ביידע וויַבער מיט אַמאָל, געבראָכען די הענד און שיער נישט צעוויינט זיך אַזש; ס'טייטש, וואָס רעדט איהר? איהר ווייסט וואָס איהר רעדט? אַ ווערטעלע אויסצורעדען אַכט ווערסט?!

— נו, וואָס־זשע, זאָג איך, זאָל איך טהון? עס זאָל זיין אין מיר געווענדט, וואָלט איך דאָס געמאַכט אַ ביסעל קירצער; אַ מענש בעדאַרף, זאָג איך, אַלסדינג אויספּרובען אויף דער וועלט; אונטערוועגענס טרעפט זיך, אַז מע בעדאַרף, זאָג איך, שלעפּען זיך אין אַ בלאָטע אַרויף אַ באַרג און נאָך ערב־שבת דערצו, דער רעגען שמייסט אין פּנים, די הענד קליאַנקען, דאָס האַרץ חלש'ט, און דאָ טראַך — לאָפּנעט איין אַקס...

— איהר רעדט עפּיס גאָר ווי אַ דולער, זאָגען זיי צו מיר, איהר זענט גאָר נישט ביי די געדאַנקען. כ'לעבען, וואָס דערצעהלט איהר פּזמונות, באָבע־מעשיות פון טויזענד־איין־נאַכט? מיר האָבען שוין קיין כח נישט צו פּלאָנטען מיט די פיס, אַ גאַנצען טאָג האָבען מיר אַ חוץ

אַ גלעזיל קאַווע מיט אַ פּוטערבולקע נאָך אין מויל נישט געהאַט, קומט איהר צוגעהן מיט אייערע מעשיות!

— אויב אַזוי, זאָג איך, איז עפּיס אַנדערש, ווי זאָגט מען. קיין טאַנץ געהט נישט פאַר'ן עסען. דעם טעם פון הונגער, פערשטעה איך גאַנץ גוט, איהר בעדאַרפט מיר נישט דערצעהלען; עס קען זעהר שיין זיין, זאָג איך, אַז איך האָב קיין קאַווע מיט קיין פּוטערבולקע נישט אַנגע־קוקט שוין פון אַ יאָהר, און אַזוי ווי איך רעד, שטעלט זיך מיר פאָר אַ גלעזיל הייסע קאַווע מיט מילך און מיט אַ פּוטערבולקע אַ פרישע, מיט נאָך גוטע זאַכען... „שלים־מזל זיינער, טראַכט איך מיר, ביזט טאַקי אַנדערש נישט געצויגען געוואָרען, נאָר צוליב קאַווע מיט פּוטערבולקעלעך? און אַ שטיקעל ברויט מיט הערינג ביזט דו קראַנק?“ און ער, דער יצר־הרע, נישט געדאַכט זאָל ער ווערען, אויף צו להכעיס, קאַווע, אויף צו להכעיס, פּוטערבולקע! איך הער דעם ריח פון קאַווע, איך פיהל דעם טעם פון פּוטערבולקע פרישע, געשמאַקע, מחיה־נפשות!

— ווייסט איהר גאָר וואָס, רב טביה? מאַכען צו מיר ביידע ווי־בער; טאָמער וואָלט געווען אַ סברה אַזוי ווי מיר שטעהען אָט אַ דאָ, זאָלען מיר זיך אַרויפכאַפּען צו אייך אויפ'ן וואָגען און איהר טאַקי אַליין זאָלט זיך מטריח זיין אונז אָבפיהרען. מחילה, אַהיים, קיין בויבעריק? — וואָס וועט איהר זאָגען דערויף?

— סאַ משל, זאָג איך, כחרס־הנשבר, איך פאָהר פון בויבעריק און איהר דאַרפט קיין בויבעריק! ווי קומט די קאַץ איבער'ן וואַסער?

— נו, איז וואָס? מאַכען זיי; ווייסט איהר נישט וואָס מע טהוט? אַ יוד אַ למדן גיט זיך איין עצה: ער פערקערעוועט דאָס וועגעלע און פאָהרט צוריק. האָט קיין מורא נישט, רב טביה, זאָגען זיי, זייט זיכער, אם ירצה השם, אַז גאָט וועט אונז ברענגען אַהיים בשלום, ווינשען מיר זיך דאָס אויסקריינקען, וואָס איהר וועט צו אונז דערלייגען.

„עפּיס רעדען זיי מיט מיר תרגום־לשון, טראַכט איך מיר, פער־שטעלט, נאָר נישט ווי געוויינטליך!“ און עס קימען מיר אַרויף אויפ'ן זינען: מתים, מכשפות, לצים, פערשלעפּטע־קריינק. „שוטה בן פיקהאָלץ! טראַכט איך מיר, וואָס שטעהסט דו ווי אַ פלאָקען? חאַפּ זיך אַרויף אויפ'ן וואָגען, וויַיז דעם פערדיל אַ בייטש און מאַך אַ „ויברח“, נאָר, מעשה־שטן, חאַפּט זיך אַרויס ביי מיר נישט ווילענדיג אַ'נ'ם מויל:

— קריכט אין וואָגען!

מיינע האָבען דערהערט, זיך דוקא נישט געלאָזט לאנג בעטען און מאַריש אין וואָגען אַריין; איך נאָך זיי אויף דער קעלני, פערקערעוועט דעם דישעל, שמיים דאס פערדיל: איינס, צוויי, דריי, פּאַשאָל! — ווער, וואס, וועמען! אַ נעכטיגער טאָג! פון'ם אָרט וויל דאָס נישט ריהרען, חאָטש נעם צושנייד דאָס אויף צווייען. „נו, טראַכט איך מיר, היינט פערשטעה איך שוין, וואָס דאָס איז פאַר ווייבער... דער גוטער יאָהר האָט מיך געטראָגען זיך נ׳בשטעלען אין מיטען דריגען, מאַכען אַ שמועס מיט ווייבער!...” איהר פערשטעהט — פון איין זייט דער וואַלד, דאָס שטילקייט מיט'ן סומנעקייט, אַ קעגען נאַכט, און דאָ, די צוויי נפשות, כלומר'שט נקבות — דער כח־הדם אַרבייט גאַנץ געשמאַק אויף אַלע סטרונעס, איך דערמאַהן מיך אַ מעשה פון אַ בעל־עגלה, וואָס איז אַ מאָל געפאָהרען אין וואַלד איינער אַליין און דערזעהען אויפ'ן שליאַך ליגט אַ זעקיל האָבער. מיין בעל־עגלה האָט דערזעהען אַ זעקיל האָבער. האָט ער זיך נישט געפוילט אַראָב פון'ם וואָגען, געחאַפּט דאָס זעקיל האָבער אויף די פּלייצעס, זיך איינגעריסען דאָס געזונד, קוים אַרויפגעלעגט דאָס זעקיל האָבער אויפ'ן וואָגען און, הלך־לעולמו, פּאַשאָל ווייטער. ער פאָהרט אָב אַ קעגען אַ ווערסט, ער טהוט זיך אַ חאַפּ צום זעקיל האָבער — נישט קיין זעקיל, נישט קיין האָבער, כ'איז נאָר אַ ציג ליגט ביי איהם אין וואָגען. אַ ציג מיט אַ בערדיל; ער וויל זי אָנריהרען מיט דער האַנד, שטעלט זי זי איהם אַרויס אַ צונג אויף איין אַרשין, לאָזט אַרויס אַ משונה־ווילדען געלעכטער און ווערט פערשווינדען...

— פאַר וואָס פאָהרט איהר שוין נישט? מאַכען צו מיר די ווייבער.

— פאַר וואָס איך פאָהר שוין נישט? איהר זעהט דאָך, זאָג איך, פאַר וואָס: דאָס פערדיל וויל נישט דאַוונען, ס'איז נישט אויפגעלייגט.

— גיעט דעם מיט דער בייטש, מאַכען זיי, איהר האָט דאָך אַ בייטש.

— אַ דאַנק אייך, זאָג איך, פאַר דער עצה. גוט וואָס איהר האָט מיך דערמאַהנט; דער הסרון, זאָג איך, וואָס מיין בחור שרעקט זיך נישט איבער פאַר אַזעלכע זאַכען; ער איז שוין אַזוי גע׳וואָהנט מיט דער בייטש ווי איך מיט'ן דלות, זאָג איך צו זיי כלומר'שט מיט אַ ווערטיל און עס וואַרפט מיט מיר דאָס נייניאָהריגע קדחת.

בקצור, וואָס זאָל איך אייך מאריך זיין, איך האָב אויסגעלאָזט מיין גאַנץ ביטער האַרץ צום פערדיל נעביך, אַזוי לאַנג, אַזוי בּרייט, ביז

נאָר האָט געהאָלפֿען, עס האָט געריהרט פֿונ'ם אָרט, ויסעו מרפידים — און מיר זענען אַוועק מיט'ן וואַלד גלייך אונזער וועג. פֿאָהרענדיג אַזוי, פֿליהט מיר דורך אין קאָפּ גאָר אַ נייע מחשבה: „אוי, טביה, ביזט דו אַ פֿערדאַטש! החלות לנבול — ביזט געוועזען אַ קבצן און וועסט בלייבען אַ קבצן. ס'טייטש, גאָט האָט דיר צוגעשיקט אַזאַ בעגעגעניש, וואָס טרעפֿט איין מאָל אין הונדערט יאָהר, ווי אַזוי בעדינגסט דו זיך נישט, לכתחלה, דו זאָלסט וויסען מהדיקר — וואָס וועסט דו האָבען דערפֿאַר? ווען מיר זאָלען שמועסען הן על־פּי־יושר, והן על־פּי סאָוועסט, הן על־פּי מענשליכ־קייט, והן על־פּי־דין און על־פּי זאַקאָן און אַפּילו על־פּי וויים איך וואָס, איז קיין עולה נישט הגע זאָל דערביי עפּיס פֿערדינען און פֿאַר וואָס טאַקי נישט אָפּלעקען אַ ביינדיל, אַז עס האָט זיך שוין יאָ אַזוי געמאַכט? שטעל אָב דאָס פֿערדיל, דו בהמה! זאָג זיי אַזוי און אַזוי, כּרחל בתך הנאַקעטע: „האָב איך ביי אייך אַזוי פֿיעל און אַזוי פֿיעל איז גוט, אלא נישט, בעטען מיר אייך, מחילה, אַראָב פֿונ'ם וואָגען!" נאָר צוריק קלעהר איך מיר: „ביזט טאַקי אַ בהמה, טביה! דו ווייסט נישט, אַז די פֿעל פֿונ'ם בער טאָר מען אין וואַלד נישט פֿערקויפֿען, ווי זאָגט דער גוי: שטשע נע פּאָימאַוו אַ וושע סקובע"...

— למאי פֿאָהרט איהר נישט אַ ביסעל גיכער? זאָגען די ווייבער און טאָרען מיך פֿון אונטען.

— וואָס האָט איהר, זאָג איך, אַזוי קיין צייט נישט? פֿון איילעניש, זאָג איך, קומט קיין גוטס נישט אַרויס, זאָג איך, און כאַפּ אַ קוק מן־הצד אויף מיינע פֿאַרשווינדלעך; דאַכט זיך ווייבער ווי געוויינטליך, ווייבער: איינע מיט אַ זיידען טיכעל, די אַנדערע מיט אַ פּאַרוק; זיי זיצען און קוקען איינס אויפ'ן אַנדערע און שושקען זיך.

— נאָך עפּיס וויים? פֿרעגען זיי מיך.

— נעהנטער, זאָג איך, ווי פֿון דאַנען טודאי נישט; אָט באַלד, זאָג איך, האָבען מיר אַ באַרג אַראָב מיט אַ באַרג אַרויף; נאָכדעם זאָג איך, געהט ווידער אַ באַרג אַראָב מיט אַ באַרג אַרויף, און ערשט נאָכדעם, זאָג איך, האָבען מיר דעם גרויסען באַרג אַרויף און פֿון דאָרטען געהט שוין דער וועג גלייך, גלייך ביז בויבעריק...

— עפּיס אַ שלים־מזל! רופֿט זיך אָן איינע צו דער אַנדערע.

— אַ פֿערשלעפּטע־קרענק! זאָגט די אַנדערע.

— אַ רעשטיל צו די צרות! זאָגט ווידער יענע.

— מיר שיינט אַ משוגע'נער! זאָגט די אַנדערע.

„אַוודאי — טראַכט איך מיר — בין איך אַ משוגע'נער, אַז איך לאָז מיך פיהרען ביי דער נאָז!"...

— וואו וועט איהר זיך, אַ שטייגער, כּדומה, למשל, מיינע ליעבע ווייבער, היימען אָבוואַרפען? רוף איך מיך אָן צו זיי.

— וואָס הייסט, זאָגען זיי, אָבוואַרפען? וואָס איז פאַר איין אָב־וואַרפעכטס?

— עס רעדט זיך אַזוי, זאָג איך, בעל־עגלה־שפּראַך; אויף אונזער לשון הייסט דאָס: וואוהין וועט איהר זיך הייסען פערפיהרען, אַז מיר וועלען קומען, זאָג איך, קיין בויבעריק, אם ירצה השם, מיט'ן אויבערשטענס הילף, געזונד און שטאַרק, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבען? ווי זאָגט מען: בעסער צוויי מאָל פרעגען איידער איין מאָל בלאָנזען.

— אַ? אָט דאָס מיינט איהר? איהר וועט אונז, זאָגען זיי, מוחל זיין צופיהרען צו דער גרינער דאַטשע, וואָס ביים טייך, פון יענער זייט וואַלד. ווייסט איהר וואו דאָס איז?

— פאַר וואָס זאָל איך נישט וויסען, זאָג איך, איך בין אין בויבעריק ווי ביי זיך אין דערהיים; לאָס איך פערמאָגען די אלפים, זאָג איך, וויפיעל קלעצער איך האָב אַהינצו אַריינגעפיהרט; אָט ערשט פאַר אַ יאָהרען זומער, זאָג איך, האָב איך געשטעלט אויף דער גרינער דאַטשע צוויי קלאַפטער האָלץ מיט אַ מאָל; דאָרט איז געזעסען איינער אַ גביר אַ גרויסער, פון יעהופּעץ, אַ מיליאָנטשיק פון אַ וודאי אַ מאה אלף קאַר־בּען און אפשר פון רי"ש אלפים!

— ער זיצט היינט אויך דאָרטען, רופען זיך אָן צו מיר ביידע ווייבער און קוקען איינס אויפ'ס אַנדערע און שושקען זיך און לאַכען.

— שאַ, זאָג איך, אַז דער צער פון טראָגען איז יאָ אַזוי גרויס, קען דאָך געמאָלט זיין, אַז איהר האָט מיט איהם עפּיס אַ שטיקעל שייכות, וואָלט אפשר געוועזען, זאָג איך, אַ סברא, איהר זאָלט זיך דאָרט מטריח זיין, עפּיס אַ רעד טהון פון מיינעטוועגען, אַ שטיקעל טובה מיר, אַ פּרנסה, אַ שטעלע, צי ווייס איך וואָס? איך קען, זאָג איך, איינעם אַ יונגען מאַן, ישראל הייסט ער, נישט ווייט פון אונזער שטעדטיל, געוועזען אַ גאָר נישט מיט אַ נישט; האָט ער זיך דערשלאָגען אַהינצו, מע ווייסט נישט פון וואַנען און ווי אַזוי — בקצור, ער איז היינט אַ גאַנצער יאַ טעבי. דאָס, פערדיענט אפשר צוואַנציג קאַרבּען אַ וואָך, צו אפשר גאָר פערציג, איך ווייס? — לייט האָבען גליק! צי אַ שטייגער וואָס געהט אָב, זאָג איך,

זאָגט זשע שוחט׳ס איידעם? וואָס וואָלט פון איהם געוועזען ווען ער לאָזט זיך נישט אַוועק קיין יעהופּעץ? אמת: די ערשטע עטליכע יאָהר איז ער גוט פערשווארצט געוואָרען, שיער נישט געשטאָרבען פון הונגער; דערפאַר אָבער אַצונד, חוץ זיין שאָדען, הלואי אויף מיר געזאָגט געוואָרען; ער שיקט שוין געלד אַהיים, ער האָט שוין חשק אַרויסנעמען אַהין זיין ווייב און קינדער, לאָזט מען איהם דאָרט נישט זיצען; אַי איז דאָך די קשיא: ווי אַזוי זיצט ער? מוטשעט ער זיך טאַקי... שאַט, זאָג איך, אַז מע לעבט דערלעבט מען זיך; אָט האָט איהר, זאָג איך, דעם טייך, און אָט איז די גרינע דאַטשע, זאָג איך און פאָהר מיר אַריין ברייטליך מיט אַ ירגזון גלייך מיט׳ן דישעל אין גאַניק אַריין. מע האָט אונז נאָר דערזעהען, איז געוואָרען ששון ושמחה, אַ געשריי, אַ געפּילדער: „אַי, די באָבע! די מאַמע! די מומע!... זיך געפינען דער שאָדען! מזל-טוב!... געוואַלד וואו זענט איהר געוועזען? אַ גאַנצען טאָג אָהן קעפּ... צעשיקט פּאָטשט אויף אַלע וועגען... געמיינט, אַ קשיא אויף אַ מעשה, אפשר וועלף, גזלנים חס-ושלום! וואָס איז די מעשה?“...

— די מעשה איז אַ שעהנע מעשה, געבלאָנזשעט אין וואַלד, פּער־בלאָנזשעט העט, ווייט, אפשר צעהן ווערסט, פּלוצים אַ יוד... וואָס פאַר אַ יוד?... אַ יוד אַ שלים-מזל מיט אַ פערד און וועגעלע, קוים מיט צרות איינגעבעטען זיך, אַ׳ע בייזע, וויסטע חלומות... אַליין גאָר אָהן אַ שומר? מעשה אַ מעשה, בעדאַרפט בענטשען גומל...

בקצור, מע האָט אַרויסגעטראָגען לאָמפּען אויפ׳ן גאַניק, געגרייט צום טיש און אָנגעהויבען טראָגען סאַמאָוואַרען הייסע, מיט בעקענס טיי, מיט צוקער, מיט איינגעמאַכטס, מיט פייַנקוכענס גוטע, מיט פּוטערגע־בעקס פרישע, שמעקענדיגע און נאָכדעם עסענס אַלערליי, די טייערסטע מאכלים, ייכלעך פעטע, מיט געבראָטענס, מיט געזעצם אַ סך, מיט די בעסטע ווייַנען און נאַסטאָיקעס. איך בין נאָר געשטאַנען פון דערווייטענס און בעטראַכט, ווי אַזוי, קיין עין-הרע, מע עסט דאָס און מע טרינקט ביי די יעהופּעצער נגידים, קיין בייז אויג זאָל זיי נישט שאַטען. אַ משכון פערזעצען, טראַכט איך מיר, און אַ גביר זאָל מען זיין; מיר דאַכט, איך ווייס, וואָס דאָ פאַלט אַראָב אויף דער ערד, וואָלט פאַר מיינע קינדער געגוג געווען אויף אַ גאַנצע וואָך, ביז שבת. געוואַלד, גאָטעניו, האַרציגער געטרייער, דו ביזט דאָך עפּיס איין אל ארך אפּים, אַ גרויסער גאָט און אַ גוטער גאָט, מיט חסד און מיט יושר, ווי קומט דאָס, דו זאָלסט אַוועקגע־בען איינעם גאָר, דער אַנדערען גאָר נישט? איינעם פּוטערבולקעס, דעם

אַנדערען מכות־בכורות? און צוריק אָבער בעטראַכט איך מיך: עט, בּיזט אַ גרויסער נאַר, טביה, כ'לעבען, וואָס איז שייך, דו ווילסט איהם זאָגען אַ דעה, ווי אַזוי צו פיהרען די וועלט? מסתמא, אַז ער הייסט אַזוי, בעדאַרף זיין אַזוי; אַ סימן האָט איהר, אַז ווען עס זאָל בעדאַרפען זיין אַנדערש, וואָלט דאָך געווען אַנדערש; אַי וואָס? פאַר וואָס זאָל טאַקי נישט זיין אַנדערש? איז דער תירוץ — עבדים־היינו, דערויף זענען מיר דאָך עפּים שטיקלעך יודען אויף דער וועלט, אַ יוד בעדאַרף לעבען מיט אמונה און מיט בטחון, ער בעדאַרף גלויבען ערשטענס, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, און האָפען אויף דעם וואָס לעבט אייביג, אַז עס וועט זיך מסתמא, אם ירצה השם, פערבעסערען...

— שאַ, וואו־זשע איז ערגיץ דער יוד? הער איך עמיצער זאָגט; שוין אוועקגעפאָהרען דער שלים־מזל?

— חס־ושלום! רוף איך מיך אָן פון דער ווייטען; וואָס הייסט, איך וועל אַוועקפאָהרען גלאַט אַזוי אָהן אַ זייט געזונד? שלום־עליכם, זאָג איך, אַ גוטען אָבענד אייך, ברוכים־היושבים, עסט געזונדערהייט און לאָזט אייך וואויל בעקומען.

— קומט־זשע אַהער, מאַכען זיי צו מיר, וואָס שטעהט איהר דאָרטען אין דער פינסטער? לאָמיר אייך אָנקוקען האָטש, זעהען וואָס פאַר אַ פּנים איהר האָט, אפשר וועט איהר נעמען אַ ביסעל בראָנפען?

— אַ ביסעל בראָנפען? אָך, זאָג איך, ווער זאָגט זיך דאָס אָב פון אַ ביסעל בראָנפען? ווי שטעהט דאָרטען אין פּסוק: איזה „לחיים" ואיזה למות, — מאַכט רש"י: גאָט איז גאָט און בראָנפען איז בראָנפען. לחיים! — זאָג איך און האַק אַריין אַ כוסה, לאָז גאָט געבען, זאָג איך, איהר זאָלט תמיד זיין רייך און האָבען גרויס נחת, יודען, זאָג איך, זאָלען תמיד זיין יודען, גאָט זאָל זיי געבען, זאָג איך, געזונד און כח, זיי זאָלען קענען אַריבערטראָגען די צרות.

— מה שמכם? רופט זיך אָן צו מיר דער גביר אַליין, אַ שיינער יוד, מיט אַ יאַרמעלקע, פון וואַנעט איז אַ יוד, וואו זיצט איהר, וואָס איז אייער פּרנסה, זענט איהר אַ בעווייבטער, האָט איהר עפּים קינדער און וויפיעל קינדער?

— קינדער? זאָג איך, נישט צופערזינדיגען; אויב איטליכעס קינד, זאָג איך, איז ווערט, ווי מיין גאָלדע וויל מיר איינרעדען, אַ מיליאָן, בין איך רייכער פון'ם גרעסטען גביר אין יעהופּעץ; דער חסרון, זאָג איך, וואָס אָרעם איז נישט רייך, קרום איז נישט גלייך. אַזוי ווי אין

פסוק שטעהט: המבדיל בין קודש לחול, — ווער עס האט די קליינגערס דעם איז וואויל. געלד האבען טאקי די בראצקיס און איך האב טעכטער. און אז מע האט, זאגט איהר, טעכטער, פערגעהט דער געלעכטער; נאר נאר נישט, נאט איז א פאטער. ער פיהרט אוים, דאס הייסט, ער זיצט אויבען און מיר מוטשען זיך אונטען, מע האָרעװעט, מע שלעפט קלעצער, א ברירה האט מען? ווי די גמרא זאגט: במקום שאין איש — איז א הערינג פיש, דער גאנצער אומגליק איז, דאס עסען. זיי מיין באבע עליה-השלום פלעגט זאגען: ווען דער פיסק זאל ליגען אין דער ערד וואלט דער קאפ געגאנגען אין גאלד... האט קיין פעראיבעל נישט, זאג איך, עס איז נישטא קיין גלייכערס פון א קרומע לייטער און קיין קרומערס פון א גלייך ווארט, ובפרט, זאג איך, אז מע מאכט שהכל נהיה בדברו אויפ'ן ניכטערען הארצען.

— לאָז מען געבען דעם יודען עפּיס עסען! רופט זיך אָן דער נביר און עס ווערט בעשאפען אויפ'ן טיש פון כל-מאמינים-שהוא: פיש און פליייש און געבראטענס און פערשלען עוף און פופקעס מיט לעבערלעך אָהן א שעור.

— איהר וועט עפּיס עסען? מאבען זיי צו מיר, געהט וואשט זיך.

— א קראנקען פרעגט מען, א געזונדען גיט מען; נאר וואס דען, זאג איך א דאנק אייך; אבּיסעל בראנפען, זאג איך, מהכתיתי, נאר געהן זעצען זיך, אט דא, מאכען א גאנצע סעודה, בשעת דארטען, אין דערהיים, מיין ווייב און קינדער, זאלען געזונד זיין... אויב אייער גוטער ווילען ד עט זיין...

בקצור, מע האט זיך א פנים געשטויסען וואס איך מיין, און מע האט כיר געגומען פעקען אין וואגען אריין איטליבער בעזונדער: דער א בולקע, דער פיש, דער געבראטענס, דער א פערטעל עוף, דער טיי און צוקער, דער א טעפּעל שמאלץ, דער א סלאי איינגעמאכטס.

— דאס וועט איהר, מאבען זיי, ברענגען אהיים א מתנה פאר אייערע ווייב און קינדער און אצונד זאגט וויפיעל וועט איהר זיך היישען בעצאָהלען פאר אייער טרחה, וואס איהר האט זיך מטריח געווען פון אונזערטוועגען.

— סאַ משל, זאג איך, וואס איז שייך, איך וועל מיר היישען אנטקעגען? וויפיעל אייער גוטער ווילען וועט זיין, זאג איך, אזוי

וועט איהר מיר בעצאָהלען; מיר וועלען דורכקומען, ווי זאָגט ער, אַ רענדעל אַראָב, אַ רענדעל אַרויף, „שקראַב וועט שוין שקראַבעדיגער נישט ווערען״...

— ניין, זאָגען זיי, מיר ווילען האָרבען פון אייך גאָלען, רב טביה, האָט קיין מורא נישט, מע וועט אייך, חלילה, נישט קעפּען.

— וואָס טהוט מען דאָ? טראַכט איך מיר, ס'איז שלעכט: זאָל איך זאָגען אַ קערבעל, איז איין עבירה, כאָמער קען איך נעמען צוויי. זאָל איך זאָגען צוויי, האָב איך מורא, טאָמער קוקען זיי מיך אָן ווי אַ משוגע'נעם, פאַר וואָס קומט דאָ צוויי קאַרבען?״

— אַ דרייערעל!!!... האָט זיך אַרויסגעכאַפּט ביי מיר פונ'ם מויל און צווישען עולם איז געוואָרען אַזאַ געלעכטער, אַז איך האָב מיך שיער אין דער ערד בעגראָבען.

— האָט קיין פאַראיבעל נישט, זאָג איך, טאָמער האָב איך מיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט; אַ פערד, זאָג איך, אויף פיער פיס, ספּאָטי-קעט זיך, ובפרט אַ מענש מיט איין צונג... עס איז געוואָרען נאָך אַ גרעסערער געלעכטער; מע האָט זיך פּשוט געהאַלטען ביי די זייטען לאַבענדיג.

— לאָז שוין זיין גענוג צו לאַכען! רופט זיך אָן דער גביר און נעמט אַרויס פון בוזעמקעשענע אַ גרויסען טייַסטער און געהרי און שלעפּט אַרויס פונ'ם טייַסטער — וויפיעל מיינט איהר אַ שטיינער? אַ נו, טרעפט! — אַ צעהענערעל, אַ רויטס אַזוי ווי פייער, איך זאָל אַזוי זיין געזונד מיט אייך אינאיינעם, און מאַכט אַזוי: אָט דאָס האָט איהר פון מיר, און איהר קינדער, גיט אייך פון אייער קעשענע וויפיעל איהר פערשטעהט.

בקצור, וואָס טויג אייך, עס האָט אָנגעהויבען צו פליהען אויפ'ן טיש פינפערלעך און דרייערלעך און איינערלעך — הענד און פיס האָבען מיר געציטערט; איך האָב געמיינט, אָט פאַל איך חלשות.

— נו, וואָס שטעהט איהר? מאַכט צו מיר דער גביר; נעמט צע-נויף די געלטלעך קערבלעך פונ'ם טיש און פאָהרט געזונדערהייט צו אייער ווייב און קינדער.

— גאָט זאָל אייך געבען, זאָג איך, כפל־כפלים, איהר זאָלט פע מאָגען צעהן מאָל, הונדערט מאָל אַזוי פיעל, איהר זאָלט האָבען אַ גוטס, מיט גרויס נחת! און זשערבע צענויף מיט ביידע הענד

דאָס געלד, — ווער געצעהלט? וואָס געצעהלט? און שטופּ אין אַלע קעשעניִם.

— אַ גוטע נאַכט, זאָג איך, אַ גוטען תמיד און זייט געזונד און זאָלט האָבען, זאָג איך, גרויס נחת, איהר און אייערע קינדער און קינד'ס קינדער און אייער גאַנצע משפחה, זאָג איך, און לאָז מיך געהן צום וואָגען, רופט זיך אָן צו מיר די גביר'טע, יענע וואָס מיט'ן ווייַדען טיכעל:

— שטעהט נאָר אַ ווייַלע, רב טביה, פון מיר בעקימט איהר נאָר אַ בעזונדער מתנה; אם ירצה השם, מאָרגען קומט צופאָהרען; איך האָב, זאָגט זי, אַ מאורע בהמה, געווען אַמאָל אַ טייַערע בהמה; פלעגט געבען פיער און צוואַנציג גלעזער מילך, הייַנט האָט זי פון אַ גוט אויג אויפגעהערט צו מעלקען זיך, דאָס הייסט, מעלקען מעלקט זי זיך, נאָר קיין מילך גיט זי נישט...

— לאַנג לעבען זאָלט איהר, זאָג איך, איהר זאָלט נאָר קיין יסורים נישט האָבען, ביי מיר וועט זיך אייער בהמה אי מעלקען אי מילך געבען; מיין אַלטע איז קיין עין־הרע אַזאַ בעל־הבית'טע, אַז פון גאָר נישט בראָקט זי לאָקשען, פון פינגער קאָכט זי זאַטירקעס, מיט נסים מאַכט זי שבת און מיט בוכענצים לעגט זי קינדער שלאָפען... האָט קיין פּעראיבעל נישט, זאָג איך, טאָמער האָב איך מיך אַרויסגעחאַפּט מיט איין איבריג וואָרט, אַ גוטע נאַכט און אַ גוטען תמיד און זייט געזונד, זאָג איך, און לאָז מיך געהן. איך קום אַרויס אין הויף צום וואָגען, איך טהו מיך אַ חאַפּ צום פערדעל. אוי, וועה, איין אומגליק, אַ צרה, אַ שלאַק! איך קוק אויף אַלע זייַטען — והילד איננו — נישטאָ קיין פערדעל!

„נו, טביה, טראַכט איך מיר דו בּיזט אין דער אַרבּייַט!"... און עס קומט מיר אַרויף אויפ'ן זינען אַ שעהנע מעשה, וואָס איך האָב אַ מאָל געלייענט ערגיץ אין אַ ביכעל, ווי אַזוי „חברה" האָבען דערטאַפּט אין דער פרעמד איין עהרליכען יודען, אַ חסיד, פערנאַרט צו זיך אונטערען שטאָדט אין פּאַלאַץ אַריין, געגעבען איהם עסען און טרונקען און נאָכדעם פּלוצים מיט אַ מאָל פערשווינדען געוואָרען, איהם איבערגעלאָזט איינעם אַליין מיט אַ נקבה; פון דער נקבה איז באַלד געוואָרען אַ חיה־רעה, פון דער חיה־רעה האָט זיך אויסגעלאָזט אַ קאַץ און פון דער קאַץ אַ פּיפּערנאָטער... „זעה נאָר, טביה, זאָג איך צו מיר אַליין, צי מע פיהרט דיך נישט אין באָד אַריין?!"

— וואָס באַבּרעט איהר זיך דאָרטען און וואָס וואָרטשעט איהר? פרעגט מען מיך.

— וואָס איך באַבּרע מיך? ענטפער איך, אַז אָך און וועה איז מיר, זאָג איך, וואָס איך לעב אויף דער וועלט; איך האָב אַ שאָדען: דאָס פערדעל מיינס...

— אייער פערדעל, מאַכען זיי צו מיר, איז אין שטאַל. זייט זיך מטריח אַהינצו אין שטאַל אריין.

איך קום אריין אין שטאַל און טהו אַ קוק: יאָ, ווי איך בין אַ יוד, מיין בחור שטעהט זיך גאַנץ פיין צווישען די נגידי'שע פערד, שטאַרק פערטיפט אינ'ם קייען, רייבּט דעם האָבער געשמאַק, אויף וואָס די וועלט שטעהט.

— הער נאַר, זאָג איך צו איהם, חכם מיינער, שוין צייט אַהיים; מיט אַ מאָל צוחאַפּען זיך, זאָג איך, טאָר מען נישט, אַיין איבעריגער ביסען, זאָגט מען, קען פערשאַטען...

בקצור, איך האָב איהם קוים איינגעבעטען, מחילה אַיינגעשפּאַנט איהם אין וואָגען און האָב מיך געלאָזט אַהיים לעבּעדיג פרעהליך, געזונגען אַ „מלך־עליון" גאָר בגלופין. אויך מיין פערדעל איז געוואָרען גאָר נישט דאָס וואָס פריהער; אַ נייע פעל אויף דעם אויסגעוואַקסען: שוין נישט געוואָרט אויף קיין בּייטש, געלאָפען ווי אַ מזמור; געקומען אַהיים שוין שפּעטליך אין דער נאַכט, אויפגעוועקט מיין ווייב מיט אַ שמחה, אַ פרייד.

— אַ גוט יום־טוב, מאַך איך צו איהר, מזל־טוב דיר, גאָלדע!

— א ווינסטער מזל־טוב דיר אַ פינסטערער, מאַכט זי; וואָס ביזט דו אַזוי יום־טוב'דיג מיין טייערער ברויט־געבער? דו פאָהרסט דאָס פון אַ חתונה, ציּ פון אַ ברית, גאָלדשפינער מיינער?

— עס איז אַ חתונה, זאָג איך, מיט אַ ברית! וואַרט אויס, מיין ווייב, אָט וועסט דו באַלד זעהן איין אוצר, זאָג איך; נאָר קודם־כל וועק אויף די קינדער, לאָזען זיי נעבּיך אויך געניסען, זאָג איך, פון די יעהופּעצער מאכלים...

— צי דו ביזט דול, צי דו ביזט חסר־דעה, צי דו ביזט געריהרט, צי דו ביזט פונ'ם זינען? עפּיס רעדסט דו ווי אַ משוגע'נער שונאי־ציון! זאָגט צו מיר מיין ווייב און שעלט, לייענט די תוכחה, ווי געוויינטליך, אַ יודענע.

— אַ יודענע, זאָג איך, בלייבּט אַ יודענע; נישט אומזיסט זאָגט

שלמה המלך, אַז צווישען טויזענד ווייבער האָט ער נישט געפונען אײנע אַ רעכטע; אַ גליק, כ'לעבען, וואָס ס'איז הײַנט געוואָרען אוים מאָדע, האָבען אַ סך ווײַבער, זאָג איך, און געה מיר אַרוים צו מײַן וואָגען און טראָג אַרײַן פון דאָרטען אַלע גוטע זאַכען, וואָס מע האָט מיר אײַנגעפּאַקט און שטעל דאָס אַלדינג אוים אויפ'ן טיש. מײַנע חברה-לײַט האָבען דער-זעהן בולקעס, דערשמעקט פלײש, זענען זײ בעפאַלען דעם טיש, ווי די הונגעריגע וועלף נעביך; עס איז געוואָרען צווישען זײ אַ חאַפּעריי, די הענד האָבען געציטערט, די צייהן האָבען געאַרבײַט, עס איז געווען ווי אין פסוק שטעהט: ויאכלו, — מאַכט רש"י: מע האָט געקנאַקט ווי די הײשעריקען. טרעהרען זאָבען זיך מיר געשטעלט אין די אויגען...

— נו, זאָג שוין, מאַכט צו מיר מײַן פלונית'טע, בײַ וועמען איז דאָס געווען אַיין אָרעם מאָהל-צײַט, צו אַזוי אַ סעודה, און וואָס ביזט דו אַזוי האָפּערדיג?

— האָב צײַט, זאָג איך, גאָלדע, דו וועסט אַלץ וויסען; דו צע-בלאָז נאָר, זאָג איך, דעם סאַמאָוואַר און נאָכדעם וועלען מיר זיך אַרומ-זעצען אַלע אַרום טיש, זאָג איך, טרינקען צו גלעזלעך טיי, ווי עס געהער צו זײַן; אַ מענש, זאָג איך, לעבט איין מאָל אויף דער וועלט, נישט קײַן צוויי מאָל, ובפרט, זאָג איך, אַז מיר האָבען שוין איצט אונזער אייגענם אַ בהמה פון פיער און צוואַנציג גלעזער אַ טאָג, מאָרגען, אם ירצה השם, ברענג איך זי צופיהרען. אַ נו, גאָלדע, מאַך איך צו איהר נאָכדעם, און חאַפּ אַרוים דעם גאַנצען פּאַק סיגנאַציעס; אַ נו, זײַ אַ בריה און טרעף וויפיעל געלד האָבען מיר דאָ?

איך טהו אַ קוק אויף מײַן ווײַב — זי איז אוים מענש, טוידט ווי די וואַנד, קען קײַן וואָרט נישט אויסרעדען.

— גאָט איז מיט דיר, גאָלדע סערדצע, זאָג איך, וואָס האָסט דו זיך אַזוי דערשראָקען? אפשר האָסט דו מורא, זאָג איך, טאָמער האָב איך דאָס גע'גנב'עט אָדער גע'גזל'ט? פע, זאָג איך, מעגסט זיך שעמען; ביזט טביה'ס ווײַב שוין אַזאַ צײַט און קענסט אויף מיר איבערטראַכטען אַזאַ מעשה? נאַרעלע, זאָג איך, דאָס איז כשר געלד, פערדיענט עהרליך מיט מײַן אייגענעם שכל און מיט מײַן האָרעוואַניע; איך האָב, זאָג איך, מציל געווען צוויי נפשות פון אַ גרויסער סכנה, זאָג איך, ווען נישט איך, גאָט ווייסט, וואָס עס וואָלט מיט זײ געווען!...

בקצור, איך האָב איהר דערצעהלט די גאַנצע מעשה, פון א' ביז ת', ווי אַזוי גאָט האָט דאָ מיט מיר געפיהרט אַרום און אַרום און מיר האָבען

זיך גענומען ביידע איבערצעהלען דאָס געלד נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל — דאָרט איז געווען פונקט צוויי מאָל ח״י און איינס איין איבעריגס, האָט איהר אַ קימא־לן, הייסט דאָס, פון זיעבען און דרייסיג קאַרבען!... מיינע האָט זיך אַוש צעוויינט.

— וואָס וויינסטו דו, זאָג איך, נאַרישע יודענע?

— ווי אַזוי זאָל איך נישט וויינען, זאָגט זי, אַז עס וויינט זיך? אַז דאָס האַרץ איז פול, זאָגט זי, געהען די אויגען איבער; גאָט זאָל מיר טאַקי, זאָגט זי, אַזוי העלפען, ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דו וועסט קומען מיט אַ גוטע בשורה; איך געדענק שוין נישט, זאָגט זי, די צייט, ווען די באַבע ציַיטעל, זאָל זיין ווייט אָבגעשיידט, זאָל מיר קומען צו חלום; איך ליעג און שלאָף, פלוצים חלומ׳ט זיך מיר אַ מעלקשעפעל אַ פולס ווי איין אויג; די באַבע צייטעל, עליה־השלום, טראָגט דאָס מעלקשעפעל אונטערן פאַרטוך, מע זאָל חלילה נישט געבען קיין גוט אייג און די קינדער שרייען: מאַמע, מאַני!...

— חאַפּ נאָר נישט די לאָקשען פאַר שבת, זאָג איך, נשמה מיינע; לאָז די באַבע צייטעל האָבען אַ ליכטיגען גן־עדן, זאָג איך, ווייס איך נאָך נישט צו מיר וועלען פון איהר האָבען; נאָר, אַז גאָט, זאָג איך, האָט געקענט טהון אַזא נס, אַז מיר זאָלען האָבען אַ בהמה, וועט ער מסתמא זעהען, אַז די בהמה זאָל זיין אַ בהמה... גיב מיר בעסער איין עצה, גאָלדע סערדצע, וואָס טהוט מען מיט׳ן געלד?

— אַדרבא, מאַכט זי צו מיר, וואָס רעכענסט דו צו טהון, טביה, מיט אַזוי פיעל געלד, קיין עין־הרע?

— אַדרבה ואַדרבה, זאָג איך, וואָס רעכענסט דו קענען מיר מאַכען, קיין עין־הרע, מיט אַזאַ קאַפּיטאַל? און מיר האָבען ביידע גענומען טראַכטען אַהין, אַהער, דאָס, יענץ, געבראָכען זיך דעם קאָפּ, אויסגערעכענט, וואָו ערגיץ אַ געשעפט אויף דער וועלט. יענע נאַכט האָבען מיר איבערגעהאַנדעלט מיט וואָס איהר ווילט: געקויפט פערדלעך אַ פּאָר און באַלד טאַקי זיי פערקויפט מיט רוחים; געעפענט אַ באַקאַליינע קלייט אין בויבעריק, אויסגעפערקויפט די סחורה און באַלד געעפענט אַ שניטקראָם; געהאַנדעלט אַ שטיקעל וואַלד, געחאַפּט אָבטריטגעלד עטליכע קערבלעך און אַנטלאָפען; געפּרובט אויסדינגען די אַנאַטעווקער טאַקסע, נעהמען דעם „פּראָיעקט“, געמאַכט אַ ביסעל הלואה, אָבגעגעבען דאָס געלד אויף פּראָצענט...

— משוגע מיינע שונאים! רופט זיך אָן מיין ווייב; דו ווילסט צעפלעכטען די עטליכע גראָשענס, בלייבען מיט׳ן ביטשעל?

— וואס דען, זאג איך, האנדלען מיט ברויט און נאכדעם בלייבען
איין אנזעצער איז שענער? קארג, זאג איך, ווערט הייגט די וועלט ברייל־
הדל פון ווייץ? נעה, זאג איך, הארך, וואס אין אדעם טהוט זיך.

— וואס טויג מיר, זאגט זי, אדעם? מיינע אבות־אבותינו זענען
דארט נישט געווען און מיינע קינדער וועלען דארט נישט זיין, כל־זמן איך
לעב און די פיס טראגען מיך.

— וואס־זשע ווילסט דו? זאג איך.

— וואס איך וויל, זאגט זי, איך וויל זאלסט נישט זיין קיין לעקיש
און נישט רעדען קיין נארישקייטען.

— אוודאי, זאג איך, ביזט דו איצטערט א חכמה, ווי זאגט מען:
אז עס קומען די מאות קומען די דעות און אז מע איז א פ ש ר רייך איז
מען ג ע וויס קלוג..., ס'איז תמיד אזוי!

בקצור, מיר האבען זיך עטליכע מאל צעקריגט און טאקי באלד
איבערגעבעטען און עס איז ביי אונז געבליבען דער פלאן, מיר זאלען
צו דער מאורע בהמה צוקויפען נאך א בהמה א מעלקעדיגע, וואס
גיט מילך...

וועט איהר דאך מסתמא פרעגען א קשיא: וואס עפיס א בהמה,
פאר וואס נישט קיין פערד? וועל איך אייך ענטפערען: וואס עפיס א
פערד, פאר וואס נישט קיין בהמה? בויבעריק איז דאך איין ערטעל, וואס
עס קומען זיך צענויף א הינצו אויף זומער אלע יעהופעצער נגידים אויף די
דאטשעס, און אזוי ווי די יעהופעצער לייט זענען אלע זעהר איידעלע
מענשען, וואס זענען געצויגען, מע זאל זיי אלסדינג ברענגען גרייטס,
גלייך אין מויל אריין: פון האלץ און פון פלייש און פון אייער, היהנער,
ציבעלעס, פעפער, פעטרישקע — פאר וואס־זשע זאל זיך נישט געפינען
איינער, אזעלכער, וואס זאל זיך אונטערנעהמען ברענגען זיי אלע מאל
אין שטוב אריין קעז און פוטער און סמעטענע וכדומה? וועדליג די
יעהופעצער האלטען פון דער אכילה און דאס קערבעל איז ביי זיי, ווי
זאגט איהר, א ממזר, קען מען דאך לייזען שעהן געלד און פערדינען
דערביי טאקי גראב. דער עיקר, אבי די סחורה זאל זיין סחורה, און אזא
סחורה ווי ביי מיר, קריעגט איהר דאך נישט אין יעהופעץ אפילו; איך זאל
האבען די ברכות מיט אייך אין איינעם וויפיעל מאל גרויסע־לייט, כריס־
טען, בעטען זיך ביי מיר, איך זאל זיי ברענגען פרישע סחורה: „מיר
האבען געהארכט, זאגען זיי, טעוועל, אז דו ביזט איין ארענטליכער מאן,
תאטש דו ביזט א יוד, א פארך"... מיינט איהר, פון יודען וועט איהר

הארכען אזא קאמפלימענט? ווי לאנג קרענקען מיינע שונאים! — קיין גוט ווארט הערט מען נישט פון אונזערע יודעלעך. זיי וויסען נאר אריינקוקען יענעם אין טעפיל אריין. מע האט דערזעהן ביי טביה'ן א בהמה'לע איין איבעריגס, א ברישטשקע א נייע, — האט מען אנגעהויבען ברעכען זיך די קעפ: פון וואנען און פון וואס? צי האנדעלט נישט דער דאזיגער טביה מיט פאלשע סיגנאציעם? אדער צו קאכט ער נישט קיין ספירט שטילערהייט בשתיקה?... „חא־חא־חא! ברעכט איך, ברידערליך, טראכט איך מיר, די קעפ געזונטערהייט!...” איך וויים נישט, צי איהר וועט מיר גלויבען — איהר זענט כמעט דער ערשטער, וואס איך האב אייך דערצעהלט די גאנצע געשיכטע, ווי אזוי און וואס און ווען... נאר, מיר דאכט, איך האב מיך א ביסעל פערדרעדט, האט קיין פעראיבעל נישט. מע בעדארף אין זינען האבען, ווי זאגט איהר, עסק, אדער ווי אין פסוק שטעהט: כל עורב למינהו — איטליכער צו זיינעם, איהר צו אייערע ביכליך, איך צו מיינע טעפליך און צו מיינע קריגליך... איין זאך וועל איך אייך בעטען, פאני, איהר זאלט מיך חאטש נישט אריינשרייבען אין א ביכעל, און אז איהר וועט מיך אריינשרייבען, זאלט איהר חאטש נישט ארויסשטעלען דעם נאמען מיינעם... זייט מיר געזונד און האט אייך א גוט־ טען תמיד.

II

א בוידעם

אַבוידעם.

— רבות מחשבות בלב איש — אַזוי דאַכט זיך, שטעהט ביי אונז געשריבען אין דער הייליגער תורה? פערטייטשען דעם פסוק בעדאַרף איך אייך ניבשט, רב שלום-עליכם; נאָר בלשון אשכנז גערעדט, דאָס הייסט אויף פּראָסט יודיש איז דאָ אַ ווערטעל: „דאָס בעסטע פערד בעדאַרף האָבען אַ בייטש, דער קליגסטער מענש — איין עצה". אַ קענען וואָס זאָג איך עס הייסט דאָס? אַ קענען זיך אַליין טאַקי, ווארום אַז איך האָב שכל און קום אַריין צו אַ גוטען פריינד און דערצעהל איהם דאָס און דאָס, אַזוי און אַזוי, וואָלט איך געווים נישט געהאַט אַזאַ מיאוס'ען פּסק; נאָר וואָס דען — החיים והמות ביד הלשון — אַז גאָט וויל שטראָפען אַ מענשען, נעמט דאָס אָב ביי איהם דעם שכל. איך טראַכט מיר צו זיך אַליין וויפיעל מאָל: „בערעכען נאָר, טביה, דו פערד איינער, ביזט דאָך עפּים, זאָגט מען, יאָ נישט קיין נאַר, ווי קומסט דו זיך לאָזען פיהרען אין באָד אַריין און נאָך אַזוי נאַריש? וואָס וואָלט דיר אָבגעגאַנגען אַצונדערט אָ למשל, ביי דיין שטיקעל'ע פּרנסה, קיין עין-הרע, מיט דיין ביסעל מילכיג'ס, וואָס האָט אַזאַ שם אויף דער וועלט, כ'לעבען, אומעטום, אין בויבעריק, אין יעהופּעץ, און וואו נישט? — ווי פיין און ווי זיס וואָלט דאָס געווען איצטערט אָ, ווען די קליגגערס אַ שטייגער ליגען זיך שטילערהייט אין קאַסטען וויַט בעגראָבען, קיין בן-אדם ווייסט דערפון, ווארום ווער געהט דאָס אָן, איך בעט אייך, צי טביה האָט געלד צו נייַן? איך מיין טאַקי באמת. אַ סך האָט זיך די וועלט אינטערעסירט מיט איהם, אַז ער איז געלעגען, נישט היינט געדאַכט, נישט פאַר קיין יורען געדאַכט, ניין אייל'ען אין דער ערד, געשטאָרבען דריי מאָל אַ טאָג פון הונגער מיט וויַב און קינדער? ערשט נאָכדעם אַז גאָט האָט זיך אַרומגעקוקט אויף טביה'ן, איהם בעגליקט מיט אַ מאָל און ער האָט זיך קוים קוים דערשלאָגען צו אַ שטיקעל תכלית, אָנגעהויבען אָבלייגען אַ קערביל, איז מיט איהם געוואָרען פול די וועלט און טביה איז שוין געוואָרען ר' טביה

נאָר אַ קאַטאָוועס אַ ביסעל! עס האָבען זיך שוין אַרויסבעוויזען גוטע פריינד אַ סך, ווי אין פסוק שטעהט געשריבען: כלם אהובים כלם ברורים — אַז גאָט גיט מיט׳ן לעפעל געבען ליידען מיט׳ן שעפעל. איטליכער בעזונדער קומט צו געהן מיט זיינעס: דער זאָגט אַ שניט-קראָם, דער — אַ באַקאַלייַ, דער זאָגט אַ שטוב, אַ נחלה, איין אייביג געוועהר, דער קומט צוגעהן — ווייץ, דער — וואלד, דער — טאָרגעס... „ברידערלעך! זאָג איך, טשעפּעט זיך אָב, איהר האָט, זאָג איך, אַ ווילדען טעות, איהר מיינט, אַ פנים, איך בין בראָצקי? לאָמיר דאָס אַלע, זאָג איך, פערמאָגען, וואָס איך האָב ווינציגער פון שי״ן קאַרבען און אַפילו פון רי״ש און אַפילו פון ק״ן; יענעמס גוטס, זאָג איך, איז גרינג צו שאַצען: יעדען דאַכט זיך, אַז יענעמס לייכט זיך, קומסט צו נאָהענט, איז דאָס אַ מעשען קנעפּעל.

בקצור נישט געדאַכט זאָלען זיי ווערען, טאַקי אונזערע יודעלעך מיין איך, מע האָט מיר אַ גוט אויג געגעבען! אַ קרוב האָט מיר גאָט צוגעשיקט, עפּיס אַ שמעלקי ווייס איך. מיין פערדס ביימש שטעקעלע, ווי מע זאָגט. מנחם מענדעל הייסט ער, אַ פליהער. אַ ברעכער, אַ לויפער, אַ דרעהער, אַ נעכטיגער טאָג, אויף קיין גוט אָרט זאָל ער נישט שטעהען! ער האָט מיך דערטאַפּט און פערדרעהט מיר מיין קאָפּ מיט חלומות, נישט געשטויגען נישט געפלויגען. וועט איהר דאָך פרעגען: מה-נשתנה ווי קים איך טביה, צו מנחם מענדעל׳ן? וועל איך אייך דערויף ענטפערען אַ תירוץ: עבדים היינו — ס׳איז אַזוי בעשערט. הערט אַ מעשה:

איך קום צופאָהרען קיין יעהופּעץ, תחלת ווינטער, מיט מיין ביסעל מילכיגס — אַ פונט עטליכע און צוואַנציג פּוטער פרישע פון פוטערלאַנד. מיט אַ פּאָר שעהנע וואָרעטשקעס קעז, גאָלד און זילבער, לאָמיר זיך ביידע ווינשען אַזאַ יאָהר! דאָס פערשטעהט איהר דאָך שוין אַליין, אַז איך האָב מיין סחורה פערצוקערט, נישט געלאָזט זיך אַ לעק, איהר זאָלט זאָגען אויף אַ רפואה, קיין צייט געהאַט אַפילו צו זיין ביי אַלע מיינע זומערדיגע קונים, די בויבעריקער דאַטשניקעס, וואָס קוקען אַרוים אויף מיר ווי אויף משיח׳ן, וואָרום אַזוי לאַנג שמייסט מען זיי, אייערע יעהופּעצער סוחרים מיין איך, ווי זיי קענען גאָר געבען — אַזאַ שטיקעל סחורה, ווי טביה גיעט, אייך בעדאַרף איך נישט דערצעהלען, ווי זאָגט דער נביא: יהללך זר, גוטע סחורה לויבט זיך אַליין...

בקצור, אויסגעפערקויפט אינגאַנצען עד לפ״ק און אונטערגעוואָרפען מיין פערדעל אַ ביסעל היי, גיה איך מיר אַרוים אַזוי אין שטאָדט. אדם

יסודו מעפר, מען איז דאך נישט מעהר ווי א מענש. גליסט זיך אנקוקען א וועלט, חאפען לופט, זעהען די אנטיקלעך וואס יעהופעץ שטעלט ארויס אין די פענסטער, ווי איינער רעדט: מיט די אויגען נא, זעה, קוק, ווי פיעל דו ווילסט, נאר מיט די הענד — א זאס!... שטעהענדיג אזוי ביי א גרויסען פענסטער מיט האלבע פריאלען און קערבליך זילבערנע א סך מיט באנקאווע בילעטען און מיט גלאט אסיגנאציעס אהן א שיעור, טראכט איך מיר בשעת־מעשה: רבונו של עולם! ווען איך פארמאג חאטש א צעהנט־חלק וואס אט דאס בעטרעפט, וואס וואלט איך דעמאלט געהאט צו גאט און ווער וואלט געווען צו מיר גלייך? ראשית־חכמה וואלט איך א שרוך געטהון מיט מיין עלטערע טאכטער, געגעבען איהר ת״ק קארביצען נדן א חוץ כלה־מתנות, א חוץ הלבשה מיט חתונה־הוצאות; דאס פערד און וועגעלע מיט מיינע בהמה׳לעך וואלט איך פערקויפט, באלד ארויסגעפאהרען אין שטאדט אריין, געקויפט איין ארט אין מזרח וואנד, מיין ווייב זאל לעבען א ביסעל פערעל און צדקה צוטהיילט ווי דער שענסטער בעל הבית; יענקיל שייגעץ וואלט ביי מיר באלד געווארען אוים גבאי אין חברה קדישא, געניג שוין טרינקען בראנפען און עסען פופקעס מיט לעבערליך אויף קהל׳ס חשבון!...

— שלום עליכם, רב טביה! הער איך עמיצער זאגט מיר פון הינטען, וואס מאכט א יוד! איך דרעה מיך אוים און טהו א קוק, איך וואלט געמעגט שווערען א בעקאנטער! „עליכם־שלום, זאג איך, פון וואנען איז א יוד?״ — פון וואנען? פון מאזעפעווקע, מאכט ער צו מיר, טאקי אייערם א פריינדיל, דאס הייסט איך קעהר מיך אן, זאגט ער, מיט אייך א שני בשלישי, אייער ווייב גאלדע, זאגט ער, איז מיר אין אייגען גליד־גליד־געשוועסטערקינד, „שאט־זשע נאר, זאג איך, זענט איהר אפשר נישט ברוך־הערש לאה־דוואסים אין איידעם?״ — כמעט ווי געטראפען, מאכט ער צו מיר: איך בין ברוך־הערש לאה־דוואסים אין איידעם און מיין ווייב הייסט שיינה־שיינדעל ברוך־הערש לאה־דוואסים, היינט ווייסט איהר שוין? „שאט־זשע נאר, זאג איך, אייער שוויגערס באבע, שרה יענטע, מיט מיין ווייבס מוהמע, פרומע זלאטע, זענען, דאכט זיך, געווען אויב גישט קיין אייגענע געשוועסטער־קינדער, און אויב איך האב קיין טעות נישט, זענט איהר דער מיטעלסטער איידעם ביי ברוך־הערש לאה־דוואסים, נאר וואס דען, איך האב פערגעסען ווי מען רופט אייך, אייער נאמען, זאג איך, איז ביי מיר ארוים געפלויגען פונ׳ם קאפ, מה שמכם? ווי אזוי איז אייער אמת׳ער נאמען?״ מיך, זאגט ער, רופט מען מנחם מענדיל ברוך־הערש

לאה-דוואָסים. אַזוי רופט מען מיר אין דערהיים אין מאַזעפּעווקע. „אויב אַזוי, מײַן ליעבער מנחם-מענדיל, מאַך איך צו איהם, קומט דאָך דיר טאַקי שלום-עליכם גאָר אויף אײַן אַנדער אופן! זאָג-זשע מיר, מײַן טײַערער מנחם מענדיל, וואָס טהוסטו דו דאָ, וואָס מאַכט די שוויגער דײַנע און דער שווער זאָל לעבען? — ווי געהט דאָס דיר, זאָג איך, אין געזונד, און וואָס מאַכען עפּיס דײַנע געשעפטען?" — עט, מאַכט ער, אין געזונד גאָט צו דאַנקען, מע לעבט; נאָר די געשעפטען, זאָגט ער, זענען עפּיס הײַנט נישט אַזוי פוינגע'דיג... „גאָט וועט העלפען, מאַך איך, און האַפּ אַ קוק אויף זײַנע מלבושים נעביך: אויסגעטריפּעט אין אַ סך ערטער און די שטיוועל מחילה צעטרענט סכנות-נפשות... נישקשה, גאָט, זאָג איך, וועט העלפען. עס וועט זיך מסתמא פערבעסערען, ווי אין פּסוק שטעהט: הכל הבל — געלד. זאָג איך, איז קײַלעכיג: הײַנט אַזוי, מאָרגען אַזוי, אַבי מען לעבט; דער עיקר, זאָג איך, איז בטחון, אַ יוד בעדאַרף האָפען; אַ מען ווערט, זאָג איך. פערשוואַרצט? דערויף זענען מיר דאָך עפּיס יודען אויף דער וועלט! ווי זאָגט מען: ביזט דו אַ זעלנער שמעק פּולווער; משל כחרס הנשבר — די גאַנצע וועלט, זאָג איך, איז אַ חלום... דו זאָג מיר בעסער, מנחם-מענדעל סערדצע, ווי קומסטו דו אַהער פּלוצים אין מיטען דערינען אין יעהופּעץ גאָר?" — וואָס הײַסט, מאַכט ער, ווי איך קום אַהער? איך בין שוין היע, זאָגט ער, פּאַוואָלינקע אַזוי גרויס ווי אַ יאָהר אַנדערהאַלבען. „אַזוי גיך? ביזט דו הײַסט דאָס אַ הינער, זאָג איך, טאַקי אַ יעהופּעצער תושב?" — ש ש ש! מאַכט ער צו מיר און קוקט זיך אַרום אויף אַלע זײַטען, שרײַט נישט אַזוי הויך, רב טביה; אַ הינער, זאָגט ער, בין איך טאַקי, נאָר צווישען אונז, זאָגט ער, בעדאַרף עס בלײַבען... איך שטעה און קוק איהם אָן טאַקי נאָר ווי אַ משוגענעם. „ביזט אַ בורח, זאָג איך, בעהאַלטסט זיך אין יעהופּעץ אין מיטען מאַרק?" — פרעגט נישט, זאָגט ער, רב טביה, ס'איז רעכט; איהר זענט, אַ פּנים, גאָר נישט בעקאַנט מיט די יעהופּעצער דינים און מנהגים... קומט, זאָגט ער, וועל איך אײַך דערצעהלען, וועט איהר פערשטעהען, וואָס הײַסט מען איז יאָ אַ הינער און נישט קײַן הינער... און ער האָט מיר אָנגעהויבען לײַענען אַ צעטיל, אַ גאַנצע מגילה! ווי אַזוי מען ווערט דאָ אַ ביסעל אויסגעריסען... „אָט פאָלג מיך, מנחם מענדיל, פאָהר זיך דורך צו מיר אין דאָרף אויף אַ טאָג. וועסט זיך אַ ביסעל אויסרוהען די בײנער חאָטש; וועסט זײַן, זאָג איך, אַ גאַסט און אײַן אָנגעלעגטער דערצו, מײַן אַלטע יעגט זיך מיט דיר מחיה זײַן".

בקצור, איך האָב ביי איהם געפועל'ט. מיר פאָהרען אינאיינעם, געקומען אַ היים — אַ גדולה! אַ גאַסט! איין אייגען גליד-גליד-געשוועסטערקינד, אַ קלייניגקייט, ווי זאָגט איהר: אייגענס איז נישט פרעמדס. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ חתונה: וואָס הערט זיך אין מאַזעפּעווקע? וואָס מאַכט דער פעטער ברוך-הערש? וואָס טהוט די מוהמע לאה-דוואָסים? דער פעטער יוסיל מנשה? די מוהמע דאָבריש? און די קינדער זייערע וואָס מאַכען? ווער איז געשטאָרבען? ווער האָט חתונה געהאַט? ווער האָט זיך גע'גט? ווער איז געלעגען געוואָרען און ווער איז אויף דער צייט? „וואָס טויג דיר, מיין ווייב, פרעמדע חתונות, זאָג איך, מיט פרעמדע ברית'ן? דו זעה בעסער, זאָג איך, סע זאָל זיין וואָס צונעהמען אין מויל אַריין; כל דכפין יתי ויצרך — פאַר'ן עסען, זאָג איך, גערעט קיין טאַנץ נישט, אויב, זאָג איך, אַ באָרשט, איז מה טוב, אלא נישט מאַכט נישט אויס, זאָג איך, קנישעס, אָדער קרעפּליך, מאָנשקעס, צרות-קניידלעך, צו אפשר גאָר, זאָג איך, בלינצעס, ווערטליקעס, ווערטאַטען; עס מעג זיין, זאָג איך, מעהר מיט אַ גערייכט אַבי גיך".

בקצור, מע האָט זיך געוואַשען און גאַנץ פיין פערביסען, ווי זאָגט איהר: ויאכלו — מאַכט רש"י: ווי גאָט האָט געבאָטען. „פערביים, מנחם מענדיל, מאַך איך צו איהם, ס'איז במילא, ווי זאָגט דוד המלך, הבל הבלים, אַ נאַרישע וועלט און אַ פאַלשע, און געזונד, אַזוי פלעג זאָגען מיין באָבע נחמה זכר לברכה, — געווען אַ קלוגע יודענע אַ חכמה נפלאה — געזונד און פערגניגען זאָל מען זוכען אין שיסעל..." מיין גאַסט נעביך, די הענד האָבען איהם אַזש געציטערט, האָט זיך גאָר נישט געקענט אָבלויבען פון מיין ווייב'ס מלאכה, געשוואָרען ביי אַלדעס גוטס, אַז ער געדענקט שוין גאָר נישט די צייט, ווען ער זאָל עסען אַזאַ מילכיגס, אַזעלכע געריטענע קנישעס מיט אַזיינע בע'טעם'טע ווערטעטען. „נאַרישקייטען, זאָג איך, דו זאָלסט פערזוכען, מנחם מענדיל, איהר טייגעכץ, זאָג איך, אָדער אַ מאַהינע, וואָס זי מאַכט, וואָלסט דו דעמאָלט ערשט געוואוסט וואָס הייסט טעם גן-עדן אויף דער וועלט!"

בקצור, אָבגעגעסען און אָבגעבענשט, האָט מען זיך אַ ביסעל צערעדט איטליכער פון זיינעם, ווי געוויינטליך; איך — פון מיינע געשעפטען, ער — פון זיינע; איך — פון דעם פון יענעם, לאָקש בוידעם ציבעלע, ער — פון זיינע געשעפטען, דערצעהלט מעשיות פון אַדעס און פון יעהופּעץ, ווי אַזוי ער איז שוין געווען אַ מאָל צעהן, ווי זאָגט מען, „נאַ קאָני און פיד קאָנעם". היינט אַ נגיד, מאָרגען אַ קבצן און ווייטער אַ מאָל

א נגיד און ווידער א מאל איין אביון; געהאנדעלט מסחרים עפּיס אלץ אזעלכע וואס איך האב אין מיין לעבען נישט געהערט, משונה אומגע-לומפּערטע: „האס" און „בעס" און אקציעס-שמאקציעס, „פּאטיווילעוו", „מאלצעוו-שמאלצעוו", דער גוטער יאהר ווייסט זיי דארטען, און חשבונות משוגענערווייז, צעהן טויזענד, צוואנציג טויזענד, געלד ווי האלץ! „איך זאג דיר דעם אמת, מנחם מענדיל, זאג איך צו איהם, מילא דאס וואס דו דערצעהלסט פון דיינע משא-ומתנ'ס איז דאס אודאי א בריה'שאפט, מע בעדארף עס קענען; נאר איין זאך פערשטעה איך נישט: ווערליג איך קען, זאג איך, דיין בהור'טע, איז מיר, זאג איך, א גרויס חדוש, וואס זי לאזט דיר אזוי פליהען און קומט נישט צו דיר, זאג איך, רייטענדיג אויף א בעזעם". — ע! מאכט ער צו מיר מיט א זיפץ, דאס זאלט איהר מיר, רב טביה, גאר נישט דערמאנען, איך האב פון איהר אזוי א'יך, זאגט ער, קאלט און ווארם; איהר זאלט הארכען, זאגט ער, וואס זי שרייבט מיר, וואלט איהר אליין געזאגט, אז איך בין א צדיק; נאר דאס, זאגט ער, איז פון די קלייניגע זאכען, דערויף איז זי א ווייב זי זאל מיך בעגראבען; ס'איז פאראן, מאכט ער, א סך איין ערגערע זאך: איך האב, פערשטעהט איהר מיך, מיין אייגענס א שוויגער! איך בעדארף אייך נישט דערצעהלען, זאגט ער, איהר קענט זי... „עס קומט אוים ביי דיר, זאג איך, ווי עס שטעהט: עקודים, נקודים וברודים, דאס הייסט א מכה אויף א מכה און אויף דער מכה א בלאטער?" — יא, מאכט ער, רב טביה, איהר זאגט דאס גאנץ גלייך; די מכה איז טאקי א מכה, נאר דער בלאטער, זאגט ער, אוי, דער בלאטער איז ערגער פון דער מכה!...

בקצור, מיר האבען אזוי פּאיוואלינקע געפלאפּעל'ט ביז העט שפּעט אין דער נאכט אריין; דער קאפּ האט זיך מיר אזש געדרעהט פון זיינע מעשיות מיט די ווילדע געשעפטען מיט די טויזענדער וואס פליהען ארויף און אראב און מיט'ן פערמעגען וואס בראצקי פערמאגט... עס האבען זיך מיר נאכדעם א גאנצע נאכט געפלאנטעט: יעהופּעץ... האלבע פּריאלען... בראצקי... מנחם מענדיל מיט דער שוויגער... ערשט אויף מארגען אין דער פריה האט ער אויסגעקוועטשט זיך: וואס איז? באשר אזוי ווי עס געהט, זאגט ער, ביי אונז אין יעהופּעץ א שטיקעל צייט, וואס געלד איז בחשיבות גדול, און סחורה ליעגט אין דער ערד, בכן, זאגט ער צו מיר, אצינדערט, האט איהר ביד, רב טביה, האפּען היבשע עטלבע גראשענס, און מיך, זאגט ער, וועט איהר ממש דערהאלטען ביים לעבען, פּשוט מחיה-מתים זיין, פון טוידט לעבעדיג

אַ יונגעל, מאַך איך צו איהם, מײנסט אַ פּנים בײַ מיר איז יעהופּעצער געלטען, האַלבּע פריאַ־ען? נאַרעלע, זאָג איך, וואָס מיר פעהלט צו בּראָצקין, מעגען מיר זיך ווינשען מיר זאָלען דאָס בּײדע פערדינען בּיז „פסח". — יאָ מאַכט ער, דאָס ווײס איך אַלײן; נאָר איהר מײנט, זאָגט ער, מע בּעדאַרף דערצו האָבּען גרויסע געלטען? איין הונדערטער, זאָגט ער, ווען איהר גיעט מיר אַצונד, מאַך איך אײך פון איהם אין דרײַ פיער טאָג צווײַ הונדערטער, דרײַ הונדערט, זעכס הונדערט, זיבּען הונדערט און פאַר וואָס נישט טאַקי אַלע טויזענד? „עס קען זעהר שעהן געמאָהלט זײַן, זאָג איך, עס זאָל זײַן ווי אין פּסוק שטעהט: קרוב לשכר ורחוק מקעשענע; נאָר ווען, זאָג איך, איז דאָס גערעדט געוואָרען? אַז ס'איז דאָ וואָס אײַנצושטעלען, אָבּער אַז ס'איז נישטאָ דער הונדערטער, קומט דאָך אויס, זאָג איך, בּגפּו יבא בּגפּו יצא — מאַכט רש"י: „אַז מע לעגט אַרײַן קרענק נעמט מען אַרויס קדחת". — עט נו, מאַכט ער צו מיר, אַ הונדערטער וועט זיך נאָך בּײַ אײך, רב טביה, געפינען; בּײַ אײער פּרנסה, זאָגט ער, מיט אײער נאָמען קײן עין־הרע... „וואָס קומט, זאָג איך, אַרויס פון'ם נאָמען? אַ נאָמען איז בּודאי זעהר אַ גוטע זאַך; נאָר וואָס דען, איך בּלײַבּ בּײַם נאָמען און געלד האָט טאַקי אַלץ בּראָצקי... אויבּ דו ווילסט, זאָג איך, וויסען אַקוראַט, פערמאָג איך מײַן אײגענם אַרום און אַרום קוים קוים אַ הונדערטער, האָבּ איך אויף איהם אַכטצעהן לעבער: ערשטענס חתונה מאַכען אַ טאָכטער"... — הערסט דו, מאַכט ער, אָט דאָס מײנט דאָך טאַקי דער פּסוק, וואָרום ווען, זאָגט ער, קענט איהר, רב טביה האָבּען אַזאַ געלעגענהײט אַרײַנלעגען איין הונדערטער און אַרויסנעמען אם ירצה השם אַזוי פיעל, אַז עס זאָל אײך, זאָגט ער, האַפּען, אי אויף חתונה מאַכען קינדער אי אויף עפּיס נאָך? און ס'איז אַוועקגעגאַנגען אַ נײַער מזמור אויף דרײַ זײגער שעה, מיר געבּען צו פערשטעהן, ווי אַזוי ער מאַכט פון אַ קערבּיל דרײַ און פון דרײַ צעהן. מע נעמט, זאָגט ער, ראשית־חכמה און מע טראָגט אַרײַן אַ הונדערטער אין מע הײסט זיך, זאָגט ער, קויפען אַ צעהן שטיקלעך. איך האָבּ שוין פערגעסען, ווי אַזוי מע רופט דאָס, און מע וואַרט צו עטליכע טעג בּיז עס הויבּט זיך אויף. ש'אָגט מען אַ דיפּעש ערגיץ אַהין, מע זאָל דאָס פערקויפען און פאַר'ן געלד קויפען צווײַ מאָל אַזוי פיעל; נאָכדעם הויבּט זיך עס ווידער אַ מאָל, קלאַפּט מען ווידער אַ דיפּעש, אַזוי לאַנג אַזוי בּרײט, בּיז עס ווערט, זאָגט ער, פון'ם הונדערט — צווײַ, פון די צווײַ — פיער, פון די פיער — אַכט, פון די אַכט — זעכצעהן, טאַקי ממש נסים ונפלאות! פאַרהאַן,

זאָגט ער, אין יעהופּעץ אזעלכע, וואָס זיינען ערשט אָט דאָ נישט לאַנג אַרומגעגאַנגען אָהן שטיוועל, געווען טעק'ער, בעהעלפערס, משרתים, היינט האָבען זיי אייגענע הייזער, מויערען, זייערע ווייבער האָבען צו טהון מיט די מאַגענס — פאַהרען קיין אויסלאַנד זיך היילען ... און אַליין פליהען זיי אַרום איבער יעהופּעץ אויף גומעלאַסטיקענע רעדלעך — פּו-פּו — דערקענען שוין נישט קיין מענשען!...

בקצור, וואָס זאָל איך דאָ לאַנג מאריך זיין? עס האָט מיך אָנגענומען אַ חשק נישט אויף קאַטאָוועס. אַ קשיא אויף אַ מעשה, טראַכט איך מיר, אפשר איז ער דער גוטער שליח מיינער? אָט האָרך איך דאָך פאָרט מענשען ווערען גליקליך אין יעהופּעץ מיט פינף פינגער, וואָס בין איך ערגער פון זיי? קיין ליגנער איז ער דאַכט זיך נישט, ער זאָל אויס-טראַכטען פונ'ם קאָפּ אַזעלכע פזמונות. טאָמער טאַקי, קלעהר איך מיר, טהוט זיך עס טאַקי אַ דרעה, ווי זאָגט איהר אויף דער רעכטער זייט און טביה ווערט חאָטש אויף דער עלטער אַ שטיקעל מענש? ביז וואַנעט איז טאַקי דער שיעור צו האָרעווען, אויסגעריסען ווערען, כ'לעבען? טאָג ווי נאַכט ווידער אַ מאָל דאָס פערד און וועגעלע און אָבער אַ מאָל קעז און פּוטער. צייט, זאָג איך, טביה, זאָלסט שוין אָברוהען זיך, ווערען אַ בעל הבית צווישען בעלי בתים, קומען אין אַ בית המדרש, אַריינקוקען אין אַ יודישען ספר. אַי וואָס? טאָמער חלילה לא יעלה ולא יבא עס מאַכט מיר לעמעל, דאָס הייסט מיט דער פּוטער אַראָב? למאי זאָל איך בעסער נישט קלעהרען דאָס אייגענע צוריק? — „האַ? ווי אַזוי זאָגסט דו? רוף איך מיך אָן צו מיין אַלטער, ווי געפעלט דיר אַ שטייגער, גאָלדע, דער פּראַן זיינער?" — וואָס זאָל איך, מאַכט זי, דערויף זאָגען? איך ווייס, זאָגט זי, מנחם מענדיל איז חלילה נישט קיין אַבי ווער, וואָס זאָל ביי דיר וועלען אויסנאַרען; ער איז, חס ושלום, נישט פון קיין שניידערס און פון קיין שוסטערס! ער האָט, זאָגט זי, זעהר אַ לייטישען טאַטען, און אַ זיידען, זאָגט זי, האָט ער געהאַט גאָר אַ צאַצקע, געזעסען יומם ולילה און בלינ-דערהייט געלערנט ת"ה, און די באָבע צייטיל זאָל זיין ווייט אָבגעשיידט איז עפּיס אויך געווען, זאָגט זי, נישט קיין פּראָסטע יודענע... „ס'איז אַ משל צו חנוכה לעכטליך, זאָג איך, מע רעדט עסק, קומט זי צוגעהן מיט איהר באָבע צייטיל, וואָס האָט געבאַקען האָניג-לעקאַך און מיט איהר זיידען וואָס יצאה נשמתו בגלעזעל... אַ יודענע בלייבט אַ יודענע; נישט אומזיסט, זאָג איך, איז שלמה המלך אויסגעפאָהרען די גאַנצע וועלט און נישט געפונען אַיין יודענע מיט אַ קלעפּקע אין קאָפּ..."

בקצור, עס איז געבליבען, אז מיר שליסען שותפות; איך לעג אריין געלד און מנחם מענדיל שכל, און וואס גאט וועט געבען איז דאס אויף דערהאלב. — גלויבט מיר, זאגט ער, איך וועל מיט אייך, רב טביה, אם ירצה השם אויסהאנדלען פיין וואס פיין הייסט און וועל אייך מיט גאטס הילף געבען געלד און געלד! „אמן, גם אתם, זאג איך, פון דיין מויל אין גאטס אויהרען. נאר וואס דען, זאג איך, איין זאך פערשטעה איך דא נישט: ווי אזוי קומט די קאץ איבער'ן וואסער? איך בין דא, דו בּיסט דארט; געלד, זאג איך, איז איין איידעלע מאטעריע, פערשטעהסט דו מיך; האב קיין פעראיבעל נישט, זאג איך. איך מיין דא חלילה קיין אויבערקעפּליך; גלאט. ווי שטעהט דארט ביי אברהם אבינו: הזורעים בדמעה ברנה יקצורו, בעסער פריהער בעווארענט איידער נאכדעם בעוויינט..." אך! מאכט ער צו מיר, אפשר מיינט איהר צו שרייבען זיך אויף פאפיר? מיט'ן גרעסטען כבוד! — „שא, זאג איך, אז מע וויל שמועסען צוריק איז אויך די אייגענע מעשה: ממה נפשך, ווען דו מיך וועלען קוילען, וואס וועט מיר העלפען דאס פאפיר? לאו עכברא גנבא, נישט דאס וועקסיל צאהלט, דער מענש צאהלט, און אז איך הענג שוין אויף איין פוס, זאג איך, לאם איך הענגען אויף ביידע". — איהר מעגט מיר גלויבען, זאגט ער, רב טביה, איך שווער אייך ביי מיין הייליגע נאמנות, גאט זאל מיר אזוי העלפען, ווי איך מיין דא נישט קיין חכמות, חלילה אויסנארען ביי אייך, נאר פיין און ארענטליך אם ירצה השם זיך טהיילען אויף דערהאלב, גלייך אויף גלייך, חלק כחלק, חצי שלי וחצי שלך, מיר הונדערט, אייך הונדערט, מיר צוויי הונדערט אייך צוויי הונדערט, מיר דריי הונדערט אייך דריי הונדערט, מיר פיר הונדערט אייך פיער הונדערט, מיר טויזענד אייך טויזענד...

בקצור, איך האב ארויסגענומען די קעטליבע קערבליך, זדריי מאל איבערגעצעהלט, די הענד האבען מיר בשעות מעשה גוט געטרייסעלט זיך, צוגערופען די אלטע מיינע פאר איין עדות, איהם נאך א מאל קלאהר געמאכט, וואס פאר א בלוטיג געלד דאס איז, און אוועקגעגעבען מנחם מענדלין, איינגענייט איהם אין בוזעם אריין מע זאל דאס ביי איהם חלילה אונטערוועגענס נישט אוועק־לקח'נען, און אבגערעדט מיט איהם, אז אם ירצה השם לא־יאוחר פון נאך שבת'דיגער וואך בעדארף ער מיר למען־השם אריינשרייבען א בריוועל פון אלסדינג באריכות, זיך אבגעזעגענט מיט איהם פיין, שעהן, געקישט זיך גאר פריינדליך, ווי וועזענטליך מיט אייגענעם. געבליבען אליין נאך זיין אוועקפאהרען האבען זיך מיר

אָנגעהויבען פאַרשטעלען אַלערליי מחשבות און חלומות אויף דער וואָהר, און אַזעלכע זיסע חלומות, אַז עס האָט זיך מיר געוואָלט, אַז זיי זאָלען זיך ציהען אייביג, קיין מאָל נישט אויסלאָזען זיך. עס האָט זיך מיר פאָרגע-שטעלט אין מיטען שטאָדט אַ שטוב אַ גרויסע מיט בלעך געדעקט, מיט שטאַלען, מיט קאַמערען, קעמערלעך און שפּעזשאַרנעס מיט אַלדעס גוטע, און אַ בעל-הבית'טע מיט שליסעל דרעהט זיך אַרום — דאָס איז מיין ווייב גאָלדע — גאָר נישט צו דערקענען זי חלעבען, זי האָט בעקומען גאָר איין אַנדער פּנים, אַ פּנים פון אַ נגידית, מיט אַ גוידער און מיט אַ האַ[illegible] פּערילי; זי בלאָזט פון זיך און שעלט די דיענסטען מיט טויטע קללות; די קינדער מיינע דרעהען זיך אַרום אַלע מיט שבת'דיגע קליידער, טהוען נישט קיין האַנד אין קאַלט וואַסער; דער הויף איז פערפלייצט מיט עופות, גענז און קאַטשקעס; אינווייניג אין שטוב לייכט זיך, אין אויווען פלאַקערט אַ פייער (עס קאָכט זיך וועטשערע), און דער סאַמאָוואַר זידט ווי אַ גזלן! ביים טיש אויבען-אָן זיצט דער בעל-הבית אַליין, טביה הייסט דאָס, אין אַ חאַלאַט מיט אַ יאַרמולקע, אַרום איהם זיצען די פערנעהמסטע בעלי-בתים פון שטאָדט און חנפ'נען אהם: זייט-זשע מוחל, רב טביה... האָט קיין פעראיבעל נישט, רב טביה... „אַי, קלעהר איך מיר בשעת מעשה, אַ רוח אין געלדס טאַטענס טאַטע אַריין!...“ — וועמען שעלטסט דו דאָס אין טאַטען אַריין? — פרעגט מיך מיין גאָלדע. „קיינעם נישט, זאָג איך, איך האָב מיך אַ ביסעל פערטראַכט, מחשבות, חלומות, אַ נעכטיגער טאָג... זאָג מיר, גאָלדע סערדצע, מאַך איך צו איהר, דו ווייסט נישט מיט וואָס האַנדעלט ער, דער קרוב דיינער, מנחם-מענדיל מיין איך?“ — וואָס עס האָט זיך מיר, זאָגט זי, געחלומ'ט יענע נאַכט און היינטיגע נאַכט און אַ גאַנץ יאָהר זאָל אויסגעהן צו מיינע שונאים'ס קעפּ! ס'טייטש, זאָגט זי, מע זיצט אָב מיט אַ מענשען אַ גאַנץ מעת-לעת און מע רעדט און מע רעדט און מע רעדט, לסוף קומסט דו צוגעהן און פרעגסט ביי מיר מיט וואָס ער האַנדעלט?! עפּיס האָט איהר דאָך, זאָגט זי, געמאַכט אינאיינעם אַ געשעפט צו וועלכע גוטע יאָהר? „יאָ, זאָג איך, געמאַכט, זאָג איך, האָבען מיר, נאָר וואָס געמאַכט — דאָס ווייס איך נישט, חאָטש נעהם מיר אַראָב דעם קאָפּ! ס'איז, פערשטעהסט דו מיך, נישטאָ ביי וואָס אָנצונעהמען; נאָר פון דעסטוועגען, זאָג איך, איינס צום אַנדער-רען געהער זיך נישט אָן, זאָלסט זיך גאָר נישט זאָרגען, מיין ווייב, דאָס הארץ [illegible] מיר צו גוטען, מיר וועלען אם ירצה השם, אַזוי דאַכט [illegible] פערדינען געלד און אַ סך — זאָג-זשע אָמן און קאָך וועטשערע!“.

בקצור, עס געהט אוועק א וואך און צוויי און דריי — נישטא קיין בריעף פון מיין שותף! איך בין אוים מענש, גערה ארום אהן א קאפ און ווייס נישט וואס צו טראכטען. עס קען נישט זיין, קלעהר איך מיר, ער זאל גלאט אזוי פערגעסען שרייבען א בריוועל; ער ווייסט גאנץ גוט, ווי אזוי מיר קוקען דא ארוים. גאר ווייטער פליהט מיר דורך א געדאנק אין קאפ: וואס וועל איך איהם טהון, למשל, אז ער נעהמט זיך דארט אראב פון אויבען די גאנצע סמעטענע און מיר זאגט ער, אז מע האט נאך גאר נישט פערדיענט? גערה רוף איהר קנאק־ניסעל! עס קען נישט זיין, מאך איך צו זיך אליין, ס'טייטש, היתכן?... איך בעגעה מיך מיט א מענשען טאקי נאר ווי מיט איין אייגענעם, לאז דאס מיר א קעגען קומען וואס איך ווינש איהם, זאל ער מיר אפטהון אזא שפיצעל?! און ווידער פליהט מיר דורך גאר איין אנדערע מחשבה: מילא רוח יאק רוח, איך בין איהם שוין מוחל דאס פערדיענסט, רוח והצלה יעמוד ליהודים — גאט זאל העלפען דאס קרן זאל חאטש זיין גאנץ! און עס ווערט מיר קאלט אין אלע אברים. „אלטער נאר! זאג איך צו זיך אליין; זיך גענעהט א בייטעל דו טפש איינער, בהמה בצורת פערד! פאר דעם הונדערטער בעסער געווען קויפען זיך פערדליך א פאר, אשר לא פערדלו אבותינו און דאס וועגעלע איבערגעביטען אויף א נאטאטשאנקע מיט רעסארען"... — טביה, למאי טראכסט רו עפים גאר נישט? מאכט צו מיר מיינע. — „וואס הייסט, זאג איך, איך טראכט נישט, דער קאפ ווערט מיר אקארשט צופאלען אויף שטיקליך טראכטענדיג, זאגט זי צו מיר למאי איך טראכט נישט"; — נישט אנדערש, מאכט זי, עס האט זיך אין וועג מיט איהם עפים געטראפען; אדער גזלנים, זאגט זי, זענען איהם בעפאלען און בענומען פון קאפ ביז פים, אדער ער איז חלילה פערשלעפט געווארען, אדער גאר, אל תפתח פה, געשטארבען. — „וואס נאך, זאג איך, ווערסט דו אויסטראכטען, נשמה מיינע? נא דיר גאר גזלנים, זאג איך, פלוצים אין מיטען דרינגען!" און אליין טראכט איך מיר: א קשיא וואס מיט א מענשען קען זיך טרעפען אונטערוועגנס? „דו בעדארפסט, זאג איך צו איהר, מיין ווייב תמיד אויסלעגען צום ערגסטען!" — ער איז, מאכט זי, פון אזא משפחה; די מאמע זיינע, זאגט זי, זאל זיין א מליץ־יושר'טע, איז נישט לאנג געשטארבען נאך גאר א יוגענד, און דריי שוועסטער, זאגט זי, האט ער געהאט, זאלען זיין ווייט אפגעשיידט פון מיר, איז איינע נאך מיידעלוויים געשטארבען; די אנדערע האט דוקא, זאגט זי, חתונה געהאט, געחאפט א פערקיהלונג אין באד און איז גע־שטארבען, און די דריטע, זאגט זי, איז תיכף נאכ'ן ערשטען קימפעט

דראָב פונ'ם זינען, זיך געמוטשעט — געמוטשעט און געשטאָרבען... „געשטאָרבען זאָל לעבען,“ זאָג איך; גאָלדע, מיר וועלען אלע, זאָג איך, שטאַרבען, אַ מענש, זאָג איך, איז געגליכען צו אַ סטאָליר: אַ סטאָליר לעבט און לעבט און שטאַרבט, און אַ מענש לעבט און לעבט און שטאַרבט“.

בקצור, עס איז ביי אונז געבליבען, אַז איך פאָהר זיך דורך קיין יעהופּעץ. סחורה אַ ביסעל האָט זיך דערוויילע אין דער צייט צונויפגעקליבען, ס'איז געוואָרען אַ היבש קרעמעל פון קעז און פון פּוטער און פון סמעטענע פּרימאַ סחורה; מיינער האָט זיך איינגעשפּאַנט דאָס פערד און וועגעלע און — ויסעו מסוכות — מאַכט רש"י: מאַרש קיין יעהופּעץ. פאָהרענדיג אַזוי מרה־שחורה'דיג געוויינטליך, מיט אַ ביטער האַרץ ווי איהר קאָנט זיך פאָרשטעלען, איינער אַליין אין וואַלד, געהט מיר דורך דער כח-הדמיון און עס שטעלען זיך מיר פאָר אַלערליי מחשבות און געדאַנקען. „עס וועט זיין שעהן, טראַכט איך מיר, אַז איך קום צו פאָהרען און הויבען נאָכפרעגען אויף מיין פּאַרשוין, זאָגט מען מיר: מנחם-מענדיל? טע־טע־טע! שטאַרק אין די פעדערען, סמאַלעט אַ וועלט, אַ אין אייגענעם מאָווער, פאָהרט אין קאַרעטעס, גאָר ניט צו דערקענען! איך נעם מיך אָן, טראַכט איך מיר, מיט האַרץ און לאָז מיך צו איהם גלייך אין שטוב אַריין — טפּררו! מאַכט מען צו מיר ביי דער טהיר נאָך און מע גיט מיר מיט'ן עלענבויגען אין האַרצען אַריין: שטופּט זיך נישט אַזוי, פעטער, דאָ שטופּט מען זיך נישט. — „איך בין, זאָג איך, אַ איין אייגענער, טאַקי מיין ווייב אַ גליד־גליד־געשוועסטער־קינד“. — מזל-טוב איך, זאָגט מען מיר; שטאַרק אָנגעלעגט; פון דעסטוועגען, זאָגען זיי, מעגט איהר, נישט־קשה, צו וואַרטען אַ ביסעל אָט אָ דאָ ביי דער טהיר, עס וועט איך חלילה גאָר נישט שאַטען... איך שטויס מיך אָן, אַז מע בעדאַרף עפּיס געבען, ווי זאָגט איהר: עולים ויורדים, אַז מען שמירט פאָהרט מען, און לאָז מיך גלייך אַרויף צו איהם אַליין. — „גוט מאָרגען איך, זאָג איך צו איהם, רב מנחם-מענדיל!“ ווער? וואָס? אין אומר ואין דברים — ער דערקענט מיך גאָר נישט! — וואָס ווע[illegible] איהר עפּיס זאָגען? מאַכט ער צו מיר, איך פאַל שיער חלשות. — „וואָס הייסט, זאָג איך, פּאַני, איהר דערקענט שוין נישט, זאָג איך, קיין קרוב? טביה הייס איך“ — אַ? מאַכט ער, טביה? עפּיס קענטליך דער נאָמען... „קענטליך? מאַך איך צו איהם; אפשר איז איך קענטליך, זאָג איך, מיין ווייב'ס בלינצעס, דערמאָהנט זיך נאָר אקאָרשט? מיט איהרע קנישעס, צרות-קניידליך, ווערטאָטען?“... און

צוריק פליהט מיר דורך אַ געדאַנק פונקט קאַפּויר: איך קים אַריין צו מנחם-מענדלי'ן, טראָגט ער מיר אַ קעגען דעם ברייטען שלום-עליכם. — אַ גאַסט! אַ גאַסט! זיצט, רב טביה, וואס מאַכט איהר עפּיס, וואָס מאַכט אייער ווייב? איך קוק שוין אַרוים אויף אייך, איך וויל מיך מיט אייך צערעכענען. און ער נעהמט און שיט מיר אָן אַ פולע היטעל מיט האַלבע פּריאַלען, — דאָס, זאָגט ער, איז דאָס פערדיענסט און דאָס קרן, זאָגט ער, בלייבט שטעהן; וויפיעל מיר וועלען פערדיענען וועלען מיר זיך טיילען אויף דער האַלב, גלייך אויף גלייך, חלק כחלק, חצי שלי חצי שלך, מיר הונדערט אייך הונדערט; מיר צוויי הונדערט אייך צוויי הונדערט; מיר דריי הונדערט אייך דריי הונדערט; מיר פיער הונדערט אייך פיער הונדערט... אין געדאַנקען חאַפּ איך אַ דרימעל און זעה נישט, ווי מיין בחור שלאָגט זיך דערווייל אַראָפּ פונ'ם שליאַך אָן אַ זייט, פערטשעפּעט דאָס וועגעלי אָן אַ בוים און עס דערלאַנגט מיר אַ זעץ פון הינטען, עס פליהען אַזש פונקען פון די אויגען, „גם זו לטובה, זאָג איך צו מיר אַליין, דאַנקען גאָט וואָס חאָטש נישט צעבראָכען קיין אַקס"...

בקצור, געקומען קיין יעהופּעץ און קודם-כל אָנגעזוצט דאָס ביסעל מילכיגס ניך און געשווינד ווי געוויינטליך, לאָז איך מיך זוכען דעם נפש מיינעם. איך דרעה מיך אַרום אַ שעה און צוויי און דריי, והילד איננו — איך זעה איהם נישט! איך הויב אָן אָבשטעלען מענשען, נאָכפרעגען: „צי האָט איהר נישט געהערט, צי האָט איהר נישט געזעהען איינעם אַ יודען וואָס הייסט מיט זיין ליעבען נאָמען מנחם-מענדיל?" — אויב, זאָגען זיי, ער הייסט מנחם-מענדיל, מעג מען עסען פון זיין פּענדיל, נאָר דאָס אַליין איז קאַרג, זאָגען זיי, מנחם-מענדיל'ס איז דאָ אַ סך אויף דער וועלט. — „איהר מיינט מסתמא, זאָג איך, זיין פאַרמעלי? לאָז מיך אַזוי וויסען בייז, זאָג איך, מיט אייך אינאיינעם, אַז בסך-הכל, זאָג איך, אויב איהר ווילט וויסען, רופט מען איהם אין דערהיים, אין מאַזעפּעווקע הייסט דאָס, נאָר אויף זיין שווינגערס נאָמען, מנחם-מענדיל לאה-דוואָסים; נאָר וואָס דאַרפט איהר מעהר, זאָג איך, זיין שוועהר איז שוין גאָר אַ באַטאָגטער יוד, הייסט ער אויף איהר נאָמען, גדליה-הערש לאה-דוואָסים, און אַפילו זי אַליין, לאה-דוואָסי מיין איך, הייסט אויך לאה-דוואָסי גדליה-הערש לאה-דוואָסים, היינט פערשטעהט איהר שוין?" — פערשטעהן פערשטעהען מיר, זאָגען זיי, נאָר דאָס איז נאָך אַלץ נישט גענוג; וואָס איז זיין געשעפט, זאָגען זיי, מיט וואָס פערנעהמט ער זיך, אייער מנחם מענדיל? „מיט וואָס ער פערנעהמט זיך? זאָג איך,

ער האַנדעלט דאָ מיט האַלבע פּריאַלען, זאָג איך, עפּיס בעס־מת, פּאַטי־
ווילאָוו. קראַפּט, זאָג איך, דערפּישען ערגיץ אַהין, קיין פּעטערבורג,
קיין וואַרשאַ..." — אַ? ! מאַכען זיי צו מיר און קאַטשען זיך פאַר גע־
לעכטער; מיינט איהר נישט אַט יענעם מנחם־מענדיל, וואָס האַנדעלט מיט
יקנה"ז? געהט זייט מוחל אַריבער, זאָגען זיי, אַהינצו, אויף יענער זייט;
דאָרט לויפען אַרום האָזען אַ סך און אייערער אויך בתוכם ..."מעהר
מע לעבט, מעהר עסט מען, טראַכט איך מיר; נאַ דיר גאָר האָזען?
יקנה"ז?" איך געה אַריבער אַהין, אויף יענעם טראָטואַר, יודען קיין עין־
הרע, ווי אויף אַ יריד, ס'איז איין ענגשאַפט, קוים וואָס איך שטופּ מיך
דורך, מע לויפט, ווי די משוגעים, דער אַהין, דער אַהער, איינער איבער'ן
אַנדערען, ס'איז איין עולם=התוהו, מע רעדט, מע שרייט, מע מאַכט מיט
די הענד: פּאַטיווילאָוו... פּעסט, פּעסט!... געחאַפּט ביים וואָרט...
אַריינגעריקט איין אַ דערויף... וועט זיך קראַצען... מיר קומט קאַר־
טאָזש... ביזט אַ גרויסער פּאַרך... אַט צעשפּאַלט מען דיר דעם קאָפּ..
שכייַ איהם אָן אין פּנים... זעה נאָר, געקוילעט די קאַפּאָטע.. אַ
שעהנער שפּעקולאַנט... אַנזעצער!... משוגה!... אין טאַטען טאַ־
טען... עס האַלט כמעט ביי פּעטש — "ויברח יעקב, מאַך איך צו מיר
אַליין, אַנטלויף, טביה, אַט חאַפּסט דו אַ פּאַטש! נו, נו, קלעהר איך
מיר, גאָט איז אַ פאָטער, שמואל=שמעלקע איז זיין דינער, יעהופּעץ איז
אַ שטאָדט און מנחם־מענדיל איז אַ פּערדינער! אָט אַ דאָ־אָ, טראַכט
איך, חאַפּט מען גליקען, האַלבע פּריאַלען? אָט אַ דאָס־אָ הייסט ביי
זיי מע מאַכט געשעפטען: אַז אַך און וועה איז דיר, טביה, מיט דיינע
מסחרים!"

בקצור: איך שטעל מיך אָב לעבען אַ גרויס פענסטער מיט אַרויסגע־
שטעלטע הויזען אַ סך און דערזעה דורך דעם אָבשיין פּונ'ם גלאָז מיין
שמעיה בעל=פּרנסה. עס האָט זיך מיר אָבגעריסען אין האַרצען, אַז איך
האָב איהם דערזעהען. ס'איז מיר פּרחה=נשמתי געוואָרען! וואו איך האָב
ערגיץ אַ שונא און ווי איהר האָט אַ שונא זאָלען מיר איהם דערלעבען
זעהען אין אַזאַ הולך, ווי מנחם־מענדיל: וואָס מיר קאַפּאָטע? וועה מיר
שטיוועל? און אַ פּנים, טאַטעניו, אַ שענערען לייגט מען אין דער ערד
אַריין. — "נו, טביה, כאשר אבדתי אבדתי — ביזט אין דער ערד, טראַכט
איך מיר, מענסט זיך שוין געזעגענען מיט די עטליכע גראָשענס, עס איז
שוין, ווי זאָגט איהר: לא דיבים לא יער, נישט קיין סחורה, נישט קיין
געלד, נאָר גלאַט אַזוי צרות..."

ער פון זיין זייט איז אַ פנים אויך שטאַרק מבולבל געוואָרען, טחמת מיר זענען ביידע געבליבען שטעהן ווי צוגעקאָוועט, נישט אויסצורעדען קיין וואָרט אפילו און נאָר געקוקט און געקוקט ווי די האָהנען, זיך גלייך אין די אויגען אַריין, ווי איינער רעדט: פערוויסט און פערפינסטערט זענען מיר ביידע געוואָרען, מיר כ׳ זָגען ביידע נעהמע טאָרבעס און געהען איבער די הייזער!... — רב טביה, מאַכט ער צו מיר שטיל, קוים וואָס ער רעדט און די טרעהרען וואַרגען איהם, רב טביה! אָהן מזל, הערט איהר, זאָל מען גאָר, זאָגט ער, נישט געבוירען ווערען אויף דער וועלט! אידער, זאָגט ער, אַזאַ לעבען... הענגען! זאָגט ער, גנאָטעווען!... און מעהר קען ער קיין וואָרט נישט רעדען. — „אַוודאי, מאַך איך צו אַ הם, בּיזט דו ווערט, מנחם־מענדיל, פאַר אַזאַ מעשה מע זאָל דיך אַנידערלעגען אָט אַ דאָ, זאָג איך, אין מיטען יעהופעץ און ברכוש גדול דיר אַריינצימבלען אַזוי פיעל, אַז דו זאָלסט דיך דערזעהען מיט דער באַבע צייטעל פון יענער וועלט. בּערעבען, זאָג איך, דו אַליין, וואָס האָסט דו געטהון? האָסט גענומען, זאָג איך, אַ גאַנצע שטוב מיט לעבעדיגע נפשות, צער־בעלי־חיים נעבּיך, גאָט די נשמה שולדיג, און האָסט זיי איבערגעקוילעט דעם האַלז אָהן אַ מעסער! גוואַלד, זאָג איך, מיט וואָס וועל איך קומען אַ צינדערט אַהיים צו מיין וויַיב און קינדער? אַדרבּא, זאָג שוין דו אַליין, קוילער איינער, גזלן, רוצח!“ — אמת, מאַכט ער צו מיר, אָנגעשפּאַרט זיך צו דער וואַנד; אמת, רב טביה, גאָט זאָל מיר אַזוי העלפען... „דער גיהנם, זאָג איך, נאַר איינער, דער גיהנם איז דאָך קאַרג פון דיינעט וועגען!“ — אמת, זאָגט ער, רב טביה, אמת, גאָט זאָל מיר אַזוי העלפען; אידער אַזאַ לעבען, זאָגט ער, אידער אַזאַ לעבען, רב טביה... און לאָזט אַראָב דעם קאָפּ. איך שטעה און בעטראַכט איהם, דעם שלים־מזל, ווי ער שטעהט אַזוי דעם קאָפּ אַראָב, צוגעשפּאַרט צום וואַנד, דאָס היטעל אויף אַ זייט, יעדער זיפץ און יעדער קרעכץ, עס רייסט אויס אַ שטיק האַרץ. „טאַ, זאָג איך, אַז מע וויל שמועסען דאָס אייגענע ווידער צוריק, פערשטעהט מען גאַנץ גוט, דו בּיזט אפשר אין דעם אויך גאָט די נשמה שולדיג, וואָרום לאָמיר בּערעכענען די זאַך אַרום און אַרום מיט אַ ממה נפשך: איך זאָל קלערען, זאָג איך, אַז דיין שלעכטיגקייט האָט דאָס געטהון איז דאָך עם נאַריש, בּיזט דאָך געוועזען, זאָג איך, אַ שותף גלייך מיט מיר, אַ מחצה שכר׳ניק, איך האָב אַריינגעלעגט געלד, דו האָסט געגעבען שכל. אַז אָך און וועה איז מיר; דיין מיין איז אַוודאי געוועזען, ווי זאָגט ער, לחיים ולא למות. אַי עס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בּוירעם!

מסתמא איז ניִשט בעשערט, וויִ זאָגט איהר: אַל תתהלל ביום מחר, א מענש טראַכט און גאָט לאַכט. למאי זאָג איך, נאַרעלע, אָט האָסט דו מיין מסחר, איז דאַכט זיך גאָר אַ קאַראַנטע געשעפט, פון דעסטוועגען, אַז ס'איז בעשערט געווען, זאָג איך, ניִשט היינט געדאַכט, פאַר אַ יאָהרען אָסיען, עס זאָל זיך ביי מיר, ניִשט פאַר דיִר געדאַכט, אַניִדערלעגען אַ בהמה, אַ מציאה געווען אויף טרפה'ס אַ פיִפציגער און טאַקיִ באַלד נאָך איהר אַ טעלעצע אַ רויטע, קיין צוואַנציג קערבליך וואָלט איך פאַר איהר ניִשט גענומען, נו, האָט דען עפּים געהאָלפען דערביי חכמות, אַז עס געהט ניִשט, זאָג איך. מאַכט קמץ־בית — מע! איך וויל דיך גאָר ניִשט פרעגען, זאָג איך, וואו איז מיין געלד, איך פערשטעה שוין אַליין, וואו מיין געלד שטעקט, מיין בלוטיג געלד, וועה און וויִנד איז מיר! ס'איז אַריין אין אַ מקום־קדושה, זאָג איך, ערגיץ אין אַ יקנה"ז'ל, אין אַ נעכטיגען טאָג; און ווער איז שול־דיג, ווען ניִשט איך אַליין, וואָס האָב מיך געלאָזט איינרעדען גריִנגע פיינעליך, שמיִנדריקעס, שמאָכטעליאַקעס? געלד, ברודער, בעדאַרף מען, זאָג איך, פערהאָרעווען, פערשוואַרצט און אויסגעריסען ווערען! פעטש, זאָג איך, ביזט דו, טביה, ווערט, פעטש ווי האָלץ!! נאָר וואָס העלפט איצטער מיין געשריי? ווי אין פסוק שטעהט געשריִבען: צעקה הנערה — שריי צעזעצטערהייט, שכל און חרטה, די ביידע זאַכען קומען תמיד צו שפעט. ניִשט בעשערט, זאָג איך, טביה זאָל זיין אַ נגיד, ווי זאָגט איוואַן: נע בולאָ או מעקיטע הראָשע אי נע בודע*); מסתמא, זאָג איך, הייסט גאָט אַזוי; ה' נתן וה' לקח. מאַכט רש"י — קום, ברודער, וועלען מיר נעהמען, זאָג איך, צו ביכלעך בראָנפען!"...

❁ ❁

❁

אָט אזוי, פאַני שלום־עליכם, האָט זיך אויסגעלאָזט פון אַלע מיינע חלומות אַ בוידעם! און איהר מיינט אפשר, אַז איך האָב מיך אַזוי שטאַרק גענומען צום הארצען, וואָס איך האָב פערלוירען מיין געלד? לאָם איך

---

*) ניִשט געוועזען ביי מעקיטען קיין געלד און עס וועט ניִט זיין.

אזוי רייַן זייַן פון שלעכטס! מיר וויסען דאך יא וואס אין פסוק שטעהט: לי הכסף ולי הזהב — געלד איז בלאטע; דער עיקר איז דער מענש, דאס הייכט, אז דער מענש איז א מענש. נאר וואס־זשע דען האט מיך געקרענקט? דער חלום וואס ער איז אוועקגעגאנגען. עס האט זיך מיר געוואלט, אוי האט זיך געוואלט זייַן א נגיד, חאטש אויף א ווייַלע! נאר עס העלפט דען דערבייַ חכמות? ווי זאגט דער פרק: בעל־כרחך אתה חי — מיט גוואַלד לעבסט דו און מיט געוואַלד צערייַסט דו א פאר שטיוועל. דו, טביה, זאגט גאט, בעדאַרפסט אין זינען האבען קעז און פוטער, נישט קייַן חלומות. אי וואס? בטחון? האפנונג? אדרבא, וואס מעהר צרות מעהר בטחון, וואס מעהר קבצן מעהר האפנונג, והראיה?... נאר מיר דאַכט, איך האב מיך הייַנט א ביסעל פערדרעט; צייט פאהרען, קלעהרען מכּח געשעפט, ווי זאגט איהר, כל האדם כוזב — איטליכער האט זיך זייַנע מכות, זייט מיר געזונד און האט א גוטען תמיד!

III

הײַנטיקע קינדער

היינטיגע קינדער.

— א קעגען דעם וואס איהר זאגט היינטיגע קינדער, בנים גדלתי ורוממתי — גערה האב זיי, ווער פערשווארצט, זיי מפקיר פון זייערטוועגען, הארעווע טאג ווי נאכט, וואס איז? מע מיינט טאמער אזוי און אפשר אזוי, איטליכער נאך זיין השגה און נאך זיין פערמעגען; צו בראצקי'ן געווינטליך וועל איך נישט אנשלאגען, נאר איך זייער מיר שוין אינגאנצען ארויסגעלאזען בין אויך נישט מחויב, ווארום אליין בין איך אויך נישט קיין אביוועגער, כ'לעבען, און ארויסקומען קומען מיר ארוים, ווי מיין ווייב זאל לעבען זאגט, אויך נישט פון קיין שניידערס און נישט פון קיין שוסטערס, האב איך גערעכענט, אז איך וועל מיט מיינע טעכטער געוויס אויסשפיעלען. פאר וואס? ערשטענס האט מיך גאט געבענשט מיט שעהנע טעכטער, און א שעהן פנים, זאגט איהר דאך אליין, איז א האלבער נדן, והשנית, בין איך דאך עפים היינט, מיט גאטס היליף, נישט דער טביה וואס א מאל, קען איך דאך שוין גרייכען צום שענסטען שדוך אפילו אין יעהופעץ, הא, ווי זאגט איהר? איז דאך אבער פאראהאן א גאט אויף דער וועלט, איין אל רחום וחנון, וואס בעוויזט זיינע גרויסע וואונדער און מאכט מיט מיר זומער און ווינטער, ארויף און אראפ, מאכט ער צו מיר: „טביה רעד זיך נישט איין קיין נארישקייטען און לאז זיך די וועלט פיהרען ווי זי פיהרט זיך!"... הערט וואס עס קען זיך פערלויפען אויף דער גרויסער וועלט, און ביי וועמען טרעפען זיך אלע גליקען? ביי טביה שלים־מזל.

בקצור, צו וואס זאל איך אייך מאריך זיין, איהר געדענקט דאך מהסתם, וואס מיך האט געטראפען, נישט היינט געדאכט, די מעשה מיט'ן קרוב מיינעם, מנחם מענדיל ימח שמו וזכרו, ווי שיין מיר האבען זיך אויסגעהאנדעלט אין יעהופעץ, מיט די „האלבע פריאלען" און מיט די

„פּאָטאָווילײַוועך אַקציעס״, אַזאַ יאָהר אויף מײַנע שונאים! איך האָב דאָס דערנאָכטמאָל אײַנגעלעגט די וועלט, וועה איז מיר! געמיינט ס׳איז אַיין עק, אוים טביה און אוים מילכיגם! „נאַר אײנער! — זאָגט צו מיר אײנמאָל די אַלטע מײַנע, גענוג צו זײַן פֿערזאָרגט, דו וועסט דערמיט גאָר נישט מאַכען; דו וועסט זיך נאָר אָבּעסען דאָס האַרץ און גענוג; עלעהײַ גזלנים זענען אויף אונז אָנגעפֿאַלען און צוגענומען ... דו געה זיך בעסער דורך, זאָגט זי, קײַן אַנאַטעװעקע, צו לײַזער וואָלף דעם קצב, ער בעדאַרף דיך, זאָגט ער, נײטיג האָבען״. — וואָס איז דאָרטען? וואָס בעדאַרף ער מיך אַזוי נײטיג? אױב ער מײנט, זאָג איך, די מאורע בהמה אונזערע, מעג ער נעמען אַ שטעקען און אַרויסשלאָגען זיך פֿונ׳ם קאָפּ. — „וואָס איז אַזוינס? מאַכט זי צו מיר, די מילך, וואָס מע האָט זיך אָן פֿון איהר, מיט׳ן קעז און פּוטער?״ — נישט צו ליעב דעם, זאָג איך, נאָר גלאַט אַזוי, ערשטענס איז פּשוט אַיין עבירה אַזעלכעס אײַעקגעבען אויף דער שחיטה, אַ צער=בעלי=חיים. בײַ אונז שטעהט געשריבען אין דער הײליגער תורה... — „אָבער גענוג דיר שוין, טביה! די גאַנצע וועלט, זאָגט זי, ווײסט אַז דו ביזט אַ יוד פֿון תורה, פֿאָלג מיך אַ ווײַב, געה זיך דורך צו לײַזער=וואָלפֿען; אַלע דאָנערשטאָג, זאָגט זי, ווען אונזער צײַטעל קומט אין יאַטקע אַרײַן נאָך פֿלײש, לאָזט ער זי נישט לעבען; זאָלסט זאָגען, זאָגט ער, דעם טאַטען ער זאָל קומען צוגעהן, איך בעדאַרף איהם נײטיג האָבען״...

בקצור, מע בעדאַרף פֿאָלגען אַ מאָל, ווי זאָגט איהר, אַ ווײַב אויך. בין איך מיך מישב און לאָז מיך אײַנרעדען און קום צוגעהן צו לײַזער וואָלפֿען קײַן אַנאַטעװעקע, אַ ווערסט דרײַ פֿון אונז, און טרעף איהם נישט מסתמא אין דער היים. — וואו איז ער ערגיץ? טהו איך אַ פֿרעג אַ קאַרנאָסע יודענע, וואָס דרעהט זיך אַרום אין שטוב. — „אין פּראָיעקט, מאַכט די קאַרנאָסע, מע קוילעט אײן אָקס פֿון גאַנץ פֿריה אָן, ער בעדאַרף באַלד אָנקומען״... איך דרעה מיך אַרום אײנער אַלײן אין שטוב און הויב אָן צו בעטראַכטען לײַזער=וואָלפֿס בעל=הבית׳שקײַט, קײַן עין-הרע אַ גוטס אויף אַלע מײַנע ליעבע: אַ שאַפֿע מיט קופּער, מע וועט זי נישט אויסקויפֿען מיט קײַן ק״ן קערבליך, אַ סאַמאָוואַר און נאָך אַ כאַמאָוואַר, און אַ טאַץ אַ מעשענע און נאָך אײנע אַ וואַרשאַווער, און לײַכטער אַ פּאָר זילבערנע, און כוסות מיט כוסה׳ליך געגילטע, און אַ חנוכה=לעמפּיל אַ געגאָסענס און נאָך זאַכען שמאָכטעליאַקעס אָהן אײן עק. רבונו של עולם! טראַכט איך מיר, ווי דערלעב איך אַזאַ גוטס בײַ מײַנע קינדער

זאָלען געזונד זײַן!... אַזאַ בר-מזל ווי דער קצב איז! געװנג וואָס ער איז אַזוי רײַך, בעדאַרף ער האָבען זײַן אײגענס אינגאַנצען צוויי קינדער שוין אויסגעגעבענע און נאָך בלײַבען אַיין אַלמן אויך דערצו!...

בקצור, גאָט האָט געהאָלפען, עס עפענט זיך די טהיר און עס קומט אַרײַן לײַזער-וואָלף אין כעס, מלא-רציחה אויפ'ן שוחט, ער האָט איהם גאָר אונגליקליך געמאַכט, פערשניטען אַיין אָקס, אַ דעמב די גרויס, פערחאַפּט זאָל ער ווערען, איבער אַ קלײַניגקײַט איהם טרפה געמאַכט, געפינען אַ סרכה'לע אויף דער לונג, ווי אַ שפּילקע-קעפּיל די גרויס, אײַנגעזונקען זאָל ער ווערען! — „גאָט העלף, רב טביה, מאַכט ער צו מיר, וואָס איז די מעשה וואָס מע קען אײַך גאָר נישט דעררופען זיך? וואָס מאַכט אַ יוד?“ — וואָס זאָלען מיר מאַכען, זאָג איך; מע מאַכט און מע מאַכט און מע האַלט, זאָג איך, נאָך אַלץ פון פאָרינט, ווי אין פּסוק שטעהט: לא מעוקץ ולא מדובש, נישט קײַן געלד, נישט קײַן געזונד, נישט קײַן לײַב און לעבען. — „איהר זינדיגט, רב טביה, מאַכט ער צו מיר, ווערלינג אײַך איז געוועזען אַ מאָל, נישט הײַנט געדאַכט, זענט איהר דאָך איצט קײַן עין-הרע אַ גביר“. — וואָס מיר פעהלט, זאָג איך, צו דעם וואָס איהר מײַנט, מעגען מיר דאָס בײדע פערמאָגען... נאָר גאָר נישט. דאַנקען גאָט דער-פאַר, ס'איז פאַראַן, זאָג איך, אַ גמרא: „אַסכּקורדא דמסקנתא דקרנוסא דפרסמכת“ און אין האַרצען טראַכט איך מיר: זאָלסט אַזוי זײַן מיט דער נאָז קצבניאַק, ווי ס'איז גאָר פאַראַן אַזאַ גמרא אויף דער וועלט... „איהר זענט, מאַכט ער צו מיר, תמיד דאָ מיט דער גמרא; גוט איז אײַך, רב טביה, אַז איהר קענט אין די קלײנע אותיות; נאָר צו וואָס נוצט עס, זאָגט ער, חכמות, לומדרײַען, לאָמיר בעסער שמועסען מכח אונזער געשעפט; זיצט, רב טביה“, מאַכט ער צו מיר און טהוט אַ געשרײַ: „לאָז זײַן טײ!“ און עס וואַקסט אויס ווי פון אונטער דער ערד די קאַרנאָסע יודענע, חאַפּט דעם סאַמאָוואַר ווי דער רוח דעם מלמד און אַוועק אין קיך אַרײַן. — „אַצונד, מאַכט ער צו מיר, אַז מיר זענען דאָ אַלײן, אונטער פיער אויגען, קענען מיר שמועסען עסק. די מעשה, זאָגט ער, דערפון איז אַזוי: איך האָב שוין מיט אײַך, רב טביה, לאַנג געוואָלט רעדען, איך האָב צו אײַך בעפוילען דורך אײַער טאָכטער, וויפיעל מאָל געבעטען איהר זאָלט זיך מטריח זײַן; פערשטעהט איהר מיך, איך האָב געוואָרפען אַיין אויג“... — איך ווײס, זאָג איך, אַז איהר האָט געוואָרפען אַיין אויג, נאָר ס'איז אומזיסט, זאָג איך, אײַער טרחה, עס וועט נישט געהן, רב לײַזער וואָלף, עס וועט נישט געהן. — „פאַר וואָס עפּיס?“ מאַכט ער צו מיר און

קוקט אויף מיר ווי דערשראָקען. — פאַר שבת, זאָג איך; איך קען בעשטעהן עס זאָל נאָך געדויערען אַ ביסעל, דער טייך ברענט נישט. — „למאי, זאָגט ער, זאָלט איהר וואַרטען, אַז איהר קענט אויספיהרען באַלד?" — דאָס, זאָג איך, איז איינמאָל אַוועק, און והשנית, זאָג איך, איז גלאַט אַ רחמנות, אַ צער־בעלי־חיים. — „קוק איהם אָן, ווי ער מאַכט אָנשטעלען, זאָגט לייזער־וואָלף מיט אַ געלעכטעריל, עמיצער זאָל זיין דערביי, וואָלט ער געמעגט שווערען, אַז זי איז ביי איך איין און איינציגע, מיר דאַכט, איהר האָט זיי אָהן עין־הרע גענוג, רב טביה!"... — לאָזען זיי זיך שוין האַלטען, זאָג איך, ווער ס'איז מיר מקנא, דער לאָז אַליין נישט האָבען... — „מקנא? ווער, זאָגט ער, רעדט פון מקנא? אַדרבה, זאָגט ער, הייל זיי זענען ביי אייך אָהן עין־הרע געראָטענע, דערפאַר וויל איך טאַקי, איהר פערשטעהט צי ניין? פערגעסט נאַר נישט, רב טביה, די טובה, וואָס אייך קען דורך דעם אַרויסקומען!" — אַודאי, אַודאי, זאָג איך, פון אייערע טובות, רב לייזער וואָלף, קען טאַקי האַרט ווערען דער קאָפּ, ווינטער אַ שטיקעל אייז, דאָס ווייסען מיר שוין לאַנג, זאָג איך, נאָך פון אַ מאָל... — „עָ! מאַכט ער צו מיר זיס צוקערדיג, וואָס גלייבט איהר, רב טביה, פון אַמאָל ביז היינט? אַ מאָל איז געוועזען עפּיס אַנדערש און היינט איז ווידער אַנדערש; עפּיס ווערען מיר, דאָך שטיקלעך מחותנים, האַ?" — וואָס פאַר אַ מחותנ'שאַפט? זאָג איך. — „געוויינטליך, זאָגט ער, מחותנים!" — וואָס מיינט איהר, זאָג איך צו איהם, רב לייזער וואָלף, פון וואָס רעדען מיר? — „אַדרבה, זאָגט ער, זאָגט שוין איהר, רב טביה, פון וואָס רעדען מיר?" — וואָס הייסט, זאָג איך, מיר רעדען דאָך פון דער מאורע בהמה מיינע, וואָס איהר ווילט ביי מיר קויפען! — „חאַ־חאַ־חאַ; מאַכט ער און ווערט צעגאָסען פאַר געלעכטער; ס'איז נישקשה פון אַ בהמה און נאָך אַ מאורע דערצו, חאַ־חאַ־חאַ!" — וואָס זשע דען האָט איהר געמיינט, רב לייזער וואָלף: אַדרבה, זאָגט, וועל איך אויך לאַכען. — „פון אייער טאָכטער, מאַכט ער צו מיר, פון אייער ציידעלען רעדען מיר דאָך די גאַנצע צייט! איהר ווייסט דאָך, רב טביה, אַז איך בין, נישט פאַר אייך גערעדט, געבליבען איין אַלמן, האָב איך מיך מישב געוועזען, וואָס בעדאַרף איך זוכען אין דער פרעמד דאָס גליק, נאָך האָבען צו טהון מיט שדכנים, רוחות און שדים, אַ מעהר אָט זענען מיר ביידע אויפ'ן אָרט, איך קען אייך, איהר קענט מיך, דאָס קרן אַליין איז מיר אויך געפעלען, איך זעה זי אַלע דאָנערשטאָג ביי מיר אין יאַטקע, אַ פּאָר מאָל אַ רעד געטהון מיט איהר, ווייזט אויס, נישקשה,

א שטילע, און איך אליין בין קיין עין-הרע, ווי איהר זעהט, א שטיקעל בעל-הבית, ס'איז דא א שטוב אין אייגענע, און קלייטליך א פאר, און בעל-הבית'שקייט ווי איהר זעהט, נישט צו פערזינדיגען און א ביסעל פעל אויפ'ן בוידעם אויך, און א ביסעל געלד אין קאסטען אויך; וואס בעדארפען מיר, רב טביה, די ציגיינערשע שטיק, בריה'ן זיך, חכמה'ן זיך? א מעהר נעמט מען און מע שלאגט צו א האנד, איינס צוויי דריי, איהר פערשטעהט צי ניין?"...

בקצור, אז ער האט מיר אויסגערעדט אט א דאס א, בין איך געבליבען זיצען אהן לשון, ווי איינער בשעת מע קומט און מע זאגט איהם אן פלוצים א בשורה. לכתחלה איז מיר אפילו דורכגעפלויגען א מחשבה: לייזער-וואלף... צייטעל... ער האט שוין אזוינע קינדער ווי זי... נאר באלד האב איך זיך אליין אבגעשלאגען: ס'טייטש, אזא גליק! אזא גליק! עס וועט דאך איהר זיין גוט ווי די גאנצע וועלט! אי טאמער איז ער נישט אזא צעווארפענער פארשוין? איז דאס היינטיגע יאהרען פערקעהרט די גרעסטע מע'ה, ווי זאגט מען: אדם קרוב לעצמו — אז מען איז גוט פאר יענעם איז מען ש'עכט פאר זיך. איין חסרון נאר, וואס ער איז א ביסעל צו פראסטליך... נו, מילא, קען דען איטליכער זיין א יודע-ספר? קארג פארהאן נגידים, פיינע מענשען אין אנאטעווקע, אין מאזעפעווקע און אפילו אין יעהופעץ, וואס ווייסען נישט קיין צלם פאר קיין אלף; פון דעסטוועגען אז ס'איז באשערט, לאם איך האבען אזא יאהר, וואס פאר א כבוד זיי האבען אויף דער וועלט, ווי אין פרק שטעהט: אם אין קמח אין תורה, דאס הייסט, די תורה ליגט אין קאסטען און חכמה — אין קעשענע...

„נו, רב טביה, מאכט ער צו מיר, וואס שווייגט איהר?" — וואס זאל איך שרייען, זאג איך צו איהם כלומר'שט ווי איך קווינקעל מיך; דאס איז, רב לייזער-וואלף, פערשטעהט איהר מיך, אזא ענין, וואס מע בעדארף איהם גוט באקלעהרען ארום און ארום; ס'איז עפים נישט קיין קאטאוועסיל, זאי איך, דאס ערשטע קינד ביי מיר! — „אדרבה, מאכט ער, ווייל ס'איז דאז ערשטע קינד ביי אייך, איהר וועט שוין, זאגט ער, נאכדעם אם ירצ"ה השם קענען חתונה מאכען די אנדערע טאכטער אויך, און שפעטער, מיט דער צייט, די דריטע, איהר פערשטעהט צי ניין?" — אמן, גם אתם! זאג איך, חתונה מאכען איז קיין קונץ נישט, דער אויבערשטער זאל נאר צושיקען, זאג איך, איטליכען בעזונדער זיין זיווג... — „ניין. מאכט ער, נישט דאס מיין איך, רב טביה, איך מיין עפים אנדערש גאר, יואוס קיין גרן ברוך-השם פאר אייער צייטלען בעדארפט איהר שוין נישט

און אויסקלײַדען זי צו דער חתונה, אַלץ וואָס אַ מײדעל בעדאַרף — דאָס נעהם איך אויף זיך, און אײַך, זאָגט ער, וועט מסתמא דערפון אויך עפּיס אַרײַנפאַלען אין בײַטעל אַרײַן...״ — פע, מאַך איך צו איהם, איהר רעדט דאָך עפּיס גאָר, איהר זאָלט מיר מוחל זײַן, טאַקי ווי אין יאַטקע! וואָס הײסט אין בײַטעל אַרײַן? פע! מײַן צײַטעל איז חלילה נישט אַזעלכע איך זאָל זי פערקויפען פאַר געלד, פע-פע! — אַז פע איז פע, מאַכט ער צו מיר, איך האָב געמײנט אדרבה וארבה; נאָר אַז איהר זאָגט פע, לאָז זײַן פע! אַז אײַך איז ליעב איז מיר ניחא; דער עיקר, זאָגט ער, עס זאָל זײַן וואָס גיכער, איך מײן טאַקי באַלד, ווי זאָגט ער, אַ כ ע ר - ה ב י ת'טע אין שטוב אַרײַן, איהם פערשטעהט צי נײן?... מהיכי תיתי, זאָג איך, אין מיר איז קײן מניעה, מע בעדאַרף דאָך איבערעדען מיט מײַן פלונית'טע, זאָג איך, אין אַזעלכע זאַכען, האָט זי די דעה, נישט קײן קלײניגקײט, ווי רש״י מאַכט: רחל מבכה על בניה — אַ מאַמע איז אַ פּאָקרישקע; הײַנט זי אַלײן, זאָג איך, צײַטעל מײַן איך, בעדאַרף מען אויך אַ פרעג טהון, ווי זאָגט מען דאָס: אַלע מחותנים האָט מען מיטגענומען אויף דער חתונה און דעם חתן האָט מען געלאָזט אין דער הײם... — „בלאָטע, זאָגט ער, פרעגען בעדאַרף מען גאָר? דערצעהלען. רב טביה, קומען אַהײם און דערצעהלען אַזוי און אַזוי, און שטעלען אַ חופה, אַ וואָרט און צוויי און אַ מאָהריטש!״ — זאָגט דאָס נישט, זאָג איך, זאָגט דאָס נישט, רב לײזער וואָלף. אַ מײדיל איז נישט קײן אַלמנה חלילה. — „געוויינטליך, זאָגט ער, אַ מײדיל איז אַ מײדיל, נישט קײן אַלמנה, אָט דערפאַר טאַקי בעדאַרף מען, זאָגט ער, בעצײַטענס דערפון רעדען, מחמת הלבשה, פערשטעהט איהר, דאָס-יענץ-לאָקש-בוידעם-ציבעלע, און דערווײַלע, זאָגט ער, לאָמיר, רב טביה, נעהמען צו קאַפּליך לחיים, האַ, צי נײן?״... — מהיכי תיתי, זאָג איך, פאַר וואָס נישט? וואָס געהער זיך אָן שלום צו מחלוקת? ווי זאָגט ער: אָדם איז אַ מענש און בראָנפען איז בראָנפען, ס'איז פאַרהאַן, זאָג איך, בײַ אונז אַ גמרא... אין האָק איהם אַרײַן אַ גמרא, אײנע און די אַנדערע, אַ נעכטיגען טאָג פון שיר-השירים און פון חד-גדיא...

בקצור, מיר האָבען אײַנגענומען דעם ביטערען טראָפּען כּכּתוב — ווי גאָט האָט געבאָטען! די קאַרנאָסע האָט דערווײַלע געבראַכט צוטראָגען דעם סאַמאָוואַר און מיר האָבען געמאַכט צו גלעזליך פּונש, פערבראַכט גאָר פרײַנדליך, געווינשעוועט, געשמועסט, געפלאַפּעלט אַלץ פונ'ם שידוך, פון דעם און פון יענעם און ווידער אַ מאָל פונ'ם שידוך. — איהר ווײסט

דען, רב לײזער־װאָלף, זאָג איך, װאָס פאַר אַ בּאַרליאַנט דאָס איז? — „איך װײס, זאָגט ער, גלױבּט מיר, אַז איך װײס; איך זאָל נישט װיסען, זאָגט ער, װאָלט איך גאָר נישט גערעדט!“ און מיר רעדען אַזױ בּײדע אינאײנעם, איך שרײַ: אַ בּאַרליאַנט, אַ דימענט! איהר זאָלט נאָר װיסען װי אַזױ זי צו שאַנעװען, נישט אַרױסבּעװײַזען דעם קצב... און ער: „האָט קײן מורא נישט, רב טביה; װאָס זי װעט עסען בּײַ מיר אין דער װאָכען האָט זי בּײַ איך נישט געגעסען אים יום־טוב“... — עט, זאָג איך, עסען איז אײך אײַן עסק? דער נגיד, זאָג איך, עסט נישט קײן רענדליך, דער אָ־ימאַן עסט נישט קײן שטײנער; איהר זענט אַ פּראָסטער מענש, זאָג איך, פערשטעהט איהר נישט װי צו שאַצען, זאָג איך, איהר בּריה'שאַפט, איהר חלה־בּאַקען, איהרע פיש, רב לײזער־װאָלף, איהרע פיש! מע בּעדאַרף, זאָג איך, האָבּען אַ זכיה... און ער װידער: — „רב טביה, איהר זענט, איהר זאָלט מיר מוחל זײַן, שױן אױסגעװעבּט, רב טביה, איהר קענט נישט קײן מענשען, רב טביה, איהר קענט מיך נישט!“... און איך װידער: אױף אײן װאָג גאָלד און אױף דער אַנדערער צײַטלען; הערט איהר, רב לײזער־װאָלף, איהר זאָלט אַפילו פערמאָגען אַײערע, זאָג איך, רי"ש אלפים, זענט איהר אױך נישט װערט זײַהר פיאַטע!... און ער װידער: — „גלױבּט־זשע מיר, רב טביה, איהר זענט אַ גרױסער נאַר, חאָטש איהר זענט עלטער פון מיר“...

בּקצור, מיר האָבּען אַ פּנים אַװעגעשריגען אַט־אַזױ־אָט אַ היבּשע װײַלע און זענען געװאָרען רעכט מבוסם'דיג, װאָרום אַז איך בּין געקומען אַהײם איז שױן געװען שפּעטליך אין דער נאַכט און די פּים זענען מיר געװען װי געפּענטעט... מײַן װײַבּ זאָל געזונד זײַן האָט אָבּער בּאַלד דערקענט אין מיר, אַז איך בּין פערקנאַקט, און האָט מיר געגעבּען אַ װיסטען פּעטשאַטיק, װי איך בּין װערט. — שאַ, בּײזער זיך נישט, גאָלדע, זאָג איך צו איהר גאַנץ פרעהליך און עס גליסט זיך מיר אַזש געהן טאַנצען; שרײַ נישט, נשמה מײַנע, עס קומט אונז מזל־טוב! — „מזל־טוב? אַ װיסטער מזל־טוב, זאָגט זי, האָסט שױן פערזינדיגט די מאורע בּהמה, לײזער־װאָלפען זי פערקױפט?“ — נאָך ערגער, זאָג איך. — „אױסגעבּיטען, זאָגט זי, אױף אײן אַנדערער? אָבּגענאַרט לײזער װאָלפען, אַ רחמנות נעבּיך?“ נאָך ערגער, זאָג איך. — „נו, רעד שױן, זאָגט זי, װערטער, קוק אָן װי מע בּעדאַרף בּײַ איהם קױפען אַ װאָרט!“ — מזל טוב דיר, גאָלדע, זאָג איך נאָך אַ מאָל, מזל טוב אונז בּײדען, אונזער צײַטעל איז אַ כלה געװאָרען! — „אױבּ אַזױ, זאָגט זי, בּיזט דו דאָך טאַקי גוט פער־

קאָפּט, גאָר נישט אויף קאַטאָוועס, רעדסט פונ׳ם וועג; האָסט אַ פּנים געמאַכט, זאָגט זי, אַ רעכטע כּוסה?" — אַ כּוסה, זאָג איך, האָבען מיר מיט לייזער=וואָלפען געמאַכט, און צו גלעזליך פונש האָבען מיר מיט לייזער=וואָלפען גענומען, נאָר בײַ די געדאַנקען, זאָג איך, בין איך נאָך. הנה זײַ וויסען, גאָלדע ברודער, אַז אונזער צייטיל איז אין אַ גוטער אַ מזל׳דיגער שעה אַ כּלה געוואָרען פאַר איהם אַליין פאַר לייזער=וואָלפען! און איך האָב איהר איבערגעגעבען די גאַנצע מעשה פון אָנהויב ביז׳ן סוף, ווי אַזוי און וואָס און ווען און פון אַלץ וואָס מיר האָבען גערעדט, נישט דורכגעלאָזט קיין האָר אַפילו. — „הערסט דו טביה, זאָגט צו מיר מײַן ווײַב, גאָט זאָל מיר טאַקי העלפען, ווי איך וועל מיך קעהרען און ווענדען, זאָגט זי, ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס וואָס לייזער=וואָלף האָט דיך גערופען איז נישט אומזיסט, נאָר וואָס=זשע=דען? איך האָב מורא געהאַט דערפון צו טראַכטען, טאָמיר חלילה לאָזט זיך אויס אַ בוידעם. איך דאַנק דיר, גאָטעניו, זאָגט זי, איך דאַנק דיר, האַרצעדיגער פאָטער געטרייער. סע זאָל טאַקי נאָר זײַן אין אַ גוטער שעה, אַ מזל׳דיגער, זי זאָל זיך עלטערען מיט איהם אין עושר און אין כּבוד, וואָרום פרומע=שרה, זאָל זײַן אָבגעשיידט פון מיר, האָט געהאַט בײַ איהם עפּיס נישט אַזאַ גוטע וועלט; זי איז, זאָל מיר מוחל זײַן, נישט אַ קעגען נאַכט דערמאַנענדיג, געווען אַ יודענע אַיין אײַנגעגעסענע, נישט געקענט אויסקומען מיט קיינעם. גאָר נישט דאָס, וואָס אונזער צייטיל, איהר צו לענגערע יאָהר. אַ דאַנק דיר, אַ דאַנק דיר, גאָטעניו! נו טביה, זאָגט זי, וואָס האָב איך דיר געזאָגט, דו לעקיש איינער? בעדאַרף זיך אַ מענש זאָרגען? אַז ס׳איז בעשערט, זאָגט זי, קומט דאָס אַליין אין שטוב אַרײַן"... — דאָס אַוודאי, זאָג איך, ס׳איז דאָך אַ בפירושער פּסוק... — „וואָס טויג מיר דײַן פּסוק, מע בעדאַרף זעהן גרייטען זיך צו דער חתונה; קודם=כּל אויסרעכענען, זאָגט זי, לייזער=וואָלפען אַ צעטיל, וואָס צייטיל בעדאַרף האָבען צו דער חתונה; מילא פון פאָווילע, זאָגט זי, איז נישטאָ וואָס צו רעדען. זי האָט נאָך נישט קיין פאָדעם גרעט, זאָלסט זאָגען, אַ פּאָר זאָקען אַפילו. הײַנט, זאָגט זי, מלבושים איינס אַ זײַדענס צו דער חופּה און איינס אַ וואָלענס אויף זומער, דאָס אַנדערע אויף ווינטער, און פּלאַטיע׳ס אַ פּאָר און קליידליך אונטערשטע, און מאַנטלען, זאָגט זי, וויל איך זי זאָל האָבען צוויי: איינעם אַ כּאָרנוס מיט קעץ אויף אין דערוואָכען און איינעם אַ גוטען מיט שליאַמעס אויף שבת; הײַנט עפּיס שטיוועלעך, מיט קולקעס, שטאַליקעלע, אַ גאָרסעט, הענטשקעלעך, נאָזטיכלעך, אַ זאָנטיקעל און די איבעריגע זאַכען דאָרטען, וואָס

אַ מיידיל בעדאַרף האָבען היינטיגע צייטען..." — ווי קומט דאָס צו דיר, זאָג איך, גאָלדע סערדצע, דו זאָלסט גאָר וויסען פון אַזעלכע שמאָבטע־ליאַקעס? — „וואָס איז? זאָגט זי, איך בין נישט געווען צווישען מענשען? צי איך האָב אֶפשר ניט געזעהען ביי אונז אין מאַזעפּעווקע, ווי אַזוי מע געהט אָנגעטהון ביי לייטען? דו, זאָגט זי, לאָז מיך, איך וועל שוין אַליין מיט איהם אַלסדינג רעדען; לייזער וואָלף, זאָגט זי, איז, נישט־קשה, אַ יוד אַ נגיד, ער וועט מסתמא אַליין אויך ניט וועלען אַז די גאַנצע וועלט זאָל האָבען מיט איהם צו טהון; אַז מע עסט חזיר לאָז חאָטש רינען איבער דער באָרד"...

בקצור, מיר האָבען אַזוי אַוועקגערעדט ביז'ן ווייסען טאָג אַריין. — נעם צענויף, זאָג איך, מיין וויב, דאָס ביסעל קעז און פּוטער און לאָז איך פאָהרען דערווייל קיין בויבעריק; עס איז טאַקי אַלסדינג שען און פיין אַרום און אַרום, נאָר דאָס געשעפט, זאָג איך, קען מען נישט פאַר־בויגען אויף אַ זייט, ווי שטעהט דאָרטען: הנשמה לך — די וועלט איז אויך אַ וועלט, און גאַניין פּריה, כלחוך השור, עס איז נאָך געווען טונקעל, האָב איך איינגעשפּאַנט דאָס פערד און וועגעלע און בין אַוועק קיין בויבעריק. געקומען קיין בויבעריק אויפ'ן מארק, אַהאַ! (ס'איז דען פאַראַן אַ סוד ביי יודען?) מע ווייסט שוין אַלסדינג און מען שטעקט אָב מזל־טוב פון אַלע זייטען: — „מזל טוב אייך, רב טביה, ווען האָבען מיר אם ירצה השם אַ חתונה?" — מיט מזל זאָלט איהר, זאָג איך, לעבען, עס קומט אויס ווי מען זאָגט, דער טאַטע איז נאָך גאָר נישט געבאָרען געוואָרען, איז שוין דער זוהן אויסגעוואַקסען אויפ'ן דאַך... — „בלאָטע, זאָגען זיי, עס וועט אייך גאָר נישט העלפען, רב טביה, משקה מוזט איהר שטעלען, קיין עין־הרע אַזאַ גליק, אַ שמאַלץ־גרוב!" — די שמאַלץ רינט אויס, זאָג איך, די גרוב בלייבט איבער, נאָר פון דעסטוועגען, זאָג איך, קאָן מען קיין חזיר ניט זיין. און פון חברה ניט אָבשטעהן, אָט פאַרטיג איך מיך אָב מיט אַלע מיינע יעהופּעצער בעלי־בתים, זאָג איך, וועט זיין אַ גלעזיל משקה און פאַרבייסען, חי — געלעבט און איין עק, דאָס הייסט: צהלה ושמחה — הוליע קבצן!...

בקצור, אָבגעפאַרטיגט זיך מיט מיין מסחר, גיך און געשווינד ווי געוויינטליך, האָב איך גענומען מיט גוטע ברידער צו ביסליך לחיים, צוגעווינשעוועט זיך איינס דעם אַנדערען ווי עס געהער צו זיין, און איך האָב מיך אויפגעזעצט און בין אַוועק אַהיים לעבעדיג פרעהליך, גאָר בגלופין. פאָהרענדיג אַזוי אין וואַלד, זומער לעבען, די זון באַקט, נאָר

פון ביידע זייטען וואלד דער שאטען פון בוימער, דער ריח פון די סאס־נעם, מחיה־נפשות, ציה איך מיך אוים ווי א גראף אין וועגעלע, לאז נאך מיין חברה־מאן די לייצעם: געה שוין, זאג איך צו איהם, זיי מוחל אליין, דער וועג דארף דיר שוין זיין באקענט — און אליין צעלאז איך מיך אויף א קול און זינג מיר א נגונ'דיל אויפ'ן הארצען. איז עפים יום־טוב'דיג; עס זינגט זיך שטיקליך פון ימים נוראים: „ויאתיו", „וכל מאמינים שהוא" און פון „הלל". איך קוק מיר אהין ארויף אין הימעל אריין, און די געדאנקען — מחשבות פלאנטען זיך דא אויף דער ערד, השמים שמים — די הימלען זענען פאר גאט, והארץ — און די ערד, אזוי טראכט איך מיר, האט ער אוועקגעגעבען לבני אדם — צו די קינדער פון מענשען, זיי זאלען זיך שלאגען קאפ אין וואנד, זיך רייסען ווי די קעץ פאר גרוים „ראסקאש", שלאגען זיך פאר גבאות, פאר „ששי" און פאר „מפטיר"... לא המתים יהללויה, מכות פארשטעהן זיי ווי מע בעדארף גאט לויבען פאר די טובות וואס ער טהוט מיט זיי, ואנחנו, אבער מיר ארעמע לייט, איין טאג א גוטען, אז מיר האבען, דאנקען מיר און לויבען גאט און זאגען: אהבתי איך האב איהם ליב גאט, ווארום ער הערט צו מיין קול און מיין געבעט, ער נייגט צו מיר זיין אויער, בשעת אפפוני עס רינגעלט מיך ארום פון אלע זייטען דלות, צרות, שלעק־פרעניות'ן: דאס פאלט א בהמה אין מיטען העלען טאג, דאס טראגט אן דער גוטער יאהר א קרוב א שלים־מזל, א מין מנחם מענדיל פון יעהופעץ, נעמט צו דאס לעצטע חיות, און איך מיין שוין בחפזי איין עק, די וועלט איז שוין געפאלען, כל האדם כוזב — ניטא קיין אמת אויף דער וועלט, וואס טהוט גאט? שיקט ער אריין לייזער־וואלפען א מחשבה ער זאל נעמען מיין צייטלען ווי זי שטעהט און געהט, דערום זאג איך צוויי מאל אודך, איך וועל דיר לויבען גאטעניו, וואס דו האסט זיך ארום געקוקט אויף טביה'ן און געקומען מיר צו הילף, וועל האבען האטש א שטיקעל נחת פון מיין קינד, אז איך וועל קומען צו איהר צוגאסט, אם ירצה השם, זי טרעפען א בעל־הבית'טע אויף אלעם גרייטען, פולע שאפעס מיט גרעט, פולע שפיזשארנעס מיט פסח'דיגער שמאלץ און מיט איינגעמאכטס, פולע שטייגען מיט עופות, גענז און קאטשקעס... פלוצ/ים צעלאזט זיך דאס פערדיל מיינס אראפ א בארג און איידער איך הויב דעם קאפ א קוק טהון וואו איך בין אין דער וועלט, ליג איך שוין אויף דער ערד מיט אלע ליידיגע טעפליך און קריגליך און דאס וועגעלע אויף מיר! קוים מיט צרות מיט ליידען ארויס־

נעקאַראַטשקעט זיך און אויפגעשטאַנען אַ צעבראָכענער, אַ צעהרגטער, כאָז איך אויס מײַן ביטער האַרץ צום פערדיל. אײַנגעזונקען זאָלסט דו ווערען, ווער האָט דיך געבעטען, שלים מזל, בעוויזען אַ בריה'שאַפט, אַז דו קאָנסט לויפען באַרג אַראָפּ? האָסט דו מיך שיער, זאָג איך, אומגליקליך געמאַכט, דו אַשמדאַי. און איך האָב איהם אײַנגעטהײלט וויפיעל ס'איז אין איהם אַרײַן. מײַן בחור האָט אַ פּנים אַלײן פערשטאַנען, אַז ער האָט דאָ פערשטיפּט אַ מאוסע מעשה, געשטאַנען אַראָבגעלאָזט די מאָרדע, חאָטש מעלק איהם אויס. — חאַפּט דיך דער ווײַטענמאַכער! זאָג איך צו איהם און מאַך צורעכט דאָס וועגעלע, נעם צונויף די כּלים און הלך לעולמו — פאָהר ווײַטער. נישט קײַן גוטער סימן, זאָג איך צו זיך אַלײן; איך האָב מורא, צי עס האָט זיך נישט געטראָפען אין דערהײם עפּיס אַ נײַער אומגליק?... כּך־הוה, איך פאָהר אָב נאָך אַ ווערסט צוויי, שוין נישט ווײַט פון דערהײם, דערזעה איך אין מיטען שליאַך געהט גלײַך אַקעגען מיר אַ מענש אינ'ם געשטאַלט פון אַ נקבה. איך פאָהר צו נעהענטער, קוק מיך אײַן: ציײטעל!... איך ווײס נישט פאַר וואָס, נאָר עס האָט זיך מיר אָבגעריסען אין האַרצען, אַז איך האָב זי דערזעהן. איך שפּרינג אַראָפּ פונ'ם וואָגען: ציײטעל, ס'איז דו? וואָס טחוסטו דאָ? פאַלט זי מיר נישט אויפ'ן האַלז מיט אַ געוויין. גאָט איז מיט דיר, זאָג איך, טאָכטער מײַנע, וואָס ווײנסט דו? — „אוי, זאָגט זי, טאַטע, טאַטע!“... און בעוואַשט זיך מיט טרעהרען. עס איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויגען און פערקלעמט בײַם האַרצען. — וואָס איז דיר, טאָכטער, זאָג מיר, וואָס איז דיר געשעהן? זאָג איך צו איהר און נעם זי אַרום, גלעט זי, האַלז זי, קוש זי, און זי אין אײן קול: — „טאַטע, טאַטע, האַרציגער, געטרײַער, זאָגט זי, דעם דריטען טאָג אַשטיקעל ברויט, האָב רחמנות, זאָגט זי, אויף מײַנע יונגע יאָהר!“... און פערגעהט זיך פאַר געוויין, קאָן מעהר קײַן וואָרט נישט אויסרעדען. אַז אָך און וועה איז מיר, טראַכט איך, איך שטוים מיך שוין, וואָס דאָ איז; דער רוח האָט מיך אַוועקגעטראָגען קײַן בויבעריק! וואָס בעדאַרף מען ווײנען, זאָג איך צו איהר, און גלעט זי בײַם קאָפּ, נאַרעלע, וואָס בעדאַרף מען ווײנען? ממה־נפשך, זאָג איך, נײן איז נײן, מע וועט דיר מיט גוואַלד הלילה קײנער נישט אָנהײנגען אַ לונג און לעבער אויף דער נאָז; מיר האָבען, זאָג איך, געמײנט דײַן טובה טאַקי; געוואָלט ווי צום בעסטען; אָלא ס'איז דיר ניט צום האַרצען, וואָס זאָל מען טהון? מסתמא, זאָג איך, איז נישט בעשערט... — „אַ דאַנק דיר, זאָגט זי, טאַטע,

לאַנג לעֶבּעֶן זאָלסט דו", און פאַלט מיר װידער אויפ'ן האַלז און הויבּט
װידער אָן צו קושען מיך און װײנען, גיסען מיט טרעֶהרעֶן. — אָבער לאָז
שוין זײַן גענוג געװײנט, זאָג איך, הכּל הבל — קרעֶפּליך עֶסען קעֶן אויך
נמאָס װערען; קריך, זאָג איך, אין װאָגען אַרײַן און לאָמיר פאָהרעֶן
אַהײם, די מאַמע, זאָג איך, װעט דאָרטעֶן איבּערטראַכטען מי יודע װאָס!
בּקצור, מיר האָבּען זיך בּײדע אַרײַנגעזעצט אין װאָגען אַרײַן און
איך האָבּ אָנגעהויבּען אײַנצושטילען זי מיט רײד, אַהין, אַהער. די קשיה
דערפּון, זאָג איך, איז דאָך אַזוי; מיר האָבּען, זאָג איך, דערבּײַ חלילה
קײַן שום שלעבּטע מחשבה נישט געהאַט; גאָט איז יודע דעם אמת, מיר
האָבּען געװאָלט, װי זאָגט ער, לעת־צרה בּעֶװאָרענען אַ קינד; אַי עֶס
לאָזט זיך נישט, מסתּמא, זאָג איך, הײסט גאָט אַזוי; נישט בּעֶשערט, זאָג
איך, דיר, טאָכטער מײַנע, קומען אויפ'ן גרײטען, װערען אַ בּעל־הבּית'טע
אויף אַלדעם גוטס, און אונז אַשטיקעל נחת דערלעֶבּען, זאָג איך, אויף
די עֶלטערע יאָהרען, פאַר אונזער האָרעװאַניע, זאָג איך, טאָג װי נאַכט
אין דער טאַטשקע אײַנגעשפּאַנט, קײַן גוטע מינוט, נאָר דלות, נאָר
דחקות, נאָר שלים־שלים־מזל אַרום און אַרום!... „אַי, טאַטע, זאָגט זי
צו מיר װידער מיט אַ געװײן, איך װעל מיך שטעלען, זאָגט זי, פאַר
אַ דינסט, לײם װעל איך טראָגען, ערד װעל איך גראָבּען!"... — װאָס
װײנסטו, נאַריש מײדעל, זאָג איך צו איהר, איך זאָג דיר דען עפּיס,
נאַרעלע? צי איך האָבּ טענות צו דיר? גלאַט, זאָג איך, ס'איז בּיטער
און פינסטער, רעד איך מיר אויס דאָס האַרץ, שמועס מיך אויס מיט
איהם, מיט'ן רבּונו של עולם, װי אַזוי ער פיהרט מיט מיר; ער איז,
זאָג איך, אַיין אב־הרחמן, האָט רחמנות אויף מיר, פּײַנט זיך אויס
קעגען מיר, זאָל נישט שטראָפען פאַר די רײד, זאָג איך, רעכענט זיך
װי מיט אַ טאַטען און געה שרײַ חי־וקים! נאָר מסתּמא, זאָג איך,
בּעדאַרף אַזוי צו זײַן; ער איז אויבּען, אין דער הויך, זאָג איך, און מיר
זענען דאָ, אין דער ערד, טיף, טיף אין דער ערד, מוזען מיר זאָגען,
אַז ער איז גערעכט און זײַן משפּט איז גערעכט. װאָרום אַז מיר זאָלען
װעלען שמועסען טאַקי דאָס אײגענע װידער צוריק, בּין איך דען נישט
קײַן גרויסער נאַר? װאָס שרײַ איך? װאָס פילדער איך? װאָס הײסט,
זאָג איך, איך, קלײן װערמיל, װאָס פּויזשע אַרום דאָ אויף דער ערד,
װאָס אַ מינדעסט װינטעלע אַז גאָט װיל נאָר, מאַכט פון מיר אַ תּל־עולם
אין אײן כּהרף־עין, שטעל איך מיך אַרום מיט מײַן נאַרישען שׂכל און
װיל איהם זאָגען דעות װי אַזוי צו פיהרען דאָס װעלטיל זײַנס? מסתּמא,

אַז ער הײסט אַזוי, בעדאַרף זײַן אַזוי, וואָס העלפט דאָ טענות? פערציג טעג, זאָג איך, אַזוי שטעהט געשריבען בײַ אונז אין די הײליגע ספרים, פערציג טעג פאַר דעם אײדער דאָס קינד ווערט בעשאַפען בײַ דער מוטער אין בויך, קומט אַ מלאך און שרײַט אוים: בת פלוני לפלוני, לאָז טביה'ס טאָכטער נעהמען געציל בן זרח'ן, און לײזער־וואָלף דער קצב לאָז מוחל זײַן פאָהרען ערגיץ אַנדערש זוכען זיך זײַן גלײַכען; זײַנם וועט איהם נישט אַנטלויפען, און דיר, זאָג איך, לאָז גאָט צושיקען דײַן זווג, נאָר עפּים אַ רעכטס, און וואָס צום גיכסטען. אָמן, כן יהי רצון! זאָג איך, די מאַמע זאָל חאָטש אַזוי נישט שרײַען, איך וועל שוין פון איהר חאַפּען אַ גוטען פּסק!...

בקצור, מיר זענען געקומען אַהײם, אויסגעשפּאַנט דאָס פערדיל און אַוועקגעזעצט זיך בײַ דער שטוב אויפ'ן גראָז עפּים צו טראַכטען אײן עצה, אויסקלעהרען פאַר מײַן ווײַב אַ מעשה פון טויזענד אײן נאַכט, אַבי אַרוים פון אַ צרה. פאַר נאַכטליך, די זון זעצט זיך, זומערלעבען, די זשאַבעס פון דערווײַטען קוואַקען, דאָס פערדיל, געפּענטעט אויף צוויי פּיס, שטשיפּעט גראָז; די בהמה'ליך, נאָר וואָס געקומען פון דער טשערעדע, שטעהן איבער די ציבערס און וואַרטען מען זאָל זײ אויסמעלקען; אַרום און אַרום דאָס גראָז שמעקט — גאָר אַ גן־עדן! איך זיץ מיר אַזוי און בעטראַכט דאָס אַלסדינג און קלעהר מיר בשעת־מעשה ווי קלוג דער רבונו של עולם האָט דאָס בעשאַפען דאָס וועלטיל זײַנם, אַזוי אַז איטליכעס בעשעפעניש, פונ'ם מענשען ביז להבדיל אַ בהמה, זאָל זיך פערדינען זײַן ברויט — אומזיסט איז נישטאָ! דו, בהמה, ווילסט זיך פרעסען — געה מעלק זיך, גיב מילך, זײ מפרנס אַ יוד מיט ווײַב און קינדערליך! דו, פערדיל, ווילסט קײַען — לויף אַלע מאָל הין און צוריק מיט די טעפּליך קײַן בויבעריק! און דעסטגלײַכען דו, מענש, להבדיל, ווילסט אַ שטיקעל ברויט — געה האָראָווע, מעלק די בהמות, טראָג זיך מיט די קריגליך, שלאָג פּוטער, מאַך קעז, שפּאַן דאָס פערדיל און שלעפּ זיך אַלע פריה־מאָרגען קײַן בויבעריק אויף די דאַטשעס, נײַג זיך און בוק זיך צו די יעהופּעצער גבירים, שמײַכעל צו זײ, חנפה זײ, קריך זײ איטליכען בעזונדער אין דער נשמה אַרײַן, גיב אַכטונג זײ זאָלען זײַן צופרידען, חלילה נישט אָנריהרען זײ אין כבוד!... אַי בלײַבט דאָך אַ קשיה: מה־נשתנה? — וואו שטעהט דאָס געשריבען, אַז טביה בעדאַרף האָראָווען פון זײַערט־וועגען, אויפשטעהן גאַנץ פריה ווען גאָט אַלײן שלאָפט נאָך, וואָס איז? בכדי זײ זאָלען האָבען פּונקט צו דער קאַווע אַ פריש שטיקעל קעז און

פוטער? וואו שטעהט דאָס געשריבען, אַז איך בין מחויב אויסגעריסען ווערען צוליעב אַ שיטערען קרופניק, אַ קאַליש מיט גרויפען, און זיי, די יעהופּעצער נגידים, בעראַרפען אויסרוהען די ביינער אויף די דאַטשעס, נישט טהון קיין האַנד אין קאַלט וואַסער און עסען דוקא געבראָטענע קאַטשקעליך און דוקא גוטע קנישעס, מלינצים מיט ווערטאָטען? בין איך דען נישט אַזאַ יוד ווי זיי? וואָלט דען נישט געוועזען קיין יושר כ׳לעבען, אַז טביה זאָל זיך אַוועקזעצען האָטש איין זומער אויף אַ דאַטשע? אַ וואו ווערט מען נעהמען קעז און פוטער? ווער וועט מעלקען די בהמות? טאַקי זיי, די יעהופּעצער סטעקראַטען מיין איך... און איך צעלאַך מיך אַליין פון אַזאַ משוגענעם געדאַנק, ווי זאָגט די ווערלט אַ ווערטיל: אַז גאָט זאָל האָרכען די נאַראָנים, וואָלט די וועלט געהאַט איין אַנדער פּנים... — „אַ גוטען אָבענד, רב טביה!“ הער איך עמיצער רופט מיך אָן בײַם נאָמען. איך דרעה מיך אַרום. איך טהו אַ קוק — אַ בעקאַנטער מאָטעל קאַמזויל, אַ שניידערייונג פון אַנאַטעווקע. — ברוך־הבא, זאָג איך, סקאָצעל קומט, מע זאָל דערמאָהנען משיח׳ן, זיץ מאָטעל אויף גאָטס ערד, זאָג איך, ווי קומסט דו פלוצים אַהער? — „ווי איך קום? מיט די פיס“ — מאַכט ער צו מיר און זעצט זיך אַוועק געבען מיר אויפ׳ן גראָז און קוקט אַהין, וואו מיינע מיידליך דרעהען זיך אַרום מיט די טעפּליך און מיט די קריגליך. — „איך קלויב מיך שוין לאַנג צו אייך, רב טביה, מאַכט ער צו מיר, נאָר איך האָב אַלץ קיין צייט נישט; איין שטיקעל אַרבייט אַרויסגעלאָזט, דאָס אַנדערע גענומען: איך בין מיר היינט אַליין פאַר זיך אַ שניידער, אַרבייט איז פאַראַן ברוך־השם גענוג, אַלע שניידערס זענען פערוואָרפען מיט אַרבייט, ס׳איז בײַ אונז משך אַ זומער פון חתונות: בעריל פאָנפאַטש מאַכט חתונה; יוסיל שײַגעץ מאַכט חתונה; מענדיל זאַאיקע מאַכט חתונה; יענקעל פּיס־קאַטש מאַכט חתונה; משה גאָרגעל מאַכט חתונה; מאיר קראָפּעווע מאַכט חתונה; חיים לאָשעק מאַכט חתונה און אפילו טריהובעכע די אלמנה מאַכט אויך חתונה!“ — די גאַנצע וועלט, זאָג איך, מאַכט חתונה, נאָר איך איינער האַלט נאָך נישט דערבײַ; מסתמא בין איך נישט ווערט בײַ גאָט... — „ניין, מאַכט ער צו מיר און קוקט אַהין וואו די מיידליך זענען, איהר האָט אַ טעות, רב טביה; איהר זאָלט ווען, וואָלט איהר אויך געהאַלטען איצט בײַ חתונה מאַכען, עס ווענדט זיך נאָר אָן אייך...“ — דהיינו, זאָג איך, וואו אַרום? אפשר מיינסט דו אַ שדוך פאַר מיין ציילען? —

„ווי געמאָסטען!" מאַכט ער צו מיר. — חאָטש עפּיס אַרעכטען שדוך? זאָג איך, און טראַכט מיר בשעת־מעשה עס וועט זײַן שען, טאָמער מײַנט ער לײַזער־וואָלף דעם קצב!... „טשאַקענדיג און קנאַקענדיג!" ענטפערט ער מיר אויף שנײַדער־לשון און קוקט אַלץ אַהין, וואו די מײדליך זענען. — פון וואַנען, למשל, איז דער שדוך דײַנער, פרעג איך איהם, פון וואָסערע קאַנטען? אויב ער שמעקט מיט יאַטקע. זאָג איך, וויל איך גאָר נישט הערען, נישט זעהען! — „חס וחלילה, זאָגט ער, ער הויבט נישט אָן שמעקען מיט יאַטקע; איהר קענט איהם, רב טביה, זעהר גוט!"... איז דאָס חאָטש, זאָג איך, עפּיס אַגלײַכע זאַך? — „נאָך אַמין גלײַך, זאָגט ער, גלײַך צו גלײַך איז נישט גלײַך; ס'איז ווי מע זאָגט, אגיל ואשמח — צוגעשניטען און אויפגענײַט!"... ווער־זשע איז דער שדוך, זאָג איך, לאָמיר האָרכען? — „ווער דער שדוך איז? מאַכט ער און קוקט אַלץ אַהין; דער שדוך איז, פערשטעהט איהר מיך, רב טביה, טאַקי איך אַליין"... ווי ער האָט דאָס מיר נור אויסגערעדט, אַזוי בין איך אונטערגעשפּרונגען, ווי אַ אָבגעבריהטער, פון דער ערד, און ער נאָך מיר, און אַזוי זענען מיר געבליבען שטעהן אײנער אַקעגען אַנדערען, אָנגערראָדעלט ווי די האָהנען. צי דו ביזט משוגע געוואָרען, זאָג איך איהם, צי דו ביזט גלאַט אַזוי אַראָפּ פון'ם זינען? ביזט אַליין דער שדכן, אַליין דער מחותן און אַליין דער חתן, דאָס הײַסט אַ אײגענע חתונה מיט אײגענע כלי־זמר; איך האָב נאָך, זאָג איך, אַזעלכעס נישט געהערט אין ערגיץ, אַז אַ בחור זאָל זיך אַליין רעדען אַ שדוך! — „דאָס וואָס איהר זאָגט, רב טביה, מאַכט ער צו מיר, אַז איך בין משוגע, לאָזען אונזערע שונאים משוגע ווערען, איך בין נאָך, מעגט איהר מיר גלויבען, בײַ אַלע געדאַנקען; מע בעדאַרף גאָר נישט זײַן, זאָגט ער, משוגע, אַז מע זאָל וועלען אײַער צײַטלען; אַ סימן האָט איהר, אַז לײַזער־וואָלף, וואָס איז דער גרעסטער נגיד בײַ אונז אין שטאָדט, האָט זי געוואָלט נעהמען ווי זי שטעהט און געהט... איהר מײַנט ס'איז אַ סוד? דאָס גאַנצע שטעדטיל ווײסט שוין!... און דאָס וואָס איהר זאָגט, אַליין אָהן אַ שדכן, איז מיר אַ חדוש, זאָגט ער. אויף אײַך; איהר זענט דאָך, רב טביה, עפּיס יאָ אַ יוד וואָס קאָטאָרי קײַן פינגער אין מויל בעדאַרף מען אײַך נישט אַרײַנלײגען, איהר וועט אָפּבײַסען... נאָר וואָס טויג לאַנגע שמועסען? די מעשה פון דער געשיכטע, זאָגט ער, איז אַזוי: איך און אײַער טאָכטער צײַטעל האָבען זיך געגעבען דאָס וואָרט שוין לאַנג, שוין העכער אַ יאָהר, אַז מיר זאָלען זיך נעהמען"... אַ מעסער

אין האַרצען ווען עס׳צער זעצט מיר אַריין וואָלט מיר געווען אַ סך מעהר ניחא ווי די דאָזיגע ווערטער: ערשטענס, ווי קומט ער, מאָטעל שניידער, צו טביה׳ן פאַר אַיין אייִדעם; והשנית, וואָס איז דאָס פאַר דבורים: זיי האָבען זיך געגעבען דאָס וואָרט, אַז זיי זאָלען זיך נעהמען? — נו, און וואו בין איך? רוף איך מיך אָן צו איהם; עפּיס האָב איך אויך אַ שטיקעל דעה צו זאָגען אויף מיין קינד, צו מיך פרעגט מען שוין גאָר נישט? — „חס וחלילה, מאַכט ער, דערויף בין איך דאָך טאַקי געקומען צו אייך איבערעדען, אַזוי ווי איך האָב דערהערט, אַז לייזער-וואָלף שדכנ׳ט זיך צו אייער טאָכטער, וואָס קאַטאָרי שוין העכער אַ יאָהר אַז איך האָב זי ליעב"... — סאַ-משל, זאָג איך, אַז טביה האָט אַ טאָכטער צייטעל, און דו הייסט מאָטעל קאַמזויל און ביזט אַ שניידער, הייַנט וואָס האָסט דו צו איהר, דו זאָלסט זי פיינד האָבען?... — „ניין, מאַכט ער, נישט דאָס מיין איך, איך מיין גאָר עפּיס אַנדערש. איך האָב אייך געוואָלט דערצעהלען, אַז איך האָב ליעב אייער טאָכטער, און אייער טאָכטער האָט מיך ליעב, שוין העכער אַ יאָהר, זיך געגעבען דאָס וואָרט מיר זאָלען זיך נעהמען. האָב איך, זאָגט ער, עטליכע מאָל געוואָלט זיין ביי אייך איבערעדען, נאָר אַלץ אָבגעלייגט אויף שפּעטער, ביז איך וועל מיר צונויפשלאָגען עטליכע קערבליך אויף אַ מאַשין און נאָכדעם ערשט אויסקליידען זיך ווי עס געהער צו זיין, ווארום אַ ליאַדע בחור׳ל הייַנטיגע צייַטען האָט צוויי קאָסטיומען מיט עטליכע קאַמזוילען"... — טפו זאָלט איהר ווערען, מאַך איך צו איהם, מיט אייער קינדערשען שכל! און וואָס וועט איהר טהון נאָך דער חתונה, — פערוואַרפען די צייהן אויף די בענטאַנעס, צי דו וועסט האָדעווען דיין ווייב מיט קאַמזוילען?... — „ע, מאַכט ער צו מיר, אויף אייך איז מיר, רב טביה, אַ חדוש איהר זאָלט אַזעלכעס זאָגען! איך מיין, אַז איהר האָט חתונה געהאַט האָט איהר, דאַכט מיר, קיין אייגענעם מויער נאָך נישט געהאַט, פון דעסטוועגען זעהט איהר דאָך... ממה-נפשך, וואָס עס וועט זיין מיט כל-ישראל וועט זיין מיט רב ישראל... הייַנט בין איך דאָך אַ שטיקעל בעל-מלאכה אויך"...

בקצור, וואָס זאָל איך דאָ לאַנג מאריך זיין, ער האָט מיך איבערגערעדט, ווארום — למאי זאָלען מיר זיך נאַרען ווי אַזוי האָבען אַלע יודישע קינדער חתונה? אַז מע זאָל וועלען קוקען אויף די זאַכען, וואָלט אונזער גראַד קיינמאָל נישט בעדאַרפט חתונה האָבען... איין זאַך האָט מיר נאָר פערדראָסען און האָב דאָס נישט געקענט פערשטעהען בשום-

אופן: וואָס הייסט זיי אַליין האָבען זיך געגעבען דאָס וואָרט? וואָס איז דאָס פאַר אַ וועלט געוואָרען? אַ בחור בעגעגענט זיך מיט אַ מיידעל און זאָגט צו איהר: לאָמיר זיך געבען דאָס וואָרט אז מיר זאָלען זיך נעהמען... עפּים גלאַט הפקר—ציבעלעס!... נאָר אַז איך האָב אַ קוק געטהון אויף מיין טאַטלען, ווי ער שטעהט זיך אַזוי דער קאָפּ אַראָבגעלאָזט, ווי אַ זינדיגער מענש, מיינט דאָס גאַנץ ערנסט, אָהן אַ שום חכמות דערביי צו האָבען, האָב איך מיך מישב געווען: לאָמיר זיך נאָר גוט בעטראַכטען טאַקי דאָס אייגענע ווידער צוריק, וואָס ברעקעל איך מיך אַזוי און וואָס מאַך איך דאָ אָנשטעלען? דער גרויסער מיוחס וואָס איך בין, רב צאָצעלעס איין אייניקעל, צי די נוזמות נדן וואָס איך גיב מיין טאָכטער, צי די הלבשה איהרע, מישטיינס געזאָגט?... מאָטיל קאַמזויל איז טאַקי אַ שניידער, ער איז אָבער אַ גאַנץ פיין בחור'ל, אַ אַרבייטס יונג, קאָן געבען אַ ווייב ברויט, און דערצו נאָך אַ ערליך יונגעל אויך, היינט וואָס האָב איך צו איהם? — טביה, זאָג איך צו מיר אַליין, מאַך נישט קיין פוילע תנועות און זאָג באָם, ווי אין פּסוק שטעהט: סלחתי כדבריך — לאָז זיין מיט גליק!... יאָ, וואָס טהוט מע אָבער מיט מיין אַלטער? איך וועל דאָך פון איהר האָבען, ווי זאָגט ער, בסוסים ובגמלים — אויף שיסעל און אויף טעלער! ווי אַזוי פיהרט מען זי אַרויף, אַז עס זאָל ביי איהר ווערען רעכט?... ווייסט דו נאָר וואָס, מאָטעל? רוף איך מיך אָן צו מיין חתן — דו געה דיר אַהיים, איך וועל מיר דאָ דערווייל צורעכט מאַכען אַלץ וואָס מע בעדאַרף, איבערשמועסען מיט דעם, מיט יענעם, ווי אין דער מגילה שטעהט: והשתיה כדת — אַלסדינג דאַרף זיין בעטראַכט, און אם ירצה השם מאָרגען, אויב דו וועסט ביז דעמאָלט קיין חרטה נישט האָבען, וועלען מיר זיך מסתמא זעהען... — „חרטה? מאַכט ער צו מיר, איך וועל האָבען חרטה? איך זאָל נישט דערלעבען אַוועקגעהן פון דעם אָרט, עס זאָל פון מיר ווערען, זאָגט ער, אַ שטיין, אַ ביין"!... — צי וואָס טויג דיר נאָך דאָס שווערען זיך, וואָס דו שווערסט זיך, זאָג איך איהם, אַז איך גלויב דיר אָהן אַ שבועה? געה געזונד, זאָג איך, און אַ גוטע נאַכט און לאָזען זיך דיר חלומ'ען גוטע חלומות... און אַליין לייג איך מיך אויך שלאָפען, נאָר עס נעהמט מיך נישט קיין שלאָף; דער קאָפּ ווערט מיר שיער נישט צעפּאַלען אויף שטיקליך טראַכטענדיג אַזאַ פּלאַן און אַזאַ פּלאַן, ביז איך בין געפאַלען אויף דעם רעכטען פּלאַן: וואָס־זשע איז דער פּלאַן? אָט וועט איהר הערען, ווי אַזוי טביה פאַלט אויף אַ גלייכס.

בקצור, ארום האַלבע נאַכט די גאַנצע שטוב שלאָפט געשמאַק, דער חראָפּעס, דער פּײַפט, בין איך מיך מישב און הויב אָן צו שרײַען נישט מיט מײַן קול: געוואַלד! געוואַלד! געוואַלד!... סע פערשטעהט זיך אז אויף מײַן געוואַלד האָט זיך די גאַנצע שטוב אויפגעחאַפּט און פריהער פון אַלעמען גאָלדע. „גאָט איז מיט דיר, טביה, מאַכט זי צו מיר און טרעסעלט מיך, שטעה אויף, וואָס איז דיר אַזעלכעס, וואָס געוואַלדעוועסט דו?“... איך עפען אויף די אויגען, קוק מיך אַרום כלומר'שט אויף אַלע זײַטען און רוף זיך אָן מיט אַ ציטערניש: — וואו איז זי ערגיץ? — „ווער איז? וועמען זוכסט דו“? — פרומע־שרה'ן, זאָג איך, פרומה שרה לײַזער־וואָלפס איז דאָ נור וואָס געשטאַנען... — „דו רעדסט פון היטץ, מאַכט צו מיר מײַן ווײַב, גאָט איז מיט דיר, טביה! פרומע־שרה לײַזער־וואָלפס, זאָל זײַן אָבגעשיידט איז שוין לאַנג אויף דער אמת'ער וועלט“. — „איך ווײס, זאָג איך, אז זי איז געשטאָרבען, נאָר זי איז אָבער פאָרט געוועזען נור־וואָס אָט דאָ בײַ מײַן בעט גערעדט מיט מיר, זי האָט מיך אָנגענומען, זאָג איך, בײַם גאָרגעל, מיך געוואָלט וואָרגען!... — „גאָט איז מיט דיר, טביה, וואָס פלאַפּעלסט דו, מאַכט צו מיר מײַן ווײַב: דו האָט זיך דיר געקעהרט חלום'ען אַ חלום; שפּײַ אויס דרײַ מאָל און דערצעהל מיר, וואָס האָט זיך דיר געחלומט, וועל איך דיר אויסלײגען צו גוטען“. — לאַנג לעבען זאָלסט דו גאָלדע, מאַך איך צו איהר, וואָס דו האָסט מיך אויפגעמונטערט, ווען נישט וואָלט איך פאַר שרעק געקלאַפּירט אויף'ן אָרט. געב מיר, זאָג איך, אַ טרונק וואַסער, וועל איך דיר דערצעהלען דעם חלום וואָס האָט זיך מיר געחלומט. נאָר בעטען וועל איך דיך, גאָלדע, זאָלסט זיך נישט שרעקען און נישט איבערקעהרען חלילה גאָט ווײסט וואָס, ווארום אין די הײליגע ספרים בײַ אונז שטעהט געשריבען, אז נאָר דרײַ חלקים פון אַ חלום קאָן אַמאָל מקוים ווערען, און דאָס איבריגע איז בלאָטע, שקרים וכזבים, נישט געשטויגען נישט געפלויגען... קודם־כל, זאָג איך, האָט זיך מיר געחלומט, אז ס'איז בײַ אונז אַ שמחה; איך ווײס נישט צו אַ קנס־מאָל, צו אַ חתונה, מענשען אַ סך, יודען און ווײַבער, דער רב און דער שוחט, הײַנט כלי־זמר... דערווײַל עפענט זיך די טהיר און עס קומט אַרײַן דײַן באָבע צײַטעל עליו־השלום... מײַן ווײַב האָט דערהערט די באָבע צײַטעל איז זי שוין געוואָרען טוידט ווי די וואַנט און רופט זיך אָן צו מיר: „ווי אַזוי איז זי אויפ'ן פּנים און וואָס איז זי געגאַנגען אָנגעטהון?“ — אַ פּנים האָט זי, זאָג איך, אויף אַלע אונזערע שונאים, געל אַזוי ווי וואַקס, און אָנגעטהון

געוויינטליך אין ווייסען, אין תכריכים... „מזל טוב! מאכט צו מיר די באבע צייטעל; איך האב נחת, וואס איהר האט אויסגעקליבען פאר אייער צייטלען, וואס זי טראגט מיין נאמען, אזא פיינעם חתן, א לייטישען; ער הייסט מאטעל קאמזויל, נאך מיין פעטער מרדכי, און חאטש ער איז א שניידער, פונדעסטוועגען איז ער זעהר א עהרליך קינד"... — פון וואנען, רופט זיך אן גאלדע, האט זיך צו אונז גענומען א שניידער? אין אונזער משפחה, זאגט זי, זענען פאראן מלמדים, חזנים, שמשים, קברות יורען, און גלאט אזוי ארימע לייט, נאר נישט, חלילה, קיין שניידערס און נישט קיין שוסטערס... — שלאג זשע מיר נישט איבער, גאלדע, זאג איך צו איהר, מסתמא ווייסט דיין באבע צייטעל בעסער פון דיר... אז איך האב דערהערט פון דער באבע צייטעל אזא מזל־טוב, רוף איך מיך אן צו איהר: וואס זאגט איהר עפיס, באבעניו, אז צייטעלס חתן הייסט מאטעל און ער איז א שניידער, אז בסך־הכל הייסט ער לייזער־וואלף און ער איז גאר א קצב?... — „ניין, רופט זיך אן די באבע צייטעל נאך א מאל, ניין, טביה, דיין צייטעלס חתן הייסט טאקי נאר מאטעל, ער איז א שניידער, און מיט איהם וועט זי זיך עלטערען אם־ירצה־השם אין עושר און אין כבוד"... רעכט, באבעניו, זאג איך צו איהר נאך אמאל, וואס־זשע טהוט מען מיט לייזער־וואלפען? ס'טייטש איך האב דאך איהם ערשט נעכטען געגעבען דאס ווארט!... — איך האב גאר אויסגערעדט די דאזיגע ווערטער, איך טהו א קוק — נישטא די באבע צייטעל! אויף איהר ארט איז אויסגעוואקסען פרומע־שרה לייזער־וואלפס און מאכט צו מיר כהאי לישנא: „רב טביה! איך האב אייך געהאלטען תמיד פאר א עהרליכען, פאר א יודען מיט תורה, ס'טייטש ווי קומט דאס איהר זאלט טהון אזא זאך, איהר זאלט וועלען אז אייער טאכטער זאל מיך יורש'נען, זיצען אין מיין שטוב, האלטען מיינע שליסעל, אנטהון מיין מאנטעל, טראגען מיינע צירונג, מיינע פערעל?"... וואס בין איך שולדיג, מאך איך צו איהר, אייער לייזער וואלף האט אזוי געוואלט... „לייזער וואלף? מאכט זי צו מיר, לייזער וואלף וועט האבען א ווינסטען סוף, און אייער צייטעל... א רחמנות נעביך, רב טביה, אויף אייער טאכטער; מעהר ווי דריי וואכען וועט זי מיט איהם נישט לעבען; און אז עס וועט אויסגעהן די דריי וואכען, וועל איך קומען צו איהר ביי נאכט און וועל זי אנגעמען ביים האלז אט אזוי א..." און מיט די ווערטער, זאג איך, האט מיך פרומע שרה אנגענומען ביים גארגעל און האט מיך אנגעהויבען צו ווארגען, אזוי אז ווען נישט דו זאלסט מיך

געשען אויפוועקען, וואָלט איך שוין איצטער אָנגעשפּאַרט זייט־ווייט!... —„טפו=טפו=טפו! מאַכט צו מיר מיין ווייב און שפּייט אוים דריי מאָל דריי; אין טייך זאָל דאָס פאַלען, אין דער ערד זאָל דאָס זינקען, אויף בוידעמס זאָל דאָס קלעטערען, און וואַלד זאָל דאָס רוהען, נאָר אונז און אונזערע קינדער זאָל דאָס נישט שאַדען! אַ בייזער, אַ ווילדער, אַ פינסטערער חלום אויף דעם קצב'ס קאָפּ און אויף זיינע הענד און פיס, לאָז ער זיין די כפּרה פאַר מאָטעל קאַמזול'ס מינדסטען נאָגעל, חאָטש ער איז אַ שניידער, וואָרום אַז ער הייסט נאָך מיין פעטער מרדכי, איז ער געוויס נישט קיין געבאָהרענער שניידער, און מסתמא אַז די באָבע עליה־השלום איז זיך מבדיח פון יענער וועלט קומען אהער צו אָבגעבען מזל־טוב, בעדאַרפען מיר זאָגען סע זאָל זיין אין אַ גוטער שעה אַ מזל'דיגער, אמן סלה!"... —

— — — — — — — — — — — — — — — —

בקצור, וואָס זאָל איך אייך לאַנג מאריך ימים זיין. איך בין געוועזען שטאַרקער פון אייזען, אַז איך האָב יענע נאַכט אויסגעהאַלטען און בין נישט צעשפּרונגען געוואָרען, ליגענדיג אונטער דער קאָלדרע פאַר געלעכטער... ברוך שלא עשני אשה, — אַ אידינע בלייבט אַ אידינע... סע פאַרשטעהט זיך, אַז אויף מאָרגען איז געוועזען ביי אונז דאָס קנס־מאָל און טאַקי באַלד נאָכדעם די חתונה, אויף גמרא־לשון: הא גברא והא טרסקא, און דאָס פּאָר=פאָלק, ברוך השם, לעבט זיך גאַנץ צופרידען: ער איז זיך אַ שניידער, געהט אַרום אין בויבעריק פון איין דאַטשע אין דער אַנדערער אָננעמען אַרבייט, און זי טאָג ווי נאַכט אין דער יאָך, קאָכט און באַקט און וואַשט און שמירט און טראָגט וואַסער, קוים קוים דאָס שטיקעל ברויט אין שטוב; איך זאָל איהר נישט ברענגען אַ מאָהל אַ ביסעל מילכיגס, אַמאָל עטליכע גראָשענס, וואָלט געווען גאָר נישט גיט — און רעד מיט איהר, זאָגט זי אַז ס'איז איהר קיין עין־הרע גוט ווי די וועלט, אַבי, זאָגט זי, איהר מאָטעל זאָל איהר זיין געזונד. — נו, געהט טענ'ט מיט היינטיגע קינדער! עס קומט אוים, ווי איך האָב אייך געזאָגט פונ'ם אָנהויב: בנים גדלתי ורוממתי — האָרעוועַ פון קינדערס וועגען, שלאָג זיך קאָפּ אין וואַנד, והם פשעו בי — זאָגען זיי, אַז זיי פאַרשטעהן בעסער. ניין, זאָגט אייך וואָס איהר ווילט — היינטיגע קינדער זענען צו קלוג! נאָר מיר דאַכט, אַז איך האָב אייך היינט אָנגעדולט אַ קאָפּ מעהר ווי אַלע מאָל האָט מיר קיין פאַראיבעל נישט, זייט מיר געזונד און האָט איך אַ גוטען תמיד!

4
האָדל

הָאדְל.

איהר חדושט זיך, פאני שלום־עליכם, אויף טביה'ן וואָס מע זעהט איהם נישט? ער האָט זיך, זאָגט איהר, שטאַרק אַ רוק געטהון. מיט אַ מאָל, זאָגט איהר, גרוי געוואָרען? עך־עך־עך! ווען איהר זאָלט וויסען מיט וואָס פאַר צרות, מיט וואָס פאַר ווערהמאַגען אָט דער טביה טראָגט זיך אַרום! ווי אַזוי שטעהט דאָרט ביי אונז געשריבען: אדם יסודו מעפר וסופו לעפר, אַ מענש איז שוואַכער פון אַ פליג און שטאַרקער פון אייזען... טאַקי נאָר אַ באַשרייבונג מיט מיר! וואו ערגיץ אַ שלאַק, אַ צרה, אַן אָנשיקעניש — מיך אויסמיידען טאָר עס נישט. פון וואַנען נעהמט זיך עס, ווייסט איהר נישט? אפשר דערפון, וואָס בטבע בין איך אַ פתי יאמין, וואָס גלויבט איטליכען אויף נאָמנות? טביה פאַרגעסט וואָס אונזערע חכמים האָבען אונז אָנגעזאָגט טויזענד מאָל: כבדהו וחשדהו. בלשון אַשכנז הייסט עס: „נע וויר סאָבאַקי"... נאָר וואָס זאָל איך טהון, פרעג איך אייך, אַז ס'איז ביי מיר פאָרט אַזאַ טבע? איך בין, ווי איהר ווייסט, אַ גרויסער בעל־בטחון און האָב צו דעם וואָס לעבט אייביג קיין מאָל קיין טענות נישט; ווי אַזוי ער פיהרט, אַזוי איז גוט; וואָרום פרובט זיך אדרבה פאַרקעהרט, האָט יאָ טענות, וועט זיך אייך עפּיס העלפען? אַז ווי באַלד מיר זאָגען אין די סליחות: „הנשמה לך והגוף שלך", היינט וואָס ווייסט אַ מענש און וואָס האָט ער פאַר אַ „ווערדע"? שטענדיג טענה איך אָבער מיט איהר, מיט מיינער הייסט דאָס: „גאָלדע, זאָג איך, דו זינדיגסט! פאַרהאַן, זאָג איך, ביי אונז אַ מדרש"... „וואָס מיר מדרש, זאָגט זי, מיר האָבען, זאָגט זי, אַ טאָכטער אויף חתונה צו מאַכען; און נאָך דער טאָכטער, קיין עין הרע, געהען נאָך צוויי טעכטער; און נאָך די צוויי נאָך דריי, קיין בייז אויג זאָל נישט שאַדען!..." — „עט, זאָג איך, ס'איז בלאָטע, גאָלדע! אונזערע חכמים, זאָג איך, האָבען דאָס אויך באַוואָרענט; ס'איז פאַרהאַן, זאָג איך, דערויף אויך אַ מדרש..." לאָזט זי זיך נישט

רײדען: „טעכטער, זאָגט זי, דערוואַכסענע זענען אַלײן אַ גוטער מדרש"..
און געהט טענה'ט מיט אַ יודינע!

הקיצור, פון דעם זעהט איהר אַרױס, אַז ס'איז פאַרהאַן, ס'איז
דאָ קײן עין הרע בײַ מיר סחורה אױף אױסצוקלױבען, און דוקא פײַנע
סחורה, נישט צו פאַרזינדיגען, אײנע שענער פון דער אַנדערער. ס'איז
נישט שײך אַז איך אַלײן זאָל לױבען מײַנע קינדער, נאָר איך הער
װאָס די װעלט זאָגט: „קראַסאַװיצעס"! און װעל כלם די עלטערע,
האָדל רופט מען זי, די אַנדערע פון ציײטלען, די װאָס האָט זיך פאַר-
קאָכט, אױב איהר געדענקט, איז'ס חיט. איז זי שען, זאָג איך אײַך,
די אַנדערע טאָכטער מײַנע, האָדל מײן איך, װאָס זאָל איך אײַך זאָגען?
טאַקי װי אין דער הײליגער מגילה שטעהט געשריבען: כי טובת מראה
היא — שײַנט װי אַ שטיק גאָלד! און צו די צרות בעדאַרף זי נאָך
האָבען אַ קאָפּ אױך, שרײַבט און לײענט יודיש און רוסיש, און ביכלעך,
ביכלעך שלינגט זי װי האַלעשקעס. װעט איהר דאָך פרעגען אַ קשיא:
װאָס פאַר אַ מחותן איז טביה'ס טאָכטער מיט ביכלעך, אַז דער
טאַטע איהרער האַנדעלט גאָר מיט קעז און מיט פוטער? הערסט דו,
אָט דאָס פרעג איך דאָך בײַ זײ, בײַ די פײַנע בחורים הײסט עס, װאָס
קײן הױזען, איך בעט איבער אײַער כבוד, איז נישטאָ און שטודירען
געלוסט זיך זײ, װי מיר זאָגען אין דער הגדה: כלנו חכמים — אַלע װילען
לערנען, כלנו נבונים — אַלע װילען שטודירען. פרעגט זײ: װאָס שטודירען?
װער שטודירען? זאָלען אַזױ ציגען װיסען אין פרעמדע גערטנער שפּרינגען!
אַז בסך הכל לאָזט מען דאָך זײ גאָר נישט צו, װי זאָגט ער: אַל תשלח
ידך — אַ קאָטע פון דער פוטער!.. זאָלט איהר זעהען פונדעסטװעגען,
װי מע לערענט! און װער? בעל-מלאכה'שע קינדער. פון שנײַדערס,
פון שוסטערס, גאָט זאָל מיר אַזױ העלפען בכל אשר אפנה! מע לאָזט
זיך אַװעק קײן יעהופּעץ, אָדער קײן אָדעס, מע װאַלגערט זיך אױס אױף
אַלע בױדעמס, עסען עסט מען מכות מיט בכורות, און פאַרבײַסען פאַר-
בײַסט מען מיט קדחת, גאַנצע חדשים דורכאַנאַנד קיקט מען נישט אָן קײן
שטיקעל פלײש אין די אױגען, מע לעגט זיך צונױף זעכס פאַרשװינדלעך
אױף אײן בולקע מיט אַ הערינג און ושמחת בחגך — הוליע קבצן!...

בקצור, האָט זיך אײנער פון דער „חברה" פאַרהאַקט אין אונזער
װינקעל, עפּיס אַ שלים-מזל נישט װײַט פון דאַנען, איך האָב געקענט
דעם טאַטען זײַנעם, ער איז געװען אַ פּאַפּיראָסניק און אַ קבצן לאַז ער
מיר מוחל זײַן און זיבען פּױלעס. מילא בין איך אײַך דערױף נישט

א׳יסען, ווארום אז דעם תנא רב יוחנן הסנדלר איז אנגעשטאנגען צו נייהען שטיוועל, מעג איהם שוין דאכט זיך אנשטעהן צו האבען א טאכען, וואס דרעהט פאפיראסען, פארדריסען פארדריסט מיך נאר איין זאך: למאי זאל זיך א קבצן גלוסטען לערנען, שטודירען? פראוודא, דער גוטער יאהר האט איהם נישט גענומען, ער האט א גוט קעפעל. גאר א גוט קעפעל. פערטשיק הייסט ער, דער שלים־מזל, האבען מיר איבערגעלעגט א׳יף יודיש — פעפערל. ער זעהט טאקי אוים ווי א פעפעריל, איהר זאלט אנקוקען — א ווערעריקל, א קליינס, א שווארץ, א פער־זעהעניש, נאר ס׳איז פול, מלא וגדוש, און א מויל — אש להבה, שוועבעל און פעך.

ויהי היום טרעפט זיך א מעשה, איך פאהר איין מאל אהיים פון בויבעריק, אבגעזעצט דאס ביסעל סחורה, א גאנצען טראנספארט, קעז און פוטער און סמעטענע און שאר ירקות. זיץ איך פערטראכט, ווי דער שטייגער איז, אין הימעלזאכען, פון דעם, פון יענעם, און פון די יעהו־פיצער נגידים וואס עס געהט זיי קיין עין־הרע אזוי גוט, און פון טביה׳ן דעם שלים־מזל מיט זיין פערדיל, וואס ווערען כל ימיו פאר־שווארצט, וכדומה נאך אזעלכע ענינים. זומער, די זון באקט, די פליגען בייסען, און די וועלט ארום און איז מחיה, גרוים, אפען, האטש הויב זיך אויף און פליה, חאטש ציה זיך אוים און שווים!...

דערווייל איך טהו א קוק — א בחור׳ל שפאנט זיך מיט די רגלים איבער׳ן זאמד, האלט א פעקיל אונטער׳ן ארעם און שוויצט, פאכט מיט דער נשמה, „יעמוד החתן רב יאקיל בן פ״עקיל! — זאג איך צו איהם — זעץ דיך אויף, הער נאר, וועל איך דיך אביסעל אונטערפיהרען, איך פאהר במילא ליידיג. ווי שטעהט דארטען, זאג איך, ביי אונז געשריבען: „דיין חבר׳ס אייזעל אז דו באגעגענסט, איז עזוב תעזוב — דארפסט איהם נישט פערלאזען, הייגט לא כל־שכן א מענש״... לאכט ער, דער שלים־מזל, און לאזט זיך דוקא לאנג נישט בעטען און קריכט אין וועגעלע אריין. „פון וואנען, זאג איך. שפאנט דאס למשל א בחור׳ל?״ — „פון יעהופעץ״. „וואס האט, זאג איך, אזא בחור׳ל ווי דו צו טהון אין יעהו־פעץ?״ — „אזא בחור׳ל ווי איך, זאגט ער, גיט אפ אקזאמענט״. „אויף וואס, זאג איך, שטודירט אזא בחור׳ל ווי דו?״ — „אזא בחור׳ל ווי איך, זאגט ער, ווייסט נאך אליין נישט אויף וואס ער שטודירט״. „אם כן, זאג איך, וואס זשע דולט זיך אזא בחור׳ל ווי דו אומזיסט דעם קאפ״? זארגט זיך נישט, רב טביה, אזא בחור׳ל, ווי איך, זאגט ער, ווייסט

יזוי, וואס ער האט צו טהון", „זאג מיר נאר, זאג איך, ווי באלד אז איך בין דיר שוין יא באקאנט, טאר ווער ביזט דו למשל?" „ווער איך בין? איך בין, זאגט ער, א מענש". „איך זעה, זאג איך, אז נישט קיין פערד, איך מיין וועמענס ביזט דו?" „וועמענס, זאגט ער, זאל איך זיין? איך בין גאטס". „איך וויים, זאג איך, אז גאטס; עס שטעהט, זאג איך, ביי אונז געשריבען: כל החיה וכל הבהמה; איך מיין, זאג איך, פון וואנען שטאמסט דו, ציי ביזט דו א אונזעריגער, צי אפשר פון דער ליטא?" — „שטאמען, זאגט ער, שטאם איך פון אדם הראשונ'ן און אליין בין איך, זאגט ער, אהיגער, איהר קאנט מיך". „ווער זשע, זאג איך, איז דער טאטע דיינער? לאמיר שוין הערען!" — „מיין טאטע, זאגט ער, האט געהייסען פערטשיק". „טפו זאלסט דו ווערען! האסט דו, זאג איך, בעדארפט אזוי לאנג מוטשען? ביזט דו, הייסט דאס, פערטשיק דעם פאפיראסניק'ס א זוהנדיל"? „בין איך, זאגט ער, פערטשיק דעם פאפיראסניק א זוהנדיל". „און שטודירסט, זאג איך, אין די קלאסען?" „און שטודיר, זאגט ער, אין די קלאסען". „נו-נו, מהכתיתי, זאג איך, אדם א מענש, צפור א פויגעל, קאטשקע ריק זיך. זאג זשע מיר, זאג איך, תכשיט מיינער, פון וואס למשל לעבסט דו א שטייגער?" פון דעם. זאגט ער, וואס איך עס". „אהא, זאג איך, גאנץ גוט; וואס זשע, זאג איך, עסט דו?" „אלסדינג, זאגט ער, וואס מע גיט מיר". „איך פארשטעה, זאג איך, ביזט נישט קיין איבערקלויבער: אז ס'איז דא וואס צו עסען, עסט דו, און אז ס'איז נישטא וואס צו עסען, פארבייסט דו מיט א ליפ און לייגסט זיך שלאפען א ניכטערער. נאר וואס דען, זאג איך, ס'איז אלסדינג כדאי, אבי שטודירען אין די קלאסען, זאג איך; גלייכסט זיך, זאג איך, צו די יעהופעצער נגידים, ווי אין פסוק שטעהט: כלם אהובים, כלם ברורים"... אזוי זאג איך צו איהם מיט א פסוק און מיט א מדרש, ווי טביה קען. מיינט איהר דאך, אז ער שווייגט מיר אפ, פערטשיק הייסט עס? „נישט דערלעבען, זאגט ער, וועלען די נגידים, אז איך זאל זיך צו זיי גלייכען! איך האב זיי, זאגט ער, אין דער ערד!" „ביזט מיר עפים שטארק, זאג איך, אויפגעטראגען, זאג איך, אויף די נגידים? איך האב מורא, זאג איך, אויב זיי האבען זיך נישט צעטיילט, זאג איך, מיט דיין טאטענס ירושה". — „זאלט איהר טאקי וויסען, זאגט ער, אז איך און איהר און מיר אלע, קאן זיין, האבען א גרויסען חלק ביי זיי אין דער ירושה"... „ווייסט דו וואס, זאג איך, לאזען שוין דיינע שונאים רעדען פאר דיר. איך זעה ארויס, זאג איך

נאָר איין זאַך, אַז דו ביזט אַ יונגעל נישט קיין פאַרפאַלענער און די צונג בעדאַרף מען דיר נישט פּיקען; אויב דו ווילסט, זאָג איך, האָבען צייט, קאָנסט דו זיך אַריינכאַפּען צו מיר היינט אויף דער נאַכט, וועלען מיר אַ ביסעל שמועסען און טאַקי בדרך הליכה האָפּען מיט אונז אַ ווע־טשערע״...

וודאי האָט זיך מיינער נישט געלאָזט איבערחזר'ן די ווערטער און איז געקומען צו גאַסט, געטראָפען אַקוראַט צום סוף־טשיק, בשעת דער באָרשט איז געשטאַנען אויפ'ן טיש און די מילכיגע קנישעס אין אויווען האָבען זיך נאָך געפּרעגעלט. „דו האָסט, זאָג איך צו איהם, „לעבעדיגע שוויגער, קאָנסט זיך, זאָג איך, געהן וואַשען און אַז נישט קאָנסט דו, זאָג איך, עסען אומגעוואַשען, איך בין נישט גאָט'ס סטראַפּ־טשע, זאָג איך, מיך וועט מען אויף יענער וועלט פאַר דיר נישט שמייסען״. אַזוי שמועס איך מיך אוים מיט איהם, און פּוהל, אַז עס ציהט מיך עפּיס צו דעם דאָזיגען מענשעל, וואָס — ווייס איך אַליין נישט, נאָר עס ציהט; איך האָב ליעב, פאַרשטעהט איהר, אַ מענשען, וואָס מע קאָן מיט איהם רעדען אַ וואָרט; אַ מאָל אַ פּסוק, אַ מאָל אַ מדרש, אַ מאָל אַ שטיקעל חקירה אין הימעל־זאַכען, דאָס, יענץ, לאָקש, בוידעם, ציבעלע. אָט אַזאַ מענש איז טביה. פון יענער צייט אָן האָט מיין בחור אָנגעהויבען אַריינקומען צו מיר, כמעט אַלע טאָג. אָפּגעפאַר־טיגט זיך מיט די „שטונדען״, פלעגט ער קומען צו מיר זיך אָפּרוהען און אַ ביסעל פאַרברייגגען. מאָהלט אייך, אַז אַך און וועה איז געווען צו איהם מיט זיינע שטונדען אינאיינעם, אַז בסך־הכל, דאַרפט איהר וויסען, ביי אונז דער גרעסטער נגיד איז געוואוינט צו צאָהלען גאַנצע ח״י גילדוינים, אי דאָס זאָל דער לערער איהם העלפען לייענען דעפּעשען שרייבען אַדרייסים און טאַקי פאָלגען אַ גאַנג אויך, פאַר וואָס נישט? אַ בפירוש'ער פּסוק: בכל לבבך ובכל נפשך — עסט דו ברויט, דאַרפסט דו וויסען פאַר וואָס. אַ שטיקעל גליק האָטש, וואָס געגעסען האָט ער אייגענטליך ביי מיר, און דערפאַר האָט ער אונטערגעקנעלט מיט מיינע טעכטער, ווי זאָגט ער: עין תחת עין, אַ פּאַטש פאַר אַ פּאַטש; און אָט אַזוי איז ער געוואָרען ביי אונז אין שטוב אַ גאַנצער בן־בית, די קינדער האָבען איהם אונטערגעטראָגען אַ גלעזיל מילך, און מיין אַלטע האָט אַכטונג געגעבען, ער זאָל האָבען אַ העמד אויפ'ן לייב מיט אַ פּאָר זאָקען גאַנצע — און טאַקי דעמאָלט האָבען מיר דאָס איהם געקרוינט מיט'ן נאָמען „פּעפּערל״, איבערגעמאַכט היינט דאָס אויף יודיש פון

פערטשיק, און מע קאָן זאָגען, אַז מיר האָבען איהם אַלע ליעב געקריגען עפּיס נאָר ווי איין איינענעם, מחמת בטבע איז ער, דאַרפט איהר וויסען, דוקא נישקשה פון אַ מענשעל, אַ פשוטער, אַ פראָסטער חי־וקים הייסט דאָס, שלי שלך, שלך שלי, טייטש דיינס — הפקר ציבעלעס...

פאַר איין זאַך נאָר האָב איך איהם פיינט געהאַט: פאַר זיין פאַר־פאַלען ווערען. פלוצים פלעגט ער זיך אויפהויבען, אַוועקגעהן און והילד איננו — נישטאָ פעפּעריל! „וואו ביזט דו געווען, מיין טהייערער שפּיעל־פויגעל?“ שווייגט ווי אַ פיש... איך וויים נישט, ווי אַזוי איהר, איך האָב פיינט אַ מענשען מיט סודות, איך האָב ליעב, ווי זאָגט ער: וידבר — גערעדט און ויאמר — געזאָגט. דערפאַר האָט ער אָבער אַ מעלה. צערעדט ער זיך שוין, איז: מי באש ומי במים — פאַר פייער און פאַר וואַסער. אַ פּיסק — נישט געדאַכט זאָל ער ווערען! רעדט על ה׳ ועל משיחו, און אויף „ננתקה“... און דער עיקר טאַקי אויף „ננתקה“... מיט פּלאַנען אַלץ אַזעלכע ווילדע, קרומע, משוגענע געננ, עפּיס אַלסדינג לאַקירדע, פאַפּערין, מיט די פיס אַרויף. למשל, אַ נגיד, קומט אויס נאָך זיין משוגע׳נעם פאַרקעהרטען שכל, איז אָבגעפּרעגט, און אַ קבצן איז, פאַרקעהרט, אַ גאַנצער צימעס, און ווער שמועסט אַ בעל־מלאכה — דער איז נאָר דאָס אויבערשטע פונ׳ם שטייסעל, טהייערער פון חרוסת, מחמת יגיע כפיך, זאָגט ער, דאָס איז דער עיקר. „פון דעסטוועגען, זאָג איך, צו געלד, זאָג איך, קומט דאָס נישט?“ ווערט ער מלא כעס און וויל מיר איינדרינגען, אַז געלד איז אַ שחיטה פאַר דער וועלט; פון געלד, זאָגט ער, נעהמען זיך אַלע פאַלשקייטען אויף דער וועלט, און אַלסדינג, זאָגט ער, וואָס סע טהוט זיך אויף דער וועלט, טהוט זיך עס נישט על פי יושר. און ער ברייננט מיר צעהנטויזענד ראיות און משלים, וואָס קלעפּען זיך ביי מיר ווי איין אַרבעס צו דער וואַנד... „קומט אויס נאָך דיין משוגע׳נעם שכל, זאָג איך, אַז דאָס וואָס מיין בהמה מעלקט זיך, און דאָס וואָס מיין פערדיל פאָהרט, איז אויך נישט על פי יושר?“... וכדומה נאָך אַ זעלכע קלאָץ־קשיות פרעג איך איהם און שטעל איהם אָב, ווי זאָגט ער, על כל דברי שירות ותשבחות — אויף יעדען טריט. ווי טביה קאָן! מיין פעפּעריל אָבער קאָן אויך, נאָך אַ מין קאָנען! הלואי וואָלט ער אַזוי נישט קאָנען ווי ער קאָן! און האָט ער עפּיס אויפ׳ן האַרצען, אַזוי זאָגט ער דאָס אַרויס! איין מאָל — זיצען מיר אַזוי פאַרנאַכט ביי מיר אויף דער פריזבע און חקירה׳ן צלץ מכח די דאָזיגע ענינים, פילאָזאָפיע הייסט עס... רופט ער זיך אָן צו

מיר, פּעפּערל הייסט עס: „איהר ווייסט, רב טביה? איהר האָט טעכטער, רב טביה, זייהר גע־אָטענע". „טאַקי באמת? זאָג איך, אַ דאַנק דיר פאַר דער בשורה; זיי האָבען, זאָג איך, אין ווען גערעאָטען צו זיין".— „איינע, זאָגט ער צו מיר ווייטער, די עלטערע, די איז גאָר, זאָגט ער, אַ בר־דעת, אַ פאָלנע מענש". — „איך ווייס עס אָהן דיר, זאָג איך, דאָס עפּעלי, זאָג איך, פאַלט נישט ווייט פון'ם בוימעלי". אַזוי זאָג איך צו איהם און דאָס האַרץ גערווייענטליך וואַכסט פאַר תענוג, ווארום וואָסער פאָטער, איך בעט אייך, האָט נישט ליעב, אַז מע לויבט איהם זיינע קינדער? גאָה זיי אַ נביא, אַז פון אַזאַ מין לויבעניש וועט גאָר אַרויס־שפּרינגען אַ פאַרקאָכעניש, זאָל גאָט שומר ומציל זיין! איהר מעגט דאָס האָרכען.

בקצור ויהי ערב ויהי בקר — געווען איז דאָס צווישען טאָג און נאַכט. אין בויבעריק טאַקי, פאָהר איך מיר אַזוי מיט מיין וועגעלי איבער די דאַטשעס, שטעלט מיך עמיצער אָב. איך טהו אַ קוק — ס'איז אפרים דער שדכן. אפרים דער שדכן, דאַרפט איהר וויסען, איז זיך אַ יוד אַ שדכן ווי אַלע שדכנים, פאַרנעהמט זיך הייסט דאָס מיט שדוכים. דערזעהט ער מיך, אפרים הייסט עס, אין בויבעריק און שטעל'ט מיך אָב: „זייט־זשע מוחל, רב טביה, איך דאַרף אייך עפּיס, זאָגט ער, זאָגען". — „מהכתיתי, אבי אַגוטס", זאָג איך, און שטעל אָב דאָס פערדיל. „איהר האָט, זאָגט ער, רב טביה, אַ טאָכטער!" — „איך האָב, זאָג איך, זיבען, זאָלען געזונד זיין". — „איך ווייס, זאָגט ער, אַז איהר האָט זיבען, איך האָב אויך זיבען". „האָבען מיר, זאָג איך, אינאיינעם אַזוי גרוים ווי פערצעהן". — „בקצור, ווערטליך אויף אַ זייט, זאָגט ער, די מעשה, רב טביה, דערפון, זאָגט ער, איז אַזוי: איך בין דאָך, ווי אייך איז ידוע, אַ יוד אַ שדכן, האָב איך, זאָגט ער, פאַר אייך אַ חתן. נאָר אַ חתן — פון חתנלאַנד אַ חתן, טאַקי פערוועשבפערוועס!" — „דהיינו, זאָג איך, וואָס וועט אָנגערופען ביי אייך אַ חתן פון חתנלאַנד, פערוועשבפערוועס? אויב, זאָג איך, אַ חיט אָדער אַ סנדלר, אָדער אַ מלמד, מעג ער, זאָג איך, זיצען דאָרט, און איך, זאָג איך, רוח והצלה יעמד — מיין גלייבען וועל איך מיר געפינען ממקום אחר, ווי דער מדרש, זאָג איך, זאָגט..." — „ע!, זאָגט ער, רב טביה, איהר הויבט שוין אָן כ"ט אייערע מדרשים? מיט אייך, זאָגט ער, ריידען, בעדאַרף מען זיך גוט אונטערגאַרטלען! איהר פאַרשיט, זאָגט ער, די וועלט מיט מדרשים. איהר הערט בעסער אוים, זאָגט ער, וואָס פאַר אַ מין שדוך

אָפרים דער שדכן איז אַ בעלן אייך פאַרצולעגען; איהר זאָלט, זאָגט ער, נאָר האָרכען און שווייגען". אַזוי מאַכט ער צו מיר, אָפרים הייסט דאָס, און נעמט און לייענט מיר אויס אַ צעטעל, וואָס זאָל איך אייך זאָגען, טאַקי עפּים קפּריסין. ראשית, איז דאָס אָרט זעהר אַ שען אָרט, אַ טאַטענס אַ קינד, זאָגט ער, נישט קיין „חאָץ דרגא". און דאָס, דאַרפט איהר וויסען, איז ביי מיר דער עיקר, וואָרום איך בין אַליין אויך נישט אַבי ווער; ביי מיר אין דער משפּחה זענען פאַרהאַן אַלערליי, ווי זאָגט ער: עקודים, נקודים וברודים, פאַרהאַן פּראָסטע מענשען, פאַרהאַן בעל-מלאכות און פאַרהאַן בעלי-בתּים. הייַנט איז ער אַ יודע נגן, וואָס פערשטעהט אין די קליינע אותיות. און דאָס איז ביי מיר אַוודאי נישט פון די קליינע זאַכען, וואָרום אַ גראָבען יונג האָב איך דאָך פייַנט ווי חזיר! ביי מיר איין עם הארץ איז ערגער טויזענד מאָל פון איין הולטיי; איהר מעגט אייך געהן אָהן אַ היטעל און אפילו מיט'ן קאָפּ אַראָב מיט די פּיס אַרויף, אַבי איהר ווייסט וואָס רש"י מאַכט, זענט איהר שוין פון מיינע לייט. אָט אַזאַ יוד איז טביה... הייַנט איז ער, זאָגט ער, רייך אָנגעשטאָפּט מיט געלד. פאָהרט אַרוים, זאָגט ער, מיט אַ קאַרעטע, מיט אַ פּאָר ברענענדיגע סוסים, עס געהט אַזש אַ רויך!... נו, מהכתיתי, טראַכט איך מיר, דאָס איז אויך נישט פון די גרויסע חסרונות, איידער אַ קבצן, איז שוין גלייכער אַ נגיד, ווי זאָגט ער: יאָה עני' הא לישראל — גאָט אַליין האָט אייך פייַנט אַ קבצן. אַ סימן האָט איהר, אַז גאָט זאָל ליעב האָבען אַ קבצן, וואָלט אַ קבצן קיין קבצן נישט געווען. „נו לאָמיר הערען ווייטער", זאָג איך. — „ווייטער, זאָגט ער, וויל ער מיט אייך אַ שדוך טהון, ער געהט אוים, ער הלש'ט, זאָגט ער, דאָס הייסט נישט נאָך אייך, נאָך אייער טאָכטער חלשט ער, ער וויל אַ שענע וויל ער". „אַזוי, זאָג איך, לאָז ער זיין פאַר איהר די כפּרה. ווער, זאָג איך, איז ער, דער אַנטיק אייערער: אַ בחור? איין אַלמן? אַ גרוש? אַ שוואַרץ יאָהר?" „ער איז אַ בחור, זאָגט ער, אַ בחור, אפילו אין די יאָהרען שוין, נאָר אַ בחור". — „ווי אַזוי-זשע, זאָג איך, איז דער הייליגער נאָמען זיינער?" וויל ער מיר נישט זאָגען, חאָטש ברעָט איהם. „ברייַנגט זי, זאָגט ער, צו פיהרען, קיין בויבעריק, וועל איך אייך נאָכדעם, זאָגט ער, זאָגען". — „וואָס הייסט, זאָג איך, איך זאָל זי ברייַנגען צופיהרען? ברייַנגען, זאָג איך, ברייַנגט מען צופיהרען אַ פערד, זאָג איך, אויפ'ן יריד, אָדער אַ בהמה צו פאַרקויפען"...

בקצור, די שדכנים, ווייסט איהר דאָך, קאָנען איבערדרעהען

אַ וואַנט; ס'איז געבליבען, אַז אם ירצה השם נאָך שבת ברייננ איך זי צופיהרען קיין בויבעריק, — און אלערליי גוטע זיסע מחשבות קומען מיר אויף די געדאַנקען, און איך שטעל מיר שוין פאָר מיין האָדלען, ווי זי פאָהרט אין אַ קאַריעטע מיט אַ פאָר ברענענדיגע סוסים, און די וועלט איז מיר מקנא, נישט אַזוי אויף דער קאַרעטע מיט די סוסים, ווי אויף די טובות, וואָס איך טהו דער וועלט דורך מיין טאָכטער די נגידית, העלף אוים די געפאַלענע מיט אַ גמילת חסד, וועמען אַ כף־הייער, וועמען אַ פופציגער, און וועמען אַ הונדערטער, ווי זאָגט איהר, יענער האָט אויך אַ נשמה... אַזוי טראַכט איך מיר כּאָהרענדיג, פאַר־נאַכטליך, צוריקוועגס אַהיים, און שמיים דאָס פערדיל און שמועס מיך דורך מיט דעם אויף פערדיש לשון: „לסוסתי, זאָג איך צו דעם. וויאָ, אַנו מאַך נאָר, זאָג איך, מיט די רגלים אַ ביסעלע גיכער, באַקומסט דו דיין פאָרציע האָבער, וואָרום אין קמח אין תורה — שטעהט ביי אונז געשריבען — אַז מע שמירט נישט, פאָהרט מען נישט"...

און ווי איך רעד מיר דאָ אַזוי מיט מיין פערדיל, זעה איך פון וואַלד אַרוים שנייַדט זיך אַ פאָרעל, צוויי מענשען, נכר אַ זכר מיט אַ נקבה, געהן געהען זיי נאָהענט, האַרט איינעם צום אַנדערען, און מע רעדט עפּיס זעהר געשמאַק. ווען קאָן דאָס זיין פלוציים אין מיטען דערינען? קלער איך מיר און קוק מיך איין דורך די פייערדיגע ריטער פון דער זון. — איך וואָלט געמענט שווערען, אַז ס'איז פעפעריל!... מיט וועמען געהט ער דאָס דער שלים־מזל אַזוי שפּעט? איך פאַרשטעל מיך מיט דער האַנד פון דער זון און קוק מיך איין נאָך שטאַרקער: ווער איז די נקבה'קע? אוי! דאַכט זיך האָדל? יאָ, ס'איז זי, ווי איך בין אַ יוד, ס'איז זי!!... אַט אַזוי? אַט דאָס האָט מען אַזוי געשמאַק געלערענט גראַמאַטיקעס, געלייענט ביכלעך!? אוי, טביה, ביזט דו אַ בהמה! אַזוי טראַכט איך מיר, און שטעל אָפּ דאָס פערדיל און רוף זיך אָן צו מיינע לייט: „אַ גוטען אָבענד אייך, זאָג איך, וואָס הערט זיך עפּיס מכּח מלחמה? ווי קומט איהר, זאָג איך, פלוציים גאָר אַהער? אויף וועמען קוקט איהר דאָ אַרוים? אויפ'ן נעכטיגען טאָג?"... דערהערט אַזאַ מין ברוך־הבא, איז מיין פאָריל געבליבען שטעהן, ווי זאָגט ער, לא בשמים ולא בארץ, דאָס הייסט נישט אַהין נישט אַהער, מחילה צעדרעהט און רויטליך אויפ'ן פּנים... געשטאַנען אַזוי אַ פאָר מינוט אָהן ווערטער, לאָזט מען אַראָב די אויגען, נאָכדעם הויבט מען אָן קוקען אויף מיר, איך אויף זיי, זיי ביידע איינס אויף דאָס אַנדערע.

„נו? זאָג איך — עפּיס בעטראַכט איהר מיך, זאָג איך, גלייך אַזוי, ווי איהר האָט מיך שוין לאַנג נישט געזעהען. איך בין, דאַכט מיר, דער איינענער טביה, זאָג איך, וואָס געוועזן, נישט געמינערט אַ האָר". אַזוי מאַך איך צו זיי האַלב פאַרדראָסיג און האַלב אויף קאַטאָוועס... רופט זיך אָן צו מיר די טאָכטער מיינע, דאָרל הייסט דאָס, און ווערט נאָך רויטער ווי פריהער: „טאַטע, אונז קומט מזל טוב"... „מזל טוב אייך, זאָג איך, מיט מזל זאָלט איהר לעבען. וואָס איז די מעשה? איהר האָט געפונען, זאָג איך, אַיין אוצר אין וואַלד? צי איהר זענט נאָר וואָס נצול געוואָרען, זאָג איך, פון אַ גרויסע סכנה?" „אונז קומט, זאָגט ער, מזל טוב, מיר זענען חתן כלה". — „וואָס הייסט, זאָג איך, איהר זענט חתן כלה?" „חתן כלה, זאָגט ער, ווייסט איהר נישט וואָס הייסט? חתן כלה הייסט, זאָגט ער, איך בין איהר חתן, זי איז מיין כלה". אַזוי מאַכט ער צו מיר, פּעפּעריל הייסט דאָס, און קוקט מיר דוקא גלייך אין די אויגען אַריין. איך קוק איהם אָבער אויך גלייך אין די אויגען אַריין און מאַך צו איהם: „ווען איז געוועזן ביי אייך, זאָג איך, דאָס קנס־מאָל? און פאַר וואָס האָט איהר נישט גערופען מיך אויך אויף דער שמחה? איך קעהר מיך דאַכט זיך אָן דאָ אַ שטיקעל מחותן, צי ניין"?... איהר פאַרשטעהט, איך לאַך און ווערעם עסען מיך, טאָטשען מיין לייב. נאָר גאָר נישט, טביה איז נישט קיין ורינע, טביה האָט ליעב אויסהאָרכען ביז'ן סוף... רוף איך מיך אָן צו זיי: „איך פאַרשטעה נישט, אַ שדוך אָהן אַ שדכן, אָהן תנאים?" — „וואָס דאַרפען מיר, מאַכט ער, פּעפּעריל הייסט דאָס, שדכנים? מיר זענען שוין לאַנג, זאָגט ער, חתן־כלה" — „אַזוי? גאָטס נסים! וואָס=זשע האָט איהר, זאָג איך, געשוויגען ביז אַהער?" — „וואָס זאָלען מיר, זאָגט ער, שרייען? מיר וואָלטען אייך היינט אויך נישט דערצעהלט, נאָר אַזוי ווי מיר האַלטען אין גיכען ביי צעשיידען זיך, איז ביי אונז געבליבען מיר זאָלען שטעלען פריהער'עט אַ חופּה"... דאָס האָט מיך שוין פאַרדראָסען, ווי זאָגט איהר: באו מים עד נפש, דערלאַנגט אין ביין אַריין! מילא, וואָס ער זאָגט—חתן כלה, איז נאָך צו דערליידען, ווי שטעהט דאָרטען געשריבען: אהבתי — ער וויל זי, זי וויל איהם. אָבער חופּה? וואָס איז דאָס פאַר ווערטער: שטעלען אַ חופּה? עפּיס תרגום לשון!... ווייזען ווייזט אויס, אַז מיין חתן האָט פאַרשטאַנען, אַז איך בין פון דער מעשה אַ ביסעל מטושטש; רופט ער זיך אָן צו מיר: „פאַרשטעהט איהר, רב טביה, די מעשה דערפון איז אַזוי, איך האַלט ביי אָבפאָהרען פון דאַנען". —„ווען פאָהרסט

דו?" — „אין גיכען". — „וואָהין אַ שטײַגער?" — „דאָס קאָן איך, מאַכט ער, נישט זאָגען, ס'איז, זאָגט ער, אַ סוד"... איהר הערט? ס'איז אַ סוד! ווי געפעלט דאָס אײַך אַ שטײַגער? קומט צוגעהן אַ פּעפּעריל, אַ קלײנס, אַ שוואַרץ, אַ פאַרזעהעניש, פאַרשטעלט זיך פאַר אַ חתן, וויל שטעלען אַ חופּה, האַלט בײַ אַוועקפאָהרען און זאָגט נישט וואָהין! קאָן נישט צעזעצט ווערען די גאַל? „מילא, זאָג איך צו איהם, אַ סוד איז אַ סוד; בײַ דיר איז גאָלע סודות... גיב מיר אָבער צו פאַרשטעהן, ברודעריל, אָט דאָס: דו ביסט דאָך אַ מענש, זאָג איך, פון סאַמע יושר און בּיזט אײַנגעטונקען אין מענשליכקײַט פון אויבען ביז אַראָב, ווי קומט דאָס, זאָג איך, צו דיר, אַז דו זאָלסט פלוצים אין מיטען דרינען צו־נעהמען בײַ טביה'ן אַ טאָכטער און מאַכען זי פאַר אַיין ענונה? גיט דאָס הייסט בײַ דיר יושר? מענשליכקײַט? אַ שטיקעל גליק, זאָג איך, וואָס דו האָסט מיך נישט באַגנבה'ט, אָדער אונטער־געצונדען"... „טאַטע! זאָגט זי צו מיר, האָדל־הייסט דאָס — דו ווייסט גאָר נישט ווי גליקליך מיר זענען, איך און ער, וואָס מיר האָבען דיר אויסגעזאָגט פונ'ם סוד. ס'איז בײַ אונז, זאָגט זי, אַראָב אַ שטײן פונ'ם האַרצען. קום אַהער, לאָמיר זיך צעקושען". און נישט לאַנג געטראַכט, חאַפּען זיי מיך אַרום בײדע, זי פון אײן זײַט, ער פון דער אַנדערער זײַט און מע הויבט מיך אָן קושען און האַלזען, זיי מיך און איך זיי, און פון גרויס אימפּעט, אַפּנים, זיי בײדע צווישען זיך דאַוואַי קושען זיך! אַ בּעשרײַבונג זאָג איך אײַך, אַ טהעיאַטער מיט זיי! „טאָמער וואָלט שוין געווען, זאָג איך, גענוג, קושען זיך? צײַט עפּיס רײדען מכח תכלית". — „מכח וואָסער תכלית"? זאָגען זיי. „מכח נדן, זאָג איך, מלבושים, הוצאות החתונה, דאָס, יענץ, לאָקש, בוידעם, ציבעלע"... „מיר דאַרפען נישט, זאָגען זיי, גאָר נישט ניט, נישט קײן לאָקשען, נישט קײן בוידעם, נישט קײן ציבע־לעם". — „וואָס־זשע דען, זאָג איך, דאַרפט איהר יאָ?" — „מיר דאַרפען, זאָגען זיי, נאָר חופּה וקדושין"... איהר הערט ווערטער?...

בקצור, איך וועל אײַך נישט מאריך זײַן, עס האָט מיר געהאָלפען ווי דער פאַר אַ יאָהריגער שניי —. מע האָט געשטעלט אַ חופּה, אַלץ הייסט אַ חופּה! אַוודאי, וואָס זאָלט איהר קלערען, נישט אַזאַ חופּה ווי טביה'ן שטעהט אָן; אויך מיר אַ חופּה!... אַ שטילע חתונה... אָך און וועה!... און דערצו איז נאָר פאַרהאַן אַ ווײַב, ווי זאָגט איהר: אויף אַ מכה אַ בלאָטער. מוטשעט זי, איך זאָל איהר נאָר זאָגען, וואָס איז דאָס עפּיס אַזוי חאַפּ־לאַפּ, בחפזון־דיג? נו, געהט גיט צו פאַר־

שטעהן אַ יודינע, אַז עס ברענט! וואָס טויג אייך, איך האָב איהר געמוזט אָבטאַקען פון דרך שלום וועגען אַ ליגען הגדול הגבור והנורא, אַ מעשה מיט אַ ירושה, אַ רייכע מוהמע פון יעהופעץ, נעבטיגע טעג — אַבי זי זאָל מיך לאָזען צורוה. און טאַקי באותו היום, דאָס הייסט אַ פּאָר שעה נאָך דער שענער חופה שפּאַן איך איין דאָס פערד און וועגעלי און מיר זעצען זיך אויף זאַלבעדריט, דאָס הייסט איך און זי און ער, דער געניידעם מיינער, און הלך משה מרדכי — מאַרש צום באַהן קיין בויבעריק. זיצענדיג אַזוי מיט מיין פּאָר פאָלק אין וועגעלי, חאַפּ איך מיר אַ קוק מן הצד אויפ'ן דאָזיגען פאָריל און טראַכט מיר: וואָס פאַר אַ גרויסען גאָט מיר האָבען און ווי מאָדנע שען ער פיהרט זיין וועלטיל! און וואָס פאַר מיני משונה נפשות, ווילדע ברואים, עס געפינען זיך ביי איהם! אָט האָט איהר אייך אַ פּאָר־פאָלק נאָר וואָס פון דער נאָדעל אַרויס, פאָהרט ער אַוועק דער גוטער יאָהר ווייסט איהם וואוהין, און זי בלייבט איבער דאָ — און מע זאָל דאָס לאָזען אַפילו אַ טרעהר, חאָטש פון יוצא וועגען! נאָר גאָר נישט, טביה איז נישט קיין יודינע. טביה האָט צייט, קוקט און שווייגט, וואָס וועט דאָ זיין... זעה איך עפּיס אַ פּאָר יונגע לייטלעך, גוטע כתריליקעס מיט אויסגעטראָטענע שטיוועל, צָגען ארויסגעקומען אויפ'ן באַהן זיך געזעגענען מיט מיין שפּיעל־פויגעל, איינער פון זיי איז געגאַנגען עפּיס ווי אַ שייגעץ, איך בעט איבער אייער כבוד, מיט'ן העמדיל איבער די הויזען, און האָט עפּיס געשושקעט זיך מיט מיינעם שטילערהייד. „זעה נאָר, טביה, טראַכט איך מיר, צי האָסט דו זיך נישט אַריינגעחאַפּט דאָ צווישען חברה פערד־גנבים, בייטעל־שניידערס, שלעסער־ברעכער, אָדער פאַלשע מאָנעטשיקעס?”...

פאָהרענדיג צוריק מיט מיין האָדלען פון בויבעריק אַהיים, קאָן איך מיך נישט איינהאַלטען און זאָג איהר אַרויס דעם דאָזיגען געדאַנק גאַנץ אָפענטליך. צעלאַכט זי זיך און וויל מיר איינרעדען, אַז ס'איז לויטער פיינע מענשלעך, עהרליכע, לעצט עהרליכע לייט, וואָס זייער גאַנץ לעבען איז נאָר פון יענעמס וועגען, זיך האָבען זיי נישט אין זינען אַפילו אין דער לינקער פיאַטע... „אָט אַ יענער, זאָגט זי, וואָס מיט'ן העמדיל, דער איז גאָר אַ טאַטענס קינד; ער האָט, זאָגט זי, אַוועקגעוואָרפען רייכע טאַטע מאַמע אין יעהופעץ, וויל נישט נעהמען ביי זיי קיין צע־בראָכענעם גראָשען”. — „אַזוי? גאָטס וואונדער! זאָג איך, טאַקי זעהר אַ פיין בחור'ל כ'לעבען! צו העמדיל, וואָס ער געהט איבער די הויזען מיט די לאַנגע האָר, ווען גאָט העלפט איהם נאָך אַ האַרמאָניע, אָדער

אַ הונט זאָל איהם נאָכלויפֿען פֿון הינטען, דעמאָלט האָט דאָס שוין גאָר דעם זיבעטען חן!"... אָט אַזוי רעכען איך זיך אָב מיט איהר שוין פֿאַר איהם אויך, און לאָז אוים מיין גאַנץ ביטער האַרץ הייסט דאָס צו איהר געבאַך... און זי? גאָר נישט! אין אֶסתר מגדת — מאַכט זיך תמעוואַטע. איך איהר: „פּעפּעריל", און זי מיר: „טובת הכלל, אַרבייטער, נעכטיגע טעג"... „וואָס טויג מיר, זאָג איך, אייער טובת הכלל מיט אייער אַרבייטען, אַז עס געהט צו ביי אייך בסוד? פֿאַרהאַן, זאָג איך, אַ שפּריכוואָרט: וואו אַ סוד, דאָרט איז אַ גנבה..., אַמעהר זאָג מיר גלייך, וואָס איז ער געפֿאָהרען, פּעפּעריל, און וואוהין?"... „אַלסדינג יאָ, זאָגט זי, נאָר דאָס נישט. פֿרעג זיך, זאָגט זי, בעסער נישט נאָך; גלויב מיר, זאָגט זי, וועסט מיט דער צייט אַליין אַלסדינג וויסען. וועסט אם ירצה השם הערען, און אפשר אין גיכען, פֿיעל נייעס, פֿיעל גוטס!"... „אָמן הלואי, זאָג איך, פֿון דיין מויל אין גאָטס אויהרען. נאָר אונזערע שונאים, זאָג איך זאָלען אַזוי וויסען פֿון זייער געזונד, ווי איך הויב אָן צו פֿאַרשטעהן, וואָס דאָ טהוט זיך ביי אייך און וואָס בעדייט די שפּיעל!"... „אָט דאָס איז טאַקי, זאָגט זי, דער אומגליק, וואָס דו וועסט דאָס נישט פֿאַרשטעהן". „וואָס זשע, ס'איז אַזוי טיעף? מיר דאַכט, זאָג איך, אַז איך פֿאַרשטעה מיט גאָטס הילף גרעסערע זאַכען"... „דאָס לאָזט זיך נישט, זאָגט זי, פֿאַרשטעהן מיט'ן שכל אַליין, דאָס דאַרף מען, זאָגט זי, פֿיהלען, פֿיהלען מיט'ן האַרצען"... אַזוי זאָגט זי צו מיר, האָדל הייסט עס, און דאָס פּנים ביי איהר בשעת מעשה פֿלאַמט און די אויגען ברענען, נישט געדאַכט זאָלען זיי ווערען, די טעכטער מיינע! פֿאַרקאָכען זיי זיך אין עפּיס, איז מיט האַרצען און מיט לייב און לעבען און מיט'ן גוף און מיט דער נשמה.

בקצור וועל איך אייך דערצעהלען, עס געהט אַוועק אַ וואָך און צוויי און דריי און פֿיער און פֿינף און זעקס און זיבען — אין קול ואין כסף, נישטאָ נישט קיין בריעף, נישט קיין ידיעה. „פֿאַרפֿאַלען, זאָג איך, פּעפּעריל!" — און כאַפּ אַ קוק אויף מיין האָדלען. נעבאַך קיין טראָפּען בלוט נישטאָ אין פּנים, זוכט אויף אַלע מאָל איין אַנדער שטיקעל אַרבייט אין שטוב, וויל, ווייזט אוים, פֿאַרגעסען דורך דעם די גרויסע צרות איהרע, נאָר, איהר זאָלט זאָגען, זי זאָל דאָס איהם אַפֿילו דערמאָהנען! שאַ, שטיל, גלייך ווי ס'איז גאָר קיין מאָל נישט געווען קיין פּעפּעריל אויף דער וועלט! נאָר איין מאָל טרעפֿט זיך אַ מעשה, איך קום צופֿאָהרען אַהיים, איך זעה — מיין האָדל איז פֿאַרוויינט, געהט אַרום מיט אָנגע-

שוואַלעגע אויגן. הויב איך מיך אָן דערפרעגען, ווער איך געוואָהר, אַז דאָ איז נישט לאַנג געוועזען עפּיס איינער אַ שלים-מזל מיט לאַנגע האָר און געפּודעט זיך עפּיס מיט איהר, מיט האָדלען הייסט עס. „אַהאַ! — טראַכט איך מיר — דאָס איז יענער חברה-מאַן, וואָס האָט אַוועקגעוואָרפען רייבע טאַטע-מאַמע און האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס העמדיל איבער די הויזען“... און נישט לאַנג געטראַכט, רוף איך אַרויס מיין האָדלען פון שטוב אין הויף אַרויס און טהו זי אַ חאַפּ גלייך אויף דער ווענטקע: „זאָג מיר נאָר, טאָכטער, האָסט שוין פון איהם „אַ גרוס“? — „יאָ“. — „וואו איז ער ערגיץ דיין באַשערטער?“ „ער איז, זאָגט זי, ווייט“. — „וואָס טהוט ער?“ — „ער זיצט“! — „ער זיצט“? — „ער זיצט“... „וואו זיצט ער? פאַר וואָס זיצט ער?“ שווייגט זי. קוקט מיר גלייך אין די אויגען אַריין און שווייגט. „זאָג מיר נאָר, זאָג איך. טאָכטער מיינע, ווערליג איך פערשטעה, זיצט ער נישט פאַר קיין גנבה; פאַרשטעה איך נישט דעם שכל, אַז ווי באַלד קיין גנב נישט און קיין שווינדלער נישט, הייסט פאַר וואָס-זשע זיצט ער, פאַר וואָסערע מעשים טובים?“... שווייגט זי — אין אָסתר מגדת... האָב איך מיך מישב געוועזען: זאָגסט נישט, דאַרף מען נישט; ער איז דאָך דיין שלים-מזל, נישט מיינער. אַ שענע דיינע כפרה! נאָר אינוועייניג אין האַרצען טראָג איך אַ ווייטהאָג, איך בין פאָרט אַ פאָטער, ווי מיר זאָגען אין'ם דאַווענען: כרחם אָב על בנים, אַ פאָטער בלייבט אַ פאָטער.

בקצור, געוועזען איז דאָס הושענא רבא אויף דער נאַכט. יום טוב איז ביי מיר אַ מנהג, איך רוה מיך אָב, און אויך דאָס פערדיל רוהט זיך ביי מיר אויס, ווי אין דער תורה שטעהט געשריבען: אתה דו, ושורך און דיין ווייב, וחמורך און דיין פערדיל. און אַגב איז שוין אין בויבעריק כמעט נישטאָ וואָס צו טהון: טהוט מען אַ בלאָז מיט'ן שופר, אַזוי צעלויפען זיך אַלע דאַטשניקעס ווי די מייז אין אַ הונגער, און בויבעריק ווערט אַ פּוסטקע. דעמאָלט האָב איך ליעב צו זיצען אין דערהיים, ביי זיך אויף דער פריזבע. פאַר מיר איז עס דאָס בעסטע שטיקעל צייט. די טעג זענען געשענקטע. די זון באַקט שוין נישט ווי אַ קאַלכאויוועין, נאָר זי גלעט מיט אַ מין ווייכקייט, מחיה נפשות. דער וואַלד איז אַלץ נאָך גרין, די סאָסנעס הערען נישט אויף צו שמעקען מיט סמאָלע, און עס דאַכט זיך מיר, אַז דער וואַלד קוקט יום-טוב-דיג, ווי גאָט'ס אַ סוכּה, אַ סוכּה פון גאָט. אָט דאָ, טראַכט איך מיר, האַלט גאָט סוכּות; דאָ, נישט אין שטאָדט, וואו סע טאַרעראַמט, און מענשען לויפען הין און הער, פּינען

דער נשמה, יאָגען זיך נאָכ'ן שטיקעל ברויט, און מע הערט נאָר געלד און געלד און געלד!... און ווער שמועסט אויף דער נאַכט הושענא רבה, למשל, — איז דאָך גייר אַ גן עדן: דעמאָלט איז דער הימעל בלוי, די שטערען פינקלען, שעמערירען, בייטען זיך, פינטלען ווי להבדיל אַ מענש מיט די אויגען; און אַמאָל מאַכט זיך, פליהט דורך אַ שטערן פייל אויסען בויגען, לאָזט איבער נאָך זיך אויף אַ רגע'לע אַ גרינעם פּאַס — דאָס האָט זיך אַראָבגעלאָזט אַ שטערענדיל, געפאַלען עמיצענס מזל, וואָרום וויפיעל שטערען, אַזוי פיעל מזלות... יודישע מזלות... „עס זאָל האָטש נישט זיין מיין פינסטער מזל”, — טראַכט איך מיר, און עס קומט מיר אויפ'ן געדאַנק האָדל. שוין פון עטליכע טאָג, אַז זי איז עפּיס ווי אויפגעמונטערט, לעבעדיגער געוואָרען, גאָר איין אַנדער פנים באַקומען, עמיצער האָט איהר געבראַכט אַ בריוועל אַ פנים פון איהם טאַקי, פון איהר שלים־מזל. ווילען ווילט זיך מיר זעהר וויסען, וואָס ער שרייבט איהר, נאָר פרעגען וויל איך נישט; זי שווייגט, שווייג איך אויך, פּתח שין שאַ! טביה איז נישט קיין יודינע; טביה האָט צייט...

דערווייל, אַזוי ווי איך טראַכט פון האָדלען, קומט זי אָן, האָדל הייסט עס, זעצט זיך צו נעבען מיר אויף דער פריזבע, קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען, און רופט זיך אָן צו מיר שטילערהייד: „הערסטו, טאַטע? איך דאַרף דיר עפּיס זאָגען, היינט געזעגענען מיר זיך גאָר מיט דיר... אויף שטענדיג”...

אַזוי זאָגט זי צו מיר שטיל, קוים וואָס מע הערט, און קוקט אויף מיר מיט אַ מאָדנעם מין קוק, מיט אַזאַ קוק, וואָס איך וועל איהם אייביג נישט פאַרגעסען. און בשעת מעשה פליהט מיר דורך אַ מחשבה אין קאָפּ: „זי וויל זיך טרינקען”... וואָס איז מיר איינגעפאַלען טרינקען? ווייל עס האָט זיך געטראָפען, נישט דאָ געדאַכט, אַ מעשה: אַ מיידעל נישט ווייט פון אונז האָט זיך פאַרקאָכט אין אַ דאָרף־שייגעץ און האָט זיך צוליעב דעם דאָרף־שייגעץ... איהר ווייסט דאָך שוין וואָס. איז די מאַמע פאַר צרות קראַנק געוואָרען און איז געשטאָרבען, און דער טאַטע האָט זיך אויסגעבראַכט, געוואָרען אַ קבצן. און דער דאָרף־שייגעץ האָט זיך מישב געווען און האָט חתלירע געהאַט פאַר איין אַנדערע. איז זי אַוועקגעגאַנגען צום טייך, דאָס מיידעל הייסט דאָס, און האָט זיך אַריינגעוואָרפען אין וואַסער אַריין און האָט זיך דערטרונקען...

„וואָס הייסט, זאָג איך, דו געזעגענסט זיך אָב מיט מיר אויף

שטענדיג ד׳" אַזוי מאַך איך צו איהר און קוק אַראָב, זי זאָל נישט זעהען ווי איך בין טוידט. „דאָס הייסט, זאגט זי, איך פאָהר. זאָגט זי, אַוועק, מאָרגען, זאָגט זי, גאַנץ פריה, מיר וועלען זיך שוין מעהר קיין מאָל נישט זעהען... קיין מאָל נישט"...

דערהערט די דאָזיגע ווערטער, איז מיר געוואָרען אַ ביסעל גרינגער אויף דער נשמה. דאַנקען גאָט חאָטש דערפאַר, טראַכט איך מיר, ווי זאָגט ער: גם זו לטובה — עס קאָן זיין ערגער, בעסער האָט קיין שעור נישט... „וואוהין, למשל, פאָהרסט דו, אויב איך האָב, זאָג איך, די זכיה צו וויסען?" „איך פאָהר, זאָגט זי, צו איהם". „צו איהם? — זאָג איך — וואו איז ער דען אַצינדערט?" „לעת־עתה, זאָגט זי, זיצט ער נאָך; נאָר אין גיכען שיקט מען איהם אַוועק". „פאָהרסט דו, הייסט דאָס, זיך געזעגענען מיט איהם?" אַזוי זאָג איך צו איהר און מאַך זיך תמ׳וואַטע. „ניין, זאָגט זי, איך געה איהם נאָך גלייך אַהין". „אַהין? זאָג איך, ווער איז געוועזען דער אַהין? ווי אַזוי הייסט דאָס אָרט?" „מע ווייסט נאָך נישט אַקוראַט, זאָגט זי, ווי אַזוי דאָס אָרט הייסט, נאָר ווייט איז דאָס זעהר, זאָגט זי, ווייט מיט סכנות נפשות"...

אַזוי זאָגט זי צו מיר, האָדל הייסט עס, און עס מאָהלט זיך מיר אויסעט, אַז זי רעדט דאָס מיט גדלות, מיט גרויסקייט, גלייך ווי ער וואָלט דאָ אָפּגעטהאָן עפּיס אַזעלכס, וואָס סע קומט איהם ד׳ר פאַר אַ מעדאַיל פון אַ פּוד אייזען!... וואָס ענטפערט מען איהר, למשל, אויף אַזאַ זאַך? פאַר אַזאַ זאַך נעמט אַ פאָטער און בייזערט זיך אוים אויף אַ קינד, שענקט אַ פּאָר פעטש, אָדער ער בייטעלט אוים אַלע בייזע ווינסטע חלומות. טביה איז אָבער נישט קיין יודינע. איך געה מיט דעם גאַנג, אַז כעס איז עבודה־זרה. רוף איך מיר אָן צו איהר מיט אַ פּסוק, ווי געוויינטליך: „איך זעה אַרוים, זאָג איך, טאָכטער מיינע, אַז דו ביסט מקים ווי אין דער הייליגע תורה שטעהט געשריבען: על כן יעזב — וואַרפסט אַוועק, זאָג איך, צוליעב אַ פעפעריל טאַטע מאַמע, זאָג איך, און לאָזט זיך אַוועק אין אַנ׳אָרט, וואָס מע ווייסט נישט וואו, ערגיץ אין די מדבריות אַ פּנים, אויפ׳ן פאַרגליווערטען ים, דאָרט, וואו אַלכסנדר מוקדון, זאָג איך, איז געפאָהרען אויפ׳ן אָקדענט און פאַרבלאָנזעט אויף אַ ווייטער וויספּע, זאָג איך, צווישען ווילדע מענשען, ווי איך האָב געלייענט, זאָג איך, אַמאָל אין אַ מעשה ביכעל"...

אַזוי זאָג איך צו איהר האַלב אויף קאַטאָוועס און האַלב מיט כעס, און דאָס הארץ בשעת מעשה וויינט. נ״ר טביה איז נישט קיין יודינע,

טביה האלט זיך איין. און זי, האדל הייסט עס, פאלט נישט אראפ ביי זיך, ענטפערט מיר אפ על ראשון ראשון, און שטיל, נישט געהאפט, און בעטראכט. טביה׳ס טעכטער קאנען רעדען...

און האטש איך האלט דעם קאפ אראב און די אויגען צו, פון דעסט וועגען דאכט זיך מיר, אז איך זעה זי, הארלען הייסט דאס, איך זעה — איהר פנים איז פונקט אזוי ווי די לבנה, בלאס און מאט, און דאס קול איהר׳ס, מאהלט זיך מיר אוים, איז עפים ווי פארדומפען, ציטערט... זאל איך איהר, א שטייגער, פאלען אויפ׳ן האלז, בעטען, חלש׳ן פאר איהר, זי זאל נישט פאהרען? ווייס איך, אז ס׳איז ארויס־געווארפען. ימח שמם זאלען זיי ווערען, טאקי די טעכטער מיינע, — פארקאכען זיי זיך אין עמיצען, איז מיט׳ן גוף און מיט דער נשמה און מיט׳ן הארצען און מיט לייב און לעבען!

בקצור, מיר זענען אבגעזעסען אזוי אויף דער פריזבע א היבשע שטיק צייט, לאז זיך אייך דאכטען, כמעט די גאנצע נאכט. מעהר געשוויגען ווי גערעדט, און דאס וואס מיר האבען גערעדט, איז אויך געוועזען כמעט ווי נישט גערעדט, האלבע ווערטער... זי האט גערעדט און איך האב גערעדט. איך פרעג זי נאר איין זאך: וואו איז דאס געהערט געווארען, א מיידיל זאל נעהמען און חתונה האבען פאר א בחור צוליעב דעם, זי זאל איהם קאנען נאכגעהן ערגיץ אין אלרע שווארץ יאהר? ענטפערט זי מיר: מיט „איהם“ איז אלץ איינס, אפילו אין אלרע שווארצע יאהר... גיב איך איהר געוויינטליך צו פארשטעהן מיט׳ן שכל ווי נאריש דאס איז. גיט זי מיר צוריק צו פארשטעהן מיט איהר שכל, אז איך וועל דאס קיין מאל נישט פארשטעהן. ברייננ איך איהר א משל מיט א הוהן, א קוואקע, וואס האט אויסגעזעסען קאטשקעלעך. די קאטשקעלעך האבען זיך נאר אויפגעהאפט אויף די פיסלעך, האבען זיי זיך געלאזט אויפ׳ן וואסער, און די קוואקע נעבעך קוואקעט. „וואס, זאג איך, ווערסט דו זאגען, זאג איך, דערויף, טאכטער לעבען?“ „וואס, זאגט זי, זאל איך דערויף זאגען? ס׳איז אודאי א רחמנות, זאגט זי, אויף דער קוואקע; נאר צוליעב דעם, זאגט זי, וואס די קוואקע קוואקעט, זאלען די קאטשקעלעך נישט שווימען?“... איהר פארשטעהט דבורים? טביה׳ס טאכטער רעדט נישט גלאט...

און דערווייל די צייט שטעהט נישט, עס הויבט שוין אן צו שאריען אויף טאג. די אלטע אין שטוב וואָרטשעט. זי האט שוין עטליכע מאל געשיקט זאגען, אז ס׳איז שוין צייט מאכען נאכט, און געזעהן, אז עס

העלפט זיך נישט, האָט זי אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכ'ן פענסטער און מאַכט צו מיר, מיט אַ שיינעם יברכך געוויינטליך: „טביה! וואָס טראַכסט דו זיך?" „לאָז זיין שטיל, זאָג איך, גאָלדע, ווי אין פסוק שטעהט: למה רגשו! האָסט פאַרגעסען אַ פּנים, אַז ס'איז היינט הושענא רבה? הושענא רבה, זאָג איך, ווערד אונז אָנגעחתמ'ט דאָס גוטע קוויטעל, הושענא־רבה דאַרף מען זיין אויף. פאָלג מיך, גאָלדע, זאָג איך, דו נעהם, זיי מוחל, צעבלאָז נאָר דעם סאַמאָוואַר, זאָג איך, און לאָז זיין טהיי, און איך וועל געהן דערווייל'ע שפּאַנען דאָס וועגעלי, מיר פאָהרען מיט האָדלען צום באַהן". און ווי דער שטייגער איז, טאָק איך איהר אָב אַ שפּאָגעל־נייעם ליגען, אַז האָדל פאָהרט אַוועק קיין יעהופּעץ און פון דאָרטען נאָך ווייטער, אַלץ מכח יענעם עסק, מכח דער ירושה הייסט דאָס, און עס קאָן געמאָלט זיין, זאָג איך, אַז זי זאָל שוין דאָרטען בלייבען איבער'ן גאַנצען ווינטער, און אפשר איבער'ן ווינטער מיט'ן זומער מיט נאָך אַ ווינטער; לכן דאַרף מען איהר, זאָג איך, מיטגעבען צדה לדרך, אַ ביסעל גרעט, אַ קליידעל, אַ פּאָר קישענס, ציכלעך, דאָס, יענץ און שאר־ירקות.

אַזוי קאָמאַנדעווע איך און זאָג אָן, ס'זאָל נישט זיין קיין געוויינען, ס'איז הושענא־רבה אויף דער וועלט. „הושענא־רבה, זאָג איך, טאָר מען נישט וויינען, ס'איז אַ בפירושער דין!" הערט מען דאָך מיך מיט'ן דין מסתמא, ווי די קאַץ, און מע וויינט דוקא יאָ, און אַז סע קומט צום געזעגענען זיך ווערט אַ יללה, אַלע וויינען — די מאַמע, די קינדער, און טאַקי זי אַליין, האָדל הייסט דאָס, און על כלם, אַז ס'איז געקומען צו דער עלטערער טאָכטער מיינע, צייטיל מיין איך (אויף יום־טוב קומט זי צו מיר מיט איהר באַשערטען, מיט מאָטיל קאַמזויל), האָבען זיך ביידע שוועסטער אַ וואָרף געטהאָן איינע דער אַנדערער אויפ'ן האַלז — מע האָט זיי קוים אָבגעריסען...

נאָר איך איינער האָב מיך געהאַלטען ווי שטאָל און אייזען; דאָס הייסט, עס רעדט זיך נאָר אַזוי — שטאָל און אייזען; אינוויינינג קאָכט, ווי אַ סאַמאָוואַר, נאָר יענעם אַרויסבאַווייזען — פּע! טביה איז דאָך נישט קיין יודינע... דעם גאַנצען וועג קיין בויבעריק שווייגט מען, און אַז מיר האַלטען שוין נישט ווייט פון דער באַהן, רוף איך מיך אָן צו איהר, זי זאָל מיר זאָגען דאָס לעצטע מאָל. וואָס פאָרט האָט ער געטהאָן אַזעלכעס, פּעפּעריל הייסט דאָס?... „איטליכע זאַך, זאָג איך, בעדאַרף דאָך האָבען עפּיס אַ טעם"... ווערד זי צינגעצונדען און שווערט מיר

מיט כל השבועות שבעולם, אַז ער איז ריין ווי גין־גאָלד. „ער איז, זאָגט זי, אַ מענש וואָס קאָטאָרי פאַר זיך אַרט איהם נישט, דאָס גאַנצע טהועכץ זיינס איז נאָר, זאָגט זי, יענעמ׳ס גובה, דער וועלט׳ס טובה— און דער עיקר פאַר יגיע־כפּים׳ניקעס, די בעלי־מלאכות" — און געהט זייט אַ חכם און טרעפט, וואָס דאָס הייסט! „זאָרגט ער זיך, זאָג איך צו איהר, הייסט דאָס, פאַר דער וועלט? למאי־זשע, זאָג איך, זאָרגט זיך נישט די וועלט פאַר איהם, אַז ער איז יאָ אַזאַ וואוילער בחור? זאָלסט איהם חאָטש לאָזען גרוסען, זאָג איך, דעם אַלכסנדר מוקדון דיינעם, זאָלסט איהם זאָגען, זאָג איך, אַז איך פערלאָז מיך אויף זיין יושר, ער איז דאָך אַ מענטש פון סאַמע יושר, זאָג איך, אַז ער וועט מיין טאָכטער מסתמא נישט פאַרפיהרען און שרייבען אַמאָל, זאָג איך, אַ בריוועל דעם אַלטען טאַטען...

און אַזוי ווי איך רייד, פאַלט זי מיר נישט פּלוצים אויפ׳ן האַלז און הויבט נישט אָן צו וויינען? „לאָמיר זיך, זאָגט זי, געזעגענען. זיי געזונד, טאַטע, גאָט ווייסט, זאָגט זי, ווען מיר וועלען זיך זעהן!?"... איין עק! אָט דאָ האָב איך מיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטען... עס איז מיר געקומען אויפ׳ן געדאַנק, פאַרשטעהט איהר, טאַקי די אייגענע האָדל, בשעת זי איז נאָך געוועזען אַ ברעקיל.., אַ קינד הייסט דאָס... זי געהאַלטען אויף די הענד... אויף די הענד געהאַלטען... האָט קיין פאַראיבעל נישט, פאַני, וואָס איך האָב מיך... מיישה יודינע... זיהר זאָלט וויסען, הערט איהר, וואָס דאָס איז פאַר אַ האָדל, דאָס איז!... איהר זאָלט זעהן די בריוולעך, וואָס זי שרייבט... ס׳איז אַ האָדל פון גאָט!... זי איז ביי מיר אָט אַ דאָ־אָ, איז זי ביי מיר... טיעף, טיעף... איך קאָן עס איך אַזוי פיעל נישט אַרויסגעבען . . . .

. . . .

ווייסט איהר וואָס, פאַני שלום־עליכם? לאָמיר בעסער ריידען פון עפּיס פרעהליכערס: וואָס הערט זיך עפּיס מכּח דער חלי־רע אין אדעס?...

V.

חוה

חַוָה.

נייע מעשה פון טביה דער מילכיגער.

איבערדערצעהלט מיט זיין לשון.

הודו לה' כי טוב — ווי אזוי גאט פירט אזוי איז גוט, דאס הייסט עס בעדארף זיין גוט ווארום פרובט זייט א חכם און מאכט בעסער! אט האב איך געוואלט זיין א קלוגער, געדרעהט דעם פסוק אהער, געדרעהט דעם פסוק אהין, געזעהען עס העלפט נישט, האב איך צוגענומען די האנד פונ'ם הארצען און האב געזאגט צו זיך אליין: טביה, ביזט א נאר! דו וועסט די וועלט נישט איבערמאכען. דער אויבערשטער האט אונז געגעבען צער גדול בנים, איז די טייטש, פון קינדער האט מען צרות און מען מוז דאס אננעהמען פאר ליעב. אט למשל האט זיך מיין עלטערע טאכטער, צייטעל הייסט עס, פארקאכט אינ'ם חייט מאטעל קאמזויל, האב איך עפיס צו איהם? אמת, ער איז טאקי א פראָסטער נפש, פערשטעהט נישט אזוי שטארק דריבניטשקע, די קליינע אותיות, הייסט עס, נאר וואס קען מען טהון? די גאנצע וועלט, ווי זאגט איהר, קען דאך נישט זיין געבילדעט; דערפאר איז ער אנעהרליך מענשיל און הארעוועט נעבעך מיט'ן בלוטיגען שווייס. זי האט שוין מיט איהם, איהר זאלט אנקוקען, קיין עין הרע א פולע שטוב מיט פופקעס, און ביידע ווערען זיי פארשווארצט אין עושר און אין כבוד — און רעדט מיט איהר, זאגט זי, אז ס'איז איהר קיין עין הרע גוט ווי די וועלט, עס קאן נאר, זאגט זי, ניט זיין בעסער. איין שטיקעל חסרון נאר, וואס ס'איז קיין ברויט נישטא... עד כאן הקפה א' — דאס האט איהר אייך נומער איינס. נו און פון דער צווייטער טאכטער, פון האדלען הייסט דאס, בעדארף איך אייך ניט דערצעהלען, איהר ווייסט שוין. זי האב איך פארשפילט, פערלארען אויף אייביג! גאט ווייסט, אויב מיינע אויגען וועלען זי אמאל זעהען, סיידען אויף יענער וועלט שוין,

איבער הונדערט און צוואנציג יאהר... רעד איך פון איהר, פון האדלען הייסט עס, קאן איך נאך עד היום נישט קומען צו זיך, ס'איז אַניעק פון מיין לעבען! פארגעסען זאגט איהר? ווי קאן מען פארגעסען א לעבעדיגען מענשען? ובפרט אַזאַ קינד ווי האָדעל? איהר זאָלט זעהען די בריוולעך, וואס זי שרייבט צו מיר, קאָן מען צעגעהן. עס געהט זיי, שרייבט זי מיר, דאר־טען זעהר גוט. ער זיצט, און זי פאַרדיענט, זי וואשט גרעט און לייענט ביכלעך און זעהט זיך מיט איהם אַלע וואך, און האָט, זאגט זי, אַ האָפע־נונג, אַז עס וועט זיך דאָ, ביי אונז, איבערקאָכען, עס וועט אויפגעהן די זון און עס וועט ווערען ליכטיג, וועט מען איהם אומקעהרען צוריק מיט נאך אַ סך אַזעלכע ווי ער, און דעמאָלט וועלען זיי זיך ערשט, זאגט זי, נעהמען צו דער רעכטער אַרבייט און איבערקעהרען די וועלט מיט'ן קאפ אַראָפ, מיט די פיס אַרויף. נו? ווי געפעלט דאָס אייך? גוט? הא?.. וואס זשע טהוט אָבער דער רבונו של עולם? ער איז דאָך, ווי זאָגט איהר, אַנ'אל רחום וחנון, זאָגט ער צו מיר: „וואַרט אויס, טביה, אָט מאך איך אַזוי, אַז דו וועסט פער־געסען אָן אַלע דיינע צרות!..“ און כך הוה, איהר מעגט דאָס האָרכען. קיין אַנדערען וואָלט איך עס ניט דערצעהלט, וואָרום דער וועהטיג איז גרויס און דער בזיון איז נאך גרעסער! נאר ווי שטעהט דאָרט ביי אונז געשריבען: „המכסה אני מאברהם“ — פאר אייך איז דען פאַרהאַן ביי מיר אַ סוד? וואָס איך האָב — דערצעהל איך אייך. נאר וואס דען? איין זאך וועל איך אייך בעטען: צווישען אונז זאָל דאָס בלייבען, איך זאג אייך נאָך אַמאָל: דער וועהטיג איז גרויס, נאר דער בזיון, דער בזיון איז נאך גרעסער!

בקצור, ווי אַזוי שטעהט דאָרט אין פרק: רצה הקדוש ברוך הוא לזכות — גאָט האָט געוואָלט אַ טובה טהון טביה'ן, געהט ער און בענשט איהם מיט זיבען קינדער נקבות, טעכטער הייסט עס, אַלע אויסגעשפיעלטע, געראָטענע, קלוגע און שענע, פרישע, געזונדע, איך זאָג אייך סאָסנעס! אוי הלואי וואָלטען זיי בעסער געווען מאוסע פאַסקודניצעס, וואָלט אפשר געווען בעסער פאר זיי און געזינדער פאַר מיר, וואָרום וואָס קומט אַרויס, איך בעט אייך, פון אַ גוט פערדיל, אַז סע שטעהט אין שטאַל? וואָס קומט אַרויס פון שעגע טעכטער, אַז מע ליגט פערשטעקט מיט זיי אין אַ העק און מע קוקט נישט אָן קיין לעבעדיגען מענשען, אַחוץ אַנ'איין פאפערילע, דעם גויעשען ראש הקהל פון דאָרף, און דעם שרייבער חוועדקע גאַלאַגאַן, אַ הויכער גויעץ מיט אַ פאטלע און מיט לאַנגע שטיוועל, און דעם גלח ימח שמו וזכרו. איך קאָן נישט הערען דעם נאָמען זיינעם, נישט מחמת דעם וואָס איך

בין אַ ייד און ער איז אַ גלח, אַדרבה מיר וועלן וועהר גוט בעקענט צווישען זיך שוין אַ שאָק מיט יאָהרען, דאָס הייסט אויף קיין שמחות איינס צום אַנדערען געהט מען ניט און גוט־יום־טוב בעטען אַודאי ניט; נאָר נישט, מהכתיתי, מע בעגעגענט זיך, גוט־מאָרגען, גוט־יאָהר, וואָס הערט זיך עפּיס אויף דער וועלט? אַריינלאָזען זיך מיט איהם אין ווייטע דרכים האָב איך פֿיינט. וואָרום באַלד עפּיס הייבט זיך אָן אַ סדרה: אייער גאָט, אונזער גאָט, לאָז איך מיך נישט און שלאָג איהם איבער מיט אַ גלייכוועָרטעל און זאָג איהם, אַז ס'איז פֿאַרהאַן ביי אונז אַ פּסוק, שלאָגט ער מיך איבער מסתמא און זאָגט, אַז אַ פּסוק ווייסט ער גלייך מיט מיר און אפשר נאָך בעסער, און הויבט אָן צו זעצען אויף אויסווייניג אונזער חומש, ווי געוויינטליך אַ גוי: „בערעשיט באַראַ אלאקים"— אַלע מאָל, אַלע מאָל דאָס איינענע. שלאָג איך איהם איבער מסתמא און זאָג איהם, אַז ס'איז פֿאַרהאַן ביי אונז אַ מדרש. אַ מדרש, זאָגט ער, ווערט שוין אָנגערופֿען תל־מוד און תל־מוד האָט ער פֿיינט, ווייל תל־מוד איז, זאָגט ער, לויטער שווינדעל... ווער איך דאָך מסתמא רעכט אין כעס און הויב איהם אָן אויסצולומרען, וואָס עס קומט מיר אויף דער צונג. מיינט איהר אַז עס אַרט איהם עפּיס? גאָר נישט; קוקט אויף מיר און לאַכט און קעמט זיך בשעת מעשה די באָרד. נישטאָ, הערט איהר קיין ערגערס אויף דער וועלט, ווי איהר זידעלט אַ מענשען, מאַכט איהם מיט דער בלאָטע גלייך, און ער שווייגט. אין איך ווערט די גאַל צופּיקט און יענער זיצט און שמייכעלט! דעמאָלט האָב איך דאָס ניט פֿערשטאַנען, נאָר אַצונד ווייס איך, וואָס דאָס שמייכעל האָט בעדייט...

בקצור, איך קום צופֿאָהרען איין מאָל אַהיים אַרום פֿאַרנאַכטליך שוין, בעגעגען איך דעם שרייבער חוועדקע שטעהט אין דרויסען מיט מיין חוה, דער דריטער טאָכטער מיינער, די צווייטע פֿון האָדלען הייסט עס... מיך דערזעהען, האָט זיך מיין בחור געגעבען אַ דרעה אויס, אַראָבגענומען פֿאַר מיר דאָס היטעל און אַוועק. רוף איך מיך אָן צו מיין חוה'ן: „וואָס האָט דאָ געטהון חוועדקע?.." זאָגט זי: „גאָרניט"... זאָג איך: „וואָס הייסט גאָרניט?.." זאָגט זי: „מיר האָבען געשמועסט"... זאָג איך: „וואָס פֿאַר אַ מחותן ביזט דו מיט חוועדקען?.." זאָגט זי: „מיר זענען בעקאַנט שוין פֿון לאַנג"... זאָג איך: „מזל טוב דיר מיט דיין בעקאַנטשאַפֿט! אַ שענער חבר חוועדקע!.." זאָגט זי צו מיר: „דו קענסט איהם דען? דו הייסט דען ווער ער איז?.." זאָג איך־צו איהר: „ווער ער איז ווייס איך ניט; כ'האָב זיין יחוס בריעף ניט געזעהען, נאָר פֿאַרשטעהן פֿאַרשטעה איך, אַז ער דאַרף שטאַמען פֿון סאַמע

דוליִם; דער טאַטע זייַנער, זאָג איך, האָט געמוזט זייַן אָדער אַ פּאַסטוך, אָדער אַ סטרוזש, אָדער אַזוי אַ שכור“.. רופט זי זיך אָן צו מיִר, חוה הייסט עס: „וואָס זייַן טאַטע איז געווען, ווייס איך ניט און וויל ניט וויסען, בייַ מיִר זענען אַלע מענשען גלייַך; נאָר אַז ער אַלייִן איז אַ מענש ניט קייִן געוויינליִכער, דאָס ווייס איך פאַר געוויס...“ „דהיינו, זאָג איך, וואָס פאַר אַ מיִן סאָרט מענש איז ער? לאָם איך הערען...“ „איך וואָלט דיִר, זאָגט זי, געזאָגט, ווייסט דו ניט פערשטעהן; חוועדקע, זאָגט זי, דאָס איז דער צווייטער גאָרקי...“ „דער צווייטער גאָרקי? זאָג איך, — ווער זשע איז געווען, זאָג איך, דער ערשטער גאָרקי?..“ „גאָרקי, זאָגט זי, דאָס איז הייַנט כמעט דער ערשטער מענש אויף דער וועלט...“ „וואו זיצט ער, זאָג איך, דער תנא דייַנער, וואָס איז זייַן געשעפט, און וואָס פאַר אַ דרשה האָט ער געדרשנט?..“ מאַכט זי צו מיִר: „דער גאָרקי דאָס איז אַ בערימטער שרייַבער, אַ שריִפטשטעלער, אַ מענש הייסט דאָס, וואָס מאַכט ביִכער, און אַ טייַערער, אַ זעלטענער, אַן עהרליִכער מענש, שטאַמט אויך פון פּראָסטען שטאַנד, ניִשט געלערנט איִן ערגיִץ, נאָר פון זיך אַלייִן. אָט דאָס איז זייַן ביִלד“... אַזוי מאַכט זי צו מיִר, חוה הייסט עס, און נעהמט אַרויס פון קעשענע אַ פּאָרטרעט'ל און ווייַזט דאָס מיִר. „אָט דאָס איז ער, זאָג איך, דער צדיִק דייַנער, רב גאָרקי? איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז איך האָב איהם ערגיִץ געזעהען, זאָג איך, אָדער בייַ דער באַהן טראָגען זעק, אָדער איִן וואַלד שלעפּען קלעצער“... „איז דאָס בייַ דיִר, זאָגט זי אַ חסרון, זאָגט זי, אַז אַ מענש האָרעוועט מיִט זייַנע אייגענע הענד? דו אַלייִן האָרעוועסט דען ניִט? און מיִר האָרעווען ניִט?“ „יאָ, יאָ, זאָג איך, ביִזט גערעכט, זאָג איך, ס'איז אַ בפירוש'ער פּסוק בייַ אונז: יגיע כפיך כי תאכל — אַז דו וועסט ניִט האָרעווען, וועסט דו ניִשט עסען... נאָר פון דעסטוועגען, זאָג איך, פערשטעה איך ניִט, וואָס האָט דאָ צו טהון חוועדקע; איך וואָלט בעסער, זאָג איך, געוועזען צופריִעדען, ווען דו זאָלסט זייַן באַקענט מיִט איהם פון דערווייַטען; דו בעדאַרפסט ניִט פערגעסען, זאָג איך, מאַין באָת ולאָן אַתה הולך, ווער ביִזט דו און ווער איז ער“... מאַכט זי צו מיִר: „גאָט האָט בעשאַפען אַלע מענשען גלייַך“... „יאָ, יאָ, זאָג איך, גאָט האָט בעשאַפען אָדם הראשון'ען נאָך זייַן געשטאַלט; מען טאָר אָבער ניִט פאַרגעסען, אַז איטליִכער דאַרף זוכען זייַן גלייַכען, ווי איִן פּסוק שטעהט בייַ אונז געשריִבען: איש כמתנת ידו“... „אַנאַנטיִק! זאָגט זי צו מיִר, אויף אַלסדיִנג האָסט דו אַ פּסוק! אפשר געפיִנט זיך, זאָגט זי, בייַ דיִר אַ פּסוק וועגען דעם, וואָס מענשען, זאָגט זי, האָבען גענומען און האָבען זיך אַלייִן, זאָגט זי, אַ יִנגע-

טײַלט אויף ייִדען און גוים, אויף בעלי־בתּים און קנעכט, אויף פּריצים און בעטלערס..." „טע—טע—טע! זאָג איך, ביזט מיר שוין, דאַכט מיר, פֿאַר-פֿאָהרען, טאָכטער, אין אלף השישי אַרײַן!" און איך גיב איהר צו פֿערשטעהן, אַז אַזוי פֿיהרט זיך שוין אויף דער וועלט מששת ימי בראשית! פֿרעגט זי מיך: למאי זאָל זיך אַזוי פֿיהרען אויף דער וועלט?.. זאָג איך: „דערפֿאַר וואָס אַזוי האָט גאָט בעשאַפֿען זײַן וועלט..." זאָגט זי: „למאי האָט גאָט אַזוי בעשאַפֿען זײַן וועלט?.." זאָג איך: „ע! אַז מיר וועלען אָנהויבען פֿרעגען קשיות — למאי אַזוי און למאי אַזוי, איז אין לדבר סוף — אַ מעשׂה אָהן אַני-עק!.." זאָגט זי מיר: „דערויף האָט דאָך אונז גאָט געגעבען אַ פֿערשטאַנד, אַז מיר זאָלען פֿרעגען קשיות..." זאָג איך: „בײַ אונז איז פֿאַראַהן אַ מנהג אַוועלכער, אַז אַ הוהן, זאָג איך, הויבט אָן צו קרײַען ווי אַ האָהן, זאָל מען זי באַלד אַוועקטראָגען צום שוחט, ווי מיר זאָגען אין די ברכות: הנותן לשכוי בינה." — „טאָמער וואָלט אפשר גאָר געווען גענוג זיך צו נאַרגלען דאָרטען?— רופֿט זיך אָן מײַן גאָלדע פֿון שטוב אַרויס — דער באָרשט, זאָגט זי, שטעהט אויפֿ'ן טיש שוין פֿון אַ שעה, און ער זינגט נאָר זמירות!.." „אָט האָסטו דיר זאָג איך, די אַנדערע טעג יום טוב! ניט אומזיסט, זאָג איך, האָבען אונזערע חכמים געזאָגט ,שבעה דברים בגולם — אַ אידענע האָט אין זיך נײַען מאָס מאָס רייד, מען רעדט תּוך־זאַכען, איז זי דאָ מיט איהר מילכיגען באָרשט!.." רופֿט זיך אָן צו מיר גאָלדע: „דער מילכיגער באָרשט, זאָגט זי, איז אפשר אַזאַ תּוך־זאַך, ווי אַלע דײַנע תּוך־זאַכען"... „מזל טוב! האָט איהר אײַך, זאָג איך, אַ נײַעם פֿילאָזאָף, גלײַך פֿון אונטערען אויווען אַרויס! קאַרג, זאָג איך, וואָס די טעכטער זענען געוואָרען אויפֿגעקלערטע קעפּ, האָט שוין טביה'ס ווײַב אויך אָנגעהויבען פֿליהען דורכ'ן קוימען אין הימעל אַרײַן!.." „אַז ס'איז יאָ, זאָגט זי, געקומען צו רייד הימעל, טאָ ליג שוין אין דער ערד!.." ווי געפֿעלט אײַך אַשטײַגער אַזאַ מין ברוך הבא אויפֿ'ן ניכטערען האַרצען?..

בקצור לאָמיר, ווי מע זאָגט, איבערלאָזען דעם בן מלך און זיך נעהמען צו דער בת־מלכּה, איך מײַן דעם גלח ימח שמו וזכרו! איין מאָל פֿאַרנאַכט פֿאָהר איך מיר אַהײם מיט די לײדיגע קריגלעך און האַלט שוין בײַם אַרײַנ-פֿאָהרען אין דאָרף אַרײַן, בעגעגען איך איהם פֿאָהרען מיט זײַן אײַזערנע געקאָ-וועטע בריטשקע, טרײַבט אָן אַליין מיט זײַן כּבוד די פֿערדליך, און די צע-קעמטע באָרד זײַנע איז צושמיסען פֿונ'ם ווינט. „צו דײַן קאָפּ, טראַכט איך מיר, אַ שען באַגעגעניש!.." „אַ גוטען אָוונד מאַכט ער צו מיר — האָסט מיך ניט דערקענט, זאָגט ער, צי וואָס?" „וועסט גיך רײַך ווערען, זאָג איך צו

איהם און נעהם אַראָב דאָס היטעל און וויל פֿאָדרען ווייטער. מאַכט ער צו מיר: „שטעה אַ ווײַלע, טעוועל, וואָס האָסטו קיין צייט ניט, איך דאַרף דיר עפּיס זאָגען אַ צוויי ווערטער.“ „אָך, זאָג איך, אַבי נאָר עפּיס גוטס איז מהכּיתיתי, און אויב נישט מעג דאָס, זאָג איך, בלײַבען אויף אַנ׳אַנדערש מאָל...“ וואָס הייסט, זאָגט ער בײַ דיר אַנ׳אַנדערש מאָל?.. אַנ׳אַנדערש מאָל, זאָג איך, הייסט בײַ מיר ביז משיח וועט קומען... „משיח, מאַכט ער צו מיר, איז דאָך שוין געקומען...“ „דאָס האָב איך שוין געהערט, זאָג איך, פֿון דיר ניט איין מאָל; דו זאָג מיר נאָר, פֿאָטעריל, עפּיס נײַעס...“ „אָט דאָס, זאָגט ער, מיין איך טאַקי דיר זאָגען; איך וויל מיט דיר שמועסען, זאָגט ער, טאַקי פֿון דיר אַליין, דאָס הייסט פֿון דײַן טאָכטער...“ דאָ האָט מיר באַלד אַ טיאָכקע געטהון דאָס האַרץ: וואָס פֿאַר אַ מחותּן איז ער מיט מיין טאָכטער? און איך רוף מיך אָן צו איהם: „מײַנע טעכטער, זאָג איך, וועגען חלילה נישט אַזעלכע, וואָס מע זאָל דאַרפֿען פֿאַר זיי רעדען; זיי קאָנען שוין, זאָג איך אַליין בעשטעהען זעהר שטעדטעל...“ „דאָס איז אָבער, מאַכט ער, אַזאַ מין ענין, וואָס זי אַליין קאָן נישט רעדען, עס מוז רעדען אַנ׳אַנדערער, מחמת דאָ האַנדעלט זיך וועגען אַ תּוך־זאַך, זאָגט ער, טאַקי וועגען איהר תּכלית...“ „וועמען געדהט׳ס אָן, זאָג איך, דער תּכלית פֿון מיין קינד? מיר דאַכט, זאָג איך, אַז ווי באַלד מע שמועסט פֿון תּכלית, בין איך מיין קינד אַ פֿאָטער ביז הונדערט צוואַנציג יאָהר, צי ניין?“... „אמת, זאָגט ער, דו ביזט דײַן קינד אַ פֿאָטער; דו ביזט אָבער, זאָגט ער, אויף דײַן קינד אַ בלינדער, דײַן קינד, זאָגט ער, רײַסט זיך אין אַנ׳אַנדער וועלט אַרײַן און דו פֿערשטעהסט די ניט, אָדער דו ווילסט זי ניט פֿערשטעהן!...“ „אויב איך פֿערשטעה זי ניט, זאָג איך, אָדער איך וויל זי ניט פֿערשטעהן — דאָס איז אַנ׳אַנדער זאַך; וועגען דעם, זאָג איך, קאָנען מיר אַ ביסעל שמועסען; נאָר וואָס קעהר זיך דאָס אָן, פֿאָטערל מיט דיר?...“ „עס געדהט זיך, זאָגט ער, מיט מיר אָן זעהר שטאַרק, זאָגט ער, ווײַל זי איז איצטער אין מיין רשות...“ „וואָס הייסט, זאָג איך, זי איז אין דײַן רשות?..“ „דאָס הייסט זי איז איצטער אונטער מיין השגחה“, מאַכט ער, און קוקט מיר גלײַך אין די אויגען אַרײַן און צוקעמט זיך די שענע צולאָזטע זקנה. טהו איך מסתּמא אַ שפּרונג אונטער: „ווער? מיין קינד איז אונטער דײַן השגחה? מיט וואָס פֿאַר אַ רעכט?“ זאָג איך און פֿיהל, אַז כ׳הויב אָן אַרײַן אין כּעס; מאַכט ער צו מיר גאַנץ קאַלטבלוטיג מיט אַ שמייכעלע: „נאָר ניט געהיצט זיך, טעוועל! פּאַוואָלי! וועלען מיר, זאָגט ער, די זאַך זיך איבערלייגען. דו ווייסט, איך

בין דיר, זאגט ער, חלילה קיין שונא נישט, האטש דו ביזט א יוד; דו ווייסט, זאגט ער, אז איך האלט פון יודען און עס טהוט מיר וועה דאס הארץ אויף זיי פאר זייער עקשנות, וואס זיי האבען זיך איינגעשפארט און ווילען נישט פערשטעהן, אז מען מיינט דאס פון זייער טובה וועגען...“ „פון טובות, זאג איך, זאלסט דו מיט מיר, פאטעריל, איצטער נישט רעדען, מחמת איטליכס ווארט, וואס איך הער פון דיר אצינד, איז פאר מיר א טראפען סם-המות, זאג איך, א פיסטויל אין הארצען אריין. אויב דו ביזט מיר, אזא גוטער פריינד, ווי דו זאגסט, וועל איך פון דיר בעטען נאר איין טובה: מיין טאכטער זאלסט דו לאזען צו רוה...“ „ביזט א נארישׁ מענש, מאכט ער צו מיר, עס וועט דיין טאכטער חלילה קיין שלעכטס ניט געשעהן; עס שטעהט איהר איצטער פאר א גליק, זאגט ער; זי נעהמט, זאגט ער, א חתן אויף מיר אזא יאהר...“ „אמן!“ זאג איך כלומרשט מיט א געלעכטעריל און אין הארצען ברענט א גיהנם! „ווער איז ער, למשל, דער חתן, זאג איך, אויב איך בין זוכה, זאג איך, צו וויסען?..“ „דו דארפסט איהם קענען, זאגט ער, ער איז זעהר א בראווער, אנ׳ארענטליך מענשעל און גאנץ פיין געבילדעט, אפילו פון זיך אליין, און איז פארקאכט אין דיין טאכטער און וויל מיט איהר חתונה האבען און קאן נישט, וויל ער איז נישט קיין יוד...“ „חוועדקע!..“ טראכט איך מיר און עס טהוט מיר א זעץ אין קאפ אריין א מארנע היץ און עס בעשלאגט מיך א קאלטער שווייס, קוים וואס איך זיץ איין אויפ׳ן וועגעלע. נאר ארויס-בעוויזען דאס פאר איהם — נישט דערלעבען וועט ער דאס! און איך נעם דאס פערדיל פאר די לייצעס, טהו דאס א שמיצעל פון אונטען ארויף, און הלך משה מרדכי — פאשאל אהן א זיי געזונד אהיים... איך קום צו-פאהרען אהיים, אי-אי-אי — אנ׳איבערקעהרעניש! די קינדער ליגען מיט די פנימער אין די קישענס און וויינען, מיין גאלדע איז מעהר אויף יענער וועלט איידער אויף דער וועלט... איך זוך חוה׳ן, וואו איז חוה? — נישטא חוה!.. פרעגען וואו איז חוה וויל איך נישט. איך פארשפאר שוין פרעגען, אז אך און וועה איז מיר, און איך פיהל דעם טעם פון חבוט הקבר, און עס ברענט אין מיר א פייער איך ווייס ניט אויף וועמען... איך וואלט עפיס נאר גענומען און זיך אליין אויסגעפאטשט, און איך צושריי מיך אויף די קינדער און לאז אויס מיין ביטער הארץ צום ווייב, איך קאן מיר קיין ארט נישט געפינען, געה איך ארויס אין שטאל צום פערד, דאס נעבעך עסען, און טרעף דאס שטעהן אריבערגעפוצווועט מיט איין פוס אויף יענער זייט קלאץ, האפ איך א שטעקען און הויב דעם אן איינטוילען, שיילען

די פֿעל, ברעכען די ביינער: „פֿאַרברענט זאָלסטו ווערען, שלים מזל מיי־נער, זאָלסט דו אַזוי לעבען, ווי איך האָב פֿון דיינעטוועגען אַ האָבער'ל אפילו. צרות אויב דו ווילסט, קאָן איך דיר געבען, שלעק, מיט אַנגסטען, מיט מכות מיט בכורות!..“

אַזוי רעד איך צום פֿערדיל און בעטראַכט מיך אָבער באַלד, אַז ס'איז אַ צער־בעלי־חיים, נאָט די נשמה שולדיג, וואָס האָב איך צו דעם? און איך שיט דעם אונטער אַביסעל געהאַקטע שטרוי און זאָג דעם צו, אם ירצה השם שבת ווייזען אַ היי אין סדור, און קום אַריין צוריק אין שטוב אַריין, באַגראָב זיך און ליג אין געהאַקטע וואונדען, און דער קאָפּ, דער קאָפּ ווערד מיר שיער צושפּרונגען טראַכטענדיג און קלערענדיג און לער־נענדיג דעם פּשט, וואָס זאָל בעדייטען? „מה פּשעי מה חטאתי—מיט וואָס האָב איך, טביה, פֿערזינדיגט מעהר פֿון דער גאַנצער וועלט, וואָס מען בעשטראָפֿט מיך מעהר פֿון אַלע יודען? אוי, רבונו של עולם, רבונו של עולם! מה אָנו מה היינו — ווער בין איך אַזוינס וואָס דו טראָגסט מיך אויפֿ'ן קאָפּ כסדר, האָסט מיך אין זינען און לאָזט נישט אויס וואו ערגיץ אַ שלאַק, אַ צרה, אַנ'אָנשיקעניש?!..“

און אַזוי ווי איך טראַכט מיר אַזוי ליעגענדיג אויף הייסע קוילען הער איך, ווי מיין ווייב געבאַך קרעכצט, רייסט אויס אַ שטיק האַרץ. „גאָלדע, זאָג איך, דו שלאָפֿסט?..“ „ניין, זאָגט זי, וואָס איז דען?..“ „גאָרנישט, זאָג איך, מיר זענען גוט אין דער ערד; אפשר ווייסט דו, זאָג איך, אַן עצה, וואָס טהוט מען?..“ „פֿרעגסט ביי מיר, זאָגט זי, עצות, אַז אָך און וועה איז מיר? אַ קינד שטעהט אויף, זאָגט זי, אין דערפֿריה, אַ געזונדע אַ שטאַרקע, טהוט זיך אָן, זאָגט זי, פֿאַלט מיך אַרום קושען און האַלזען און וויינען און זאָגט נישט וואָס, איך האָב געמיינט, זי איז חלילה פֿונ'ם זינען! פֿרעג איך זי, וואָס איז דיר, טאָכטער? זאָגט זי גאָר נישט און דאַפּט זיך אַרויס אויף אַ ווײַלע צו די בהמות און ווערט פֿערשוואונדען. איך וואַרט אַ שעה, איך וואַרט צוויי, איך וואַרט דריי — וואו איז חוה? נישטאָ חוה! רוף איך מיר אָן צו די קינדער: אַנו טהוט נאָר אַ שפּרונג אויף אַ מינוטקעלע צום גלח...“

„פֿון וואַנען, זאָג איך, האָסט דו געוואוסט, גאָלדע, אַז זי איז ביים גלח?..

„פֿון וואַנען האָב איך געוואוסט, זאָגט זי, אַז אָך און וועה איז מיר! וואָס איז, זאָגט זי, איך האָב קיין אויגען ניט? צו איך בין איהר קיין מאַמע ניט?..“ „אַז דו האָסט אויגען, זאָג איך, און דו ביזט איהר אַ מאַמע, וואָס זשע האָסט דו געשוויגען און האָסט ניט געזאָגט מיר?..“ „דיר זאָל איך זאָגען? ווען ביזטו

אין דערדעיים, זאגט זי, און אז איך זאג דיר, הערסט דו מיך דען? דיר אז מע זאגט, זאגט זי, ענטפערסט דו באלד מיט א פסוק, פארדאקסט דעם קאפ מיט פסוקים און דערמיט קומסט דו אפ..."

אזוי מאכט זי צו מיר, גאלדע הייסט עס, און איך הער ווי זי וויינט אין דער פינסטער... אביסעל איז זי גערעכט, טראכט איך מיר, ווארום וואס פארשטעהט א יודינע? און עס טהוט מיר וועה אויף איהר דאס הארץ, איך קאן נישט הערען ווי זי קרעכצט און ווי זי וויינט, רוף איך מיך אן צו איהר: „וועהסט דו, גאלדע, ביזט ברוגז, זאג איך, למאי איך האב אויף אלס־דינג א פסוק; איך מוז דיר דערויף ענטפערן מיט א פסוק; עס שטעהט ביי אונז געשריעבען, זאג איך, כרחם אב על בנים — א טאטע האט ליעב א קינד; פאר וואס שטעהט ניט, זאג איך, כרחם אם על בנים — אז א מאמע האט ליעב איהר קינד? ווייל א מאמע איז ניט קיין טאטע; א טאטע, זאג איך, קאן אנדערש רעדען מיט א קינד; אט וועסט דו זעהען, זאג איך, אם ירצה השם מארגען זעה איך מיך מיט איהר..." „הלואי, זאגט זי, זאלסט דו זיך קאנען זעהען מיט איהר און מיט איהם אויך, ער איז א מענש, זאגט זי, ניט קיין שלעכטער, חוטש א גלח, נאר אויף א מענשען האט ער, זאגט זי רחמנות; דו וועסט איהם בעטען, פאלען צו די פיס, אפשר וועט ער רחמנות האבען..." „ווער, זאג איך, דער כומר ימח שמו?.. איך, זאל מיך בוקען, זאג איך, צום גלח? ביזט משוגע, זאג איך, צי חסר דעה? אל תפתח פה לשטן, זאג איך, — ניט דערהארען וועלען דאס מיינע שונאים!.." „א! זעהסט דו? עס הויבט זיך אן, זאגט זי, מיט דיר!.." „וואס דען, זאג איך האסט דו געמיינט? איך וועל מיך לאזען פיהרען פון א יודינע? איך וועל, זאג איך, לעבען מיט דיין וויבערשען שכל"?.. אט אין אזעלכע שמועסען געהט אוועק ביי אונז די נאכט. קוים דערלעבט דעם ערשטען קריי פונם האהן, הויב איך מיך אויף, דאווען אפ, נעם מיט זיך די בייטש און לאז מיך אוועק מסתמא גלייך צום גלח אין הויף אריין. ווי זאגט איהר, א יודענע איז טאקע א יודענע, נאר וואוהין דען האב איך געזאלט געהן? אין דער ערד אריין?..

בקצור, געקומען צו איהם אין הויף אריין, בעגעגענען מיך די כלבים זיינע מיט א שענעם גוטמארגען און ווילען מיך צורעכט מאכען די קאפאטע און פארזוכען די ליטקע פון מיינע יודישע פיס, צי זיי זענען עפיס גוט פאר זייערע הינטישע ציינער?.. א גליק, וואס כ׳האב מיטגענומען די בייטש, האב איך זיי געגעבען צו פערשטעהן דעם פסוק לא יחרץ כלב לשונו — נעחיי סאבאקא דאראם נע ברעשע, דאס הייסט: לאז א הונט ניט בילען אומזיסט...

אויף דייער געשריי מיט מיין געפילדער איז ארויסגעלאפען דער גלח מיט דער גלחטע, קוים צוטריבען די פרעהליכע חאליאסטרע און אריינגערופען מיך אין שטוב אריין, מיך אויפגענומען פאר זעהר א שענעם גאסט, געוואלט שטעלען פון מיינטוועגען דעם סאמאוואר. זאג איך, אז דער סאמאוואר איז לאו דוקא, איך האב מיט איהם עפיס צו ריידען, זאג איך, אונטער פיער אויגען. האט זיך דער כומר אנגעשטויסען וואס איך מיין, האט א וואונק געטהון צו זיין פלונית׳טע, זי זאל מוחל זיין צומאכען די טהיר פון יענער זייט — און איך בין צוגעטראטען צום ענין גלייך אהן שום הקדמות, ער זאל מיר זאגען קודם, צי גלויבט ער אין גאט?.. און נאכדעם זאל ער מיר זאגען אויב ער פיהלט דעם טעם, וואס הייסט צושיידען א טאטען מיט א קינד, וואס מען האט דאס ליעב?.. און ווידער זאל ער מיר זאגען, וועלכס הייסט נאך זיין שכל א מצוה און וועלכס הייסט אנ׳עבירה?.. און נאך א זאך וואלט איך וועלען, ער זאל מיך קלאהר מאכען, וואס פאר א פנים האט ביי איהם א מענש, וואס חאפט זיך אריין צו יענעם אין שטוב אריין און וויל מאכען אנ׳איבערקעהרעניש, איבערשטעלען די ביינקליך, מיט די טישלעך מיט די בעטען?..

אוודאי בלייבט ער זיצען געפלעפט און מאכט צו מיר: „טעוועל, זאגט ער, ביזט א קלוגער מענש, זאגט ער, און נעהמסט און שטעלסט אוועק, זאגט ער, מיט אמאל אזוי פיעל שאלות און ווילסט, זאגט ער, איך זאל דיר ענטפערען אין איין קלאפ? האב צייט, זאגט ער, איך וועל דיר ענטפערען על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון“... „ניין, זאג איך צו איהם, דו וועסט מיר, פאטעריל געטרייהער, נישט ענטפערן דערויף קיינמאל נישט. ווייסט דו פאר וואס? ווייל אלע דיינע מחשבות ווייס איך פון פריהער. דו ענטפער מיר, זאג איך, בעסער דערויף: איך האב נאך א האפנונג צו זעהן מיין קינד צוריק אדער ניין?..“ חאפט ער זיך אויף: „וואס הייסט צוריק? דיין טאכטער וועט חלילה גארנישט געשעהען, אדרבה!..“ איך ווייס, זאג איך, איך ווייס, איהר ווילט זי מאכען גליקליך! איך רעד נישט פון דעם, זאג איך, איך וויל וויסען, וואו איז ערגיץ מיין קינד און צי קאן איך זיך מיט איהר זעהען?..“ „אלסדינג יא, מאכט ער צו מיר, נאר דאס נישט“... „אט אזוי-זשע רייד, זאג איך, דברים ברורים, קורצע דבורים! זייט געזונד, זאג איך, און לאז דיר גאט באצאהלען, זאג איך, בכפל כפלים!..“

און איך קום צוגעהן אהיים און טרעף מיין גאלדע ליעגט צונויפגעקוטשעבורעט ווי א שווארצער קנויל אין בעט און האט שוין מעהר קיין

טרעהרען נים אין די אויגען, רוף איך מיך אן צו איהר: „שטעה אויף, מיין ווייב, טהו אוים, זאג איך, די שנך און לאמיר זיך אזועקזעצען שבעה, אזוי ווי גאט האט געבאטען, ר' נתן ד' לקח—מיר זענען נים די ערשטע, מיר זענען נישט די לעצטע, אלעהיי לאז זיך אונז אויסדאכטען, זאג איך, אז מיר האבען קיינמאל נישט געהאט קיין חוה, אדער לאז זיך אונז דאכטען, זאג איך, אלעהיי האדעל, וואס איז אוועק פון אונז אונטער די הרי חשך, גאט ווייסט אויב מיר וועלען זי אמאל זעהען... גאט, זאג איך, איז אנ'אל רחום וחנון, ער ווייסט, וואס ער טהוט!..“

אזוי רייד איך מיר אוים דאס הארץ און פיהל אז די טרעהרען שטיקען מיך, שטעהען מיר ווי א ביין אין האלז, נאר טביה איז נים קיין יודענע, טביה האלט זיך איין! מאלט אייך עס רעדט זיך נאר אזוי, ווארום ערשטענס דער בזיון!.. והשנית ווי קאן איך זיך איינהאלטען, אז מען פערליערט לעבעדיגערהייד אזא קינד, אזא בריליאנט, וואס איז אזוי איינגעבאקען אין הארצען אי ביי מיר, אי ביי דער מוטער כמעט מעהר ווי אלע קינדער, איך ווייס נים: פאר וואס, אפשר דערפאר וואס זי האט קינדווייז זעהר א סך געקריינקט, איבערגעטראגען איוף זיך כל הצרות שבעולם, מיר זענען אמאל אויסגעזעסען איבער איהר גאנצע נעכט, עטליכע מאל אפגעשריגען, פשוט אבגעשריגען פונ'ם טוידט, אפגע'חיה'טשעט ווי מען חיה'טשעט אפ א קליין צעטראטען הינהנדעלע, ווארום אז גאט וויל, מאכט ער פון טוידט לעבעדיג, ווי מיר זאגען אין הלל: לא אמות כי אחיה—אז ס'איז נים באשערט שטארבען שטארבט מען נים... און אפשר איז דאס דערפאר וואס זי איז א גוט קינד, א געטרייעס, האט אונז פון תמיד אן ליעב געהאט ביידען דאס חיות מיט דייר נשמה. אי די קשיה: ווי קומט דאס, זי זאל אונז אזעלכס טהון? איז ערשטענס אונזער מזל אזוי. איך ווייס נים, ווי אזוי איהר, איך גלויב אין השגחה. והשנית איז דאס א קליפה, אנ'אפגעטהונענע זאך, הערט איהר, א מין כשוף! איהר מעגט אייך לאכען פון מיר, און איך זאג אייך, אז איך בין גאר נים אזא גראבער נאר, איך זאל גלויבען אין שרעטלעך, לצים, דאמעוויקעס וכדומה אזעלכע שטות'עריי'ען; נאר אין כשוף, זעהט איהר גלויב איך, ווארום וואס דען איז דאס אז נים קיין כשוף? אט וועט איהר הארכען ווייטער, וועט איהר אליין זוויך זאגען דאס אייגענע...

בקצור—אז די הייליגע ספרים זאגען בעל כרחך אתה חי—א מענש נעהמט זיך נים אליין דאס לעבען, איז דאס נישט אומזיסט. ס'איז גאר נישטא די מכה אויף דער וועלט, וואס זאל זיך נים פארהיילען, און אזא צרה, וואס

מען זאל זי נישט פארגעסען. דאס הייסט פארגעסען פארגעסט זיך נישט, נאר וואס זאל מען טהון? אדם כבהמה נדמה — א מענש בעדארף ארבייטען, הארעווען, פארשווארצט און אויסגעריסען ווערען צוליעב דעם שטיקעל ברויט, — מיר האבען זיך גענומען, וואס טויג אייך, אלע צו דער ארבייט, מיין ווייב און קינדער צו די קריגעלעך, איך צום פערד און וועגעלע און עולם כמנהגו — די וועלט בלייבט ניט שטעהן. אנגעזאגט האב איך אין שטוב, אז חוה לא יזכר ולא יפקד — נישטא חוה! אויסגעמעקט און שוין! און כ'האב מיר צונויפגעשלאגען א ביסעל מילכיגס, פרישע סחורה און האב מיך געלאזט קיין בויבעריק צו מיינע קונים.

געקומען קיין בויבעריק — א שמחה, א גדולה: וואס מאכט א ייד רב טביה? פאר וואס זעהט מען אייך ניט? „וואס זאל איך מאכען — זאג איך — ס'איז חדש ימינו כקדם, דער אייגענער שלים-מזל וואס פריהער; א בהמה'לע זאג איך, איז ביי מיר געפאלען...“ „וואס איז די מעשה, זאגען זיי, וואס מיט אייך טרעפען זיך אלע נסים?“ און דער עולם פרעגט מיך אויס איטליכער באזונדער, וואס פאר א בהמה'לע איז ביי מיר געפאלען? וויפיעל האט דאס מיר געקאסט? און וויפיעל בהמה'לעך איז מיר נאך געבליבען? און מען לאכט, מען איז פרעהליך, ווי געוויינטליך נגידים מאכען זיך לחוק איבער אן ארעמאן א שלים מזל נאכ'ן עסען, אז ס'איז גוט אויפ'ן הארצען און אין דרויסען איז שען און היים און גרין, און עס גליטשט זיך דרימלען... טביה איז אבער א מענש, וואס לאזט זיך טרייבען קאטאוועס, א קריינק נעמט ביי מיר יענער וויסען, וואס ביי מיר אויפ'ן הארצען טהוט זיך, און, אבגעפערטיגט זיך מיט אלע קונים, לאז איך מיך צוריק מיט די ליידיגע קריגלעך אהיים איבערן וואלד, לאז איך דאס פערדיל, ס'זאל זיך געהן פאמעלי! און חאפען בגנבה א שטשיפעל גראז, און אליין פערטיעף איך מיך אין מיינע מחשבות און געדאנקען, טראכט איבער פון וואס איהר ווילט: פונים לעבען און פונים טוידט, פון דער וועלט און פון יענער וועלט, און וואס איז אזעלכס וועלט, און וואס לעבט א מענש, וכדומה אזעלכע זאכען, בכדי איך זאל מיר צושלאגען די רעיונות, דאס הייסט איך זאל נישט קלערען פון איהר, פון חוה'ן הייסט עס, און ווי אויף צו להכעיס קריכט מיר אין קאפ אריין דוקא זי, חוה הייסט עס, אקעגען מיט איהר געשטאלט, הויך און שען און פריש ווי א סאסנע, אדער גאר ווי זי איז נאך געוועזען א קליינטשקע, א קראנקעטשקע, א פיניקה'לע, ווי א ניעוסה'לע ביי מיר אויף די הענד, דאס קעפיל ארויפגעווארפען אויף מיינע פלייצעס: „וואס ווילסט דו, חוה'לע? געבען דיר א

שטיקעלע פאפע? א ביסעלע מאני?..״ און איך פארגעס אויף א ווײַלע, װאס זי האט אפגעטהון און עס ציהט מיר צו איהר דאס הארץ און די נשמה יאגט, ביינגט נאך איהר... נאר דערמאהן איך מיך, און עס נעהמט מיך איבער דער כח הדם און א פייער צינדט זיך אן ביי מיר אין הארצען אויף איהר און אויף איהם און אויף דער גאנצער וועלט און אויף זיך אליין, פאר װאס איך קאן זיך נישט פארגעסען אויף קיין מינוט, פאר וואס זאל איך זי נישט קאנען אויסמעקען, ארויסרייסען פונ׳ם הארצען, זי האט דאס דען ביי מיר נישט פערדיענט? דערויף טאקי דארף טביה זיין א יוד שביור, כל ימיו פינדשווארצט ווערען, אקערען מיט דער נאז די ערד, מגדל זיין קינדער. בכדי זיי זאלען נאכדעם נעמען מיט איין מאל און אפרייסען זיך מיט גוואלד, אפפאלען ווי א שישקע פונ׳ם בוים און פארטראגען ווערען מיט׳ן ווינט און מיט׳ן רויך?.. אט למשל — אזוי קלער איך מיר — וואכסט א בוים, א דעמב אין וואלד, קומט צוגעהן א נפש מיט א האק, נעמט אפ א צווייג און נאך א צווייג און נאך א צווייג — וואס איז דער בוים אהן די צווייגען משטיינס געזאגט? נעם שוין בעסער דו בן אדם און האק אונטער דעם בוים אינגאנצען — און א גנעק לאז דאס האבען, צו וואס זאל סטארטשען א נאקעטער דעמב אין וואלד?!..

און אזוי ווי איך טראכט מיר אזוי די דאזיגע מחשבות, דערפיהל איך פלוצים, אז מיין פערדעל האט זיך אפגעשטעלט — סטאפ! וואס איז דאס? איך הויב אויף די אויגען, איך טהו א קוק — חוה!.. די אייגענע חוה, וואס פריהער, נישט געמינערט א האר, אפילו די מלבושים נישט איבערגעביטען!.. דאס ערשטע וואס קומט מיר אויף די געדאנקען — איז אראפגעשפרונגען פון וואגען און ארומחאפען זי קושען... נאר באלד טהוט מיר צוריק א ציה א געדאנק: „טביה? וואס ביזט דו א יודינע?—״ און איך טהו א ציה דאס פערדעל: „וויא, שלים מזל!״ — און נעם מיך רעכטס, איך טהו א קוק — מיינע אויך רעכטס, מאכט עפיס צו מיר מיט דער האנד, ווי איינער רעדט: „שטעה א ווײַלע, איך דארף דיר עפיס זאגען...״ און עס טהוט זיך מיר א ריס אפ אינווייניג און א ציפ ביים הארצען, און איך לאז אפ הענד און פיס; אט — אט טהו איך א שפרונג אראפ פונ׳ם וואגען! נאר איך האלט מיך איין, טהו איך א ציה דאס פערדעל און נעם מיך לינקס — מיינע אויך לינקס, קוקט אויף מיר משונה ווילד, דאס פנים טוידט... וואס טהוט מען? — טראכט איך מיר — זאל איך בלייבען שטעהן, צי איך זאל פאהרען ווייטער? — און איידער איך קוק מיך נאך ארום — אהא, זי האלט שוין דאס פערדיל ביים

צוים און מאַכט צו מיר: „טאַטע! זאָל איך שטאַרבען אויב דו וועסט זיך ריהרען פֿונ'ם אָרט! איך בעט דיך, הער מיך אויס פֿריהער טאַטע פֿאָטער!..“ „ע!ך—טראַכט איך מיר—ווילסט מיך נעהמען מיט גוואַלד? ניין, נשמה מיינע, ווי באַלד אַזוי איז אַ סימן, אַז דו קענסט ניט דעם טאַטען דיינעם...— דאַוואַי שמייסען דאָס פֿערדיל אויף וואָס די וועלט שטעהט. און מיין פֿער־דיל פֿאָלגט, שפּרינגט, נאָר עס דרעהט צוריק דעם קאָפּ, מאַכט בשעת מעשה מיט די אויערען. „וויאָ, זאָג איך צו דעם—אַל תסתכל בקנקן, קוק ניש׳ט, חכם מיינער, אַהין וואו מע דאַרף ניט...“ און אַליין מיינט איהר, ווילט זיך מיר ניט אויסדרעהען דעם קאָפּ צוריק און אַ קוק טהון, חאָטש איין קוק טהון אַהין אויף יענעם אָרט, וואו זי איז שטעהן געבליבען?.. נאָר ניין, טביה איז ניט קיין יודינע? טביה ווייסט ווי אַזוי מען איז זיך נוהג מיט׳ן שטן מקטרג...

בקצור, איך וויל אייך ניש׳ט מעהר, ווי זאָגט ער, מאריך ימים זיין, איין עבירה אייער צייט. זאָל ס׳איז מיר באַשערט געווען חבוט הקבר, בין איך שוין געווים דערמיט אָפּגעקומען, און דעם טעם פֿון גיהנם מיט כף הקלע מיט די אַלע איבעריגע געברענטע ליידען, וואָס ווערען פֿעשריבען ביי אונז אין די הייליגע ספרים, פֿרעגט מיך, וועל איך אייך זאָגען! דעם גאַנצען וועג, וואָס איך פֿאָהר, ווייזט מיר אויס, אַז זי לויפֿט מיר נאָכ׳ן וואָגען און שרייט: „הער מיך אויס, טאַטע פֿאָטער!..“ און עס פֿליהט מיר דורך אַ געדאַנק: „טביה! דו שטעלסט אויף זיך צפּיעל! וואָס וועט דיר אַרגען, אַז דו וועסט זיך אָפּשטעלען אויף אַ ווײַלע אויסהערען, וואָס וויל זי? אפשר האָט זי דיר צו זאָגען אַזעלכס, וואָס דו דאַרפֿסט דאָס וויסען? אפשר אַ קשיה, אויף אַ מעשה האָט זי חרטה און וויל זיך אומקעהרען צוריק? אפשר ליגט זי ביי איהם אין דער ערד און בעט ביי דיר, דו זאָלסט איהר העלפֿען אַרויס פֿון גיהנם?.. אפשר אגן אפשר און נאָך אַ סך אַזעלכע אפשר׳ס פֿליהען מיר דורך אין קאָפּ, און זי שטעלט זיך מיר פֿאָר אַלס אַ קינד, און איך דערמאָהן מיך אָנ׳ם פסוק כרחם אָב על בנים—נישטאָ קיין שלעכט קינד ביי אַ טאַטען, און איך פּייניג מיך, און איך זאָג אויף זיך אַליין, אַז איך בין אָסור לרחם—ניש׳ט ווערט וואָס די ערד טראָגט מיך! וואָס? וואָס קאָכסט דו, דו משוגענער עקשן? וואָס טאַראַבאַנעסט דו? נעם, דו אַכזר איינער, פֿערקערעווע דאָס ווענעלע צוריק און בעט זיך מיט איהר איבער, זי איז דיין קינד, ניש׳ט קיינעמס!.. און עס קריכען מיר אין קאָפּ אַריין משונה מאָדנע מחשבות און געדאַנקען: וואָס איז דאָס אַזעלכס יוד און וואָס איז ניט יוד?.. און פֿאַר וואָס האָט

גאָט בעשאַפען יודען און ניט יודען?.. און אַז גאָט האָט שוין בעשאַפען יודען, פאַר וואָס זשע זאָלען זיי זיין אַזוי אָפגעטיילט איינס פון דאָס אַנדערע, נישט קאָנען אָנקוקען איינס דאָס אַנדערע, גלייך ווי דער איז פון גאָט און יענער איז ניט פון גאָט?.. און עס פערדריסט מיך, למאַי איך בין נישט אַזוי קלאָהר ווי אַנדערע אין ספרים און אין ביכער, איך זאָל קאָנען געפינען דערויף עפּעס אַ רעכטען תירוץ... און בכדי זיך צושלאָגען די רעיונות, הויב איך אָן אויף אַ נגון: אַשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה! איך דאַווען, הייסט דאָס, מנחה אויף אַ קול און מיט אַ נגון, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטען. נאָר וואָס קומט אַרויס פונ׳ם דאַוונען און פונ׳ם זאָגען, אַז אינווייניג אין האַרצען זינגט זיך אַנ׳אַנדערער נגון: „ח—וה! ח—וה! ח—וה“.. און וואָס איך זינג העכער דעם „אַשרי“ זינגט זיך מיר „חוה“ נאָך העכער, און וואָס מעהר איך וויל זי פאַרגעסען, אַזוי מעהר און אַזוי שאַרפער שטעהט זי מיר פאַר די אויגען, און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך הער איהר קול ווי זי רופט צו מיר: „הער מיך אויס, טאַטע־פאָטער!..“ און איך פאַרשטעל מיר די אויערען, איך זאָל זי ניט הערען, און איך מאַך צו די אויגען, איך זאָל זי ניט זעהען, און זאָג די שמונה עשרה, און הער ניט וואָס איך זאָג, און שלאָג זיך אָשמנו און ווייס ניט פאַר וואָס, און מיין לעבען איז צורודערט און אַליין בין איך צורודערט, און זאָגען זאָג איך ניט קיינעם פון מיין בעגעגעניש, און רעד נישט מיט קיינעם פון איהר, און פרעג זיך ניט נאָך אויף איהר ביי קיינעם, האָטש איך ווייס, איך ווייס גאַנץ גוט, וואו זי איז און וואו ער איז און וואָס זיי טהוען, נאָר אַ מכה וועט ביי מיר עמיצער וויסען. ניט דערלעבען וועלען דאָס מיינע שונאים, אַז איך זאָל מיך פאַר עמיצען בעקלאָגען, אָט אַזאַ מענש איז טביה!..

איך וואָלט אַ בעלן געוועזען וויסען, צי אַלע מאַנסבילען זענען אַזוי, צי נאָר איך בין אַזאַ משוגענער? אַ שטייגער כדומה למשל, אַמאָל טרעפט זיך.. איהר וועט ניט לאַכען פון מיר? איך האָב מורא, איהר וועט לאַכען פון מיר. אַמאָל טרעפט זיך, איך טהו מיך אָן אין דער שבת׳דיגער קאַפּאָטע, און לאָז מיר צו דער באַהן און בין שוין גרייט זיך אויפזעצען פאָהרען צו איהן, צו זיי, איך ווייס וואו זיי זיצען... איך געה צו צום קאַסיר און הייס מיר געבען אַ בילעט. פרעגט ער מיך: וואוהין? זאָג איך: קיין יעהופּעץ... זאָגט ער אַזאַ שטאָדט איז ביי מיר נישט פאַרהאַן... זאָג איך: בין איך ניט שולדיג. און איך קעהר מיך אום צוריק אַהיים, טהו אויס די שבת׳דיגע קאַפּאָטע און נעם מיך צוריק צו דער אַרבייט, צום ביסעל מילכיגס און צום פערד און

וועגעלע, ווי שטעהט דארטען: איש לפעלו ואדם לעבודתו — דער שניידער צו דער שער און דער שוסטער צום ווארשטעט... איז איהר לאכט פון מיר? וואס האב איך אייך געזאגט? איך וויים אפילו וואס איהר טראכט; איהר טראכט זיך: „אט דער טביה איז טאקי עפעס נור א חושים!..“ הערפאר רעכען איך, אז עד כאן אומרים בשבת הגדול — ס'זאל זיין היינטיגעס מאל גענוג הייסט עס... זייט מיר געזונד און שטארק און שרייבט בריוולעך, נאר למען השם נים פערגעסען, וואס כ'האב אייך געבעטען: אז ס'זאל זיין פתח שין שא, איך מיין, איהר זאלט נים מאכען דערפון קיין ביכעל, און אויב עם וועט אייך אויסקומען שרייבען, זאלט איהר שוין שרייבען פון אנאנדערען, נים פון מיר; און מיר פערגעסט, ווי אין פסוק שטעהט: וישכחהו — אום טביה דער מילכיגער...

VI

שפרינצע

שפּרינצע.

נאך א נייע מעשה פון טביה דעם מילכיגען.

אייך קומט א גרויסען, ברייטען שלום עליכם, פאני שלום־עליכם, — עליכם ועל בניכם! א שאק מיט יאהרען אז מיר האבען זיך ניט געזעהען! וועה־וועה, וויפיעל וואסערן עס זענען אבגעלאפען! וויפיעל אנגסטען מיר ביידע און כל ישראל זענען אויסגעשטאנען אין די עטליכע יאהר: א קעשענעוו, א קאנסטיטוציע", מיט פאגראמען, מיט צרות, מיט שלעק — אך טי רבונו של עולם, גאטעניו נאש!... מיר איז נאר א חדוש אויף אייך, האט קיין פאראיבעל ניט, וואס איך וועל אייך זאגען, איהר זענט דאך נישט גערוקט אויף א האר, קיין עין הרע, קיין עין הרע! טהוט אבער א קוק אויף מיר: הרי אני כבן שבעים — איך בין נאך ניט אלט קיין זעכציג און זעהט ווי וויים טביה איז געווארען: סאיווערטעל צער גדול בנים וואס מען האט פון קינדער! און ווער האט נאך אזוי פיעל צער גדול בנים פון קינדער וויפיעל איך? מיך האט געטראפען א נייער שלאק מיט מיינע א טאכטער שפרינצע, וואס גערט איבער אלע צרות, וואס איך האב ווען איבערגעהאט ביז אהער, און זעהט פון דעסטוועגען, גארנישט, מען לעבט, ווי שטעהט דארטען: בעל כרחך אתה חי, האטש חער צוזעצט שונאי ציון זינגענדיג דאס לידעל:

וואס טויג מיר מיין לעבען, וואס טויג מיר מיין וועלט,
אז כ'האב נישט קיין מזל, אז כ'האב נישט קיין געלד?...

בקצור, ווי אזוי שטעהט דארט אין פרק: רצה הקדוש ברוך הוא לזכות — גאט האט געוואלט א טובה טהון זיינע יודען, האט מען אנגעשיקט אויף אונז אנ'אונגליק, א צרה, א קאנסטיטוציע! אי א קאנסטיטוציע! עס איז געקומען כיטו אמאל א מהומה אויף אונזערע נגידים, א לויפעניש פון יעהופעץ קיין אויסלאנד כלומר'שט אין די ווארעמע בעדער, נערוועז, זאלץ־ביטלעך, נעכטיגע

טעג... און ווי באלד מען צופאָהרט זיך פון יעהופּעץ איז בויבעריק מיט איהר לופט און מיט איהר וואלד און מיט איהרע דאטשעס טיעף אין דער ערד, ווי מיר זאָגען אין ברוך שאמר: ברוך מרחם על הארץ... נאָר וואָס דען? ס'איז דאָך אָבער דאָ אַ גרויסער גאָט אויף דער וועלט, וואָס גיט אַכטונג אויף זיינע אָרעמע לייט נעבעך זיי זאָלען זיך נאָך אַ ביסעל מוטשען אויף דער וועלט, האָבען מיר געהאַט אַ זומער אַי-אַי-אַי! מען איז זיך צונויפגעלאָפען צו אונז קיין בויבעריק פון אדעס, און פון ראסטאָוו און פון יעקאַטערינאָסלאוו און פון מאָהליוו, און פון קעשענעוו אלפי אלפים נגידים, גבירים אדירים! אַ פנים אַז דאָרט איז די „קאָנסטיטוציע“ נאָך שטאַרקער ווי ביי אונז אין יעהופּעץ, וואָרום מע לויפט, מען הערט ניט אויף צו לויפען. אי, די קשיא, וואָס לויפען זיי עפּים צו אונז? איז דער תירוץ: למאַי אונזערע לויפען צו זיי? ס'איז שוין ביי אונז געוואָרען ברוך השם אַזאַ מנהג, אַז עס קומט די צייט וואָס מען הויבט אָן רעדען פון פּאָגראָמען, הויבען יודען אָן צו לויפען פון איין שטאָדט אין דער אַנדערער, ווי אין פּסוק שטעהט: ויסעו ויחנו — ויחנו ויסעו — איז דער טייטש פּאָהר דו צו מיר, וועל איך פאָהרען צו דיר... דערווייל איז בויבעריק, וואָס אַרט אייך, געוואָרען אַ כרך, אָנגעפּאַקט מיט מענשען, ווייבער און קינדער, און קינדער האָבען ליעב פּיקען, און מילכיגס דאַרף מען, און וואו קריגט מען מילכיגס אַז ניט ביי טביה'ן? וואָס טוג אייך, טביה איז אַריין אין דער מאָדע, פון אַלע זייטען: טביה און טביה! רב טביה אַהער! רב טביה צו מיר! — אַז גאָט וויל, וואָס פרעגט איהר?

ויהי היום, טרעפט זיך אַ מעשה, ערב שבועות איז דאָס געווען, קום איך צו פאָהרען מיט אַ ביסעל מילכיגס צו איינע פון מיינע קונה'טעס, אַ יונגע אלמנה און אַ רייכע פון יעקאַטערינאָסלאוו, וואָס איז געקומען צו פאָהרען מיט איהר זוהנדעל, אַראָנטשיק הייסט ער, קיין בויבעריק אויפ'ן זומער, און דאָס פערשטעהט איהר דאָך אַליין, אַז דאָס ערשטע בעקענטשאַפט איהרס אין בויבעריק איז געווען מסתמא מיט מיר. „מען האָט מיר גערעקאָמאַנדירט, זאָגט זי — די אלמנה הייסט דאָס, אַז ביי אייך איז דאָס בעסטע מילכיגס“ — ווי קען דאָס זיין אַנדערש, זאָג איך צו איהר, צו דער אלמנה הייסט דאָס; ניט אומזיסט, זאָג איך, זאָגט שלמה המלך, אַז אַ גוטער נאָמען לאָזט זיך הערען ווי אַ שופר איבער דער גאַנצער וועלט, און אויב איהר ווילט, זאָג איך, וועל איך אייך דערצעהלען וואָס עס זאָגט דערויף דער מדרש. שלאָגט זי מיך איבער, די אלמנה הייסט דאָס, און זאָגט צו מיר, אַז זי איז איין אלמנה און איז אין די זאַכען, זאָגט זי, נישט געניט. זי ווייסט ניט מיט וואָס מען עסט

דאס... דער עיקר, זאגט זי, אז די מוטער זאל זיין פריש, און דער קען זאל זיין געשמאק... נו, געהט רעדט מיט א נקבה!...

בקצור איך האב אנגעהויבען אריינקומען צו דער יעקאטערינאסלאווער אלמנה, וואס ארט אייך, צוויי מאל אין דער וואך; אלע מאנטאג און דאנערשטאג, פינקטליך, ווי א לוח, אראבגעטראגען דאס ביסעל מילכיגס, גארנישט אנגעפרעגט זיך צו מען דארף צו מען דארף ניט, געווארען ביי איהר א היימישער מענש ווי געוויינטליך, אנגעהויבען זיך צוקוקען ווי אזוי עס פיהרט זיך ביי איהר, אריינגעשמעקט אין קיך אריין, געזאגט א פאר מאל וואס איך האב געפונען פאר נעטיג צו זאגען, דאס ערשטע מאל געוויינטליך געחאפט א פסק פון דער דיענסט איך זאל זיך ניט מישען, ניט אריינקוקען אין פרעמדע טעפ, דאס אנדער מאל האט מען זיך צו מיינע ווערטער צוגעהערט, און דאס דריטע מאל טאקי געהאלטען זיך מיט מיר אין עצה, ווארום זי האט ארויסגעזעהן, די אלמנה הייסט דאס, ווער טביה איז, אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז זי האט מיר אנטפלעקט איהר צרה, איהר קרענק, איהר אומגליק — אראנטשיק; סטייטש, ער איז שוין א בחור פון עטליכע און צוואנציג יאהר, זאגט זי, און ווייסט נאר פערדלעך, נאר לאסיפעדען, נאר חאפען פישלעך, און ווייטער, זאגט זי, ווייס ער גארנישט! ער וויל נישט הערען, זאגט זי, פון געשעפט, פון געלד, ס'איז איהם געבליעבען פון זיין טאטען, זאגט זי, א שענע ירושה כמעט א מיליאן, ער זאל דאס אפילו, זאגט זי, אריינשמעקען! ער ווייסט נור אויסברענגען, זאגט זי, אנאפענע האנד ביי איהם! „וואו איז ער, זאג איך, דער בחור? איהר גיט איהם נאר, זאג איך, אהער צו מיר, איך וועל מיך מיט איהם אביסעל, זאג איך, דורכשמועסען, איהם זאגען אביסעל מוסר, א פאר פסוקים, ברענגען א מדרש" — „לאכט זי: „ווייס איך וואס, זאגט זי, איהר ברענגט איהם בעסער א פערדעל, ניט קיין מדרש!"...

בתוך כך אזוי ווי מיר רעדען, אזוי — ויבא הילד — קומט אן דער בחור, — אראנטשיק הייסט דאס, א בחורעץ א סאסנע, א געזונטער יונגאטש, בלוט און מילך, און א ברייטען פאס טראגט ער, איך בעט איבער אייער כבוד, אויף די הויזען, מיט א זייגעריל אריינגעשטעקט אט דא אין גארטעל, מיט פערקאטשעטע ארבעל אריבער די עלעבויגענס: „וואו ביזט דו געוועזען?" פרעגט איהם די מוטער — „זיך געשיפט מיט א שיפעל, זאגט ער, געחאפט פיש"... „א שענע עובדא, זאג איך, פאר אזא בחורל ווי איהר; דארט אין דער היים, וועט מען אייך צוטראגען, זאג איך, די ביינער און איהר דא וועט חאפען פישלעך!"

איך טהו א קוק אויף מיין אלמנה — רויט ווי א צוויק — אלערליי פארבען

זי האט געווים גערעכענט, אז איידער בן וועט מן הסתמא אנגעהמען מיך פאר'ן קאלנער ביד חזקה אחת — און וועט מיר געבען באותות ובמופתים שתים — צוויי פעטש הייסט עס און וועט מיך ארויסווארפען כחרס הנשבר — בלאטע! טביה דאט פאר אזעלכע זאכען קיין מורא ניט! איך, אז איך האב עפים, זאג איך!

כך הוה, מיין בחור, אז ער האט דערהערט פון מיר אזעלכע דבורים, איז ער נאך אבגעשטאנען אביסעל, פערלייגט די הענד ארונטער, מיך בעטראכט פון סאמע קאפ ביז צו די שפיץ פיס, ארויסגעלאזט עפים א מאדנעם פייף און האט זיך פלוצים אזוי צולאכט, אז מיר ביידע האבען מורא געהאט, צו איז דער בחור חלילה נישט משוגע געווארען אויף א מינוט? און וואס זאל איך אייך זאגען — מיר זענען פון דאמאלס אן געווארען מיט איהם חבר, די בעסטע גוטע פריינד! איך מוז אייך זאגען מיר איז דער בחור געפעלען וואס וויטער אלץ מעהרער, אפילו א שארלאט און אן אויסגעריסענער, און א האנד שוין צו אני־אפענע, און א שטיקעל חושים דערצו. למשל באגעגענען איין ארעמאן, אריינלייגען די האנד אין קעשענע, ארויסנעהמען און אוועקגעבען נישט געצעהלט. טו, ווער טהוט עס?... אדער אראבנעהמען פון זיך א גוטען פאליטא א גאנצען, א נייעם און אוועקגעבען יענעם — אז מען שמועסט א חושים'דיגער!... א גאטס רחמנות געוועזען אויף דער מוטער! זי פלעגט זיך מיר קלאגען: וואס טהוט מען? און בעטען מיך איך זאל מיט איהם אביסעל שמועסען. האב איהר צוליעב געטהון: וואס וועל איך איהר ושאלעוועו? עס קאסט מיך געלד? און איך האב מיך אוועקגעזעצט און איך האב איהם דערצעהלט מעשיות, געבראכט משלים, געריבען פסוקים, געהאקט מדרשים, אזוי ווי טביה קאן, און ער האט דוקא ליעב געהאט מיך אויסהערען, אויספרעגען, ווי אזוי איך לעב, ווי אזוי איך פיהר מיך אין דערהיים? „איך וואלט א בעלן געווען, זאגט ער, זיין ביי אייך אמאל, רב טביה!“ ...זאג איך צו איהם: אז מען איז א בעלן, זיין ביי טביה'ן, נעהמט מען, זאג איך, און מען פאהרט זיך דורך אמאל צו מיר אין חוטאר אריין, איהר האט דאך, זאג איך, גענוג פערדלעך, מיט לאסיפעדען, פאר נויט, זאג איך, זענט איהר ניט קליין זיך דורכגעהן מיט די רגלים, ס'איז ניט וויט, זאג איך, מען דארף נאר דורכשניידען, זאג איך, דעם וואלד“... „ווען, זאגט ער, זייט איהר אין דער היים?“ „מיך קאן מען טרעפען, זאג איך, אין דער היים נאר שבת אדער יום-טוב; שאט, זאג איך, ווייסט איהר וואס? אט האבען מיר אם ירצה השם איבערמארגען פרייטאג שבועות; אויב איהר ווילט, זאג איך מאכען א שפאציער צו אונז אין חוטאר אריין, וועט אייך מיין ווייב

זאג איך, מכבד זיין מיט מילכיגע בלינצעס אזעלכע אשר לא בלינצו אבותינו במצרים!" פרעגט ער מיך „וואס הייסט דאס?" איהר ווייסט דאך, זאגט ער, אז אין בין אויך פסוקים שוואך"... איך ווייס, זאג איך, אז איהר זענט שוואך; איהר זאלט געוועזן, זאג איך, לערנען אין א חדר אזוי ווי איך, וואלט איהר, זאג איך, אויך געוואוסט מה דקאמרי רביצין. לאכט ער און מאכט צו מיר: „גוט, איהר האט מיך, זאגט ער, פאר א גאסט, איך קום, זאגט ער, צו אייך, רב טביה, דעם ערשטען טאג שבועות, מיט א פאר בעקאנטע, אויף בלינצעס, נאר איהר זאלט זעהן זיי זאלען זיין, זאגט ער, הייס!" — „אש להבה, זאג איך, מן השפה ולחוץ — פון דער סקאווערדע גלייך אין מויל אריין!..." און איך קום צו פאהר־פאהרען אהיים און רוף מיך אן צו מיינער: גאלדע, זאג איך, מיר האבען געסט אויף שבועות!" זאגט זי: מזל טוב דיר, ווער מען איז?" זאג איך: „דאס וועסט דו וויסען שפעטער; דו גרייט נאר צו אייער, זאג איך, קעז און פיטער אין דא ברוך השם נענוג, וועסט מאכען בלינצעס, זאג איך, פאר דריי פארשוין, נאר אזעלכע פארשוינען, זאג איך, וואס האלטען פון דער אכילה און הויבען ניט אן צו וויסען, זאג איך, וואס רש"י מאכט..." „אוראי, זאגט זי, שוין צוגע־טשעפעט זיך א שלים־מזל פון הונגעריגען לאנד". „ביזט א בהמה, זאג איך, גאלדע! ערשטענס וואלט ניט געוועזן, זאג איך, אזא אומגליק, ווען מיר זאלען חלילה אנהארעווען, זאג איך, איין ארעמאן מיט שבועות'דיגע בלינצעס; והשנית זאג איך, זיי וויסען, זוגתי היקרה הצנועה והחסידה מרת גאלדע שתחיה, אז איינער פון אונזערע שבועות'דיגע געסט וועט זיין דער אלמנה'ס וזהנדעל, זאג איך, אט דער וואס מען רופט איהם אראנטשיק, איך האב דיר דערצעהלט פון אידם". אויב אזוי, זאגט זי, איז עפיס אנדערש... דער כח פון מיליאנען! אפילו מיין גאלדע אז זי דערשמעקט געלד, ווערט זי גאר אן־אנדער מענש. ס'איז אזא וועלט, וואס זאלט איהר קלעהרען? ווי שטעהט דארטען אין הלל: „כסף וזהב מעשי ידי אדם" — געלד בעגראבט א מענשען...

בקצור — ס'איז געקומען דער ליכטיגער גרינער יום־טוב שבועות. ווי שען, ווי גרין, ווי ליכטיג און ווארעם ביי מיר אין תוטאר איז, אז עס קומט שבועות, בעדארף איך אייך ניט דערצעהלען. דער גרעסטער גביר ביי אייך וואלט זיך ווינשען האבען אזא בלויען הימעל מיט אזא גרינעם וואלד מיט אזעלכע שמעקענדיגע סאסנעס מיט אזא מחיה'דיגען גראז, פאשע פאר די בהמה'לעך, וואס שטעהען און קייען און קוקען אייך אין די אויגען אריין, ווי איינער רעדט: „גיט אונז נאר אלע מאל אזא גראז, קיין מילך וועלען מיר אייך ניט זשאלעווען!..." ניין, זאגט אייך וואס איהר ווילט, ניט מיר די בעסטע

פרנסה איך זאל ארויספאהרען פון דארף אין שטאדט אריין, וועל איך מיך מיט אייך ניט בייטען. וואו האט איהר אין שטאדט אזא הימעל? ווי זאגען מיר אין הלל: השמים שמים לה׳ — ס׳איז א הימעל פון גאט!... אין שטאדט אז איהר פערדרייט דעם קאפ, וואס זעהט איהר? א מויער, א דאך, א קוימען. זשע וואו האט איהר דארט אזא בוים? און טאמער האט זיך פערוואלגערט ערגיץ ביי אייך א בוימעלע, האט איהר דעם אנגעטהון פון אויבען א קאפאטע!... הכלל זיי האבען זיך גארנישט געקענט אבוואונדערן, מיינע געסט, אז זיי זענען געקומען צו מיר שבועות אין חוטאר אריין. אנגעקומען זענען זיי, אלע פיער בחורים, רייטענדיג אויף פערדלעך, סוסים איינס און איינס! און וועד שמועסט ארענטשיק איז געזעסען אויף א פערדעל, זאג איך אייך, א סוס, אניאמתער מערין! איהר קויפט איהם ניט פאר קיין דריי הונדערט קארבען! „ברוך הבא געסט! זאג איך צו זיי — לכבוד שבועות, זאג איך, זענט איהר דאס געקומען רייטענדיג? נישקשה, זאג איך, טביה איז נישט פון די גרויסע צדיקים און אז מען וועט אייך, זאג איך, אם ירצה השם שמייכען אויף יענער וועלט, וועט מיר ניט וועה טהון... עי, גאלדע! זעה נאר עס זאלען זיין פערטיג די בלינצעס, און לאז מען, זאג איך, ארויסטראגען דעם טיש אהערצו אין דרויסען ארויס, איך האב, זאג איך, אין שטוב גארנישט וואס צו ווייזען פאר די געסט... עה, שפרינצי! טייבעל! ביילקע, וואו זענט איהר דארט? ריהרט זיך!"... אט אזוי קאמאנדעווע איך מיט די קינדער, און עס ווערט ארויסגעטראגען א טיש מיט בענקלעך מיט א טישטוך מיט טעלער, לעפלען, גאפלען, זאלץ, — און טאקי באלד נאך דעם קומט אן גאלדע מיט די בלינצעס, הייסע, זודיגע, פון דער סקאווערדע, מחיה׳דיגע פעטע, כצפיחית בדבש! און מיינע אורחים קאנען זיך גארנישט אבלויבען פון די בלינצעס...

„וואס שטעהסט דו, זאג איך צו גאלדען, נעהם, זאג איך, חזר איבער דעם פסוק נאך אמאל, ס׳איז היינט, זאג איך, שבועות, דארף מען, זאג איך, זאגען צוויי מאל „אודך"! און מיין גאלדע פוילט זיך ניט, פילט אן דעם פאלומעסעק נאך אמאל און שפרינצע דערלאנגט די בלינצעס צום טיש. פלוצים איך טהו א קוק אויף מיין ארענטשיקען, איך זעה ער האט זיך פארקוקט אויף מיין שפרינצען, ער לאזט נישט אראפ קיין אויג פון איהר! וואס האט ער אויף איהר אזעלכעס דערזעהען?.. „עסט זאג איך צו איהם. פאר וואס יעסט איהר נישט?.." מאכט ער צו מיר: „וואס דען טהו איך?" „איהר קוקט, זאג איך, אויף מיין שפרינצען..." ווערט א געלעכטער, אלע לאכען, און מיין

שפּרינצע לאַכט אויך, און ס'איז אַלעמען פריילאַך, אַלעמען גוט, אַ גוטער, אַ פריילאַכער שבועות אויף אַלעמען!.. גיה טרעף, אַז פון דעם פריילאַכקייט מוז זיך אויסלאָזען אַ צרה, אַ שלאַק, אַ יללה, אַ נאָכט שטראָף אויף מיין קאָפּ, פערוויסט און פערפינסטערט בין איך געוואָרען!.. נאָר עט! אַ מענש איז אַ נאַר! אַ מענש אַ בר־דעת טאָר זיך ניט צולאָזען צום האַרצען און דאַרף פערשטעהן אַז אַזוי ווי עס איז אַזוי בעדאַרף צו זיין, וואָרום ווען עס זאָל בעדאַרפען זיין אַנדערש וואָלט דאָך עס ניט געווען אַזוי ווי עס איז! זאָגען מיר דען ניט אין תהלים: השלך על ד׳ — פערלאָז דיך נאָר אויף גאָט, ער וועט שוין מאַכען אַזוי, אַז דו זאָלסט ליגען טיעף ניין איילען אין דער ערד און באַקען בייגעל און נאָך זאָגען גם זו לטובה! הערט וואָס עס קאָן זיך פאַרלויפען אויף אַ וועלט, נאָר מיט קאָפּ, וואָרום דאָ הויבט זיך ערשט אָן די רעכטע מעשה.

ויהי ערב ויהי בקר — איין מאָל פאַרנאַכט קום איך צופאָהרען אַהיים אַ צובראָכענער פונים טאָג און אַנ'אויסגעמוטשעטער פונים אַרומלויפען אי־בער די דאַטשעס און בויבעריק, טרעף איך ביי מיר אין דרויסען ביי דער שטוב צוגעצוימט צו דער טהיר אַ בעקאַנטער פערד, איך וואָלט געמעגט שווע־רען, אַז ס'איז אַראָנטשיקס סוס, דער מערין, וואָס איך האָב איהם דערציילט אָבגעשאַצט אין דריי הונדערט קאַרבען. גיה איך צו צום סוס און דערלאַנג איהם מיט איין האַנד אַ פּליאַסק פון הינטען און מיט דער אַנדערער האַנט אַ קראַץ פון פאָרנט אין האַלז און אַ טרייסעל איבער דער גריווע „ידידי, זאָג איך צו איהם, שענער בחור מיינער! וואָס טהוסטו דאָ? דרעהט ער אוים צו מיר די חנ'עוודיגע מאָרדע און טהוט אַ קוק אויף מיר מיט די קלוגע אויגען, ווי איינער רעדט: „וואָס פרעגט איהר מיך? פרעגט מיין בעל הבית“... און איך קום אַריין אין שטוב און טהו אַ נעהם מיין וויב: „זאָג מיר נור, גאָלדע קרוין, וואָס טהוט דאָ אַראָנטשיק“? ענטפערט זי מיר: „פון וואַנען זאָל איך וויסען? ער איז דאָך פון דיינע לייט! „וואו איז ער ערגיץ?“ „ער איז זאָגט זי, געגאַנגען מיט די קינדער אין וועלדיל אויפ'ן שפּאַציער“... „וואָס איז פּלוצים גאָר פאַר אַ שפּאַציר?“ זאָג איך צו מיין וויב און הייס מיר געבען עסען. אָפּגעגעסען, בעטראַכט איך מיך: „וואָס ביזט דו, טביה, אַזוי אויפגעטראָגען? אַז אַ מענש קומט צו דיר צו גאַסט, בעדאַרף מען זיין אַזוי אָנגעדרודעלט? אדרבה...“ און ווי איך טראַכט מיר אַזוי, איך טהו אַ קוק — מיינע מיידליך געהען מיט'ן חברה מאַן, האַלטען אָנגעריסענע קוויטען, פריי־האַר גיידען די צוויי יונגערע, טייבעל און ביילקע, און הינטען — מיין שפּרינצע

מיט אַראָנטשיקן... „גוטען אָבענד!“ „גוט יאָהר!“ מיין אַראָנטשיק שטעהט מיר אַזוי עפּיס מאָדנע, גלעט דאָס פֿערד, האַלט אַ גרעהגל אין מויל און רופט זיך אָן צו מיר: „רב טביה! איך וויל מיט אייך מאַכען אַ געשעפֿט, לאָמיר זיך בייטען מיט די פֿערדלעך“. „איהר האָט נישט געפֿינגען, זאָג איך, פֿון וועמען צו לאַכען?“ מאַכט ער צו מיר: „ניין, איך מיין דאָס ערנסט“. „אַזוי זאָג איך, איהר מיינט דאָס ערנסט? וויפֿיעל למשל קאָסט אייער סוס?“ „און וויפֿיעל, זאָגט ער, שאַצט איהר איהם?“ „איך שאַץ איהם, זאָג איך, איך האָב מורא אויב ניט דריי הונדערט קאַרבונים און אפשר מיט אַ סמיטשיק, צולאַכט ער זיך, און זאָגט, אַז ער קאָסט מעהר פֿון דריי מאָל אַזוי פֿיעל, און רופט זיך אָן צו מיר: נו? מאַכען מיר אַ בייט?“ מיר איז דער שמועס ניט געפֿעלען: וואָס הייסט ער וועט אויסבייטען זיין סוס אויף מיין שלים-מזל?.. זאָג איך צו איהם, אַז ער זאָל אָפּלייגען דאָס געשעפֿט אויף אַנאַנדערש מאָל, און איך פֿרעג איהם אין אַ שפּאַס: צי איז ער טאַקע צוליעב דעם געקומען? אויב אַזוי איז אַנ׳עבירה, זאָג איך די הוצאות... ענטפֿערט ער מיר גאַנץ ערנסט: „געקומען בין איך צו אייך איינענטליך מכח אַנ׳אַנדער זאַך; ווייט זיך משריה, אויב איהר ווילט, וועלען מיר אַביסעל שפּאַצירען“. וואָס פֿאַר אַ שפּאַציר איז דאָס אויף איהם אָנגעקומען? טראַכט איך מיר, און לאָז מיך געהן מיט איהם צום וועלדעל צו... די זון האָט זיך לאַנג געזעצט, דאָס גרינע וועלדעל זעהט שוין אויס טונקעל, די זשאַבעס פֿון דער גרעבלי קראַקען, און דאָס גראָז שמעקט מחיה נפשות! אַראָנטשיק געהט און איך געה, ער שווייגט און איך שווייג. נאָכדעם שטעלט ער זיך אָפּ, טהוט אַ הוסט און מאַכט צו מיר: „רב טביה? ווי וואָלט איהר אַ שטייגער געזאָגט, ווען איך זאָל אייך זאָגען, אַז איך האָב ליעב אייער שפּרינצע און אַז איך וויל זי נעהמען פֿאַר אַ כלה?“ וואָס איך וואָלט געזאָגט, זאָג איך, איך וואָלט געזאָגט, אַז מען זאָל אַ משוגענעם אויסמעקען און אייך אַריינשטעלען... קוקט ער מיך אָן און מאַכט צו מיר: „וואָס הייסט?“ זאָג איך: „אָט דאָס הייסט!..“ זאָגט ער: „איך פֿערשטעה אייך ניט.“ זאָג איך: „איז אַ סימן, אַז איהר זענט ניט איבעריג קלוג, ווי אין פּסוק, זאָג איך, שטעהט: הכם עיניו בראשו, דאָס מיינט: אַ קלוגען זאָגט מען אויפ׳ן וואונק, אַ נאַר ניט מען מיט׳ן שטעקען“... מאַכט ער צו מיר ווי ברוגז׳ליך: „איך רעד צו אייך פּראָסט און איהר ענטפֿערט מיר מיט חכמות און מיט פּסוקים!“ זאָג איך: „איטליכער חזן זינגט אַזוי ווי ער קען און יעדער בעל דרשן דרש׳נט פֿון זיינטוועגען: אויב איהר ווילט וויסען וואָס פֿאַר אַ בעל דרשן איהר זייט, רעדט איבער פֿריהער מיט

איער מוטער, זי וועט אייך שוין, זאג איך, קלאר מאכען אקוראט"... „הילט איהר מיך, זאגט ער, א פנים פאר א יונגעלע וואס הארף זיך אנפרעגען ביי דער מאמע?.." „געוויס, זאג איך, דארפט איהר זיך אנפרעגען ביי דער מאמע, און די מאמע וועט אייך געוויס זאגען, אז איהר זיינט א חושים און וועט זיין גערעכט"... „און וועט זיין גערעכט? מאכט ער... „געוויס, זאג איך, חעט זי זיין גערעכט, ווארום וואס פאר א חתן זענט איהר, זאג איך, פאר מיין שפרינצען? וואס פיר א גלייכען איז מיין שפרינצע צו אייך? און דער עיקר, זאג איך, וואס פאר א מחותן בין איך מיט אייער מוטער?.." אויב אזוי, מאכט ער צו מיר, האט איהר שוין, רב טביה, א גרויסען טעות! איך בין נישט קיין יונגעלע פון 18 יאהר, און זוך נישט קיין מחותנים פאר מיין מוטער, און וויים ווער איהר זייט, און ווער אייער טאכטער איז, און זי געפעהלט מיר, און אזוי וויל איך, און אזוי וועט דאס זיין!.." „האט קיין פאר-איבעל נישט, זאג איך, וואס איך שלאג אייך איבער, איך זעה, זאג איך, אז מיט איין צד זענט איהר שוין פערטיג; זענט איהר, זאג איך, בעוואהרענט אויף מיט'ן אנדערען צד?.." זאגט ער צו מיר: „איך וויים נישט וואס איהר מיינט"... זאג איך: „איך מיין דאס די טאכטער מיינע שפרינצען מיין איך, צי האט איהר שוין, זאג איך, מיט איהר אויך עפים גערעדט, און וואס, זאג איך, זאגט זי?.." ווערט ער אזוי ווי בעליידיגט און מאכט צו מיר מיט א שמייכעל: „וואס פאר א פראגע איז דאס? געוויס האב איך, זאגט ער, מיט איהר גערעדט, און נישט איין מאל, עטליכע מאל, איך קום, זאגט ער, אהער אלע טאג"... איהר הערט? ער קומט אהער אלע טאג און איך וויים נישט!.. „בהמה בצורת מענש! בעדארף מען דאך דיר געבען קייען שטרוי, טביה! אז דו העסט זיך לאזען אזוי פיהרען אין באך אריין, וועט מען דאך דיך קויפען און פערקויפען, דו פערדאטש איינער!.." אזוי טראכט איך מיר און זעה מיט אראנטשיקען צוריק, און ער געזעגענט זיך אפ מיט מיין חברה, האפט זיך ארויף אויפ'ן סוס, און הלך משה מרדכי — מארש קיין בויבעריק...

אצונד וועלען מיר, ווי זאגט איהר דאס אין אייערע ביכלעך, איבער-לאזען דעם בן מלך און זיך נעהמען צו דער בת מלכה, צו שפרינצען הייסט עס... זאג מיר, טאכטער, וואס איך וועל דיך פרעגען, זאג איך: דערצעהל מיר נאר, זאג איך, וואס דער אראנטשיק האט מיט דיר אבגעשמועסט מכח אזא זאך, זאג איך, נאר אהן מיין וויסען?.." ענטפערט עפים אט דער בוים? אזוי ענטפערט זי! געווארען רויטליך, אראפגעלאזט די אויגען ווי א כלה, אנגענומען א פולען מויל מיט וואסער און שא!.. באַ! — טראכט איך מיר —

חילסט ניט רעדען איצט, ווערסט דו רעדען שפּעטער אביסעל... טביה איז גיט קיין יודענע; ער האָט צייט! און איך וואַרט איבער אַ ווײַלע, ווי זאָגט מען, יבא יומה, און טשאַטעווע אוים די מינוט וואָס איך בלייב מיט איהר אַליין, רוף מיך אָן צו איהר: „שפּרינצע, זאָג מיר וואָס איך וועל דיר פרעגען: קענסט דו איהם האָטש אָט דעם אַראָנטשיקען?..“ זאָגט זי: „געוויס קען איך איהם“... „ווייסט דו, זאָג איך, אַז ער איז אַ סווישטשון?..“ פרעגט זי מיך: „וואָס הייסט דאָס אַ סווישטשון?“ זאָג זשע איך איהר: „אַ פּוסט ניסעל וואָס עס פּייפט“... זאָגט זי: „האָסט אַ טעות, אַרנאָלד איז אַ גוטער מענש“... „ער הייסט שוין זאָג איך, ביי דיר אַרנאָלד, ניט אַראָנטשיק דער שאַרלאַטאַן?“ זאָגט זי: „אַרנאָלד איז ניט קיין שאַרלאַטאַן, אַרנאָלד האָט אַ גוט האַרץ, אַרנאָלד, זאָגט זי, געפינט זיך אין אַ שטוב פון פערדאָרבענע מענשען, זאָגט זי, וואָס ווייסען נאָר געלד און געלד“... „אַזוי, זאָג איך, ביזט דו שוין, שפּרינצע, אויך געוואָרען אַן אויפגעקלערטע פילאָזאָפקע און האָסט שוין אויך פיינט געקראָגען געלד?..“

בקצור, איך זעה אַרוים פון דעם שמועס, אַז עס האַלט שוין ביי זיי ווייטלעך, און חאַפּען צוריק איז שוין אביסעל צו שפּעט, ווארים איך קען מיינע לייט. טביה'ס טעכטער, האָב איך אייך געזאָגט שוין אַמאָל, ניט געדאַכט זאָלען זיי ווערען, אַז זיי קלעפּען זיך אין אַ מענשען, איז מיט'ן גאַנצען לעבען, מיט'ן חיות, מיט דער נשמה! און איך טראַכט מיר: „שוטה! למאי זאָלסטו וועלען זיין, טביה, מעהר חכם פון דער גאַנצער וועלט? אפשר איז דאָס אַ גאָט'ס זאַך? אפשר איז דאָס בעשערט, אַז דוקא דורך אָט דער שטילענקער שפּרינצע זאָלסטו געהאָלפען ווערען, בעלוינט ווערען פאַר אַלע דיינע קלעפּ און וועהטאָגען וואָס דו האָסט ביז אַהער איבערגעטראָגען, האָבען אַ גוטען עלטער, און אויך ווּסען אַמאָל פון אַ לעבען אויף דער וועלט? אפשר איז דיר בעשערט האָבען אַ טאָכטער אַ מיליאָנשטשיצע, וואָס איז? ס'שטעהט דיר ניט אָן?.. וואו שטעהט דאָס געשריבען אַז טביה דאַרף זיין אייביג אַ קבצן, אייביג אַרומשלעפּען זיך מיט'ן פערדעל און מיט קעז און פּוטער צוליעב די יעהופּיצער גבירים זיי זאָלען האָבען וואָס צו פרעסען?.. ווער ווייסט, אפשר איז מיר אָנגעצייכענט געוואָרען פון אויבען, אַז איך זאָל אויף דער עלטער עפּיס מתקן זיין אויף דער וועלט, ווערען אַ בעל צדקה און אַ בעל מכנים אורח, און אפשר נאָך אָנועקזעצען זיך מיט יודען לומדים און לערנען תורה?...“ וכדומה אַזעלכע רייכע גאָלדענע מחשבות קריכען איין קאָפּ אַריין ווי אין „יהי כבוד“ שטעהט געשריבען: **רבות מחשבות בלב**

אזוי ווי איך... איך האב די גאנצע צייט מורא געהאט, א קשיא אויף א מעשה, טאמער לאזט זיך אויס דערפון א בוידעם, האב איהם, אויף דעם אראנטשיקען אויסגערעדט וואס איך האב געקאנט, אז ער איז אזוי, און ער איז אזוי — איך האב אבער געזעהען, אז ס'איז אן ארבעס אין וואנד, מיין שפרינצע געהט אויס ווי א ליכט, האב איך איינגעשפאנט צוריק מיין פערד און וועגעלע און האב מיך געלאזט שוין פארנאכטליך קיין בויבעריק. פאהרענדיג אזוי טראכט איך מיר: „וואס קאנען זיי מיך רופען מיט אזא מין אימפעט? וועגען א ווארט? וועגען א קנס מאל? האלט ער דאך געקענט קומען צו מיר, דאכט זיך, דערווייל בין איך דער אבי הכלה!" און איך אליין צולאך מיך פון דעם געדאנק: וואו איז דאס געהערט געווארען אין דער וועלט אז דער נגיד זאל געהן צום קבצן? סיידען ס'זאל שוין ווערען עק וועלט משיח'ס צייטען, אזוי ווי די יונגע לייטליך, די ווייסע חברה'ניקעס ווילען מיך איינרעדען, אז באלד וועט קומען א צייט, וואס דער נגיד מיט'ן קבצן וועלען זיין גלייך, שלי שלך, שלך שלי, מיינס דיינס, דיינס מיינס, הפקר ציבעלעס! דאכט זיך א קלוגע וועלט און אזעלכע בהמות!.. עך-עך-עך!..

מיט די דאזיגע געדאנקען בין איך אנגעקומען קיין בויבעריק און פארפאהרען גלייך אויף דער דאטשע צו דער אלמנה. אוועקגעשטעלט דאס פערדיל, — וואו איז די אלמנה? נישטא קיין אלמנה! וואו איז דער בחור? — נישטא קיין בחור! ווער-זשע האט מיר גערופען? „איך האב אייך גערופען", אזוי מאכט צו מיר א קיילכיג געפאקט יודעל מיט אן אויסגעפליקט בערדעל און מיט א גראבע גאלדענע קייט אויפ'ן בייכעל. „ווער זשע", זאג איך, זייט איהר?? זאגט ער: „איך בין דער אלמנה'ס א ברודער און אראנטשיקס א פעטער... מע האט מיך, זאגט ער, ארויסגערופען מיט א דעפעש פון יעקאטערינאסלאוו און בין נאר וואס געקומען צו פאהרען"...

„ווי באלד אזוי, נאט זשע אייך אב שלום", זאג איך און זעץ מיך אוועק. דערזעהען, אז איך האב מיך אוועקגעזעצט, מאכט ער צו מיר: „זיצט". זאג איך „א דאנק, איך זיץ שוין. וואס זשע מאכט איהר, זאג איך, ווי אזוי איז ביי אייך, זאג איך, די קאנסטיטוצי?" ענטפערט ער מיר דערויף גאר נישט ניט, צולייגט זיך אויף א ווינגשטוהל, די הענד אין די קעשענעס, שטעלט ארויס די גאלדענע קייט מיט'ן בייכעל און מאכט צו מיר בזה הלשון: „אייך רופט מען דאכט זיך טביה?.." „יא", זאג איך, „צו דער תורה אז מען רופט מיך אויף, רופט מען מיך אויף: „יעמוד ר' טביה ב"ר שניאור זלמן..." „הערט אויס, מאכט ער צו מיר, ר' טביה, וואס איך וועל

איש, זאָגט אַגוי, להבדיל: דאוריען דאומקאָיאו באָנאַטיעט!!.. און איך קום אַריין אין שטוב אַריין און נעהם איך אַוועק מיין אַלטע און מאַך מיט איהר אַ שמועס: וואָס וואָלט זיין כדומה למשל, זאָג איך, ווען אונזער שפרינ־צע זאָל זיין אַ מיליאָנשטשישע?“ פרעגט זי מיך: „וואָס הייסט דאָס אַ מיליאָנשטשיטשע?...“ זאָג איך, „אַ מיליאָנשטשיטשע הייסט אַ מיליאָנשטשיקס אַ ווייב...“ פרעגט זי מיך:. „וואָס הייסט דאָס אַ מיליאָנשטשיק?“ זאָג איך איהר: אַ מיליאָנשטשיק הייסט אַ מענש וואָס פערמאָגט אַ מיליאָן... פרעגט זי מיך: „וויפיעל איז דאָס אַ מיליאָן?“ זאָג איך: „אַז דו ביזט אַזאַ בהמה און ווייסט ניט וויפיעל איז אַ מיליאָן, היינט וואָס האָב איך מיט דיר וואָס צו רעדען?...“ זאָגט זי: „ווער בעט דיך זאָלסט רעדען?“ — איז זי אויך גערעכט.

בקיצור עס גערהט אַוועק אַ טאָג, איך קום צופאָהרען אַהיים: „געווען אַראָנטשיק?“ — ניין, נישט געווען... עס גערהט אַוועק נאָך אַ טאָג: „געווען דער בחור?“ — ניין, נישט געווען... איך זאָל אַריינגעהן צו דער אלמנה מיט אַנ׳אויסריייד, פאַסט מיר ניט; איך וויל ניט אַז זי זאָל ניט מיינען, אַז טביה שלאָגט זיך נאָכ׳ן שדוך... און אַגב האָב איך געפיהלט אַז איהר בעדאַרף עס זיין כשושנה בין החוחים, ווי אַ פינפטער ראָד צום וואָגען, דהגם איך פערשטעה ניט, פאַר וואָס? באשר איך האָב ניט קיין מיליאָן? האָב איך דאָך איצטער אַ מחותנ׳טע אַ מיליאָנשטשיטשע! און זי וועמען האָט פאַר אַ מחותן? — אַ יודען אַנ׳אָרעמאַן, אַ קבצן, אַ טביה דעם מילכיגען; היינט ווער איז מעהר יחוס, איך צו זי?.. איך וועל אייך זאָגען דעם ריינעם אמת, איך האָב אָנגעהויבען וועלען דעם שדוך, נישט אַזוי צוליעב דעם שדוך, ווי צוליעב נצחון אַליין. „אַ חוח אין זייער פאָטער און מוטער אַריין, די יעהופיצער גבירים, לאָזען זיי ווייסען ווער טביה איז!.. ביז אַהער האָט מען מעהר ניט געהערט נאָר בראָצקי און בראָצקי, גלייך ווי די איבריגע זיינען גאָר קיין מענשען ניט!..

אַזוי טראַכט איך מיר פאָהרענדיג אַהיים פון בויבעריק און קום אַהיים נעהמט מיר מיינע אַנטקעגען מיט אַ גדולה: „אַ שליח, אַניערל, איז נאָר וואָס געווען פון בויבעריק, פון דער אלמנה, זאָלסט למען השם באַלד קומען צופאָה־רען אַהין, עס מעג זיין אויף דער נאַכט, זאָלסט שפּאַנען דאָס פערדיל און קו־מען צופאָהרען, מען דאַרף דיך דאָרט זעהר נעטהיג האָבען!..“ „וואָס האָט זי“, זאָג איך, „אַזוי אָנגעשפּאַרט? וואָס האָבען זיי, זאָג איך, אַזוי קיין צייט ניט?“ און איך כאַפּ אַ קוק אויף מיין שפּרינצען — זי שווייגט, נור די אויגען איהרע ריידען, אוי ריידען זיי! קיינער פערשטעהט ניט אַזוי האַרץ

איך זאָגען. וואָס טויג אונז לאַנגע דבורים? לאָמיר, זאָגט ער, גיין גלייך צום ענין, געשעפט הייסט עס..."

„מהכתיתי", זאָג איך. „שלמה המלך האָט שוין לאַנג געזאָגט לכל זמן — ווען מען דאַרף רעדען געשעפט זיין געשעפט... איך בין, זאָג איך, אַ געשעפטסמאַן..." „דאָס זעהט מען", זאָגט ער, „אז איהר זענט אַ געשעפטסמאַן, דעריבער וויל איך טאַקי מיט אייך רעדען סוחריש. איך וויל איהר זאָלט מיר זאָגען, אָבער אָפען געשמועסט, ווי פיעל וועט דאָס אונז קאָסטען אַרום און אַרום?.. אָבער אָפען געשמועסט!.."

„אויב, זאָג איך, אָפען געשמועסט, ווייס איך ניט וואָס איהר רעדט"...

„רב טביה!" מאַכט ער צו מיר נאָך אַמאָל און וויל נישט אַרויסנעהמען די הענד פון די קעשענעס. — „איך פרעג אייך", זאָגט ער, „וויפיעל וועט אונז קאָסטען אַרום און אַרום די חתונה?" „עס ווענדט זיך", זאָג איך, „וואָס פאַר אַ חתונה איהר מיינט! אויב איהר מיינט אַ גרויסאַרטיגע חתונה, ווי איך שטעה אָן, בין איך, זאָג איך, ניט אים שטאַנד..." שטעלט ער אָן אויף מיר אַ פּאָר עיניים און מאַכט צו מיר אַזוי: „אָדער איהר מאַכט זיך תמעוואַטע, אָדער איהר זענט טאַקי אַ תם... חאָטש אַפילו, זאָגט ער, איהר זעהט ניט אויס פון קיין תם, וואָרום איהר זאָלט זיין, זאָגט ער, אַ תם, וואָלט איהר ניט אַריינגעשלעפּט, זאָגט ער, מיין פלימעניק אין אַ בלאָטע, איהם פערבעטען צו זיך כלומר'שט אויף שבועות'דיגע בלינצעס, איהם אונטערגעשטעלט דאָרט אַ שעהן מיידעל, צי יאָ אַ טאָכטער, צי ניט קיין טאָכטער, איך געה ניט אַריין, זאָגט ער, אַזוי ווייט, און זי האָט זיך איהם פאַרליובעט. זאָגט ער, דאָס הייסט זי איז איהם געפעלען, נו, און ער איהר אַוודאי, פון דעם, זאָגט ער, רעדט מען ניט. איך וועל אייך ניט זאָגען, זאָגט ער, עס קען זיין זי איז אַן אָרענטליך קינד און מיינט דאָס געבעך ערנסט, איך געה נישט אַזוי ווייט... איהר טאָרט אָבער ניט פערגעסען, זאָגט ער, ווער איהר זענט און ווער מיר זענען? איהר זענט דאָך, זאָגט ער, אַ יוד אַ בר דעת, ווי קאָנט איהר, זאָגט ער, נאָר דערלאָזען אַזעלכס, אז טביה דער מילכיגער, וואָס פּידערט אונז קעז און פּוטער, זאָל ער זיין אינזער מחותן?.. אַ זוי האָבען זיך, זאָגט ער, געגעבען איינס דאָס אַנדערע דאָס וואָרט? וועלען זיי דאָס נעהמען צוריק! קיין גרוים אומגליק, זאָגט ער שטעהט ניט דערביי; טאָמער דאַרף עפּיס קאָסטען, זאָגט ער, זי זאָל איהם אַרויסלאָזען פון וואָרט, מהכתיתי, מיר האָבען, זאָגט ער, גאָר נישט קעגען דעם. אַ מיידעל

איז ניט קיין בחור, זאָגט ער, צי אַ טאָכטער, צי ניט קיין טאָכטער, זאָגט ער, איך וויל נאָר אַזוי ווײַט נישט אַרײַנגעהן, זאָגט ער..."

„רבונו של עולם! — טראַכט איך מיר — וואָס וויל דער ייד?.. און ער הערט נישט אויף צו ריידען איבער מיין קאָפּ: איך זאָל גאָר ניט דענקען, זאָגט ער, טאָמער וועט מיר געראָטען מאַכען אַ סקאַנדאַל, אויספּויקען אומעדום, אַז זיין פּלימעניק, זאָגט ער, האָט זיך געשידכעט צו טביה, דעם מילכיגענס טאָכטער... און איך זאָל זיך אַרויסשלאָגען פון'ם קאָפּ, זאָגט ער, אַז זיין שוועסטער איז אַ מענש, וואָס קאַטאָרגע מען קען פון איהר פּאָמפּען געלד... מיט גוטען, זאָגט ער, מהכתיתי, קען מען, זאָגט ער, נעהמען בײַ איהר עטליכע קערבליך; עליהי!.. זאָגט ער, אַ נדבה... מען איז דאָך, זאָגט ער מענשען, וואָס קאַטאָרגע מע דאַרף אַמאָל אויסהעלפען אַ מענשען...

בקיצור — איהר ווילט וויסען וואָס איך האָב איהם געענטפערט? איך האָב איהם, אַז אָך און וועה איז מיר, גאָר נישט געענטפערט! ס'איז מיר געווען, ווי זאָגט איהר, תדבק לשוני — עס האָט מיר ווי אָפּגענומען דער לשון! איך האָב זיך אויפגעהויבען, זיך אויסגעדרעהט מיטן פּנים צו דער טהיר און נישטאָ מיך!.. ווי פון אַ שׂרפה האָב איך מיך אַרויסגעכאַפּט, ווי פון אַ טורמע!.. עס האָט מיר געשווינדעלט אין קאָפּ, געשמעדירט אין די אויגען און געטורקעט אין די אויערען די ווערטער פון דעם יודען: „אָפּגעשמועסט..." „אַ טאָכטער, ניט קיין טאָכטער..." „אַן אַלמנה אויף צו פּאָמפּען..." „עליהי! אַ נדבה..." און בין צוגעגאַנגען צו מיין פערד און וועגעלע, אַרײַנגעלעגט דאָס פּנים אין בריטשקע אַרײַן און — איהר וועט ניט לאַכען פון מיר? — אַז איך האָב מיך צעוויינט, האָב איך געוויינט און געוויינט! און אַז איך האָב מיך גוט אויסגעוויינט און געלעגען אויף דער בריטשקע און אײַנגעטהיילט מיין פערדיל געגעבען ווי פיל ס'איז אין איהם אַרײַן, האָב איך ערשט דערמאָלט געפרעגט בײַ גאָט אַ קשיא, אַזוי ווי איוב האָט אַמאָל געפרעגט: וואָס האָסט דו באַטענו, אַלעלכם דערועהן אין דעם עולם איובן, וואָס דו לאָזט איהם ניט אָפּ אויף קיין מינוט? ס'איז שוין מעהר נישטאָ קיין יודען אויף דער וועלט? און איך קום צופאָהרען אהיים, טרעף איך מיין חאַליאַסטרע, קיין עין הרע, פרעהליך, מע עסט וועטשערע, נאָר איין שפּרינצע איז נישטאָ. „וואו איז שפּרינצע?" פרעג איך. — „וואָס הערט זיך — זאָגען זיי מיר — וואָס האָט מען דיך גערופען?" זאָג איך נאָך אַמאָל: „וואו איז שפּרינצע?.." ענטפערען זיי מיר נאָך אַמאָל: „וואָס הערט זיך?.." זאָג איך גאָר גיט, וואָס זאָל זיך הערען? ס'איז דאַנקען גאָט שטיל, פון פּאַראַמאָן

"הערט מען ניט..." ביי די ווערטער קומט אן שפרינצע, טהוט מיר א קוק אין די אויגען אריין, זעצט זיך אוועק צום טיש, גלייך ווי ניט זי מיינט מען, ניט פון איהר רעדט מען... אויפ'ן פנים ביי איהר קאן מען נישט דערקענען גאר נישט, נאר דאס שטילקייט איהרס איז שוין צופיעל, חוץ לדרך הטבע... היינט געפעלט מיר ניט דאס זיצען איהרס פארטראכט און דאס פאלגען איהרס וואס מע הייסט איהר: זאגט מען איהר זיץ, — זיצט זי; זאגט מען איהר עס — עסט זי; הייסט מען איהר געהן — געהט זי; און אז מע טהוט זי א רוף, טהוט זי זיך א וואָרף... איך קוק אויף איהר און עס פארקלעמט מיר דאס הארץ, און עס ברענט אין מיר א פייער אויף וועמען ווייס איך ניט... אכטי רבונו של עולם אלוהינו נאש! פאר וואס שטראפסט דו מיך אזוי, פאר וועמענס זינד?!

בקיצור, איהר ווילט וויסען דעם סוף? אזא סוף וויל איך נישט ווינשען דעם ערגסטען שונא, און מען טאר עס גאר נישט ווינשען, ווארום די קללה פון קינדער איז די ערגסטע קללה פון דער תוכחה! פון וואנען ווייס איך, אז מיך האט עמיצער נישט פערשאלטען מיט קינדער? איהר גלויבט ניט אין די זאכען? וואס זשע דען איז דאס? אדרבה, לאמיר הארכען פון אייך... נור צו וואס נוצען אונז חקירות? א מעהר הערט דעם סוף וואס איך וועל אייך דערצעהלען. איין מאל פארנאכט פאהר איך אהיים פון בויבעריק מיט א גוט הארץ! בארעכענט נאך דאס פערדראס, דעם בזיון, היינט דעם רחמנות פון קינדער... און די אלמנה, וועט איהר פרעגען? און דער זוהן? וועד מיר אלמנה? וואס מיר זוהן? אהעקגעפאהרען און אפילו זיך ניט געזעגענט! ס'איז א בושה אויסצוזאגען, ס'איז געבליבען שטעהן ביי מיר אויף זיי א שטיקעל חוב פאר קעז און פוטער... נאר איך רעד נישט פון דעם, מסתמא האבען זיי פערגעסען... איך רעד פו'ן'ם געזעגענען זיך, אוועקפאהרען און אפילו זיך ניט געזעגענט!.. וואס דאס קינד נעבעך האט איבערגעטראגען — דאס האט ניט געוואוסט קיין בן־אדם א חוץ מיר, ווארום איך בין א טאטע, א טאטענס הארץ פיהלט... טאמער מיינט איהר אז זי האט מיר געזאגט אפילו א חצי דבור? בעקלאגט זיך? אדער געוויינט אמאל? ע! קענט איהר דאך ניט טביה'ס טעכטער! שטיל, אין זיך, איינגעגאנגען, געצאנקט ווי א ליכט! ווען־ניט־ווען ארויסגעכאפט זיך מיט א זיפץ, נאר אזא מין זיפץ, וואס רייסט ארויס אט אזא שטיק הארץ! הכלל, פאהר איך מיר אזוי מיט מיין פערדיל אהיים פארטיפט אין טרויעריגע מחשבות און געדאנקען. פרעג קשיות ביים רבונו של עולם און ענטפער מיר אליין, און עס ארט מיך

שוין ניט אזוי אויף נאט, מיט נאט האב איך מיך שוין ווי עס איז איבערגע־
בעטען, — מיך ארט אויף מענשען, למאי זאלען מענשען זיין אזוי שלעכט,
אז זיי קענען זיין גוט? פאר וואס זאלען מענשען פארביטערען דאס לע־
בען אי יענעם אי זיך, אז זיי האבען ביד לעבען זיס און גליקליך? געשיקט
זיך עס, אז גאט האט בעשאפען דעם מענשען צוליעב דעם ער זאל אבקומען
אויף דער וועלט?.. וואס האט דאס איהם גענוצט?.. מיט אזעלכע געדאנקען
פאהר איך אריין צו מיר אין חוטאר אריין, און דערזעה פון דער ווייטען ביי
דער גרעבלי איז אנאנגעלויף פון מענשען, גוים, גויעס, שיקסעס, שקצים,
און קליינע שקציבלעך אהן א שעור. וואס קאן דאס זיין? קיין שרפה ניט;
מסתמא א דערטרונקענער, עמיצער האט זיך געבאדען ביי דער גרעבלי און גע־
פונען דעם טויט. קיינער ווייסט ניט ווא דער מלאך המות ווארט אויף איהם,
ווי מיר זאגען אין ונתנה תוקף... פלוצים זעה איך מיין גאלדע לויפט, די
שאל צולאזט, די הענד ארויסגעשטעלט אויף צופריהער, און פאר איהר
מיינע קינדער טייביל און ביילקע, און אלע דריי מיט א געשריי, מיט א יללה,
מיט א יאמער: „טאכטער! שוועסטער! שפרינצע!..“ ארונגעשפרונגען פון
דעם וואגען ווייס איך ניט ווי אזוי איך בין ניט צושפרונגען געווארען, און אז
איך בין צוגעלאפען צום טייך איז שוין געווען נאך אלע היומים...

— — — — — —

וואס האב איך אייך געוואלט פרעגען?.. יא! האט איהר געזעהען ווען
א געטרונקענעם? קיין מאל נישט?.. א מענש אז ער שטארבט, שטארבט
ער מייסטען מיט צוגעמאכטע אויגען... ביי א געטרונקענעם זענען
די אויגען אפען — ווייסט איהר נישט דעם שכל פאר וואס דאס איז?.. האט קיין
פאראיבעל נישט, איך האב ביי אייך צוגענומען צייט, און אליין איז מען
אויך געבונדען: מען דארף געהן צום פערדיל און מען מיז צופיהרען דאס
ביסעל סחורה. די וועלט איז אויך א וועלט, מען מוז אין זינען האבען א קער־
בעל אויך, — און פערגעסען וואס ס'איז געווען, ווארום דאס וואס די ערד
דעקט צו מוז, זאגט מען, פערגעסען ווערען, און אז מען איז א לעבעדי־
גער מענש, קאן מען די נשמה נישט אויסשפייען. עס העלפט ניט קיין חכמות
און מיר מוזען זיך אומקעהרען צוריק צום אלטען פסוק, אז כל זמן שהנשמה
בקרבי איז פאהר ווייטער טביה!.. זייט מיר געזונד, און אז איהר וועט מיך
דערמאנען, זאלט איהר מיך ניט דערמאנען צו בייזען...

7

טביה פֿאָהרט קיין ארץ ישׂראל

טביה פאָהרט קיין ארץ ישראל.

— סקאָצעל קומט! וואָס מאַכט אַ יוד רב שלום-עליכם? אַט אַ גאַסט! אַפילו ניט געחלומ'ט זיך! נאַט-זשע אייך אַ שלום-עליכם, איך האָב מיר אָבער אַלץ געטראַכט און געטראַכט: וואָס איז די מעשה, וואָס מען זעהט איהם נישט אַזאַ צייט, נישט אין בויבעריק, נישט אין יעהופּעץ? אַ קשיא וואָס סע מאַכט זיך, אפשר האָט ער אָבגעזאָגט די עטליכע גילדען און אַריבערגעפּעקעלט זיך אַהין, וואו מע עסט נישט קיין רעטאַך מיט שמאַלץ? און צוריק טראַכט איך מיר: געשיקט זיך עס, זיי זאָלען טהון אַזאַ נאַרישקייט? זיי זענען דאָך עפּיס אַ מענש אַ בר-דעת, כ'לעבען! נו, דאַנקען השם יתברך, וואָס מע זעהט זיך געזונד, ווי שטעהט דאָרט אין פּסוק: טורא בטורא — אַ מענש מיט אַ מענשען... איהר קוקט מיך אָן, פּאַני, גלייך ווי איהר וואָלט מיך נישט דערקענט? דאָס בין איך, אייער אַלטער גוטער פריינד טביה, אל תסתכל בקנקן, קוקט נישט, וואָס אַ יוד געהט אין אַ נייער קאַפּאָטע, דאָס איז דער אייגענער שלים-מזל טביה, וואָס אַ מאָל, נישט געמיינערט אַ האָהר, נישמעהר, מע טהוט זיך אָן שבת'דיג, זעהט מען אויס אַ ביסעל דאַסיגער, מעשה נגיד, ווארום אַז מע פאָהרט אַרויס צווישען מענשען, קאָן מען אַנדערש נישט, ובפרט אַז מע פאָהרט אַזאַ ווייטע נסיעה, קיין ארץ ישראל, אַ קלייניגקייט? איהר קוקט מיך אָן און טראַכט זיך, ווי קומט דאָס אַזאַ קליין מענשעלע, ווי טביה, וואָס האָט כל ימיו געהאַנדעלט מיט מילכיגס, זאָל גאָר האָבען אַזאַ השגה, וואָס קאָן זיך פערגינען אויף דער עלטער סיידען אַ מין בראָדסקי? גלויבט מיר, פּאַני שלום-עליכם, ס'איז כולו מוקשה — דער פּסוק איז רעכט אַרום און אַרום. רוקט נאָר אַוועק, זייט מוחל, אייער טשעמאָדאַנטשיקעל אַ ביסעל אַהין, וועל איך מיך אוועק-

זעצן אקעגן אייך און וועל אייך דערציילן א מעשה, וועט איהר הארכען, וואס גאט קאן.

בקצור, איך מוז אייך זאגען קודם כל הקודמ'ס, אז איך בין געבליבען, נישט פאר אייך געדאכט, אן אלמן, געשטארבען גאלדע מיינע, עליו השלום. געוועזען א יודינע א פראסטע, אהן חכמות, אהן איבערקעפלעך, נאר א גרויסע צדיקת. לאז זי זיך מיהען דארט פאר איהרע קינדער, זי איז געגונג אויסגעשטאנען צוליעב זיי, און טאקי אפשר איבער זיי געגאנגען פון דער וועלט, נישט געקאנט אריבערטראגען, וואס זיי וועלען זיך צעקריכען איינער קיין ליסי, דער אנדערער קיין סטריסי. „משטיינס געזאגט, זאגט זי, וואס איז מיין וועלט, זאגט זי, אז ווי באלד, זאגט זי, נישט קיין קינד און נישט קיין רינד? להבדיל, א בהמה, זאגט זי, בענקט אויך, זאגט זי, אז מע אנטוועהנט, זאגט זי, פון איהר דאס קעלבעל“... אזוי זאגט זי צו מיר, גאלדע הייסט עס, און וויינט בעת מעשה מיט ביטערע טרעהרען, און איך זעה, אז די יודינע געהט איין פון טאג צו טאג, ווי א ליכט, רייד איך איהר אוים מסתמא דאס הארץ פאר רחמנות און איך זאג צו איהר אזוי זאג איך: „עט, זאג איך צו איהר, גאלדע סערדצע, פארהאן א פסוק, זאג איך, אם כבנים אם כעבדים, ווי מיט קינדער, אזוי איז אהן קינדער, זאג איך. מיר האבען, זאג איך, א גרויסען גאט, זאג איך, און א גוטען גאט און א שטארקען גאט, זאג איך, נאר פונדעסטוועגען, זאג איך, לאמיר האבען די ברכות, וויפיעל מאל דער רבונו של עולם, זאג איך, טהוט אב א שטיקעל ארבייט, מעגען שוין, זאג איך, די שונאים האבען אזא יאהר“. איז זי דאך אבער, זאל מיר מוחל זיין, א נקבה, מאכט זי צו מיר: „דו זינדיגסט, טביה, מע טאר נישט, זאגט זי, זינדיגען“. „אט האסט דו דיר, זאג איך, איך זאג רען עפים, זאג איך, שלעכטס? איך געה דען חלילה, זאג איך, קעגען דעם אויבערשטענס געגנג, זאג איך? ווארום ווי באלד, זאג איך, אז ער האט, זאג איך, בעשאפען אזוי שען זיין וועלטעל, זאג איך, אז קינדער זעגען נישט קיין קינדער, זאג איך, און טאטע-מאמע זעגען בלאטע, זאג איך, ווייסט ער דאך מסתמא, וואס ער האט צו טהון“... פערשטעהט זי נישט, וואס איך רייד און ענטפערט מיר בוידעם: „איך שטארב, זאגט זי, אוועק, טביה, ווער וועט דיר מאכען וועטשע-רע?“... אזוי מאכט זי צו מיר שטיל און קוקט אויף מיר מיט אזעלכע אויגען, אז אפילו א שטיין קאן עם ריהרען. טביה איז דאך אבער נישט קיין יודינע, ענטפער איך איהר אב מיט א ווערטעל און מיט א פסוק און

מיט אַ מדרש און מיט נאָך אַ מדרש: „גאָלדע, זאָג איך, בּיזט מיר געווען, זאָג איך, געטריי אַזוי פיעל יאָהרען, וועסט דו מיך אויף דער עלטער, זאָג איך, נישט מאַכען צום נאַר", זאָג איך, און טהו אַ קוק אויף מיין גאָלדען — פּיזעם! „וואָס איז דיר, זאָג איך, גאָלדע?" „גאָר נישט", מאַכט זי צו מיר, קוים־קוים וואָס זי רעדט. ע? איך זעה, די שפּיעל איז פאַר'ן טײַוועל, נעם איך און שפּאַן איין דאָס פערדיל און פאָהר אַוועק אין שטאָדט אַריין און ברײַנג אַראָב אַ דאָקטאָר, דעם בעסטען דאָקטאָר, איך קום צו פאָהרען אַהיים — טע־טע־טע! מיין גאָלדע ליעגט שוין אויף דער ערד מיט אַ ליכטעל צוקאָפּענס און זעהט אוים, ווי אַ בערגעל ערד האָט מען צונויפגעשאַרט און איבערגעדעקט מיט שוואַר־צען, און איך שטעה און טראַכט מיר: „כי זה כל האדם, אַז דאָס איז דער סוף פונ'ם מענשען? אַכטי, רבונו של עולם, וואָס דו טהוסט אָב מיט דיין טביה'ן! וואָס וועל איך איצטער טהון אויף דער עלטער, פאַרפינסטערט בין איך געוואָרען?" און אַזוי האָב איך געגעבען אַ פאַל צו צו דער ערד... נאָר גאָה שרייַ חי וקים! הערט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען? אַז מע זעהט פאַר זיך דעם טויט, מוז מען ווערען אַן'אַפּיקורס און מע הויבט אָן נאָכצוקלערען, מה אנו מה חיינו — וואָס איז אינגאַנצען אָט די וועלט מיט די גלגלים, וואָס זיי דרעהען זיך, מיט די באַהנען, וואָס לויפען משוגענערווייַז, מיט דעם גאַנצען טאַרעראַם אַרום און אַרום, און אַפּילו בּראָדסקי מיט זיינע מיליאָנען — הכל הבלים, גאָרנישט שבגאָרנישט!

בקצור, איך האָב איהר געדונגען אַ קדיש, גאָלדע'ן עליו השלום, באַצאָהלט פאַר אַ גאַנץ יאָהר פריהער, אַ ברירה האָב איך געהאַט, אַז גאָט האָט מיך געשטראָפט, נישט געגעבען מיר קיין זכרים, נאָר נקבות, נאָר טעכטער און טעכטער, קיין גוטער יוד זאָל זיי נישט קענען! איך ווייס נישט, צי אַלע יודען ווערען אַזוי פאַרשוואַרצט מיט זייערע טעכטער, צי נאָר איך בין אַזאַ פינסטערער שלים־מזל, וואָס איך האָב צו זיי קיין גליק נישט? דאָס הייסט, צו די טעכטער אַליין האָב איך גאָרנישט און גליק איז בייַ גאָט. וואָס זיי ווינשעווען מיר, מעג עס מיר אָנקומען חאָטש האַלב. אַדרבה, זיי זענען שוין צו־געטרייַ, און וואָס „צו" איז איבעריג, אָט נעהמט, למשל, די מיזינקע מיינע, ביילקע רופט מען זי, וואָס ווייסט איהר, וואָס דאָס איז פאַר אַ קינד? איהר קאָנט דאָך מיך, ברוך־השם, ווי זאָגט איהר, פון אַ יאָהר מיט אַ מיטוואָך און ווייסט, אַז איך בין נישט דער טאַטע, וואָס קאַטאָרי זאָל זיך אוועקזעצען אָבלויבען זיינע

קינדער גלאט אזוי אין טאג אריין. נאר אז ס'איז געקומען צו רייד פון מיין ביילקען, מוז איך אייך זאגען נישט מעהר, ווי שלשה דברים, צוויי ווערטער: זינט גאט האנדעלט מיט ביילקעס, האט ער נאך אזא ביילקע נישט בעשאפען. מילא פון שענקייט שמועסט מען נישט. טביה'ס טעכטער, ווייסט איהר אליין, האבען א שם אויף דער וועלט פאר די שענסטע קראסאוויצעס. נאר זי, ביילקע הייסט עס, וועט זיי אלע פארשטעקען אין גארטעל. אז מע שמועסט „יפיפית", איז דאך נישט שייך! אקעגען מיין ביילקען מוז מען טאקי זאגען מיט די ווערטער פון אשת חיל: שקר החן — איך רייד נישט פון שענקייט, איך רייד פון חאראקטער רייד איך. גאלד, גין-גאלד, זאג איך אייך! פון תמיד אן בין איך ביי איהר געווען דאס אויבערשטע פון דער מילך, נאר פון זינט מיין גאלדע עליו השלום איז איהר צו לענגערע יאהר נפטר געווארען, איז דער טאטע געווארען ביי איהר — דאס שווארצאפעל פונ'ם אויג! קיין שטויב נישט דערלאזען זאל אויף מיר פאלען. איך האב שוין געזאגט צו זיך אליין: דער רבונו של עולם איז, ווי מיר זאגען אינ'ם וכל מאמינים שהוא. ער שיקט צו די רפואה פאר דער מכה. נישמעהר, ס'איז שווער צו וויסען, וועלכעס איז ערגער, די רפואה אדער די מכה? גאה זיי א נביא און טרעף, אז ביילקע וועט צוליעב מיר נעהמען און פערקויפען זיך פאר געלד און אבשיקען דעם טאטען אויף די עלטערע יאהרען קיין ארץ-ישראל! מאלט אייך, עס רעדט זיך נאר אזוי. זי איז אין דעם אזוי שולדיג, פונקט אזוי ווי איהר. איינגאנצען איז דא שולדיג ער, איהר אויסדערוועהלטער, איך וויל איהם נישט שעלטען, א קאזארמע זאל אויף איהם איינפאלען! און אפשר, אז מיר זאלען וועלען גוט בעטראכטען, גריבלען זיך א ביסעל טיעפער, קאן זיין, אז איך אליין בין דא מעהר חייב פון אלעמען, ווארום ס'איז דאך א בפירוש'ע גמרא: חייב אדם... נאר ס'איז שוין, כ'לעבען, אז איך דארף אייך דערצעהלען, וואס די גמרא זאגט!

בקצור, איך וויל אייך נישט לאנג האלטען. ס'איז אוועקגעגאנגען א יאהר און א יאהר, מיין ביילקע איז אויסגעוואקסען, געווארען קיין עין הרע א מיידעל צו לייטען, און טביה טהוט זיך זיין געשעפט ווי תמיד, מיט'ן פערד און וועגעלע פיהרט ער אב דאס ביסעל מילכיגס זומער קיין בויבעריק, ווינטער קיין יעהופעץ, א מבול זאל אויף דעם קומען ווי אויף סדום! אנקוקען קאן איך נישט אט די דאזיגע שטאדט, און נישט אזוי די שטאדט אליין, ווי די מענשען, און נישט אלע

מענשען, נור איין מענש,—אפרים דער שדכן, ארוח אין זיין טאַטענס טאַטע ארײַן! אַט וועט איהר אומישנע הערען, וואָס אַ יוד אַ שדכן טהוט אָב

ויהי היום קום איך צופאָהרען איין מאָל אַרום חצי אלול קיין יעהופּעץ מיט מיין ביסעל סחורה, איך טהו אַ קוק — ויבוא המן, אפרים דער שדכן געהט! איך האָב אייך אַמאָל דערציהלט פון איהם. אפרים איז אַפילו אַ יוד אַן׳איינגעזעסענער, נאָר אַז מע דערזעהט איהם, מוז מען זיך אָבשטעלען, אַט אַזאַ מין כח האָט אין זיך אָט דער יוד.. „הער נאָר, חכם מיינער, זאָג איך צו מיין פערדיל, שטעה אַ ווײַלע וועל איך דיר געבען עפּיס קײַען״. און איך שטעל אָב אפרים דעם שדכן און געב איהם אָב שלום און מאַך מיט איהם אַ שמועס מן הצד: „וואָס הערט זיך עפּיס מכח פרנסה?״ טהוט ער אַ געשמאַקען זיפץ און מאַכט צו מיר: „ס׳איז ביטער!״... זאָג איך: „דהיינו?״ זאָגט ער: „נישטאָ וואָס צו טהון״... זאָג איך: „לחלוטין?״ זאָגט ער: „לחלוטין!״... זאָג איך: „וואָס איז די מעשה?״.. זאָגט ער: „די מעשה איז, וואָס שדוכים ווערען שוין היינט נישט געשלאָסען מעהר אין דער־היים״... זאָג איך: „וואו דען ווערען זיי היינט געשלאָסען?״ זאָגט ער: „דאָרטען ערגיץ, אין אויסלאַנד״... זאָג איך: „וואָס־זשע זאָל טהון אַזאַ יוד, ווי איך למשל. וואָס מיין זיידענס באַבע איז דאָרט קיינמאָל נישט געוועזען?״... זאָגט ער צו מיר און דערלאַנגט מיר אַ שמעק טאַבעקע: „פאַר אייך האָב איך רב טביה אַ שטיקעל סחורה דאָ אויפ׳ן אָרט״.. זאָג איך: „דהיינו?״... זאָגט ער: „אַ יודינע אַן׳אַלמנה אָהן קינדער מיט ק״ן קערבלעך, געוועזען אַ קעכין אין אַלע גרעסטע הײַזער״... קוק איך איהם אָן און זאָג צו איהם: „רב אפרים, פאַר וועמען מיינט איהר דאָס אַ שדוך?״ זאָגט ער: „פאַר וועמען זאָל איך מיינען? פאַר אייך״... זאָג איך: „אַלע בייזע ווילדסטע חלומות זאָלען אויסגעהן צו מיינע שונאים׳ס קעפּ!״ און נעהם און דערלאַנג מיין פערד אַ שמיצעל און וויל פאָהרען ווייטער, מאַכט צו מיר אפרים: „האָט קיין פאַראיבעל נישט, רב טביה, אפשר האָב איך אייך פוגע בכבוד געווען. זאָגט־זשע מיר, וועמען דען האָט איהר געמיינט?״ זאָג איך: „וועמען דען זאָל איך מיינען, אַז נישט מיין מיזינקע?״... טהוט ער אַ שפּרונג אָב, דערלאַנגט זיך אַ פּאַטש אין שטערן: „שאַ! גוט וואָס איהר האָט מיך דער־מאָהנט. לאַנג לעבען זאָלט איהר, רב טביה!״ זאָג איך: „אָמן, גם אתם, דערלעבט איהר אויך ביז משיח וועט קומען. נאָר וואָס איז מיט צייך, זאָג איך, אַזוי די נדולה?״... זאָגט ער: „ס׳איז גוט, רב טביה, ס׳איז אויסגעצייכענט גוט, עס קאָן שוין גאָר בעסער

נישט זיין אין דער גאַנצער וועלט!"... זאָג איך: „דהיינו, וואָס איז די גוטסקייט?"... זאָגט ער: „איך האָב פאַר אייער מיזינקע אַ גלייכס, אַ גליק, אַ הויפּט-טרעפער, אַ גביר, אַנ'אדיר, אַ מיליאָנטשיק, אַ בראָדסקי, אַ פּאָדראַטשיק איז ער און הייסען הייסט ער פּדהצור!"... זאָג איך: „פּדהצור? אַ קענטליכער נאָמען פון חומש"... זאָגט ער: „וואָס מיר חומש? ווער מיר חומש? ער איז אַ פּאָדראַטשיק, אָט דער פּדהצור, ער בויט הייזער, מויערען, בריקען, געוועזען אין יאַפּאָניע ביי דער מלחמה, געבראַכט אַ מטמון מיט גאָלד, פאָהרט אַרוים מיט ברענענדיגע סוסים, מיט קאַרעטעס, מיט לאָקייען ביי דער טהיר, מיט אַ בעדיל ביי זיך אינוועיניג אין שטוב, מיט מעבעל פון פּאַריזש, מיט אַ ברילליאַנטענעם רינג אויף דער האַנד, נאָך גאָר נישט קיין אַלטער מאַן, אַ בחור, איין אמת'ער, אַ „חאָלאָסטאָי", פּרימאַ! און זוכען זוכט ער אַ שען מיידעל, מעג זיין ווער זי איז, אַ נאַקעטע, אַ באָרוועסע, אַבי אַ יפת-תואר!"... „טפּררו! זאָג איך צו איהם, אַז איהר וועט אַזוי פליהען, זאָג איך, אָהן אַ פּאַפּאַס, וועלען מיר פאַרפאָהרען מיט אייך, רב אפרים, קיין האַצעקלאַץ. אוי איך האָב קיין טעות נישט, זאָג איך, האָט איהר מיר אַמאָל געהאַט גערעדט דעם אייגענעם שדוך, זאָג איך, פאַר מיין עלטערע טאָכטער, פאַר האָדלען, זאָג איך"... דערהערט פון מיר די דאָזיגע ווערטער, אַז ער חאַפּט זיך נישט, אפרים הייסט עס, ביי די זייטען און הויבט אָן צו לאַכען, איך האָב געמיינט, דער יוד וועט בעקומען די „אַפּאָפּלעקציע". „אַהאַ, זאָגט ער, איהר האָט זיך דערמאָהנט. זאָגט ער, אַ מעשה, אַז מיין באַבע איז געלעגען געוואָרען מיט'ן ערשטען קינד! יענער האָט אָנגעזעצט נאָך פאַר דער מלחמה און אַנטלאָפען קיין אַמעריקע!"... „זכר צדיק לברכה, זאָג איך, אפשר וועט דער אויך, זאָג איך, אַיועק אַהין?" ווערט ער אויסער זיך, דער שדכן הייסט עס: „וואָס רעדט איהר דאָס, רב טביה? יענער איז געוועזען, זאָגט ער, אַ פייפער, אַ שאַרלאַטאַן, אַנ'אויסברייננגער, און דער איז אַ פּאָדראַטשיק, זאָגט ער, פון דער מלחמה, מיט געשעפטען, מיט אַ קאַנטאָר, מיט מענשען, מיט... מיט... מיט"... וואָס זאָ איך אייך זאָגען, דער שדכן האָט זיך אַזוי צעהיצט, אַז ער האָט מיך אַראָבגענומען פון'ם וואָגען און ער האָט מיך אָנגענומען ביי די לאַצען און האָט מיך אַזוי לאַנג געטרייסעלט, ביז ס'איז צוגעגאַנגען אַ גאָראָדאָוואָי און האָט אונז ביידען געוואָלט אָבפיהרען אין קאָטשומענט אַריין. אַ שטיקעל גליק, וואָס איך האָב מיך דערמאָהנט אינ'ם פּסוק: לנכרי תשיך — מיט פּאָליציע דאַרף מען וויסען, ווי אַזוי צו האַנדלען...

בקיצור, למאי זאָל איך אייך לאַנג האַלטען, אָט דער פדהצור איז געוואָרען אַ חתן פאַר מײַן מיזינקע, ביילקע הייסט עס, און לא ארכו הימים — ס׳האָט אַביסעל געדױערט ביז מיר האָבען געשטעלט אַ חופּה, פאַרוואָס זאָג איך, ס׳האָט אַ ביסעל געדױערט? ווײַל זי, ביילקע הייסט עס, האָט נישט געוואָלט דעם שדוך, אַזוי ווי מען וויל נישט שטאַרבען. וואָס מעהר אָט דער פדהצור איז איהר צוגעשטאַנען מיט מתנות און מיט גילדענע זייגעלעך און מיט בריליאַנטענע פינגערלעך, איז ער איהר אַלץ מעהר נמאס געוואָרען. מיר דאַרף מען קיין פינגער אין מויל נישט אַרײַנלייגען. איך האָב עס גאַנץ גוט אַרויסגעזעהן נאָך איהר פּנים און נאָך איהרע אויגען און נאָך איהר וויינען, וואָס זי האָט געוויינט שטילער־הייד. בין איך מיך מישב אײנמאָל און רוף מיך אָן צו איהר אַזוי, פאַרבײַגעהענדיג: „הערסט דו, ביילקע, זאָג איך, איך האָב מורא, זאָג איך, אַז דײַן פדהצור איז דיר אַזוי ליעב, זאָג איך, און אַזוי זיס, אַזוי ווי מיר?“... ווערט זי רויט ווי פייער און מאַכט צו מיר: „ווער האָט דאָס דיר געזאָגט?“ זאָג איך: „וואָס־זשע דען איז דער געוויין גאַנצע נעכט?“ זאָגט זי: „איך וויין דען?“ זאָג איך: „ניין, דו וויינסט נישט, נאָר דו חליפעסט. דו מיינסט, זאָג איך, אַז דו בעהאַלסט דעם קאָפּ אין קישען, וועסטו פון מיר פערדעקען, זאָג איך, דײַנע טרעהרען? דו מיינסט, זאָג איך, אַז דײַן טאַטע איז אַ יונגעלע, זאָג איך, אָדער דער מח איז איהם אויסגעטריקענט געוואָרען און ער פערשטעהט נישט, זאָג איך, אַז דאָס טהוסט דו צוליעב דײַן אַלטען טאַטען? דו ווילסט איהם, זאָג איך, פערזאָרגען מיט אַ גוט עלטער, ער זאָל האָבען וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרען, ער זאָל חלילה נישט דאַרפען געהן, זאָג איך, איבער די הייזער? אויב דו מיינסט אַזוי, ביזטו, זאָג איך, אַ גרויסער נאַר, זאָג איך, מיר האָבען אַ גרויסען גאָט, זאָג איך, און טביה איז נישט פון די עשרה בטלנים, זאָג איך, וואָס ווערט זיך אַוועקזעצען, זאָג איך, אויף לאַסקאַווע ברויט, און געלד, זאָג איך, איז בלאָטע, זאָג איך, ווי אין פּסוק שטעהט. אַ סימן האָסטו, זאָג איך, אָט איז דײַן שוועסטער האָדל אַ גוטע אביונ׳טע, פונדעסטוועגען, זאָג איך, זעה, וואָס זי שרײַבט פון אַלדע שוואַרצע יאָהר, זאָג איך, פון עק וועלט, און ווי זי שעצט זיך גליקליך, זאָג איך, מיט איהר שלים־מזל פעפּעריל!“... אַנו זײַט אַ חכם און טרעפט, וואָס ענטפערט זי מיר דערויף, ביילקע הייסט עס? „צו האָדלען, זאָגט זי, זאָלסטו מיך, זאָגט זי, נישט גלײַכען, האָדל איז געווען, זאָגט זי, אין אַזאַ צײַט, ווען די גאַנצע וועלט, זאָגט זי, האָט

זיך געווינט, זאגט זי, געהאלטען אט-אט ביי איבערקעהרען זיך, האט מען זיך געזארגט, זאגט זי, פאר דער וועלט, און זיך האט מען פערגעסען; און איצט, זאגט זי, אז די וועלט איז א וועלט, זאגט זי, זארגט זיך יעדער פאר זיך און די וועלט האט מען פערגעסען"... אט אזוי ענטפערט זי מיר דערויף, ביילקע הייסט עס, און געהט פערשטעהט, וואס זי מיינט!

נו? איהר זענט עפּיס א מבין אויף טביה'ס טעכטער? איהר האט זי בעדארפט זעהן צו דער חופה, א פּרינצעסין! איך בין נאר געשטאנען און געשפּיגעלט זיך אין איהר און געטראכט צו זיך אליין: „אט דאס איז ביילקע, טביה'ס טאכטער? וואו האט זי זיך אויסגעלערענט אזוי שטעהן און אזוי געהן און אזוי האלטען דעם קאפּ און אזוי אנטהון זיך, ס'זאל אויף איהר זיין, ווי אויסגעגאסען?"... נאר לאנג שפּיגלען זיך אין איהר האט מען מיך נישט געלאזט, ווארום דעם זעלבען טאג פון דער חופה, ארום האלב זעקס פאר-נאכט, האט זיך דאס פּאר'ל אויפגעהויבען און הלך משה מרדכי — מען איז אוועק מיט'ן קוריער צו אלדע גוטע יאהר קיין „גאטאליע", ווי די מאדע איז ביי די גרויסע, און צוריק איז מען געקומען ערשט העט ארום חנוכה, און מע האט געשיקט נאך מיר, איך זאל למען השם תיכף ומיד קומען צופאהרען קיין יעהופּעץ. איז דאס מיר באלד אריין אין קאפּ אריין: ממה-נפשך, זיי זאלען ווע'ען איך זאל גלאט אזוי קומען, וואלטען זיי אנגעזאגט, איך זאל קומען און א סוף. צו וואס טויג נאך דער „למען השם" מיט „תיכף ומיד"? מסתמא מוז דאך דא זיין עפּיס א זאך! פרעגט זיך א קשיא: וואס פאר א זאך? און אלערליי מחשבות און געדאנקען, גוטע און שלעכטע, קריכען מיר אין קאפּ אריין: אפשר האט זיך שוין דאס פּאר-פאלק דאָרטען צעאמפּערט, ווי די קעץ, און עס האלט ביי גט'ן זיך? און באלד טאקע שלאג איך מיר אב: בּיזט א נאר, טביה, למאי זאלסטו ווערען אויסלעגען אויף שלעכטען? פון וואנען ווייסטו, וואס מע רופט דיך? אפשר האבען זיי זיך פערבענקט נאך דיר און ווילען דיך זעהן? אדער אפשר וויל ביילקע, אז איהר טאטע זאל זיין נאהנט נעבען איהר? אדער אפשר וויל נאר פדהצור דיר געבען א שטעלע, דיך צונעהמען צו זיינע געשעפטען און מאכען דיך פאר א משגיח אויף זיינע פּאדריאדען? סיי-ווי-סיי פאהרען דארף מען, און איך זעץ מיר אויף און וילך חרנה — און איך פאהר קיין יעהופּעץ. פאהרענדיג אזוי, געהט מיר איבער דער בּחדהם און עס שטעלט זיך מיר פאר, אז איך האב אוועקגעווארפען דאס דארף, פערקויפט די בהמה'לעך, מיט'ן פערד און וועגעלע,

מיט הכל בכל! און בין אריבערגעפאָהרען אין שטאָדט און בין געוואָרען ביי מיין פּדהצור'ן בריהער משגיח, דערנאָך קאַסיר, דערנאָך כל־ולך איבער אלע זיינע פּאָדריאַדען, און דערנאָך אַ שותף צו אַלע זיינע געשעפטען גלייך מיט איהם, האַלב אויף האַלב, און פאָהר אַרום גלייך מיט איהם אויף אַ פּאָאר ברענענדיגע כוסים, איינער אַ כוטשער, דער אַנדערער אַ קאַשטאַנעיואַטע, און איך וואונדער מיך אויף זיך אַליין, מה זה ועל מה זה — ווי קום איך, אַזאַ שבּיל מענטשעל, ווי טביה, צו אַזעלכע גרויסע געשעפטען? וואָס טויג מיר דער טאַראַראַם מיט'ן יריד מיט'ן הו־האַ, טאָג ווי נאַכט, ווי זאָגט איהר להושיבי עם נדיבים, זיך טומשען מיט די מיליאָנטשיקעס — לאָזט מיך אָב, איך וויל האָבען אַ רוהיג עלטער, אַריינקוקען אַ מאָל אין אַ משניות, זאָגען אַ קאַפּיטעל תהלים, מען דאַרף דאָך אַ מאָל אין זינען האָבען יענע וועלט אויך, צי ניין? ווי זאָגט שלמה המלך: אַ מענש איז אַ משיסטע בהמה, ער פערגעסט, אַז וויפיעל ער זאָל נישט לעבען, מוז ער אַ מאָל שטאַרבען... אָט מיט אַזעלכע געדאַנקען און מחשבות בין איך געקומען צו פאָהרען למזל קיין יעהופּעץ גלייך צו מיין פּדהצור'ן. מילא, איך זאָל מיך געהן בעריהמען, דערצעהלען אייך רוב גדלו ורוב עשרו — זיין דירה מיט זיין זיצעכטס, איז נישט שייך צו זאָגען. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהאַט די זכיה צו זיין ביי בראָדסקי'ן אין שטוב, נאָר איך בין מיך משער על פּי שכל, אַז שענער ווי ביי דעם פּדהצור קען שוין גאָרנישט זיין! איהר קענט פערשטעהן שוין פון דעם אַליין, וואָס פאַר אַ דירה־מלוכה דאָס איז, אַז דער שומר, וואָס ביי דער טהיר, אַ ווערגעלעץ מיט זילבערנע קנעפּ, האָט מיך בשום אופן נישט געוואָלט אַריינלאָזען אינוועניג, חאָטש גיעט איהם אַ קרענק. וואָס טהוט זיך דאָ? די טהיר איז אַ גלעזערנע טהיר, זעה איך, ווי ער שטעהט, אָט דער ווערגעלעץ, ימח שמו וזכרו זאָל ער ווערען, און רייניגט מלבושים, ווינק איך צו איהם, רייד מיט איהם אויף שטום־לשון און בעווייז איהם מיט די הענד, אַז ער זאָל מיך אַריינלאָזען אינוועניג, מחמת דעם בעל־הבית'ס ווייב קעהרט מיר אָן אַ לייבליבע טאָכטער... פערשטעהט ער אָבער נישט אויפ'ן וואונק, אַ גוי'עשער קאָפּ, ווייזט ער מיר אויך מיט די הענד, אויך אויף שטום־לשון, אַז איך זאָל געהן לעזאזל, נעהמען דעם וועג, הייסט עס. נאָט אייך אַזאַ שלים־מזל! צו איין אייגענער טאָכטער זאָל מען דאַרפען האָבען זכות אבות! „אַז אָך און וועה איז צו דיין גרויען קאָפּ, טביה, צו וואָס דו האָסט זיך דערלעבט!" אַזוי טראַכט איך מיר און קוק דורך דער גלעזערנער טהיר און דערזעה עפּיס אַ מיידעל דרעהט זיך אַרום.

„אפנים א פאקאיאויק זייער", טראכט איך מיר, מחמת די אויגען איהרע שיינען ווי ביי א גנב'טע. אלע פאקאיאוועס האבען גנבה'שע אויגען. איך בין אנ'איינגעהער אין אלע נגיד'ישע הייזער און בין בעקאנט מיט אלע פאקאיאוועס . . . טרעט איך צו איהר א ווארנק: „עפען אויף, קעצעלע!" פאלגט זי מיך און עפענט מיר די טהיר און מאכט צו מיר דוקא אויף יודיש: „וועמען דארפט איהר?" זאג איך: „דא זיצט פרהצור?" זאגט זי צו מיר העכער: „וועמען דארפט איהר?" זאג איך צו איהר נאך העכער: „אז מע פרעגט דיך, זאלסטו ענטפערן על ראשון ראשון; דא זיצט פרהצור?" זאגט זי: „דא" . . . „ווי באלד אזוי, זאג איך, ביזטו פון מיינע מענשען, זאג איך, געה, זאג איך, זאג דיין מאדאם פרהצור, זאג איך, אז זי האט א גאסט, זאג איך, דער טאטע איהרער, טביה, איז געקומען, זאג איך, צו-גאסט אין שטעהט שוין, זאג איך, א היבשע ווילע אין דרויסען, זאג איך, כעני בפתח, ווארום ער האט נישט זוכה געווען, זאג איך, צו געפינען חן און לייטזעליגקייט אין די אויגען פון אט דעם דאזיגען עשו מיט די זילבערנע קנעפ, די כפרה, זאג איך, זאל ער זיין פאר דיין מינדסטען נאגעל!" אויסגעהערט מיינע דבורים, האט דאס מיידעל מיט א געלעכטער פון א משומדת פערהאקט די טהיר גלייך מיר אונטער דער נאז, אויעקגעלאפען ארויף, אראבגעלאפען אראב, אריינגעלאזט און אריינגעפיהרט מיך איגוויינינג אין א מין פאלאץ, וואס מיינע אבות אבותינו האבען עס נישט געזעהן אין חלום אפילו. זייד און סאמעט און גאלד און קרישטאל, און אז איהר געהט, פיהלט איהר נישט די טריט, מחמת איהר שפאנט מיט די זינדיגע פיס אויף די טייערסטע דיוואנעס, ווייך ווי שניי. הייגט זייגערס, זייגערס! אויף די וואנד זייגערס, אויף די טישען זייגערס, אהן א שעור זייגערס! „רבונו יונה! האסט אסך אזוינע? צו וואס דארף עס א מענש אזוי פיעל זייגערס?" אזוי טראכט איך מיר און געה מיר, די הענד פערלעגט ארונטער, א ביסעל ווייטער, איך טהו א קוק — עטליכע טביה'ס מיט אמאל שניידען זיך אקעגען מיר פון אלע זייטען, איין טביה געהט אהער, דער אנדערער טביה אהין, איינער צו מיר, דער אנדערער פון מיר — טפו זאלסטו ווערען! פון אלע פיער זייטען שפיגלען! נאר אזא מין פויגעל, ווי אט דער פאדריאטשיק, קאן זיך פערגינען אזוי פיעל זייגערס מיט אזוי פיעל שפיגלען! . . . און עס קומט מיר אויף די געדאנקען פרהצור, א גראבס און א קיילעכיגס, מיט א ליסינע איבער'ן גאנצען קאפ, און סע רעדט הויך און סע לאכט דריבנישעס. און איך דערמאהן מיך, ווי אזוי ער איז געקומען צו מיר דאס

ערשטע מאל אין דארף אריין מיט די ברענענדיגע סוסים, זיך צעלעגט ביי מיר, ווי ביי זיין טאטען אין ווייןגארטען, זיך בעקאנט מיט מיין ביילקען, מיך אוועקגערופען אויף א זייט און איינגערוימט א סוד אויפ'ן אויער, נאר אזוי הויך, אז מע האט געקאנט הערען אויף יענער זייט יעהופעץ. וואס איז געווען דער סוד? דער סוד איז געווען, אז מיין טאכטער איז איהם געפעלען און ער וויל, אז ס'זאל זיין איינס-צוויי-דריי און א חופה. מילא, אז מיין טאכטער איז איהם געפעלען — דאס פערשטעהט מען מיט'ן שכל, נאר אט דער איינס-צוויי-דריי איז מיר אריין כחרב פיפיות, ווי א טומפער מעסער אין הארצען אריין. וואס הייסט דאס איינס-צוויי-דריי און א חופה? און וואו בין איך? און וואו איז ביילקע? אי האט זיך מיר געוואלט איהם אריינהאקען א פאר פסוקים מיט א מדרש, ער זאל מיך האבען צו געדענקען! נאר צוריק האב איך מיך מישב געווען: „למה זה אנכי — וואס דארפסטו זיך מישען, טביה, צווישען קינדער? א סך האסטו גע'פועל'ט ביי דיינע עלטערע טעכטער, אז דו האסט געוואלט זאגען דעות אויף זייערע שדוכים? האסט זיך אנגערעדט ווי א פויק, אויסגעשאטען די גאנצע תורה דיינע, און ווער איז געבליבען א נאר? — טביה!"

הקצור, לאמיר אוועווארפען, ווי זאגט איהר דארטען אין אייערע ביכלעך, דעם בן-מלך און זיך נעהמען צו דער בת-מלכה. האב איך זיי, הייסט דאס, צוליעב געטהון און בין צו זיי געקומען קיין יעהופעץ, און עס האט זיך אנגעהויבען א התונה: שלום-עליכם! עליכם-שלום! ווי געהט עס? וואס מאכט איהר גוטס? זיצט! א דאנק, מען קאן בעשטעהן! מיט די אלע איבעריגע צערעמאניעס, ווי געוועהנליך. איך זאל זיין דער ערשטער אויפ'ן ארויספאהר, זיי א פרעג טהון: מה יום מיומים — וואס איז דאס רופען, וואס איהר האט מיך גערופען? — פאסט נישט. טביה איז נישט קיין יודינע, ער האט צייט, דערווייל קומט צו א פארשוין מיט גרויסע ווייסע הענטשקעס און זאגט, אז דער אנבייסען שטעהט שוין אויפ'ן טיש, און מיר הויבען זיך אויף אלע דריי, און מיר קומען אריין אין א חדר אריין פון גאלע דעמב: דער טיש א דעמבענער, די בייינקלעך דעמבענע, די ווענד פון דעמב, די סטעליע דעמב, און אלץ איז געשניצט און געפארבט און געמאלט און געצאצקעט, און אויפ'ן טיש בגדי מלכות: טהיי מיט קאווע און מיט טשאקאליאדע און מיט פוטער-געבעקס און מיט גוטען קאניאק, און די בעסטע געזאלצענס, און אזעלכע מינים מאכלים, פירות און אויבסען, ס'איז מיר א חרפה אויסצוזאגען, נאר איך האב מורא, אז מיין ביילקע האט זיי ביי איהר טאטענס טיש קיינמאל נישט

געזעהן אפילו. און מע גיסט מיר אן א כוסה און נאך א כוסה און איך טרינק לחיים, און איך קוק אויף איהר, אויף ביילקען הייסט עס, און איך טראכט מיר: „האסט זיך עס דערלעבט, טביה'ס טאכטער, ווי מיר זאגען אין הלל: מקימי מעפר דל — אז גאט העלפט דער ארימאן, מאשפות ירים אביון — איז איהם גארנישט צו דערקענען. דאכט זיך, ביילקע, און פארט ניט ביילקע". און איך דערמאהן מיך אן יענער ביילקע פון אמאל און איך פערגלייך זי מיט דער ביילקע, וואס אצינד, און עס טהוט מיר הארצענדיג באנג — גלייך ווי איך וואלט עפיס געמאכט א שלעכט געשעפט, איבערגעטהון א זאך, וואס איז פערפאלען, א שטייגער כדומה למשל, ווי איך וואלט אויסבייטען מיין הארעפאשנע פערדעל אויף א לאשאקעל, וואס מע ווייסט נאך נישט, וואס פון דעם וועט אמאל זיין, אדער א פערד, אדער א דראנג. „עך, ביילקע, ביילקע, טראכט איך מיר, וואס פון דיר איז געווארען! אמאל, געדענקסטו, ווי דו פלעגסט זיצען ביי-נאכט ביי א רויכערדיג לעמפעל און נייהען און זינגען א לידעל, אדער נעהמען אין כהרף עין אויסמעלקען צוויי בהמה'לעך, אדער נאר פערקאטשען די ארבעל און אבקאכען מיר א פראסטען מילכיגען בארשט, אדער טייגלעך מיט פאסאלים, אדער פאמפעשקעס מיט קעז, אדער שקצים מיט מאהן, און א זאג טהון צו מיר: „טאטע, געה וואש זיך!" — איז דאך עס געווען, ווי דער בעסטער נגון! איצטער זיצט זי מיט איהר פדהצור'ן, ווי א בת-מלכה, צוויי מענשען דערלאנגען צום טיש, קלאפען מיט די טעלער, און ביילקע? זי זאל עס אויסריידען אפילו א ווארט! זעהט איהר, ער, פדהצור הייסט עס, רעדט שוין פאר זיי ביידען, דאס מויל מאכט זיך איהם נישט צו! זינט איך לעב, האב איך נישט געזעהן, א מענש זאל אזוי ליעב האבען פלאפלען און פלוידערן, דער שווארץ יאהר ווייסט וואס, און בשעת מעשה לאכען דריבניטשקע מיט א קליין געלעכטעריל. דאס ווערט אנגערופען ביי אונז: אליין געזאגט א חכמה, אליין געלאכט... א חוץ אונז דריי זיצט נאך איין פארשוין ביים טיש, א נפש מיט רויטע באקען, איך ווייס נישט, ווער ער איז און וואס ער איז, נאר אנ'אכל'ער, ווייזט אויס. דארף ער זיין נישט קיין קליינער, ווארום די גאנצע צייט, וואס דער פדהצור האט גערעדט און געלאכט, האט ער געפאקט אין די באקען, ווי אין פרק שטעהט געשריבען: שלשה שאכלו — ער האט געגעסען פאר דריי... דער האט געגעסען און יענער האט גערעדט, און אלץ עפיס אזעלכע פוסטע זאכען, וואס קריכען מיר נישט אין דער לינקע פאה: טאדריאד, גובערנסקי פראוולעניע, אודעלני

וועדראמאסט, קאנאטשעיסטווע, יאפאניע... פון אלצדינג האט מיך אינטע־רעסירט נור איין יאפאניע, ווייל מיט יאפאניע האב איך מיך אנגעקעהרט א שטיקעל מחותן. בשעת מלחמה, ווייסט איהר דאך, זענען מערד גע־ווארען בחשיבות גדול, מע האט זיי געזוכט מיט ליכט, האט מען געטרא־פען מכתמא צו מיר אויך און מע האט גענומען מיין פערדיל זום סמיק, אויסגעמאסטען מיט איין ארשין, א טרייב געטהון אהין־אהער און מע האט דעם געגעבען א ווייסען בילעט. האב איך זיי געזאגט, זאג איך: „איך האב געוואוסט פריהער, זאג איך, אז ס'איז אומזיסט אייער טרחה, ווי אין פסוק שטעהט: יודע צדיק נפש בהמתו — נישט טביה'ס פערד געהט אויף מלחמה"... נאר האט קיין פעראיבעל נישט, פאני שלום־עליכם, איך מיש אייך איינם מיט'ן אנדערן און קאן אזוי חלילה אראבשלאגען זיך פונ'ם שליאך. ווי זאגט איהר, נחזור לענייננו — לאמיר בעסער געהן צום עיקר המעשה.

בקיצור, האבען מיר, הייסט עס, גאנץ פיין אויסגעטרונקען און פערביסען, אזוי ווי גאט האט געבאטען, און אז מען איז אויפגעשטאנען פונ'ם טיש, נעהמט ער מיך, פדהצור הייסט עס, אונטער דער האנד און פיהרט מיך אריין אין א בעזונדער קאבינעט אריין, אויפגעפוצט כיד המלך— מיט ביקסען און מיט שפיזען אויף די וועגד און מיט הארמאטען אויפ'ן טיש, און זעצט מיך אוועק אין א מין דיוואן, ווייך ווי פוטער, און נעהמט ארויס פון א גאלדענער פושקע צוויי גרויסע גראבע שמעקענדיגע ציגארען און פערויכערט, איינע זיך, די אנדערע מיר, און זעצט זיך אוועק אקעגען מיר, ציהט אויס די פיס און מאכט צו מיר אזוי: „ווייסט איהר, וואס איך האב געשיקט נאך אייך?" „אהא — קלער איך מיר — אט דאס וויל ער מסתמא א שמועס טהון מכח אכצעהן און דרייצעהן". נאר איך מאך מיך תמ'עוואטע און רוף מיך אן צו איהם אזוי: „השומר אחי אנכי — פון וואנען זאל איך וויסען?" מאכט ער צו מיר: „איך האב געוואלט ריידען מיט אייך טאקי וועגען אייך אליין". „א סלושבע", טראכט איך מיר און טהו א מאך צו איהם: „אבי נור עפיס גוטס, מהכתתי, לאמיר הארכען". נעהמט ער ארויס דעם ציגייער פון די צייהן, פדהצור הייסט עס, און הויבט מיר אן מיט א „אנצע דרשה: „איהר זענט, זאגט ער, א יוד נישט קיין נאר און וועט קיין פאריבעל נישט האבען, וואס איך וועל מיט אייך ריידען אפענטליך. איהר דארפט וויסען, זאגט ער, אז איך פיהר גרויסע געשעפטען, און אז מע פיהרט אזעלכע גרויסע געשעפטען ווי איך"... „יא, טראכט איך מיר, דאס מיינט ער מיך", און איך האק איהם איבער אין מיטען און רוף

אָן צו איהם: „ווי די גמרא זאָגט, זאָג איך, שבת אין פרק: מרבה נכסים מרבה דאגה. ווייסט איהר, זאָג איך, דעם פשט פון דער גמרא?" ענט־פערט ער מיר אָב גאַנץ אָפּענטליך: „איך וועל אייך זאָגען, זאָגט ער, דעם ריינעם אמת, זאָגט ער, איך האָב, זאָגט ער, קיין גמרא קיינמאָל נישט גע'ערענט, זאָגט ער, און איך ווייס אפילו נישט, זאָגט ער, וואָס'עד א פּנים זי האָט". אַזוי זאָגט ער צו מיר, פדהצור הייסט עס, און צעלאַכט זיך דריבניטשקע מיט זיין קליין געלעכטער. איהר פערשטעהט אַנ'עסק? ראַכט מיר, אַז גאָט האָט דיך געשטראָפט, ביז אַנ'עם הארץ, טאָ לאָז חאָטש זיין חאַטאַ פּאָקרישקע, וואָס דאַרפסטו זיך נאָך בעריהמען דערמיט? אַזוי טראַכט איך מיר און מאַך צו איהם: „איך האָב אייך טאַקי אַזוי געשאַצט, זאָג איך, אַז צו די זאַכען וועט איהר נישט שייך. נאָר לאָמיר, זאָג איך, הערען, וואָס ווייטער?" מאַכט ער צו מיר: „ווייטער האָב איך אייך געוואָלט, זאָגט ער, זאָגען, אַז צו מיינע געשעפטען מיט מיין נאָמען, זאָגט ער, מיט מיין פּאָלאָזשעניע, פּאַסט מיר נישט, זאָגט ער, אָט דאָס, וואָס מע רופט אייך, זאָגט ער, טביה דער מילכיגער. איהר דאַרפט וויסען, זאָגט ער, אַז איך בין בעקענט ליטשנע מיט'ן גובערנאַ־טאָר. זאָגט ער, און צו מיר אין שטוב אַריין, זאָגט ער, קאָן אַמאָל קומען א בראָדסקי, אַ פּאָליאַקאָוו, און זעפשר אַ רויטשילד אויך, טשעם טשאָרט ניע שוטיט?"... אַזוי מאַכט ער צו מיר, פדהצור הייכט עס, און איך זיץ און קוק אויף זיין גלאַנצענדיגע ליסינע און טראַכט מיר: „עס קאָן זעהר זיין, אַז דו קענסט זיך ליטשנע מיט'ן גובערנאַטאָר און אַז רויטשילד זאָל אַמאָל קומען צו דיר אין שטוב אַריין, נאָר רעדען רעדסטו, ווי אַ כלב שבכלבים"... און איך רוף מיך אָן צו איהם שוין אַ ביסעל מיט פערדרוס: „וואָס־זשע, זאָג איך, טהוט מען דערצו, טאָמער, זאָג איך, קומט טאַקי צו אייך אַמאָל רויטשילד?" מיינט איהר דאָך, אַז ער פערשטעהט דעם שטאָך? לא דובים ולא יער — עס הויבט זיך גאָרנישט אָן!

„איך האָב געוואָלט, זאָגט ער, אַז איהר זאָלט אַוועקוואַרפען, זאָגט ער, אָט דאָס מילכיגס, און זאָלט זיך פערנעהמען, זאָגט ער, מיט עפּיס אַנדערש". „דהיינו, זאָג איך, מיט וואָס?" „מיט וואָס איהר ווילט, זאָגט ער, ווינציג געשעפטען, זאָגט ער, פּטרהאָן אויף דער וועלט? איך וועל אייך, זאָגט ער, אונטערהעלפען מיט געלד, וויפיעל מע וועט בעדאַרפען, אַבי, זאָגט ער, איהר זאָלט וועדען אוים טביה דער מילכיגער. אָדער שאַט, זאָגט ער, ווייסט איהר וואָס? טאָמער וואָלט איהר, זאָגט ער,

גאָר אײנס־צװײ־דרײַ אַװעקגעפאָהרען קײַן אַמעריקאַ? האַ?" אַזוי מאַכט ער צו מיר, רוקט אַרײַן דעם צײגפֿינגער אין די צײהן אַרײַן און קוקט מיר גלײַך אין די אויגען אַרײַן, און די ליפּענע גלאַנצט... נו? וואָס ענט־פערט מען אַזאַ גראָבען יונג? תּחילת האָב איך מיר געטראַכט: „וואָס זיצסט דו, טביה, ווי אַ לײמענער גולם? הויב דיך אויף, טהו אַ קוש די מזוזה, גיב אַ קלאַפּ מיט דער טהיר און הלך לעולמו — פּאַשאָל אָהן אַ זײַ געזונד!"... אַזוי שטאַרק האָט דאָס מיך אַ נעהם געטהון ביי דער לעבער!... „אַנ'עזות פון אַ פּאָדריאַטשיק! וואָס הײסט, דו הײסט מיר אַװעקװאַרפען אַנ'ערליכע בכבוד'ע פּרנסה און פאָהרען קײַן אַמעריקאַ? באשר טאָמער וועט צו דיר אַמאָל קומען רױטשילד, בכן דאַרף טביה דער מילכיגער לױפען אין דער וועלט אַרײַן?!"... און דאָס האַרץ קאָכט אין מיר, ווי אַ קעסעל, און אַ ביסעל אויפגעטראָגען בין איך נאָך פון פריהער; מיך האָט געברענט אויף איהר, טאַקי אויף מײַן בײלקען: „וואָס זיצסט דו דאָרטען, ווי אַ בת־מלכה, צווישען די הונדערט ווײַגערס מיט די טױזענד שפּיגלען, בשעת מע טרײַבט דאָ דײַן טאַטען, טביה'ן, קאַלי־סטראַי, אויף הײסע קױהלען? לאָם איך האָבען די ברכות, טראַכט איך מיר. וואָס דײַן שוועסטער האָדעל האָט בעסער געמאַכט פון דיר? וואָס אמת איז אמת, זי האָט נישט מיט אַזוי שטוב אַזאַ פיעל שמאָבטעליאַקעס, ווי דו, דערפאַר האָט זי אָבער אַ מאַן, אַ פעפערל, איז ער דאָך אַ מענש, וואָס קאַטאָרי ער אַליין איז בײַ זיך הפקר, און דער גאַנצער עיקר איז די וועלט... און דערצו האָט ער אַ קאָפּ אויף די פּלײצעס, נישט קײַן לאָקשען־טעפּיל מיט אַ גלאַנצענדיגע ליסינע, און אַ פּיסק האָט פּעפּעריל — איז דאָך עס נאָלד מיט גאָלד! איהם, אַז איהר זאָגט אַ פּסוק, גיט ער איך דרײַ פּסוקים סראַטשע! וואַרט אוים, פּאָדריאַדטשיק מײַנער, אָט וועל איך דיר באַלד אַרײַנהאַקען אַ פּסוק, וועט דיר ווערען פינסטער אין די אויגען!"... אַזוי טראַכט איך מיר און רוף מיך אָן צו איהם בזה הלשון: „מילא, זאָג איך, וואָס די גמרא איז פאַר אײַך אַ סוד, בין איך, זאָג איך, אײַך מוחל; אַז אַ יוד זיצט אין יעהופּעץ און הײסט פּדהצור און איז אַ פּאָדריאַדטשיק, מעג, זאָג איך, די גמרא ליגען אויפ'ן בוידעם. אָבער אַ פּראָסטען פּסוק, זאָג איך, דאָס וועט דאָך שוין פערשטעהן, זאָג איך, אַ גוי אין פּאַסטעלעם אויך. איהר ווײסט דאָך, זאָג איך, וואָס דער תּרגום אונקלס זאָגט אויף לבן הארמי:

„מְזַנְבְתָּא דְהִזִירְתָא לָא מַאבַאנְתְּ שְׁטְרֵיימִילְתָא"?...

קוקט ער אויף מיר, ווי אַ האָהן אין בני־אדם און מאַכט צו מיר: „וואָס־זשע

הייסט עס?" „דאָס הייסט, זאָג איך, אַז פון אַ חזיר'שען עק קאָן מען קיין שטריימעל נישט מאַכען". „אַקעגען וואָס, זאָגט ער, זאָגט איהר דאָס?" „אַקעגען דעם, זאָג איך, וואָס איהר הייסט מיר פאָהרען קיין אַמעריקאַ". צולאַכט ער זיך דריבניטשקע און מאַכט צו מיר: „אַמעריקאַ נישט, איז אָפשר קיין ארץ-ישראל? אַלע אַלטע יודען פאָהרען קיין ארץ=ישראל"... אַזוי ווי ער האָט דאָס מיר אויסגערעדט, אַזוי איז דאָס מיר אַריין, ווי אַיין איי-זערנער צוויאַק אין מוח אַריין: „שאַ! אפשר איז דאָס גאָרנישט אַזוי קרום, סביה, ווי דו מיינסט? אפשר איז דאָס טאַקי אַ פּלאַן? וואָרום אייד-ער האָבען אַזאַ נחת פון קינדער, ווי דו האָסט, איז שוין אפשר גלייכער ארץ-ישראל? בהמה! וואָס שטעלסט דו דאָ איין און וועמען האָסט דו דאָ? דיין גאָלדע עליו השלום ליגט דאָך שוין בּמילא אין דער ערד, און דו אַליין, נישט אויסגערעדט זאָל זיין, ליגסט דען נישט ניין איילען אין דער ערד? ביז וואַנען איז דער שעור צו טאָפּטשען זיך אויף דער וועלט?"... און אַגב דאַרפט איהר וויסען, פּאַני שלום-עליכם, אַז מיך ציהט שוין לאַנג אַהין, קיין ארץ=ישראל; איך וואָלט אַ בּעלן געווען זיין ביי דער כותל מערבי, מערת המכפלה, דער מוטער רחל'ס קבר, אָנקו-קען מיט מיינע אויגען דעם ירדן, דעם באַרג סיני, דעם ים=סוף, פּיתום מיט רעמסס, ווי זיי זעהען אויס, וכדומה אַזעלכע זאַכען. און מיינע מחשבות טראָגען מיך אַוועק אַהין, אין'ם געבענטשטען לאַנד כנען, ווי זאָגט איהר, ארץ זבת חלב ודבש. שלאָגט ער מיר איבער, פּדהצור הייסט עס, מיינע רעיונות סאַמע אין מיטען און רופט זיך אָן צו מיר: „נו? וואָס דאַרף מען דאָ, זאָגט ער, אַזוי לאַנג טראַכטען? איינס=צוויי-דריי"... „ביי אייך, זאָג איך, איז ברוך השם אַלצדינג איינס-צוויי=דריי, ווי די גמרא זאָגט, זאָג איך: „הָא גַּבְרָא וְהָא טְרַאסְקָא"— און ביי מיר, זאָג איך, איז דאָס אַהאַרב שטיקעל משניות וואָרום „אויפהויבען זיך, זאָג איך, און פאָהרען קיין ארץ=ישראל, דאַרף מען, זאָג איך, האָבען מיט וואָס"... צעלאַכט ער זיך דריבּנטשקע מיט זיין קליין געלעכטעריל, שטעהט אויף, געהט צום טיש, עפענט אויף אַ טיש= קעסטיל און נעהמט אַרויס פון דאָרטען אַ טייס-טער און צעהלט מיר אָב אחת ואחת, זאָל זיך אייך דאַכטען, אַ שענע מטבע, און איך בין דוקא נישט פויל אויף דער פען און נעהם צענויף דאָס ביסעל פּאַפּיר — דער כח פון געלד — און לאָז עס אַראָב העט-וויים אין קעשענע, און וויל איהם זאָגען חאָטש אַ פּאָר פסוקים מיט אַ מדרש, וואָס זאָל פערענטפערן אַרום און אַרום, הערט ער מיך ווי דעם קאָטער און מאַכט צו מיר: „אָט דאָס וועט אייך זיין, זאָגט ער גענוג ביז אַהין איבער'ן קאָפּ, און אַז איהר

ווען קומען, זאָגט ער, אויפ'ן אָרט און וועט דאַרפען געלד, זאָלט איהר שרייבען, זאָגט ער, אַ בריעף, וועט מען אייך איינס־צוויי־דריי באַלד אַרויסשיקען געלד. און דערמאָהנען אייך נאָכאַמאָל וועגען פאָהרען, זאָגט ער, פערשפּאָרט מען דאָך, ווארום איהר זענט דאָך, זאָגט ער, עפּיס אַ יוד מיט יושר און מיט סאָוועסט”... אָט אַזוי מאַכט ער צו מיר, פרהצור הייסט עס, און צעלאַכט זיך דריבניטשקע מיט זיין קליין געלעכטער, וואָס קריכט גלייך אין די קישקעס אַריין, און עס פליהט מיר דורך אַ מחשבה אין קאָפּ: „טאָמער וואָלסט דו איהם אַ שמייץ געטהון דאָס געלד צוריק אין פּנים אַריין און איהם דערציילט דעם פּסוק, אַז טביה'ן קויפט מען נישט פאַר געלד און מיט טביה'ן שמועסט מען נישט פון יושר און פון סאָוועסט?”... נאָר אײדער איך עפען אַ מויל אויף צו רייד'ן, טהוט ער אַ קלונג און רופט אַריין ביילקען און מאַכט צו איהר: „דושעניקע, דו ווייסט? דיין פאָטער וואַרפט דאָך אונז אַוועק, ער פערקויפט אויס אַלץ, וואָס ער האָט, און פאָהרט אַרויס איינס־צוויי־דריי קיין ארץ־ישראל”... „חלום חלמתי ואיני יודע — וואָס האָט זיך מיר געחלומ'ט יענע נאַכט און היינטיגע נאַכט!”... אַזוי טראַכט איך מיר און קוק אויף מיין ביילקען, איהר זאָלט זאָגען, זי זאָל זיך עס אפילו פערקרימען. שטעהט ווי אַ בוים, קיין טראָפּען בלוט אין פּנים, קוקט פון איהם אויף מיר, פון מיר אויף איהם, און קיין איינציג וואָרט! איך, אויף איהר קוקענדיג, שווייג אויך, שווייגען מיר, הייסט עס, אַלע ביידע, ווי אין תהלים שטעהט: תדבק לשוני — עס האָט אונז אָבגענומען דאָס לשון דער קאָפּ דרעהט זיך מיר, די שלייפען קלאַפּען מיר, ווי פון אַ טשאַד. פון וואָס זאָל עס זיין, טראַכט איך מיר, אַפּנים, דאָס איז פונ'ס שענעס ציגאַרעטער. וואָס ער האָט מיר געגעבען רויכערען? אָט רויכערט דאָך אָבער ער אויך, פרהצור הייסט עס! ער רויכערט און רעדט, דאָס מויל מאַכט זיך איהם גאָר נישט צו, האָטש די אויגלעך קלעפּען זיך איהם, עס גלוסט זיך איהם, ווייזט אויס, חאַפּען אַ דרימעל. „פאָהרען דאַרפט איהר, זאָגט ער צו מיר, פון דאַנען קיין אָדעס, זאָגט ער, מיט'ן קוריער, און פון אָדעס מיט'ן ים אַזש ביז יאַפע, און פאָהרען מיט'ן ים, זאָגט ער, איז די בעסטע צייט נור איצט, ווארום, זאָגט ער, שפּעטער הויבען זיך אָן די ווינדטען מיט די שנייען מיט די בערעס מיט מיט מיט...” אַזוי זאָגט ער און די צונג פּלאָנטערט זיך איהם שוין, אַזוי ווי איינער וואָס וויל שלאָפען, נאָר ער הערט נישט אויף צו קלאַפּען ווייטער: „און אַז איהר וועט זיין, זאָגט ער, פאַרטיג צו דער נסיעה, זאָלט איהר אונז, זאָגט ער, געבען צו וויסען

וועלען מיר אַרויספאָהרען, זאָגט ער, בײדע צום וואָקזאַל מיט אײך זיך אָבזעגענען, וואָרום ווען קאָנען מיר זיך שוין זעהן?" אַזוי לאָזט ער אויס, איך בעט איבער אײער כבוד, מיט אַ גרויסען געניץ, שטעהט-אויף און רופט זיך אָן צו איהר, צו בײלקען הײסט עס: „דושענקע, וועסט, זאָגט ער, זיצען דאָ אַ ביסעל, און איך וועל, זאָגט ער, געהן זיך צו-לעגען אַ ווײלע". „האָסט נאָך קײנמאָל אַזאַ גליכם נישט געזאָגט, ווי איך בין אַ יוד! אַצינד וועל איך חאָטש האָבען צו וועמען מײן ביטער הארץ אויס-צולאָזען". אַזוי טראַכט איך מיר און וויל מיך געבען אַ נעהם צו מײן בײלקען, איהר גוים'לומר'ן אַלצדינג, וואָס האָט זיך צענויפגעזאַמעלט בײ מיר פאַר דעם גאַנצען פריה-מאָרגען, ערשט אַז זי טהוט אַ פאַל צו מיר אויפ'ן האַלז, בײלקע הײסט עס, און הויבט אָן צו ווײנען, אָבער ווי אַזוי מײנט איהר ווײנען? מײנע טעכטער, נישט געדאַכט זאָלען זײ ווערען, האָבען אַלע אַזאַ טבע: פריהער מענטשלען זײ זיך און בריה'ן זיך, און קומט צו עפּיס — ווײנט מען, ווי אַ בערעזענע. אָט נעהמט, למשל, מײן על-טערע טאָכטער, האָדעל הײסט עס, קאַרג האָט זי אַײנגעלעגט די וועלט אין דער לעצטער מינוט, בשעת זי האָט בעדאַרפט אָוועקפאָהרען אָבריכטען גלות מיט איהר פעפעריל אין די קאַלטע מדינות? נאָר וויים איך, ס'אַ דמיון! יענע דאַרף בײ איהר הײצען די הרובע!

איך וועל אײך זאָגען דעם רעכטען אמת, איך אַלײן, ווי איהר קענט מיך שוין אַ ביסעל, בין נישט קײן מענש פון טרעהו'ען, גוט ווײנען האָב איך געוויינט נור אײן מאָל, בשעת מײן גאָלדע עליו השלום איז געלעגען אויף דער ערד, און נאָך אײן מאָל האָב איך מיך גאַנץ געשמאַק אויסגעוויינט, בשעת האָדעל איז אַוועקגעפאָהרען צו איהר פעפעריל און איך בין געבליבען אויפ'ן וואָקזאַל, ווי אַ גרויסער נאַר, אײנער אַלײן מיט מײן פערדיל, און נאָך עפּיס אַ פּאָר מאָל האָט זיך געטראָפען, וואָס איך האָב מיך אַ ביסעל, ווי זאָגט איהר, צעיאַחמערט, און ווײטער געדענק איך עפּיס נישט, איך זאָל האָבען אַ טבע פון ווײנען. נאָר בײלקע מיט איהרע טרעהרען האָבען מיך אַזוי פערקלעמט בײ דער נשמה, אַז איך האָב מיך נישט געקאָנט אײנהאַלטען, און איך האָב שוין נישט געהאַט דאָס האַרץ אַפילו איך זאָל איהר זאָגען אַ קרום וואָרט. מיט מיר בע-דאַרף מען קײן סך נישט רײדען. איך הײס טביה. איך האָב באַלד פערשטאַנען איהרע טרעהרען. דאָס איז נישט געוועזען גלאַט אַזוי זיך טרעהרען. דאָס זענען געווען, פערשטעהט איהר מיך, טרעהרען פון

עַל חֵטְא שֶׁחָטָאתִי לְפָנֶיךָ בְּנִישְׁט פָּאָלְגֶען אַ טַאטְען...

אין אַנשטאַט דעם, וואָס איך זאָל זי מכבד זיין, ווי זי איז ווערטה און אויסנישען כל התמתי אויף איהר פּרהצור'ן, האָב איך נאָר גענומען אויס־ריידען איהר דאָס הארץ מיט אַזאַ משל און מיט אַזאַ משל, ווי טביה קאָן. הערט זי מיך אויס, ביילקע הייסט עס, און מאַכט צו מיר: „ניין, טאַטע, נישט דאָס, זאָגט זי, ווייִן איך. איך האָב צו קיינעם. זאָגט זי, קיין טענות נישט, נאָר אָט דאָס, זאָגט זי, וואָס דו פאָהרסט אַוועק, זאָגט זי, איבער מיר און איך קאָן, זאָגט זי, דערצו גאָרנישט העלפען, אָט דאָס, זאָגט זי, בראָט מיך". „געה שוין, געה, זאָג איך, דו רעדסט, זאָג איך, ווי אַ קינד, האָסט פערגעסען, זאָג איך, אַז מיר האָבען נאָך אַ גרויסען גאָט און אַז דיין טאַטע איז נאָך, זאָג איך, ביי אַלע חושים. ביי דיין טאַטען, זאָג איך, שפּילט אַ ראָליע זיך דורכ־פאָהרען קיין ארץ־ישראל און קומען צוריק, ווי אין פּסוק, זאָג איך, שטעהט געשריבען: „ויסעו ויחנו — טודאַ אי נאַזאַד"... אַזוי רייד איך איהר אויס דאָס האַרץ און אינווייניג ביי זיך טראַכט איך מיר: „טביה, דו לייגסט! פאָהרסט דו אַוועק קיין ארץ־ישראל, איז עליו השלום — אויס טביה!"... און פונקט ווי זי וואָלט טרעפען מיינע געדאַנקען, מאַכט זי צו מיר אַזוי: „ניין, זאָגט זי, טאַטע, אָט אַזוי טרייסט מען אַ קליין קינד; מע גיט דעם, זאָגט זי, אַ ליאַלקע, אַ שפּיעלעכיל אין די הענד אריין און מע דערצעהלט דעם, זאָגט זי, אַ שענע מעשה פון אַ ציגעלע אַ ווייסע... אויב, זאָגט זי, שוין יאָ דערצעהלען אַ מעשה, וועל איך, זאָגט זי, דיר דערצעהלען, נישט דו מיר. נאָר די מעשה, וואָס איך וועל דיר דערצעהלען, טאַטע, איז מעהר טרויעריג, ווי שען".

אָט אַזוי מאַכט זי צו מיר, ביילקע הייסט עס; טביה'ס טעכטער ריידען נישט גלאַט, און זי נעהמט און זי לעגט מיר אַוועק אַ מענה־לשון, אַ גאַנצע מגילה, אָדער אַ מעשה פון טויזענד איין נאַכט, ווי אַזוי אָט דער פּרהצור איהרער איז פון קליין גרויס געוואָרען, אויסגעוואַקסען פון כאַטע נידעריגסטען גראַד, זיך אַליין מיט זיין אייגענעם שכל אַרויפגעשלאָגען אויף דער העכסטער מדרגה, און איצט וויל ער דערגרייכען דערצו, אַז צו איהם אין שטוב אַריין זאָל קומען בראָדסקי, שיט ער מיט נדבות, וואַרפט מיט טויזענדער. נאָר אַזוי ווי געלד אַליין איז נאָך ווינציג, מע דאַרף נאָך האָבען יחוס אויך, לעגט ער איין די וועלט, פּרהצור הייסט עס, צו באַ־ווייזען, אַז ער איז נישט קיין אַבי ווער, בערימט זיך אַז ער שטאַמט פון די גרויסע פּרהצור'ס, אַז זיין טאַטע איז אויך געווען אַ בערימטער פאַר־ריאַטשיק — „האַטש, זאָגט זי, ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך ווייס, אַז

ער איז געווען אַ בלי־זכר; היינט, זאָגט זי, דערציילט ער אַלעמען, אַז זיין ווייב'ס טאַטע איז געווען אַ מיליאָנטשיק״... „וועמען, זאָג איך, מיינט ער דאָס? מיך?״ אפשר איז מיר, זאָג איך, בעשערט געווען אַמאָל צו האָבען מיליאָנען, זאָג איך, זאָל איך דערמיט אָבקומען״. „וואָס ווייסט דו, טאַטע, זאָגט זי מיר, ווי עס פלאַמט מיר מיין פנים, אַז ער שטעלט מיך פיר, זאָגט זי, פאַר זיינע בעקאַנטע און הויבט זיי אָן דערצעהלען גרויס־קייט פון מיין טאַטען און פון מיינע פעטערס און פון מיין גאַנצע משפחה, זעלכע זאַכען, וואָס נישט געשטויגען, נישט געפלויגען, און מע מוז דאָס, זאָגט זי, אַלצדינג אויסהערען און מאַכען אַ שווייג, ווּאָרום ער איז, זאָגט זי, אויף די זאַכען אַ גרויסער קאַפּריזניק״. „ביי דיר, זאָג איך, הייסט דאָס אַ קאַפּריזניק, און ביי אונז, זאָג איך, ווערט דאָס אָנגערופען פשוט אַ נכפה'ניק, זאָג איך, אָדער אַ מה־יעשה'ניק״. „ניין, זאָגט זי, טאַטע, דו קענסט איהם נישט, ער איז גאָרנישט אַזאַ שלעכטער, ווי דו מיינסט; ער איז נור אַ מענש, וואָס אַ מינוט איז ער אַזוי און אַ מינוט איז ער אַנדערש. ער האָט, זאָגט זי, אַ גוט האַרץ און אַ ברייטע האַנד. איהם אַז מע כאַפּט, זאָגט זי, אַ קרום פנים, און אַבי מע טרעפט די גוטע מינוט, וועט ער אַוועקגעבען די נשמה, און ווער שמועסט, זאָגט זי, פון מיינעטוועגען — איז דאָס טעלעריל פונ'ם הימעל! דו מיינסט, זאָגט זי, איך האָב אויף איהם שוין גאָר קיין שום שליטה נישט? אָט האָב איך ביי איהם נישט לאַנג גע'פועל'ט אַרויסראַטעווען האָדלען מיט איהר מאַן פון די ווייטע גובערניעס. ער האָט מיר, זאָגט זי, געשוואָרען, אַז ער וועט זיך לאָזען קאָסטען אַ סך טויזענדער, נאָר מיט איין תנאי, אַז זיי זאָלען פון דאָרטען אַוועק גלייך קיין יאַפּאָניע״. „וואָס עפּיס קיין יאַפּאָניע, זאָג איך, פאַוואָס נישט קיין אינדיע, אָדער, למשל, קיין פדן־ארם צו דער מלכּה שבא?״ „ווייל אין יאַפּאָניע, זאָגט זי, האָט ער געשעפטען. אויף דער גאַנצער וועלט, זאָגט זי, האָט ער געשעפטען; וואָס איהם קאָסט אָב, זאָגט זי, אַ טאָג נאָר דעפּעשען אַליין, וואָלטען מיר אַ״ע, זאָגט זי, גע־האַט אויף אַ האַלב יאָהר צו לעבען. נאָר וואָס קומט מיר אַרויס, זאָגט זי, אַז איך בין נישט איך?״... „עס קומט אויס, ווי מיר זאָגען, זאָג איך, אין פּרק: אם אין אני לי מי לי — איך בין נישט איך, דו ניזט נישט דו״... אָט אַזוי זאָג איך צו איהר מיט אַ ווערטיל און מיט אַ נ־כוק חאַטש דאָס האַרץ ווערט מיר צעריסען אויף שטיקער, זעהענדיג, ווי מיין קינד ווערט נעבּיך פערשוואַרצט, ווי זאָגט איהר, אין עושר און אין כבוד... „דיין שוועסטער האָדעל, זאָג איך, וואָלט נישט אַזוי געטהון״...

שלאָגט זי מיך איבער, ביילקע הייסט עס, און מאַכט צו מיר אַזוי: „איך האָב דאָך דיר געזאָגט, זאָגט זי, אַז צו האָרלען זאָלסט דו מיך, טאַטע, נישט גלייכען. האָרעל האָט געלעבט, זאָגט זי, אין האָדעלס צייטען, און ביילקע, זאָגט זי, לעבט אין ביילקעס צייטען... פון האָדעלס צייטען, זאָגט זי, ביז ביילקעס צייטען איז אַזוי ווייט, זאָגט זי, ווי פון דאַנען קיין יאַפּאָניע"... איהר פערשטעהט דעם פּירוש־המלות פון אַזאַ מין תרגום־לשון?

בקצור, איך זעה, איהר חאַפּט זיך, פּאַני; נאָך צוויי מינוט, און אַ סוף צו אַלע מעשיות. אָנגעגעסען זיך זאַט מיט צרות און יסורים פון מיין גליקליכע מיזינקע, בין איך אַרויסגעגאַנגען פון דאָרט אבל וחפוי ראש — אַ צעבראָכענער, אַ צעבראָכענער, אַ צעכרעקעלטער, און האָב געגעבען אַ שלייידער אין דער ערד אַריין דעם ציגאַרעטער, וואָס האָט מיר פערטשאַדעט מיין קאָפּ, און רוף מיך אָן צו איהם, צום ציגאַרעטער הייסט עס: „געהן זאָלסט דו כּף־הקלע, אַ רוח אין דיין טאַטענס ערד אַריין!" „וועמען איז, רב טביה?" העהר איך אַ קול אונטער מיינע פּלייצעס, איך דרעה אוים דעם קאָפּ, איך טהו אַ קוק — ס'איז ער, אפרים דער שדכן, פערחאַפּט זאָל ער ווערען! „ברוך הבּא, אַ איוד, זאָג איך, וואָס טהוט איהר דאָ?" „וואָס, זאָגט ער, טהוט איהר דאָ?" „געוועזען, זאָג איך, צו־גאַסט בּיי מיינע קינדער". „וואָס, זאָגט ער, מאַכען זיי?" „וואָס, זאָג איך, זאָלען זיי מאַכען? חוץ זייער שאָדען אויף אונז ביידען געזאָגט געוואָרען!" „ווי איך זעה, זאָגט ער, זענט איהר רעכט צופריעדען מיט מיין סחורה?" „נאָך אַ מין צופריעדען, זאָג איך, גאָט זאָל אייך ממלא זיין, זאָג איך, הכפל כּפלים". „אַ דאַנק אייך, זאָגט ער, פאַר דער ברכה, אפשר וואָלט איהר מיר נאָך, זאָגט ער, צו דער דאָזיגער ברכה צוקויפען אַ מתנה?" „איהר האָט דען נישט גענומען, זאָג איך, קיין שדכנות?" „נישט מעהר, זאָגט ער, זאָל ער פערמאָגען, טאַקי אייער פּדהצור אַליין". „וואָס איז דען, זאָג איך, ווינציגליך רח"ש?" „נישט אַזוי ווינציג, זאָגט ער, ווי מיט אַ גוט האַרץ געגעבען". „דהיינו?" „דהיינו, ס'איז שוין נישטאָ, זאָגט ער, אַ גראָשען". „וואו איז דאָס, זאָג איך, אַהינגעקומען?" „חתונה געמאַכט, זאָגט ער, אַ טאָכטער". „מזל טוב אייך, זאָג איך, לאָז גאָט געבען, ס'זאָל זיין מיט מזל, איהר זאָלט אין זיי דערלעבען, זאָג איך, גרוים נחת"... „אַ שענעם נחת, זאָגט ער, האָב איך אין זיי דערלעבט. איך האָב, זאָגט ער, דער־טאַפּט אַן'איידעם אַ שאַרלאַטאַן, גע'הרג'עט, זאָגט ער, געשלאָגען די טאָכטער, צוגענומען די עטליכע גילדען און אַוועק, זאָגט ער, קיין אַמע־

ריקאַ". „למאי האָט איהר איהם, זאָג איך, געלאָזט פאָהרען אַזוי ווייט?" „וואָס האָב איך איהם, זאָגט ער, געזאָלט טהון?" „איהר האָט געזאָלט, זאָג איך, אָנזאַלצען אויפ'ן עק"... „ס'איז אייך אַ פנים, זאָגט ער, גוט אויפ'ן האַרצען, רב טביה?" „הלואי, זאָג איך, אויף אייך געזאָגט געוואָרען, רבונו של עולם, חאָטש האַלב!" „אַזוי גאָר? און איך האָב אייך, זאָגט ער, געשאַצט, אַז איהר זענט אַ יוד אַ גביר, ווי באַלד אַזוי, זאָגט ער, טאָ נאַט-זשע אייך אַ שמעק טאַבעקע"... אָבגעּפטר'ט דעם שדכן מיט אַ שמעק טאַבעקע, בין איך געקומען צופאָהרען אַהיים און האָב מיך גענומען אויספערקויפען מיין בעל-הבית'ישקייט פון אַזוי פיעל יאָהרען. מאַלט אייך, נישט אַזוי גיך טהוט זיך עס, ווי סע רעדט זיך, איטליכם טעפעל מיט איטליכם נאַרישקייט האָט ביי מיר צוגענומען אַ שטיק געזונד. די זאַך האָט מיר דערמאָהנט גאָלדען עליו השלום, יענע זאַך האָט מיר דערמאָהנט די קינדער, זיי צו לענגערע יאָהר. נאָר קיין זאַך האָט מיר נישט דערלאַנגט אַזוי טיעף, ווי דאָס פערדיל מיינס. אַקעגען מיין פערדיל האָב איך מיך געפיהלט עפּיס חיב... סטייטש, אָבגעהאָרעוועט מיט דעם אַזוי פיעל יאָהרען, אינאיינעם געבידעוועט, אינאיינעם פערשוואַרצט געוואָרען און פלוצים גענומען און פערקויפט! פערקויפען האָב איך דאָס פערקויפט צו אַ וואַסער-פיהרער, ווארום פון בעלי-עגלות קאָן מען נור מבוזה ווערען. איך קום צו זיי פערקויפען מיין פערדיל, מאַכען זיי צו מיר: „גאָט איז מיט אייך, רב טביה. ס'איז דען ביי אייך אַ פערד?" „וואָס דען זאָג איך, איז דאָס, אַ העַנגלייכטער?" „ס'איז ביי אייך, זאָגען זיי, נישט קיין העַנגלייכטער, נאָר אַ למד-וואו'ניק". „וואָס הייסט דאָס, זאָג איך, אַ למד-וואו'ניק?" „דאָס הייסט, זאָגען זיי, אַ זקן פון זעקס און דרייסיג יאָהר, אָהן אַ סימן פון ציינער, מיט אַ גרויע ליפּ, און טרייסעלט מיט די זייטען, ווי אַן אַלטע יודענע ערב שבת אויפ'ן פראָסט"... געפעלט אייך אַזאַ מין בעל-עגלה-שפּראַך? איך וועל אייך געהן שווערען, אַז דאָס פערדיל נעבּיך האָט פערשטאַנען איטליכם וואָרט, ווי אין פסוק שטעהט: ידע שור קונהו — אַ סקאָטינע פיהלט, אַז מע האַלט דאָס ביי פערקויפען. אַ סימן האָב איך, אַז בשעת איך האָב צוגעקלאַפּט דעם וואַסער-פיהרער און געזאָגט צו איהם: „מיט מזל ברכה", האָט מיין סוס פלוצים אויסגעדרעהט צו מיר די חנ'עוודיגע מאָרדע און קוקט אויף מיר מיט שטומע אויגען, ווי איינער רעדט: „זה חלקי מכל עמלי — אָט אַזוי דאַנקסט דו מיר אָב פאַר מיין סלוזשבע?"... איך חאַפּ אַ קוק אויף מיין פערדיל דאָס לעצטע מאָל, ווי דער וואַסער-פיהרער האָט דאָס גענומען אין די הענד

אריין לערנען מיט דעם בלק, און איך בלייב נאָכדעם שטעהן איינער אליין און טראַכט מיר: רבונו של עולם! ווי שכל'דיג דו פיהרסט דיין וועלטעל! אט האָסט דו בעשאַפען אַ טביה'ן און האָסט בעשאַפען להבדיל אַ פערד, און ביידע האָבען זיי איין מזל אויף דער וועלט... נישטעהר, אַ מענש האָט אַ מויל און קאָן זיך חאָטש אויס'טענה'ן, אויסריידען דאָס הארץ, און אַ פערד, להבדיל, וואָס? מישטיינס גע־ט. אַ שטומע צונג, ווי זאָגט איהר: „ומותר האדם מן הבהמה"...

איהר קוקט אויף מיר, פאַני שלום־עליכם, וואָס סע האָבען זיך מיר געשטעלט טרעהרען אין די אויגען, און איהר טראַכט זיך אודאי: „אָט דער טביה האָט זיך פערבענקט אַ פנים נאָך זיין פערדיל?" וואָס עפיס נאָכ'ן פערדיל, מענש איינער? אַלצדינג מהוט מיר באַנג און נאָך אלע־מען וועל איך בענקען. איך וועל בענקען נאָכ'ן פערדיל, איך וועל בענקען נאָכ'ן דאָרף, איך וועל בענקען נאָכ'ן סטאַראָסטע מיט'ן אוראַטניק, נאָך די בויבעריקער דאַטשניקעס, נאָך די יעהופעצער נגידים און אפילו נאָך אפרים דעם שדכן ס'זאָל אויף איהם קומען אַ מגפה, וואָרום סוף כל סוף, אַז מע זאָל וועלען אַריינטהון זיך אַ ביסעל אין חקירה, איז ער דאָך נישט מעהר, ווי אַ יוד אַ'אביון, וואָס זוכט נעביך פרנסה. אם ירצה השם, אַז גאָט וועט מיך ברייגנען בשלום אַהין, וואו איך פאָהר, ווייס איך נאָך אליין נישט, וואָס איך וועל דאָרט טהון, נאָר דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז ראשית הכמה וועל איך זיין ביי דער מוטער רחל אויפ'ן קבר. איך וועל דאָרטען בעטען פאַר מיינע קינדער, וואָס איך וועל זיי מן הסתם שוין קיינמאָל נישט זעהען, וועל איך איהם אויך אין זינען האָבען, אפרים דעם שדכן מיין איך, איהם און אייך און כל ישראל. נאַט אייך דערויף מיין האַנד תקיעת־כף און זייט מיר געזונד און פאָהרט געזונד און לאָזט גריסען איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך.

— אַ סוף —

אין די ווארמבעדער

(בולדער, טופען, בעגעגענישען, צרות און פערגנוגען).

פון

שלום-עליכם.

א.

(א ווייב מיט „נערוועז". די באברויסקער דאמע. מיר פרעגלען איינגעמאכטס).

„איידער נעהמען א ווייב, איז גלייכער זאלסט זיך אויסברעכען א פוס".

אזוי האט געזאגט איינער א פילאזאף (איך האב מורא אויב ניט סאקראט?), און איך זאג: איידער האבען א ווייב מיט „נערוועז", איז גלייכער גארניט געבוירען ווערען אויף דער וועלט.

דאס זאגט אייך ניט קיין פילאזאף, ניט קיין שרייבער, וואס זיצט ביים שרייב-טיש און טראכט-אויס מעשיות פונ'ם קאפ, דאס זאגט א פראסטער בשר-ודם, א יוד א בעל-הבית, וואס נאט האט איהם געהאלפען, ער האט געהאפט די גראבע עטליכע קליינגערס, ארויסגעטריבען דעם קבצן פון שטוב, אריבערגעפאהרען מיט ווייב און קינדער קיין בויבעריק אויף א דאטשע, בעקאנט זיך מיט דאקטוירים, מיט רעצעפטען, אפטייקען, גידראפאטיע, מאסאזש, צרות, שלעק — חי געלעבט!

דער גרעסטער אומגליק פון אלע אומגליקען אויף דער וועלט איז דער דאקטאר, און ניט אזוי דער דאקטאר, ווי דעם דאקטאר'ס קאבינעט, וואס מע דארף דארטען זיצען און שוויצען, בלעטערען די גאזעטען, וואס ליגען אנגעגרייט אויפ'ן טיש און אנקוקען נישט קיין בעקאנטע פנים'ער אלערליי, וואס קוקען אויף אייך, און איהר קוקט אויף זיי, און פון ניט האבען וואס צו טהון, הויבט איהר אן דורכצוווארפען זיך מיט רעד: „שוין לאנג, אז איהר קורירט זיך? וואס איז אייער שלאפקייט? וואוהין רעכענט איהר צו פאהרען אויף דער קור?" און אזוי ווייטער.

מײַן חיה=עטיל, זאָל געזונד זײַן, איז אַ מענש, וואָס האָט פײַנט זיצען און שווײַגען, האָט זי זיך צערעדט מיט עפּיס אַ דאַמע, אַ ליטוויטשקע, דאַכט זיך פון באָברויסק, און איז געוואָרען צו איהר צוגעקלעבט. וואָס האָט זי אַזעלכעס דערזעהען אויף דער באָברויסקער דאַמע, ווייס איך ניט; נאָר מע איז געוואָרען גיך נפש=אַחת. מײַן חיה=עטיל האָט מיר געזאָגט, אַז ס'איז בײַ זיי ביידע איין חולאת. אין וואָס בעשטעהט זייער חולאת? אין גאָרניט. וואָס זיי זאָלען ניט דערהערען אויף יענעם, דאַכט זיך זיי אויס, אַז בײַ זיי איז אויך דאָס אייגענע. לאָז עמיצען אָנהויבען שטעכען אין אַ זײַט, שטעכט זיי אויך. אַ צאָהן – איז אַ צאָהן; אַיין אויער – איז אַיין אויער; אַ פוס – איז אַ פוס – אַז מע שמועסט אַלצדינג, וואָס בײַ יענעם איז בײַ זיי! זי איז שוין אויסגעוועזען, די באָברויסקער דאַמע, וואו די וועלט האָט אַיין עק און איבערגעטהון כל המיטלען שבעולם – עס העלפט ניט!

– וואָס זשע זאָגט דערויף דער דאָקטאָר? – פרעגט בײַ איהר מײַן חיה עטיל מיט גרויס מיטלייד צו דער באָברויסקער דאַמע.

– וואָס זאָל ער זאָגען? ער ווייס אַליין ניט. ער זאָגט, אַז ס'איז נערוועען און הייסט מיר פאָהרען קיין אויסלאַנד אין די וואַרם=בעדער.

פון דעמאָלט אָן האָט מײַן חיה=עטיל בעקומען „נערוועען", נאָר איהר מיינט גלאַט נערוועען? נערוועען צו נערוועען איז ניט גלײַך. די נעכט, וואָס איך בין נעבען איהר אויסגעזעסען, זאָל מיר גאָט ניט רעכענען! וואָס טויג אײַך, ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז איך האָב ניט געטאָרט אַ טריט טהון, אַ הוסט טהון, אַ ריהר טהון זיך; אַ מינדסט נאַרישקײַט, אַ וואָרט, אַז איך האָב אויסגערעדט – „וואָס האָסטו צו מײַנע נערוועען?"

בקצור, ס'איז געבליבען, אַז מיר פאָהרען קײַן אויסלאַנד אויף דער קור. וואוהין? דאָס וועט מען אונז שוין אַ ידיעה געבען בײַם פראָפעסאָר אין וויען אָדער אין בערלין, און איך האָב גענומען מאַכען זיך אַ פּאַס קײַן אויסלאַנד און מײַן חיה=עטיל האָט זיך דערווײַל צוגעגרייט אַ ביסעל מלבושים מיט היטעלעך אין וועג אַרײַן, אײַנקויפען טשעמאָדאַנעס, קאָרזינעס און קוישלעך, און פרעגלען אײַנגעמאַכטס. איז, דאַכט זיך, וואָס גהער זיך אָן מיט מיר, מאַנסביל, היטעלעך, מלבושים, קוישלעך און אײַנגעמאַכטס? ניין, עס געהער זיך, זאָגט זי, אָן: דו פאָהרסט, זאָגט זי, גלײַך מיט מיר, מעגסט דו זיך, זאָגט זי, אַ ביסעל אָנטהון אַ מיה, זיך „מטריח זײַן". די ווערטער זיך „מטריח זײַן" זענען געזאָגט געוואָרען מיט אַזאַ טאָן און מיט אַזאַ ניגון, וואָס סע שוואַער אַרויסצוגעבען דאָס

אויף פּאַפּיר — אויב איהר האָט אַ ווײַב און זי האָט „נערוועןˮ, בעדאַרפט איהר זיין אַ ביסעל בעקאַנט מיט דעם טאָן און מיט דעם ניגון.

און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ חתונה פון מלבושים, מאַגאַזינען, קליי־טען, שניידערס, מאָדיסטקעס, מאָדעס, זשורנאַלען — אַז איך האָב איבערגע־לעבט בשלום די דאָזיגע דריי וואָכען, וועל איך שוין אַפּנים לאַנג לעבען! מיין חיה־עטיל האָט זיך גענומען איין מאָל פאַר אַלע מאָל, איבערשטשעגאָליאַיען וויען און בערלין און פערשעמען מאַריענבאַד און פראַנצענסבאַד און באַדענבאַד און אַלע איבעריגע בעדער. מען איז געשטאַנען און געפּאַקט אין די קאַסטענס און איך האָב געצאָהלט חשבונות פון די קלייטען און זיך גערעכענט מיט די מאָדיסטקעס: קאַלענקאַר און קנעפּלעך און העקלעך און בערשטלעך און גאַז און נאָך אַמאָל קאַלענקאַר און סטעקליאַרוסען און פראָשוועס און טאַש־מעס און שפּיצלעך און ווידער אַמאָל קאַלענקאַר און סאַמעט און זייד און מאָרליע און שפּילקעס און ווייטער אַמאָל קאַלענקאַר און ריויש און פּוליאַר און פעדערלעך און מאַנשעסטער און אָבער אַמאָל קאַלענקאַר. אַ גליק, וואָס ס׳איז פאַרהאַן ביי מיר אַ טעלעפאָן און עמיצער האָט אָנגעקלונגען, מיך אוועקגערופען, לאַנג לעבען זאָל ער.

— ווער קלינגט?

— אינטענדאַנטסקאַיע פּראַווליעניע?

— לעבען זאָלסט דו אַזוי, ווי איך בין אינטענדאַנטסקאַיע פּראַווליעניע! — טראַכט איך מיר, נאָר איך טרעט ניט אָב פון טעלעפאָן; איך האַלט אין האַנד דאָס טרייבעל פון טעלעפאָן און מיט דער אַנדערער צאָהל איך אָב דער מאָ־דיסטקע און בין זיך מחיה, וואָס איך בין פּטור געוואָרען פון איהר און פון איהר חשבון.

— וואָס פאַר איין איינגעמאַכטס, זאָגט זי, זאָל איך פּרעגלען אין וועג אַריין?

— וואָסערען דו ווילסט?

— וואָס הייסט, איך וויל? און וואו ביזט דו?

— איך קאָן מיך בעגעהן, זאָג איך, אָהן איינגעמאַכטס.

— וואָס זאָגט איהר אויף איהם? ער קאָן זיך בעגעהן אָהן איינגע־מאַכטס! קומט אויס הייסט דאָס, אַז אַלצדינג איז נאָר פון מיינעטוועגען! וואָ־רום איך בין די גרויסע פּרעסערין, די גרויסע נאַשערין...

— אָבער לאָז זיין שטיל, חיה־עטיל, אין נאָטעם ווילען! פּרעגעל רוזען־איינגעמאַכטס — איין עק!

— ס'זאל ווערען געצוקערט און מע זאל דאס דארפען ארויסוואר־פען?

— נו, לאז זיין ווײנשעל — פרעגעל ווײנשעל.

— איך האב טאקי מעהר ניט וואס צו טהון, נאר אנידערזעצען זיך איצט ארויסנעהמען די קערלעך.

— ווייסט דו וואס? פרעגעל שווארצע יאגדעס!

— זיי זאלען צעקראכען ווערען, חכם אײנער!

— פרעגעל מאלינעס!

— ס'זאל זיין צום שוויצען? רעכסט זיך אפנים, אז איך זאל דארטען גוט קרענקען?

— פרעגעל פערשקעס! פרעגעל פלאמען! פרעגעל עפעל! פרעגעל פאדעשוועס! זאנטיקעס! לאמפען! האקמעסערס! ריקבעטלעך! . . . .

. . . .

וואס סע קומט פאר צווישען אונז נאכדעם, נאך דער סצענע פון'ם אײנגעמאכטס, קלערט אײך, ווי איהר פערשטעהט, איך בין אײך ניט מחויב צו דערצעהלען אלצדינג.

ב.

וואס הייסט „חבוט הקבר”.

אונזערע חכמים בעשרייבען חבוט הקבר מיט אלערליי שרעקליכע פארבען און דער גהינם נאך מורא'דיגער. סע ווייזט אויס, אז זיי האבען ניט געהאט קיין ווייבער מיט „נערוועז” און זענען קײנמאל ניט געפאהרען קײן אויסלאנד אין די ווארמבעדער, נישט געפיהרט מיט זיך קיין צוועלף פוד באגאזש, אחוץ טשעמאדאנעס, קוישלעך, בינטלעך און פעקלעך אלערליי, און האבען נישט מיטגענומען מיט זיך אהין קיין אײנגעמאכטסען. מיר, אויב ס'איז בעשערט אפקומען חבוט=הקבר, האב איך איהם געהאט אין בויבעריק אויפ'ן וואגזאל ביים אוועקפאהרען קיין אויסלאנד, און דער גיהנום האט זיך פאר מיר געעפענט שוין זיצענדיג מיט מיין חיה=עטלין אין וואגאן. אײך איז גרינג צו שטעהן און קוקען בשעת עס ווערט א טומעל, דער קוריער=צוג קומט=אן, שטעדט איניאנצען אזעלכע פינף מינוט, און מע דארף האפען נעהמען בילעטען, אויפגע־

בען דעם גאַנצען באַנאַזש, אָבגעזעגענען זיך און צעקושען זיך מיט אַלע קינדער, קיין עין־הרע, אַריינהאַפען זיך מיט'ן ווייב און מיט אַלע פעקלעך און טשעמאָדאַנעס און קוישלעך אין וואַגאָן אַריין און פערהאַפען ערטער, און קיין ערטער איז ניטאָ. איך פרעה מיך, וואָס איך האָב פערהאַפט איין אָרט פאַר מיין חיה־עטלין און זי איז נאָך ניט צופריעדען. ניט צופריעדען דערמיט, וואָס איהר אָרט קומט־אויס אַקוראַט אַקעגען אַ גראָבען גלח, וואָס אַז מע טהוט אויף איהם אַ קוק, ווערט שוין היים אויף צו חלש'ן, און ניט צופרידען דערמיט, וואָס איך האָב ניט וואו צו זיצען און דאַרף מיך האַלטען מיט די פעקלעך, און ניט צופריעדען דערמיט, וואָס פון איילעניש האָב איך פערגעסען אָנזאָגען די קינדער און די דיענסטען אַ סך נויטיגע זאַכען. אַ דאַנק דעם גלח, וואָס ער האָט רחמנות געהאַט אויף מיר, זיך אַ ביסעל אַ רוק געטהון און געמאַכט מיר חאָטש אַ שטיקעל אָרט און איך קאָן זיך צוזעצען חאָטש אויף איין עק באַנק און אַרומקוקען זיך וואו איך בין אין דער וועלט. פונ'ם אָנהאָרעווען זיך, פונ'ם לויפען מיט'ן טאַרעראַם, דרעהט זיך מיר דער קאָפּ און איך פיהל, אַז איך האָב עפּיס דאַכט זיך פערגעסען, נאָר וואָס, ווייס איך ניט, און דערפאַר אַפּנים בין איך אַזוי פערטראַכט און הער ניט, וואָס מע רעדט צו מיר.

– זעה נאָר, האָסט חאָטש גוט בעהאַלטען די קוויטאַנציעס? – מאַכט צו מיר מיין חיה־עטיל.

– וואָסערע קוויטאַנציעס?

– פונ'ם באַגאַזש.

– מזל טוב!

– וואָס איז דאָס מיט דיר? דו ביזט אַזוי פערטראָגען, אַז דו ווייסט שוין גאָרנישט, וואָס מע רעדט צו דיר?

ערשט דאָ דערמאַן איך מיך, אַז איך האָב פערגעסען אָבנעהמען ביים אַרטעלשציק די קוויטאַנציעס פונ'ם באַגאַזש, און נישט בעקלערט, וואָס איך טהו, לאָז איך מיך לויפען, וואוהין ווייס איך אַליין נישט. מיין ווייב'ס נערוועז האַלטען דאָס ניט אויס און זי פערוואַרפט דעם קאָפּ אויף צו חלש'ן. עס ווערט אַ שטיקעל האַרמידער אין וואַגאָן, די פאַסאַזשירען רינגלען אונז אַרום, ווערען געוואָהר פון דער מעשה מיט דער קוויטאַנציע, גיט מען מיר אַלערליי עצות, וואָס איך זאָל טהון, ווי אַזוי און וואוהין איך זאָל טעלעגראַפירען, ווי אַזוי איך זאָל זיך נוהג זיין אויף דער גרענעץ, און אונזער נסיעה ווערט שוין פונ'ם ערשטען אַרויספאָהר פערניפטעט מיט סם המות, און איך האָב חרטה אויפ'ן גאַנצען פלאַן פון דער נסיעה. דאָס געזונד, וואָס מיר קאָסט דאָס, וועט מיר

געוויס ניט אומגעקעהרט ווערען פאר די דריי חדשים קורירען זיך, און דאס בלוט, וואס מיר ווערט פערצאפט, וועט מיר זיכער נישט צוקומען פאר קיין דריי חדשים באדען זיך, און איך פערשעלט מיר דאס געביין מיט'ן אויסלאנד, מיט די ווארמבעדער און מיט אלע דאקטוירים. וואס איך וויגש זיי, מעג זיי אנקומען האטש האלב.

נאר צו וואסערע צרות ווערט א מענש ניט געוועהנט? די באהן וועט צוריק צוליעב מיין באנאזש ניט פאהרען און קיינער איז ניט מחויב טראגען אויף זיך מיינע יסורים. איך בין געוועזען צופריעדען, וואס מיין חיה-עטיל האט זיך דאטש אבגעזוכט אין וואגאן צוויי דאמען, וואס זי האט זיך גיך מיט זיי בעקאנט און געוואהר געווארען, אז זיי פאהרען אויך קיין אויסלאנד אין די ווארמבעדער, און אויף אלע דריי איז געווארען אזא שמחה, גלייך, ווי זיי האבען געוואונען דאס גרויסע געווינס און האלטען שוין ביים טיילען זיך.

די צוויי דאמען זענען געוועזן: איינע פון אומאן, א דאמע מיט א הוט און מיט א סך פודער אויפ'ן פנים, מחמת זי פאהרט שוין קיין אויסלאנד דאס אנדערע מאל, דעריבער רעדט זי שוין העכער האלב דייטש און איז קלאר, זאגט זי, דארטען אין אלע ווינקעלעך, און די אנדערע — א יונג ווייבעל פון יעהופעץ, וואס פאהרט דאס ערשטע מאל, האלט זי זיך אן דער אומא-נער דאמע ווי א ברעקעלי קינד, לאזט זי נישט אב אויף קיין טריט.

— ווער זענט איהר פון יעהופעץ? — פרעג איך דאס יונגע ווייבעל — און ווער איז אייער מאן?

— איך ווייס ניט — זאגט זי — אויב איהר וועט איהם קענען, מיין מאן הייסט בראדסקי.

דערהערט דעם נאמען בראדסקי פון יעהופעץ, האט דאס מיך געגעבען א טראג-אונטער, גלייך ווי דא אונטער דער באנק איז געלעגען בעהאלטען דינא-מיט, און דאס ווייבעל איז מיט אמאל ביי מיר אין די אויגען אויסגעוואקסען אויף ניין-און-ניינציג פראצענט.

— וואס הייסט — זאג איך — בראדסקי'ן וועל איך נישט וויסען? ווער ווייסט דאס נישט בראדסקי'ן? וועלכען בראדסקי'ס זענט איהר? לאזאר'ס צי ליאווו'ס?

— ניט לאזאר'ס און ניט ליאווו'ס — מאכט זי צו מיר — מיר זענען טאקי בראדסקי'ס, נאר נישט פון די; מיין מאן איז א מעקלער פון הייזער.

דאס יעהופעצער ווייבעל האט מיט אמאל פערלארען ביי מיר אלע ניין-און-ניינציג פראצענט און איך האב שוין מעהר ניט געוואלט הערען, וואס זי רעדט.

ניט אַזוי איז אָבער געווען מיין חיה-עטיל: זי האָט זיך מיט דער קאָמ-פאַניע גאָר מחיה געווען, ערשטענס, האָט זי ביי דער אומאַנער דאַמע אויסגע-טאַפּט אַלצדינג, וואָס אין אויסלאַנד טהוט זיך, און דאָס איז געווען פאַר אונז ביידען ווי געפונען, און צווייטענס, איז זי געוואָהרע געוואָרען פון אַזעלכע נייע מינים שלאַפקייטען, וואָס זי האָט נאָך פון זיי קיינמאָל ביז אַהער ניט געהערט. שטעלט אייך פאָר, אַז דאָס ווייבעל, וואָס זי הייסט בראָדסקי און וואָס איהר מאַן איז אַ מעקלער פון הייזער, האָט געהאַט אַ מאָדנע חולאת: עס האָט זיך איהר גע'חלומ'ט, אַז זי האָט איינגעשלונגען אַ גאַנצען קאַסטען מיט אַריינגעשטעלטע ציינער. פון דעמאָלט-אָן פיהלט זי אינווענינג ביי זיך אין בויך די ציינער, און קיינער קאָן איהר ניט איינרעדען, אַז עס דאַכט זיך איהר נאָר אַזוי, מחמת זי פיהלט גאַנץ גוט, מעהר פון אַלע דאָקטוירים, אַז די ציינער ליגען ביי איהר אינ-ווענינג. פאָהרט זי איצט קיין וויען און פון דאָרטען, וואוהין דער פּראָפעסאָר וועט זאָגען.

סע פערשטעהט זיך, אַז מיין חיה-עטיל האָט זיך באַלד דערמאָהנט, אַז ס'איז ביי איהר אַמאָל ביינאַכט אַרויסגעפאַלען אַ צאָהן, מע ווייסט ניט, וואו ער איז אַהינגעקומען, איז ניט אַנדערש, אַז זי האָט איהם דעמאָלט איינגעשלונגען; זי פיהלט טאַקי, זאָגט זי, גאַנץ אָפּט אַ מאָדנע שטעכעניש אינווענינג, זי פער-שטעהט ניט פון וואַנען.

— אַ שטיקעל גליק — זאָג איך — וואָס דאָ פאָהרט ניט קיינער מיט קיי אָבגעביסענער נאָז...

נאָר קיינער וויל אַפילו ניט קיין שמייכעל טהון אויף מיין חכמה; אַדרבה איך זעה, אַז די ווייבער זענען אַלע דריי אָנגעדרודעלט אויף מיר; זיי האָבע צווישען זיך ווי עפּיס אָבגעמאַכט אַ מין יד אַחת אַקעגען מיר, אַז מע זאָל מי מיר ניט רעדען און מיר אַפילו ניט ענטפערען. איך האָב אָבער גיך דערלעב אין זיי אַלע אַ נקמה. די הומאַנער דאַמע מיט'ן הוט האָט מיט אַמאָל זי אויפגעהויבען מיט אַזאַ אימפּעט און מיט אַזאַ גוואַלד, גלייך ווי עס וואָלט זיך אָנגעצונדען אויף איהר די מלבושים. דער גאַנצער וואַגאָן מיט פּאַסאַזשירן זענען זיך צעגויפגעלאָפען מיט אַ געשריי:

— וואָס איז? וואָס איז? וואָס האָט דאָ געטראָפען?

און געטראָפען האָט זיך אַ קלייניגקייט: אַ סלוי איינגעמאַכטס, וואָס מי חיה-עטיל האָט געפיהרט מיט זיך קיין אויסלאַנד, האָט זיך אינווענינג אין די קאָרזינע פּאַוואָלינקע אויבען אויף דער פּאָליצע צעבראָכען, אויסגעגאָסען ז און דורכגערונען דורך דער שטרוי פון אויבען אַראָב גלייך אויפ'ן הוט י

אויף דער זיַידענער בלוזע און אויף די איבעריגע מלבושים פון דער אומאַנער דאַמע, וואָס איז ווי צונעפּאַפּט געוואָרען צו דער באַנק. פון די היזקות, וואָס מיר אַליין האָבען דערפון געהאַט אין דער קאָרזינע גופא, רעד איך שוין ניט. איך שמועס נאָר פון בזיון פאַר דעם גאַנצען פרעמדען עולם, וואָס אין וואַגאָן, וואָס איטליכער פון זיי האָט געזאָגט איין אַנדער ווערטעל, איינס פלאַטשיגער פונ׳ם אַנדערן. איינער אַ יונגערמאַן מיט בלויע ברילען מיט אַ שאַפּען קעפּעל פון גאָלע ליסענע און מיט גראָבע ליפּען, וואָס האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ גרויסען פּאַרשוין, מחמת ער האָט ניט אויפגעהערט צו גלעטען די וואָנסעס און קוקען בשעת מעשה אין אַ קליין שפּיגעלע, האָט אַ זאָג געטהון, אַז די דאָזיגע דאַמע בעדאַרף איצטער זיַין זיס ווי טייגאַכץ מיט האָניג. און האָט אַליין זיך צעלאַכט פון דער חכמה. דער אַנדערער, דוקא איין אַלטער יוד, אַ גראָבער מיט אַ מאַסיווע גאָלדענע קייט אויפ׳ן בויך און מיט אַ גראָבע שמעקענדיגע סיגאַר אין די ציינער, האָט געזאָגט נאָך גרעבער פון יענעם יונגען מאַן, און דער גאַנצער וואַגאָן האָט אויסגעשאָכען אַ געלעכטער. געלאַכט האָבען נאָר נישט די דאַמען, וואָס מיט אַמאָל איז דאָס גוטפריינדשאַפּט צווישען זיי נעפּלאַצט ווי אַ בלאָז, צעזייהט געוואָרען, ווי אַ רויך, אַוועק, ווי אַ חלום. די אומאַנער דאַמע נעביך, וואָס האָט געפּייערט ווי אַ גזלן און געמוזט נאָך איינהאַלטען זיך פאַר בושה, האָט בשום אופן נישט געקאָנט פערשטעהן, ווער קאָן דאָס זיַין אַ בעלן פיהרען מיט זיך איינגעמאַכטס קיין אויסלאַנד? דערויף האָט איהר מיין היה־עטיל, וואָס האָט געפייערט ניט ווינציגער פון איהר, זעהר גלייך אָבגעענטפערט, אַז איטליכער האָט זיך זיין גוסט: איינער פיהרט מיט זיך איינגעמאַכטס, דער אַנדערער קריַיד...

איך מיין, אַז די אומאַנער דאַמע האָט זיך אָנגעשטויסען, וואָס מיין היה־עטיל מיינט, מחמת אויף דער ערשטער סטאַנציע האָבען זיי ביידע מיט׳ן יעהופּעצער וויַיבעל צענויפגענומען זייערע זאַכען און האָבען אָהן אַ „זיי געזונד!” זיך איבערגעפּעקעלט אין איין אַנדער וואַגאָן און האָבען אונז בעפרייט צוויי ערטער.

— און ווער איז שולדיג, אַז ניט דו?...

איך לאָז איבער דעם לעזער, ער זאָל אַליין טרעפען, וועמען געהער די דאָזיגע פראַגע: מיר צי מיין היה־עטלין?

ג.

(אַ מין הקדמה. דער שכל פֿון מאַריענבאַד. אַ דאַמע פֿון יעקאַטערינאָסלאַוו. סטאַנציע וואָלאָטשיסק. איך האַנדעל אַ מציאה און ווער פֿון איהר פּטור).

מײַן ווײַב איז ברוך השם אַ מענש, וואָס האָט פֿײַנט זיצען אַלײַן, ווי זי רופֿט דאָס אָן, „מיט די פֿיער ווענד“. זי האָט ליעב הערען ווי מען רעדט און האָט אַלײַן אויך ליעב רעדען. אַז ס'איז שטיל אין שטוב זשומעט איהר דעמאָלט אין די אויערען און איהרע „נערווען“ קאָנען דאָס ניט איבערטראָגען. אַז עס מאַכט זיך, זי בלײַבט אַלײַן מיט מיר און עס גערט אויס רײד (צווישען מאַן און ווײַב וואָס קאָן זײַן פֿאַר אַ רײד?), פֿרעגט זי מיך, וואָס איך שווײַג? פֿאַרוואָס רעד איך נישט?

— וואָס זאָל איך מיט דיר רעדען? — פֿרעג איך זי: — שוין עטליכע און צוואַנציג יאָהר זינט מיר רעדען... אויסגעגאַנגען שטאָף...

— פֿאַרוואָס זשע געפֿינט זיך בײַ דיר שטאָף פֿאַר פֿרעמדע? לאָז זיך דיר דאַכטען עלהיי איך בין אויך אַ פֿרעמדע?

נו, גערט פֿערענטפֿערט זיך, געפֿינט אַ תירוץ!...

דאָס איז אַ מין הקדמה אָדער פּירוש צו דעם, עס זאָל אײַך ניט זײַן קיין חדוש, וואָס געפֿאָהרען מיט מײַן חיה־עטלין קיין אויסלאַנד אין די וואַרמבעדער, בין איך געווען צופֿריעדען, אַז גאָט האָט איהר צוגעשיקט מיט וועמען צו רעדען. איך אַלײַן האָב איהר געזוכט אַ קאָמפּאַניע און האָב איהר געפֿונען אין צווייטען וואַגאָן אַ מאַסיווע דאַמע פֿון יעקאַטערינאָסלאַוו מיט איהרע אַ טאָכטער, אַ כלה, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס מעג שוין זײַן אַ כלה און וויל שוין זײַן אַ כלה און ס'איז שוין צײַט, זי זאָל זײַן אַ כלה — און צוליעב דעם טאַקי פֿאָהרט זי קיין מאַריענבאַד.

דערהערט דאָס וואָרט „מאַריענבאַד“, האָט זיך מײַן חיה־עטיל ממש מחיה געווען, מחמת עס האָט זי געצויגען כסדר קיין מאַריענבאַד! וואָס עפּיס גראָד קיין מאַריענבאַד? — דעם שכל קאָן קיינער נישט וויסען, פּונקט אַזוי ווי עס איז שווער צו טרעפֿען דעם שכל, פֿאַרוואָס אײנעם געפֿעלט ווײַס, דעם אַנדערן שוואַרץ? עס ווענדט זיך אין׳ם גוסט, עס איז אַ געשמאַק־זאַך: אײנעם געפֿעלט אַזוינס, דעם אַנדערן אַזעלכעס. ווען אַלע מענשען זאָלען פֿאָהרען אין איין אָרט אַרײַן, וואָלטען דאָך אַלע איבעריגע ערטער געבליבען לעדיג...

— פאָהרט איהר הייסט דאָס אויך קיין מאַריענבאַד? — האָט זיך מיין חיה־עטיל געווענדעט צו איהר מיט אַ שמחה און בשעת מעשה בעטראַכט די מאָסיוונע יעקאַטערינאָסלאַווער דאַמע און גע׳חדוש׳ט זיך, צו וואָס פאָהרט אַזעלכעס אין די וואַרמבעדער? וואָס פעהלט איהר, למשל?... די יעקאַטערינאָסלאַווער דאַמע האָט זיך אַפּנים אָנגעשטויסען, וואָס בעדייט דער דאָזיגער קוק, און האָט זיך פערענטפערט:

— איך פאָהר קיין מאַריענבאַד אַלע זומער, נישט חלילה אויף דער קור, איך בין דאַנקען גאָט געזונד און שטאַרק אויף אַלע איברים (מע זעהט דאָס!) הלואי וויטער ניט ערגער (אָמן!), נאָר וואָס פאָהר איך קיין מאַריענבאַד? איך פאָהר אַהינצו זיך „אָבציהען”; אַז איך בין אָב אַ וואָך זעקס אין מאַריענבאַד, לאָז איך איבער דאָרטען אַ פונט עטליכע און דרייסיג (אָהאָ!) און מאַריענבאַד איז דערצו אַ רפואה. דער חסרון איז, וואָס אַז איך קום אַהיים קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, נעהם איך אָן אויף זיך צוריק די עטליכע און דרייסיג פונט, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט אין מאַריענבאַד, מיט נאָך אַ פונט צוואַנציג (קיין עין הרע ניט!) מחמת דער אַפּעטיט, וואָס איך בעקום נאָכדעם צום עסען, הרג׳עט מיך אַוועק!...

— איז דאָך גלייכער — זאָג איך — איהר זאָלט בעסער אויפהערען פאָהרען קיין מאַריענבאַד?

— וואָס הייסט? — זאָגט זי — איך מוז דאָך פאָהרען זיך אָבציהען, אַוועקגעבען די עטליכע און דרייסיג פונט!

— קומט דאָך אייך צו — זאָג איך — צוריק עטליכע און דרייסיג פונט מיט נאָך צוואַנציג פונט, הייסט דאָך עס אַלע צוויי יאָהר אַ פוד!

— איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז איהר זענט אַזאַ בעל־חשבון — מאַכט זי צו מיר מיט אַ שטאָך און מיין חיה־עטיל קוקט אויף מיר, ווי אויף אַ גזלן, למאַי איך מיש מיך אַריין, און איך בייס די צונג. איך זיץ און קוק אויף דער יעקאַטערינאָסלאַווער דאַמע און טראַכט מיר, וואָס וועט זיין פון איהר, כדומה למשל, טאָמער לעבט זי חלילה נאָך אַ יאָהר צוואַנציג און פאָהרט אַלע יאָהר קיין מאַריענבאַד און לאָזט איבער עטליכע און דרייסיג פונט און נעהמט זיי אָב צוריק מיט רווחים, הייסט דאָס צוואַנציג מאָל צוואַנציג, האָבען מיר אַ קימא־לן פון פיער הונדערט פונט, און פיער הונדערט פונט איז אַזוי גרויס אַפּנים ווי צעהן פוד...

— סטאַנציע וואָלאָטשיסק! — זאָגט אונז אָן דער קאָנדוקטאָר אַ בשורה און

נעהמט־אָב ביי אונז די בילעטען און אַלע פּאַסאַזשירען טהוען זיך אַ חאַפּ צו די פּעקלעך און עס לאָזט זיך הערען מיט שמחה:

— די גרעניץ! די גרעניץ!

פאַר וועמען ס'איז אַ שמחה, פאַר מיר ניט, גאָט ווייס, צי מע וועט מיר אָבגעבען דעם באַגאַזש, וואָרום איך האָב דאָך פערגעסען אָבנעהמען ביים אַרטעלשטשיק די קוויטאַנציע און האָב געמוזט פון וועג טעלעגראַפירען וועגען דעם קיין בויבעריק.

— וואָס וועלען מיר טהון — זאָגט צו מיר מיין חיה־עטיל — טאָמער, חלילה, גיט מען אונז נישט אַרויס אונזער באַגאַזש?

— למאי — זאָג איך — זאָלסטו איבערקלערען אויף נייך? טאָמער יאָ?

כך הוה, מיר זענען געקומען אויף דער סטאַנציע, האָט זיך אָנגעהויבען אַ לויפעניש פון איינעם צום אַנדערן. דער יונגערער האָט אונז אָבגעשיקט צום עלטערען, און דער עלטערער צו נאָך אַ עלטערן, דער זאָגט, ס'איז פאַראַן אַ דעפּעש; דער זאָגט: ס'איז ניטאָ קיין דעפּעש. דער זאָגט: ס'איז דאָ אַ דעפּעש מע זאָל אַרויסגעבען, דער זאָגט: ס'איז דאָ אַ דעפּעש מע זאָל ניט אַרויסגעבען. בקצור, מיר האָבען געמוזט געבען פון דאַנען נאָך אַמאָל אַ דעפּעש און אַליין זענען מיר געבליבען וואַרטען.

מיין חיה־עטיל... וואָס? איהר ווילט טאַקי וויסען, וואָס איך האָב געהאַט פון איהר? אַז גאָט וועט אייך העלפען, איהר וועט פאָהרען אין די וואַרמבעדער בחפזונ'דיג מיט אייער ווייב אַזוי ווי איך, און איהר וועט פערגעסען די קוויטאַנציע פונ'ם באַגאַזש ווי איך, און וועט דאַרפען וואַרטען ביי דער גרעניץ איין איבע־ריגען טאָג ווי איך, וועט איהר דעמאָלט וויסען, וואָס מע קאָן האָבען פון אַ ווייב... איין שטיקעל גליק האָטש, וואָס די יעקאַטערינאָסלאַווער דאַמע מיט דער טאָכטער, די כלה, זענען אויך געבליבען וואַרטען ביז'ן צווייטען צוג איבער איין אַנדער טעם: פון אָדעם האָט בעדאַרפט אָנקומען איהרע אַ שוועסטער, וואָס פאָהרט אויך קיין מאַריענבאַד, און האָט פערשפּעטיגט דעם צוג, וועט זי אָנ־קומען מיט'ן אַנדערן צוג.

— אויך אַזאַ?... — וויל איך פרעגען און בלייב שטעהן אין מיטען.

— אַזאַ וואָס?

— אַזאַ... מיין איך... וואָס פאָהרט זיך אָבציהען?

— פערקעהרט — זאָגט זי — מיין שוועסטער איז שוין צו איין איידעלע; פאָהרט זי זיך פערדרעכטען, און עס קומט איהר צו אַלע יאָהר אַ פונט פופצעהן,

נאָר אַז זי קומט אַהיים, פערליִרט זי פופצעהן מיט נאָך פופצעהן, זי עסט ניט כמעט גאָרניט, זעהר איין איידעלע.

— קומט דאָך אויס — זאָג איך, — אַז אין צעהן יאָהר פערליִרט זי 150 פונט, הייסט דאָס אַזוי גרויס ווי דריי פוד מיט דרייסיג פונט, היינט וואָס וועט שוין איהר איבערבלייבען?

— ווער בעט דיך, דו זאָלסט מאַכען חשבונות? — פאַלט שוין אָן אויף מיר מיין ווייב און איז געערעכט — ער האָט זיך אַ ביסעל צע'חשבונ'ט, דער בעל-חשבון מיינער; בערעכען בעסער, וואָס דיר קאָסט אָב דער באַגאַזש איבער דעם, וואָס דו ביזט אַ צעטראָגענער מלאך, וועסט דו בעסער מאַכען. געה נאָר ווער געוואָהר, צי ס'איז שוין דאָ אַנ'ענטפער אויף אונזער דעפעש?

פערשטעהט זיך, אַז קיין ענטפער איז נישטאָ און עס קאָן נאָך אַזוי גיך נישט זיין, און נישט האָבענדיג, וואָס צו טהון, געה איך מיר אַרויס אַ ביסעל אויף דער גאַס שפּאַצירען.

דאָס שטעדטעל וואָלאָטשיסק, חאָטש סע ליגט ביי דער גרעניץ, איז אַ קליין שטעדטעל ווי אַלע שטעדטלעך בכל תפוצות ישראל, מיט אַ מאַרק מיט קלייטלעך, מיט יודען, וואָס דרעהען מיט די שטעקלעך אין די הענד און האָבען ניט וואָס צו טהון, און מחמת קיינער קען מיך נישט, קויף איך מיר אַ פונט אַגרעסען און געה מיר אַרום אין מאַרק און עס מיר די אַגרעסען פונ'ם שקאָרמעץ, און פּלוצלונג דערזעה איך פאַר מיינע אויגען וואַקסט-אויס אַ מאָדנע חיה, וואָס איך האָב אַזעלכעס אויף מיין לעבען נישט געזעהען. אַ מין פערד אַ הויכס, מיט געלע מאָכנאַטע האָר, ערטערווייז מיט פּליכעס, אַ ליפּ אַ צעשפּאָלטענע, צוויי האָרבעס אויף די פּלייצים, איך וואָלט געמעגט שווערען — אַ ווערבליוד! און אַ שוואַרצער ציגיינער זיצט אויף דער ערד, איינגעוויקעלט אין אַ ווייסע וואַרעמע סוויטע און קוקט מיט אַזעלכע אויגען, גלייך ווי ס'איז איהם נמאס די גאַנצע וועלט.

איך געה-צו צו איהם נאָהענט און בעטראַכט איהם און בעטראַכט די חיה מיט דער צעשפּאָלטענער ליפּ און מיט די צוויי האָרבעס.

— וואָס איז דאָס ביי דיר? — פרעג איך איהם — אַ ווערבליוד?

— אַ ווערבליוד — ענטפערט ער מיר און קוקט נישט אין די אויגען אַריין.

— וואָס קאָסט עס? — טהו איך איהם אַ פרעג און געה-צו נאָך נעהענטער.

פּלוצלונג הויבט זיך אויף מיין ציגיינער, ציהט זיך אויס אין דער הויך,

אַז ער מלך הבשן, טהוט אַ גלאָנץ מיט די אויגען גלייך צו מיר אין פּנים אַריין און אַ פרעגט:

— פּאָקופּאַיעש? — דו קויפסט?

— פאַרוואָס ניט? — ענטפער איך איהם אויף קאַטאָוועס — וואָס ווילסט דו פאַר איהם?

— הונדערט מיט צעהן קאַרבען — ענטפערט ער מיר — וויפיעל גיסט דו?

— אַ פינף־און־צוואַנציגער — זאָג איך צו איהם אויף קאַטאָוועס.

— דאַוואַי דיענגי! (גיב געלד!) — מאַכט ער צו מיר און טהוט מיר אַ נעהם ביי דער האַנד אַזוי פריינדליך, אַז איך האָב מורא זיך אויסדרעהען פון זיינע הענד, איך קוק מיך אַרום פון אַלע זייטען און טראַכט מיר: „וואָס טהוט מען דאָ? קויפען? וואָס טויג מיר אַ ווערבליוד? נישט קויפען, האָב איך מורא פאַר פעטש"... און איך ווייס ניט, וואָס מיט מיר איז געווען... איך האָב אַרויסגענומען, במחילת כבודי, אַ פינף־און־צוואַנציגער און האָב אַוועקגעקויפט דעם ווערבליוד.

מערקווירדיג, אַזוי ווי ס'איז פריהער נישט געווען קיין נפש, אַזוי איז מיט אַמאָל אויסגעוואַקסען נעבען מיר אַ גאַנץ רעדעל און מען האָט מיך גענומען בעטראַכטען מיט דער מציאה, וואָס איך האָב איינגעהאַנדעלט.

— פעטער, וואָס וועט איהר זיך הייסען געבען פאַר דער נבלה?

איך האָב געוואָלט, מע זאָל מיר אומקעהרען מיין געלד, איך האָב גע־וואָלט אָנווערען פריהער אַ פינפעריל, נאָכדעם אַ צעהנעריל — עס געהט ניט! איך האָב איהם געוואָלט אַוועקגעבען אומזיסט, אַוועקשענקען, האָט מען מיר געזאָגט:

— האַלט זיך געזונטערהייד!

וואָס טהוט מען? איבערלאָזען איהם אין מיטען מאַרק און אַליין אַוועק־געהן? איז מיר געווען אַ בזיון און אַ ביסעל האָב איך טאַקי מורא געהאַט אויך, טאָמער געהט מען מיר נאָך ביז'ן וואָקזאַל און עס ווערט געוואָהר מיין ווייב...

בקצור, איך וועל אייך לאַנג נישט מאריך זיין — איך האָב צוגעצאָהלט אַ פּאָר קערבלעך און בין קוים פטור געוואָרען פון אַ צרה!

געקומען אַהיים, האָב איך געטראָפען מיין חיה־עטלין אין טרעהרען: וואָס איז די מעשה? ס'איז שוין לאַנג פאַרהאַן אַ דעפּעש פון בויבעריק, די

דעפּעש איז געווען, נאָך איידער מיר זענען געקומען, אומזיסט טעלעגראַפירט, און דער באַגאַזש וועט זיין אויף דערנאַכט.

— וואו ביזט דו אַהינגעקומען? — פרעגט זי מיך — ווי אַזוי נעהמט דאָס אַ מענש און ווערט פערפאַלען אויף אַ גאַנצען טאָג און דרעהט זיך אַרום איך וויים ניט וואו און וויים ניט וואָס!

„דאַנקען גאָט, טראַכט איך מיר, וואָס דו ווייסט גישט, הלואי זאָלסט דו טאַקי נישט וויסען!" . . . .

אַז מיר זענען אַריבערגעפאָהרען פון וואָלאָטשיסק קיין פאָדוואָלאָטשיסק, איז ביי מיר אַראָב אַ שטיין פונ'ם האַרצען. איך האָב מיך אַלע מינוט אַרומגע־קוקט, צי מע פיהרט מיר ניט צוריק די מציאה, וואָס איך האָב איינגעהאַנדעלט? די יסורים, וואָס איך האָב געהאַט ביים וויזירען די פּעסער, די צרות, וואָס איך האָב געהאַט פון מיין ווייב פאַר דעם איינגעמאַכטס, וואָס מע האָט אַרויסגע־לעגט פאַר איהם אַ שטראָף, און פאַר די פּאַפּירען, וואָס מע האָט מיר אַרויס־געוואָרפען, אין ביים געלד־וועקסלען, וואָס די חלפנים האָבען מיר פערדרעהט צווישען יאָ־און־ניין נײַן קערבלעך, דאָס אַלעס איז געווען בלאָטע אַקעגען דעם נאַרישען ווערבליוד, וואָס איז מיר ניט אַרויסגעקראָכען פון קאָפּ אַ גאַנץ וועג, ביז גאָט האָט מיר בעשערט אַ נייעם אומגליק אונטער קראַקוי, וואָס ווערט בעשריבען אָט דאָ — אַ ביסעל ווייטער.

ד.

(אַ פסק פון אַ ווייב. יודען מיט קאַפּעלױשליך. ווייבער מיט פּאַרוקען. מען שמועסט פון ציערונג און חיה עטיל פּאַלט חלשות.)

וואו זענען אַהינגעקומען די יעקאַטערינאָסלאַווער מאַסיווגע דאַמע, וואָס פאָהרט קיין מאַריענבאַד פערלירען דרייסיג פינט, מיט דער טאָכטער, די כלה, מיט דער איידעלער שוועסטער, וואָס זיי האָבען ערוואַרטעט פון אַדעס — ווייס איך נישט, זיי זענען ווי אין וואַסער אַריין. עס קאָן זיין, זיי האָבען זיך בעזעצט אין איין אַנדער וואַגאָן און איך האָב זיי געוואָלט געהן זוכען, האָט מיר מיין חיה־עטיל געגעבען אַ פּסק און איז דוקא געווען ניט אומגערעכט.

— וואָס הייכט — זאָגט זי צו מיר — מיר זענען נאָר־וואָס אַריבער די גרע־ניץ, ווילסט דו מיך שוין איבערלאָזען איינע אַליין אין אַ פרעמד לאַנד און געהן זוכען פרעמדע ווייבער?

— טאקי פון דיין טובה װעגען — װייל איך מיך פערענטפערן, נאר איך מאך ערגער: „זי דארף ניט, זאגט זי, מיינע טובות, זי קאן זיך, זאגט זי, בעגעהן אהן זיי, און צװייטענס, אז עס װעט איהר זיין שטארק סקוטשנע, װעט זי זיך, נשקשה, אליין אבזוכען א קאמפאניע...” — און כך הוה: מיר זענען נאר געקומען אונטער לעמבערג, האט אונזער װאגאן אנגעהויבען אנגעפילט װערען מיט יודען און װייבער — און װאסערע יודען! װאסערע װייבער! װאסערע קאפעליושלעך, װאכערע קאפאטעס מיט װאסערע גארטעלעך און מיט װאסערע שיך=און=זאקען; און די װייבער — צנועות! טראגען מושקעס, גאנצע שלייערס אויף די קעפ — רביצינס! היינט די שפראך זייערע! זייער ארט רעדען אלע אינאיינעם, און פונ׳ם גארגעל! און מיט די הענד און מיט א ניגון!

— אט דאס זענען „דייטשען”? — מאכט צו מיר חיה=עטיל מיט די אויגען.

— װאס זאגסט דו דערויף? — ענטפער איך איהר אויפ׳ן װאונק.

— ארץ ישראל! — מאכט צו מיר מיין װייב.

קיינמאל האט נאך מיין װייב אזוי גלייך ניט געזאגט כ׳לעבען. ארץ ישראל, װי איך בין א יוד!

מיר האבען זיך ביידע געפיהלט עפיס אזוי היימיש, גלייך װי מיר װאלטען געקומען ניט קיין אויסלאנד, נאר קיין בערדיטשעװ אדער קיין יארמאלינעץ אויפ׳ן יריד. דער חילוק איז נאר געװען דאס, װאס ביי אונז אויפ׳ן באהן, אז עס מאכט זיך אזא קאמפאניע, האט מען בזיונות פון די אלע איבעריגע פאסאזשירען, עס װערט א שמועס װעגען יודען, װאס זענען אומעדום פול און װאס האבען שוין איינגענומען כמעט דאס גאנצע לאנד, און עס לאזען זיך הערען די בעקאנטע װערטער: „קאהאל”, „זשידי”, „עקספלאאטאטארי”, וכדומה זיסע נעמען, װאס מע איז שוין מיט זיי ביי אונז, ברוך השם, געװעהנט געװארען.

געװעהנליך האבען מיר זיך מיט דער דאזיגער קאמפאניע גיך בעקאנט און גאנץ געשמאק צערעדט זיך. דערהערט פון אונז, אז מיר זענען פון „רוסלאנד”, האבען די דאזיגע „דייטשען” געקוקט אויף אונז מיט משונה מאדנע אויגען, אונז בעטראכט, װי מע בעטראכט א שטיינער מאלפעס: דאכט זיך מענש, און פארט ניט מענש... זיי האבען ביי אונז אויסגעפרעגט איטליכס ברעקיל, געװאלט אויסטאפען, װאס ביי אונז אונטער די נעגעל טהוט זיך, זיי האבען זיך אלץ נאכגעפרעגט ביי אונז, װאס מיר עסען? צו װעלכען רבי׳ן

פאָהרען מיר? און צי זענען מיר געווען אין „פעטערסבורג״? און צי האָבען מיר געזעהן מאָסקווא?

קוקענדיג אויף זיי האָט מען נעקאָנט זיכער מיינען, אַז די דאָזיגע „דייטשען״ טהוען גאָרניט, נאָר זיי פערנעהמען זיך מיט פּאָליטיק. צום סוף, אַז איך האָב מיר גוט צוגעהערט צו זייערע שמועסען, האָב איך מעהר ניט געהערט פון זיי אַחוץ „באַקפיש״, „אַ געפיטערט געזעל״, „קאַלבסבראַטען״ וכדומה אַזעלכע זאַכען, וואָס זענען שייך צו דער קישקע...

דאָס איז געווען ביי מיר צווישען די מאַנסבילען, און דאָרט ביי מיין ווייב מיט די דייטשע צנועות איז געגאַנגען גאָר אַנ׳אַנדער שמועס: די ווייבער פון ביידע צדדים האָבען גערעדט פון דער „מאָדע״, וואָס מע טראָגט „ביי אונז״ און וואָס מע טראָגט „ביי זיי״ און ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז האָטש זיי זענען „דייטשען״ און מיר זענען „רוססען״, פונדעסטוועגען האַלט מען ביי אונז פון דער היינטיגער מאָדע אַ סך מעהר ווי ביי זיי.

— אַ סימן האָט איהר — זאָגט צו זיי מיין חיה־עטיל — נעהמט אַ שטיינער אייער ציערונג און אונזער ציערונג. ביי אונז אַ „פרוי״ (מיין חיה־עטיל האָט זיך שוין אָנגענומען פון זיי און האָט שוין אָנגעהויבען „שפּרעכען אויף דייטש״) ביי אונז אַ „פרוי״ זאָל אָנטהון אַזעלכע צוויי באָמבעס אין די אויערען, וואָלט מען זי נאָכגעלאָפען אין גאַס...

די ווערטער זענען געזאָגט געוואָרען צו אַ לעמבערגער דאַמע מיט אַ פּאַרוק און מיט צוויי גאָלדענע אויהרינגען, וואָס האָבען זיך מאָדנע געבאָמבעלט אַהין און אַהער.

— און וואָסערע אויהרינגלעך טראָגט מען ביי אייך אין רוסלאַנד? — האָט זיך אָנגערופען פון דער זייט נאָך אַ דאַמע מיט אַ רויט פּנים און מיט נאַסע אויגעלעך, וואָס איז ביז אַהער געזעסען אַליין אין אַ ווינקעלע און האָט געשוויגען.

— ביי אונז טראָגט מען שוין איין מאָל אויהרינגלעך! — רופט זיך אָן צו איהר מיין חיה־עטיל און פוילט זיך ניט און עפענט אויף דעם גרויסען „קאָפער״ (איך הויב שוין אויך אָן שפּרעכען אויף דייטש) און נעהמט אַרויס פון דאָרט דאָס קליינע רעגציקלע מיט׳ן ציערונג, וואָס איך האָב איהר געקויפט דורך דער גאַנצער צייט זינט ביי מיר האָט זיך בעוויזען געלד.

עם ווייזט־אויס, אַז דאָס ציערונג איז דעם עולם שטאַרק געפעלען, וואָרום אַלע ווייבער אויך מאַנסבילען אַ פּאָר האָבען שטאַרק אַריינגעקוקט אין די קעסטעלעך אַריין, בעטראַכט מיין ווייב׳ס שענע אויהרינגלעך מיט די גוטע

פינגערלעך מיט די פערעל, און מיט'ן גאַנצען איבעריגען שמוק, וואָס זי האָט זיך ניט געוואָלט מיט דעם צעשיידען אפילו אויף איין טאָג.

— וואָס טויג דיר דאָס ציערונג אין די וואַרמבעדער? — טענה איך מיט איהר נאָך אין דערהיים פאַר'ן אַוועקפאָהר — אַ קשיא אויף אַ מעשה, טאָמער, חלילה, גנב'עט מען דאָס ביי דיר אַוועק?

— און וואו בין איך? ביים זיך אָב די צונג! — ענטפערט זי מיר — דו דאַרפסט אָבער תמיד אויסלעגען צו ביידזען!...

— מילא, אַ דאגה! — טראַכט איך מיר — דיין ציערונג דיין דעה!...

דערווייל האָב איך מיך מיט מיינע „דייטשען" אַזוי פערדרעהט וועגען פאָליטיק און אַנדערע ענינים, אַז (כ'בין זיך מודה ומתודה!) איך האָב גאָר פערגעסען, אַז ס'איז פאַרהאַן ערגעץ אַ חיה־עטיל אויף דער וועלט... און ערשט ווען האָב איך מיר דערמאָנט? ערשט העט־העט, אַז דער גראָבער דייטשער קאָנדוקטאָר מיט ן מאָדנע היטעל אויפ'ן קאָפּ און מיט איין אומגעלומפערט גרויסען שליסעל אין די הענד איז דורכגעגאַנגען פאַרביי אונז און האָט אויס־גערופען דוקא הויך אויף אַ קול, מיט אַזאַ שפּראַך, וואָס איז שווער צו פער־שטעהן, געקראַקעט ווי אַ וואָראָנע: — קראַ־קאַ־ו! קראַ־קאַ־ו!

און דאָס איבעריגע זאָל איך אַזוי וויסען פון איהם!

— אָט דאָ — זאָגט צו מיר מיין חיה־עטיל — וועלען מיר עפּיס נעהמע אין מויל אַריין.

און זי נעהמט מיך אונטער דער האַנד אויף דעם אַריסטאָקראַטישען או און מיר מאַכען ביידע אַ שפּאַציר איבערן שענעם גרויסען וואָגזאַל גאַנץ אוי געלעגט, ווי אַ יונג פּאָר'ל נאָר וואָס נאָך דער חתונה.

אינ'ם לעבען פון מאַן און ווייב טערפען זיך זעלטען אַזעלכע גליקליכע מינוטען, אַזעלכע שענע טעג מיט אַזאַ לויטערן הימעל. מעהרסטענטייל איז אָדער חמאַרנע, אָדער עס רעגענט, אָדער גרויסע קעלטען, אָדער עס ברענט די זון אומברחמנות, בריהט און סמאַלעט מיט סכנות נפשות, אָדער עס ברעכט־אויס פּלוצלונג אַ וואָלקענבראָך, נאָכדעם באַווייזט זיך די זון אויף אַ ווײַלע, טהוט אַ שמייכעל און ווערט פערשוואונדען.

אויב ביי אייך קומט דאָס פאָר אַנדערש, זענט איהר אַודאי אַ מוצלח, געבוירען, ווי מען זאָגט, אין אַ הייבעל; ביי מיר מיט מיין חיה־עטלין, בין איך זיך מודה, קומט פאָר זעלטען אַזעלכע גליקליבע לויטערע זונענדיגע טעג. ווער פון אונז איז דאָ מעהר חיב — קאָן איך אייך נישט זאָגען. איך בין בטבע אַ יוד אַ צו־להכעיס'ניק און מיין ווייב איז אַ דאַמע מיט נערווען; צו־להכעיס מיט

נערוועֶן — איז פייער מיט וואַסער, סאָדע מיט קרעמעטאַרטערוס; קומען זיך צענויף אינאיינעם — קאָכט עס...

דערפאַר אָבער, אַז עס גיט זיך אויס בײַ אונז אַ שענער טאָג און די זון טהוט אַ שײַן, בענוצען מיר זיך דערמיט ווי ווײַט מעגליך און שעפּען פּער־געניגען מיט׳ן פולען מויל.

— חיה־עטיל קרוין, וואָס זאָגסט דו אויף דעם לאַנד, ווי פרײַ, ווי גוט דאָ איז!

— אַ גן־עדן! — זאָגט זי צו מיר, ווי איהר שטײַנער איז און טהוט מיר אַ קוק אין די אויגען אַרײַן אַזוי פרײַנדליך, אַז עס ווײַזט זיך מיר אויס, אַז קײַן שענערס פון איהר איז נישטאָ אויף דער וועלט, און איך רוף זיך אָן צו איהר:

— ווי מײַנסט דו, נשמה מײַנע, וואָלסט וועלען, אַשטײַגער, זיך דאָ בע־זעצען אויף שטענדיג?

— מיט דיר? אָך, פאַרוואָס ניט?

— מיט דעם, וואָס איז ליעב, אַפילו אין אַ שאַלאַש? — זאָג איך צו איהר מיט דעם נוסח, וואָס אין די ביכלעך שטעהט געשריבען.

דערויף ענטפערט זי מיר נאָר מיט אַ זיס שמײַכעלע, אײַנע פון די שמײַכעלעך, וואָס מאַכט פרעהליך דעם הימעל, די ערד, די גאַנצע וועלט, אַלע מענשען בעקומען דעמאָלט גאָר אײַן אַנדער פּנים. אַפילו דער קאָנדוקטאָר, וואָס געהט פערבײַ, אַפילו דער זשאַנדאַרם מיט׳ן גרויסען פעדער, אַפילו דער אָרימער דײַטש, וואָס שטעהט אָבגעריסען און וואַרט אויף אַ נדבה — אַלץ, אַלץ בעקומט אײַן אַנדער פּניב מיט אײַן אַנדער געשטאַלט, אַלעס שמײַכעלט, אַלעס זינגט, אַלעס טאַנצט, אַלעס גריסט צו אונז גאָר פרײַנדליך!

— חיה־עטיל...

— וואָס איז, מײַן טײַערער?

— לאָמיר זיך געבען אײַנס דאָס אַנדערע דאָס ערהרען־וואָרט, אַז פון הײַנט אָן און ווײַטער זאָלען מיר זײַן שטענדיג שלום, שטענדיג גוט, קײנמאָל זיך נישט קריגען, קײנמאָל זיך ניט...

פלוצלונג רײַסט זי אויס בײַ מיר איהר האַנד, טהוט זיך אַ וואָרף צוריק און שרײַט־אויס ניט מיט איהר קול:

— דאָס קוישעל! דאָס קוישעל!

— גאָט איז מיט דיר! וואָסער קוישעל?

— דאָס קוישעל מיט׳ן ציערונג! — שרייט זי אויס און פאַלט חלשות.

. . . .

וויפיעל מענשען עס זענען געווען אויפ׳ן וואַגזאַל, זענען זיך אַלע צע־נויפגעלאָפען. עס איז אויסגעוואַקסען אין דער מינוט אַ דאָקטאָר מיט איין אַפּטייק און מע האָט מיין חיה־עטלין אָבגעמינטערט. און אַז מע האָט זי אָב־געמינטערט, האָט זי זיך ערשט דעמאָלט רעכט צעוויינט.

— וועה איז מיר, ווינד איז מיר! מיין ציערונג! מיין ציערונג!!

עס האָט נישט געהאָלפען מעהר קיין גוטע רייד, קיין טרייסטען, קיין צוזאָגען איהר קויפען אַנדער ציערונג — זי וויל ניט הערען, זי ברעכט די הענד, זי וויינט, זי חלש׳ט, זי עקט זיך.

— אוי וועה מיין ציערונג! נישטאָ קיין ציערונג! פערפאַלען דאָס ציערונג!

. . . .

דאָס ציערונג איז פערפאַלען און די מאַסיוונע דאַמע מיט דער טאָכטער די כלה, האָבען זיך געפונען.

— וואָס איז אייך געשעהען, וועה איז מיר? — פרעגט אונז די מאַסיוונע דאַמע, און אַז זי ווערט געוואָהר פון אונזער שאָדען, ברעכט זי די הענד און פרעגט, ווי אַזוי פיהרט מען דאָס אָט אַזוי ציערונג אויבען־אויף? און אַלע, וואָס דערהערען פון שאָדען, ברעכען די הענד און פרעגען, ווי קומט דאָס מע זאָל פיהרען ציערונג אַזוי אויבען־אויף?

— ס׳איז אַלץ ע ר, ע ר מיט זיין צונג! — זאָגט חיה־עטיל, און איהר ווייסט דאָך שוין וועמען זי מיינט!...

ה.

(ווידער נערוועז. אַ גרינער לולב פון אָדעס. חיה־עטיל בלאָזט זיך. אַ רפואה צו דער מכּה. די מוהמע נחמה פון אַצעלעם).

ביז מיר זענען געקומען קיין וויען, איז מיין חיה־עטיל (פאַר צרות אַפּנים) קראַנק געוואָרען אויפ׳ן רעכטען אמת און האָט מיר פערשטערט די נסיעה צום ערשטען אַרויספאָהר. וואָס איהר איז געווען, איז שווער צו זאָגען; די נערוועז האָבען זיך איהר אַזוי צעשפּיעלט, אַז מע האָט דאָס געקאָנט אַרויסזעהען אויף מיר. לאַכט ניט: אַ מענש, וואָס האָט אַ ווייב מיט

נערוועז, דערקענט מען דאס ביי איהם אויפ'ן פנים. ווייזט מיר וועמען איהר ווילט דאס ערשטע מאל און לאס איך מיט איהם רעדען א צוויי ווערטער, וועל איך אייך באלד זאגען, צי זיין ווייב האט נערוועז, צי ניין. מע דארף דערצו האבען א געניט אויג...

מיטלען צו נערוועז זענען פאראן א סך און אלע טויגען אויף כפרות. דאס בעסטע פון אלע מיטלען – מע זאל לאזען צורוה, און אזוי טהו איך טאקי. וואס זי זאל מיר ניט זאגען, ענטפער איך איהר ניט דאס אנדערע ווארט. איך נעהם-אן א פולע מויל מיט וואסער און שווייג. פון איהר רעדען מיט מיין שווייגען לאזט זיך אמאל אויס גאנץ מיאוס. נאר דא אין וואגאן האב איך דערפאר קיין מורא ניט, ווארום אקעגען אונז זענען געזעסען די יעקאטערינאסלאווער מאסיוונע דאמע, וואס האט ניט אויפגעהערט צו קייען, און די טאכטער, די כלה, וואס האט געקוקט כסדר אין שפיגעלע און געזעהען, אז זי האט פרישטשעס אויפ'ן פנים, און די איידעלע שוועסטער פון אדעס, וואס איז געוועזען אזוי גרין און איידעל, אז זי האט אויסגעזעהען ווי איין איבערגעבונדענער לולב ערב סוכות.

אויף וויפיעל חיה-עטיל איז געוועזען מיט זיי פריהער נאהנט, אויף אזוי פיעל האט זי זיך נאכדעם פון זיי דערווייטערט און כמעט גאר אויפגעהערט מיט זיי צו רעדען, און האט געוואלט, אז איך זאל אויך מיט זיי ניט רעדען; נאר ווי אויף צו להכעיס האבען זיך אלע דריי דאמען אלע מאל געווענדעט צו מיר מיט איין אנדער בקשה. איך זאל זיך מטריח זיין ארונטערנעהמען דאס רענצעל, אויפבינדען דאס פעקעל, צומאכען דעם פענסטער, א לויף טהון אויפ'ן וואגזאל עפיס קויפען וכדומה אזעלכע קאמיסיעס, וואס מע מוז אויף זיך טראגען בשעת מע נעהמט אויף זיך דעם גלות פון דאמען... מעהר פון אלע האט מיר דערקוטשעט דער „גרינער לולב” פון אדעס. אויף וויפיעל זי איז מיאוס, אויף אזוי פיעל האט זי זיך פאר מיר געבראכען און געברעקעלט, האלט זיך פאר א פארשוין איינער אין דער וועלט, מיר האט זיך געגלוסט אלע מינוט איהר זאגען דעם אמת און דוקא צום גראם: מאדאם! איהר זענט גרין ווי גראז און האט א לאנגע נאז...

אייך האט זיך קיינמאל נישט געטראפען, אז אויף דער צונג זאל ביי אייך ליגען א נארישקייט און עס זאל זיך רייסען ארויסצוזאגען? איך האב אמאל פאר אזא מעשה געחאפט פעטש, נישט פאר אייך גערעכט, און א סך... נאר איך האב פערגעסען, אז מיר שמועסען פון דער נסיעה אין די „ווארמבעדער” און מע טאר נישט רעדען פון זייטיגע ענינים.

בקצור, די דאַמען האָבען זיך מיט מיר געשפּאַט און מיין ווייב האָט זיך געבלאָזען און געפייערט אויף זיי און אויף מיר און אויף דער גאַנצער וועלט מיט סכנות נפשות! איך האָב געפיהלט, אַז עס בלאָזט אַ שלעכט ווינטעל, אַז אַט־אַט הויבט זיך אויף אַ מורא׳דיגער שטורמווינד, אַט־אַט רוקט זיך אָן אויף מיר אַ חמאַרע און עס ברעכט־אויס אַן׳אומגליק, רחמנא ליצלן... דער אויבערשטער איז דאָך אָבער אייך אל ארך אפּים ורב חסד, שיקט ער צו די רפואה פאַר דער מכּה, האָט ער אויף מיר רחמנות געהאַט און צוגעשיקט מיר אַ הילף אַ נייע דאַמע, דאָס הייסט, דאָרט אין דער היים איז זי אַ „יודינע״, נאָר דאָ, און ווייל זי פאָהרט אין די וואַרמבעדער, רוף איך זי „דאַמע״... דורכגעגאַנגען דורך אונזער וואַגאָן און דערזעהן מיין ווייב, איז זי צוגעלאָפען צו איהר, איז איהר געפאַלען אויפ׳ן האַלז און מען האָט זיך גענומען איינס דאָס אַנדערע קושען אַזוי שטאַרק, אַז דער גאַנצער עולם האָט אויף זיי געקוקט און געשמייכעלט.

— אוי, חיה־עטיל, ס׳איז דו? אָט וועל איך מיר אַ מעשה אָנטהון!

— מוהמעניו, ווי קומט איהר אַהער?

— וואוהין פאָהרסט דו דאָס, חיה־עטיל, נשמה מיינע האַרציגע, אפשר אין די וואַרמבעדער?

— געוועהנליך אין די וואַרמבעדער; נו, און איהר, מוהמעניו, וואוהין פאָרט?

— אויך אין די וואַרמבעדער, אָט דאָס איז אפשר דער מאַן דיינער? איך וועל מיר אַ מעשה אָנטהון!

און אַזוי האָבען מיר זיך בעקאַנט, דאָס הייסט, פאָרגעשטעלט אָהן נעמען און אָהן ווערטער: איך בין געוואָהרע געוואָרען, אַז זי איז מיין חיה־עטיל׳ס אַ מוהמע פון אַ קליין שטעדטיל מיט אַ מאָדנעם נאָמען אָצעלעס. דאָס הייסט, שרייבען שרייבט זיך וואָלאָצעגאָלאָווא, נאָר יודען, וואָס האָבען פיינט לאַנגע נעמען, האָבען דאָס פערקירצט אויף אָצעלעס און מע רופט זי די מוהמע נחמה פון אָצעלעס.

— וואוהין זשע פאָהרט איהר, מוהמעניו, אין וואָסער אָרט אַריין? — פרעגט זי חיה־עטיל.

— לאָז מיך אַזוי וויסען פון בייז מיט דיר אינאיינעם, ווי איך ווייס וואָס פאַר אַ נאָמען דאָס האָט! דאָס הייסט, איך האָב אפילו יאָ געוואוסט דעם נאָמען, נאָר איך האָב שוין פערגעסען, געדענקען געדענק איך, אַז עס לאָזט זיך אויס מיט אַ „באַד״.

– אָפשר מאַריענבאַד?

– סע קאָן זיין, אַז מאַריענבאָד.

– צי אָפשר קאַרלסבאַד?

– האָסט געפּועל'ט ביי מיר אַזוי אויך, לאָז זיין קאַרלסבאָד.

– צי אָפשר פראַנצענסבאַד? אָדער באַדענבאַד?

– לאָז זיין פראַנצענסבאָד, הייסע באָד, קאַלטע באָד, אַבי אַ באָד...

דער דאָקטאָר האָט מיר געהייסען פאָהרען אין די וואַרמבעדער, פאָהר איך, איך פיהר מיט זיך אַ בריעף פון איהם צום פּראָפעסאָר, מסתמא שרייבט ער שוין דאָרטען אין וואָסערע בעדער.

אונזער מוהמע נחמה האָט נישקשה פערדיענט איך זאָל אייך זי בע־שרייבען ווי סע געהער צו זיין, איבערגעבען אין קורצען איהר ביאָגראַפיע: ערשטענס, איז זי דאָך מיין חיה־עטיל'ס איין איינענע מוהמע, דאָס הייסט מיין שוויגער'ס איין איינענע שוועסטער, און מיין ווייב'ס מוהמע געהער דאָך מיר אויך אָן אַ מוהמע. און צווייטענס איז זי אַזאַ פּאַרשוין, וואָס איז כ'לעבען כדאי זיך מיט איהר צו בעקענען אַ ביסעל פון דער נאָהנט.

אין דער יוגענד, ווייזט אויס, האָט זי בעדאַרפט זיין אַ גאַנץ שענע און בטבע איז זי נאָך היינט אויך אַ לעבעדיגע, אַ פרעהליכע נשמה און האָט ליעב לעבען אַ גוטען טאָג. דעם ערשטען מאַן האָט זי געהאַט איין אַלטען שטורמאַק, פערשוואַרצט געוואָרען מיט איהם ניט לאַנג, געבליבען נאָך איהם אַ יונגע אַלמנה אָהן קינדער, נאָר מיט געלד, ביידע זאַכען דוקא נישט קיין חסרונות אויף צו חתונה האָבען דאָס אַנדערע מאָל און נעהמען אַ מאַן נאָך איהר בעגעהר און אָנהויבען מאַכען אַ לעבען איבעראַניים. וואָס פאַר אַ מין נפש איז איהר צווייטער מאַן, וואָס זי האָט איהם גענומען „נאָך איהר באַגעהר", קאָן איך אייך נישט זאָגען; איך ווייס נאָר, אַז ער אַליין זיצט אין אָצעלעס און זי האָט ער אַרויסגעשיקט אין די וואַרמבעדער אויף אַ וואָך זעקס, זי זאָל זיך אָנטהון „כל הפערגעניגען שבעולם", נישט זשאַלעווען קיין געלד און וואָס איהר האַרץ געלוסט, דאָס זאָל זי טהון און וואָס איהרע אויגען זעהען, דאָס זאָל זי קויפען.

אַזוי זאָגט די מוהמע נחמה פון אָצעלעס, און איך זעה, אַז אַלע פיינע דאַמען זענען איהר מקנא, וואָס זי איז אַזוי פריי און האָט אַזאַ גליקליך לעבען ביי איהר מאַן, און אוי וועה! איך מוז מודה זיין, אַז אפילו מיין חיה־עטיל אַליין קוקט אויף דער מוהמע און אויף מיר, און איך ווייס, וואָס איהר קוק בעדייט. איהר קוק בעדייט: „אָט וואָס הייסט אַ מאַן אויף דער וועלט!"...

און די מוהמע נחמה פון אצעלעס האלט אין איין רעדען; דאס מויל מאכט זיך איהר ניט צו אויף קיין מינוט. אליין איז זי א קליינינשקע, א ווייסינקע, א קײלעכיגע, מיט א ווײַס קײלעכיג גוידער׳ל, מיט א נעזעל ווי א פאסאלקע, מיט גרויע אייגעלעך, און א קול האט זי א הייזעריגס, און אז זי רעדט, טאנצט זי אונטער, דרעהט זיך אויף אלע זייטען, פערגעסט אלע מינוט וואו זי האלט אין די יוצרות, מישט צונויף קאשע מיט בארשט מיט נעכטיגע טעג, טהוט זיך א פאטש מיט ביידע הענטלעך איבער די קײלעכיגע קלובעס: „איך וועל מיר נאר א מעשה אנטהון!” און צעלאכט זיך אזוי, אז אלע מוזען לאכען מיט איהר אינאיינעם.

— מוהמעניו, — פרעג איך זי — ביי וואסער פראפעסאר האט אייך דער דאקטאר געהייסען זיין?

— לאם איך אזוי וויסען פון איהם! — זאגט די מוהמע נחמה — ער האט מיר דארט פערשריבען, דער שענער דאקטאר פון אצעלעס, אויף א שטיקעל פאפיר דעם נאמען זיינעם, נאר איך געדענק שוין נישט אין וואסער א שטאדט: צי אין ווין צי אין בערלין? איך וועל מיר נאר א מעשה אנטהון!

און די מוהמע נחמה זוכט אוים אין אלע קעשענעס און קאן נישט געפינען דאס שטיקעל פאפיר, וואס דער שענער דאקטאר האט איהר פערשריבען.

— ווייסט איהר האטש לכל הפחות דאס חולאת אייערס? — פרעג איך זי אויף א ציקאוועסט.

— אט וועל איך דיר באלד געהן דערצעהלען מיין חולאת! — מאכט די מוהמע נחמה און צעלאכט זיך און אלע דאמען שיסען אוים אזא געלעכטער, גלייך ווי איך וואלט דא געזאגט מי יודע וואס פאר א נארישקייט. נאר איך בין צופרידען און דאנקבאר דער מוהמע נחמה פון אצעלעס און וועל איהר קיינמאל נישט פערגעסען די טובה, וואס זי האט זיך בעצייטענס אונטערגעכאפט און אויסגעלייזט מיך ניט איין מאל פון א סך־א סך צרות, אי בשעת נסיעה, אי דארט, אין די װאַרמבעדער. זי איז, קאן מען זאגען, געווען די אמת׳ע רפואה צו מיין ווייב׳ס נערווען. קיינער האט אזוי נישט געקאנט אויפמונטערען מיין חיה־עטלין ווי די מוהמע נחמה, זי מאכען בערעדעוודיג בשעת זי שווייגט און זי מאכען לאכענדיג בשעת זי איז פערזארגט, מרה־שחורה׳דיג.

איך ווינש אייך, לעזער, אויב איהר האט א ווייב און דאס ווייב האט נערווען, און איהר פאהרט מיט איהר אין די װאַרמבעדער, זאל אייך גאט צושיקען א מוהמע נחמה פון אצעלעס, וועט איהר גענעזען זיין און אויסגעלייזט

ווערען אם ירצה השם פון א סך צרות און אומגליקען, וואס א בעוויבטער מענש קאן אויף זיך האבען.

ו.

(א כהלה אין וויען. אנ'אומגליק מיט דער שפראך. ניטא וואס צו עסען).

ביז וויען האבען מיר זיך אלע געהאלטען איינס, אפגערעדט מיר זאלען אלע פארפאהרען אויף איין סטאנציע, אלע געהן צו איין פראפעסאר — הכלל אומעדום אינאיינעם, נאר פון דער ערשטער מינוט אן, וואס מיר זענען געקומען קיין וויען, איז געקומען אויף אונז אלעמען א טומעל, א לויפעניש מיט איין אויסהאפעניש. דער ערשטער אומגליק האט זיך גענומען פון די וויענער אר־טעלשטשיקעס, וואס האבען זיך א לאז געטהון צו אונז ווי די מלאכי חבלה, עפים גערעדט צו אונז מיט א מאדנע לשון, נישט געקוקט אין די אויגען אריין, געחאפט אונזער באגאזש אונטער די הענט און א זאג געטהון:

— געפעק! געפעק!

— וואס געפעק? ווער געפעק? ווייס איך נישט, מיין חיה־עטיל וויל זיי איינהאלטען, קוקט אויף מיר ווי איינער רעדט: „וואס שווייגסט דו?" נאר די מלאכי חבלה הערען אונז ביידען ווי המן דעם גראגער, זיי האבען פארנומען אונזערע פעקלעך און מארש, איך ווייס אליין ניט וואוהין, און מיר נאך זיי.

— וואס לאזט דו זיי? — שרייט צו מיר מיין חיה־עטיל און לויפט מיט מיר אינאיינעם נאך די מלאכי חבלה — פאר וואס פרעגסט דו זיי האטש ניט וואוהין טראגען זיי אונזערע זאכען? דו קאנסט דאך מיט זיי רעדען אויף דייטש!

— מסתמא אויפ'ן וואגזאל — זאג איך — וואס האסט דו מורא?

— אזוי? וואס האב איך מורא? ס'איז דיר דאס אנדערע קוישעל מיט'ן ציערונג? און מיין חיה־עטיל איז שוין פארטיג אפשפיעלען מיר א וויוואט ווי איך בין ווערט, דערזעהען מיר די מוהמע נחמה פון אצעלעס ליגען אויף דער ערד אויסגעצווינגען און פארשפרייט ביידע הענט אויף איהרע פעקלעך ווי א געטרייע מוטער, וואס באשיצט איהרע קינדער, אדער ווי איין אדלער, וואס מע וויל ביי איהם אוועקרויבען זיינע קליינע אדלערלעך. איינער פון די מלאכי

חבלה שטעהט איבער איהר און וויל נעהמען טראָגען די זאַכען, לאָזט זי איהם ניט און שרייט אויף אַ קול:

— טשעפּעט ניט די וועשטשעס, איך וועל מיר אַ מעשה אָנטהון!

אַזוי קאָמיש און לוסטיג האָט אויסגעזעהן די דאָזיגע סצענע, אַז מיר האָבען זיך ביידע נישט געקאָנט איינהאַלטען און האָבען זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער.

— מוהמעניו, גאָט איז מיט אייך! — מאַכט צו איהר חיה־עטיל — וואָס האָט איהר מורא? אָט טראָגט מען דאָך אונזערע וועשטשעס אויך און מיר האָבען קיין מורא ניט...

בתוך כך האָבען מיר אין דער בהלה פאַרלוירען די יעקאַטעריגאָסלאַווער דאַמע מיט דער טאָכטער און מיט דער שוועסטער און אַ דאַנקען גאָט, וואָס מיר האָבען זיך האָטש געהאַלטען אין דרייען מיט דער מוהמע נחמה, וואָס האָט זיך אָנגעהאַלטען אָן מיין חיה־עטלין ביים קליידעל, ניט אָפּגעלאָזט זי אויף קיין טריט און חיה־עטיל האָט זיך אָנגעהאַלטען אָן מיר און אַזוי זענען מיר געווען אַלע דריי שוין נישט צושיידט.

אויסגעגריזעט מיט גרויסע צרות דעם באַגאַזש, דערציהלט מיר איינער פון די מלאכי חבלה, אַ רויטער דייטש מיט אַ ווייסען פאַרטוך עפּיס אַ גאַנצע מעשה אויף זיין געמוטשעט לשון, וואָס מע פערשטעהט ניט אַ וואָרט, מחמת ער רעדט נישט מיט'ן מויל, נאָר מיט'ן האַלז, און מיט אַזאַ מהירות, קוים וואָס מע כאַפּט מיט'ן אויער. איינציגע ווערטער נאָר האָב איך געכאַפּט: „האָטעל"... „פערד"... „וואַגאָן"...

— וואָס וויל ער, כ'וועל מיר אַ מעשה אָנטהון!? — מאַכט די מוהמע נחמה צו חיה־עטלין.

— פרעג איהם וואָס וויל ער? — מאַכט צו מיר מיין חיה־עטיל — פרעג איהם אויף דייטש וואָס זאָגט ער?

— ער פרעגט — זאָג איך — ווי אַזוי מיר ווילען פאָהרען אין שטאָדט אַריין? צי מיט פערד צי מיט'ן טראַמוויי?

— מיט סוסים! — מאַכט צו איהם די מוהמע נחמה און אויף מיר און אויף חיה־עטלין פאַלט־אָן אַ געלעכטער.

— נעגנוג שוין לאַכען — זאָגט צו מיר חיה־עטיל — זאָג איהם אויף דייטש, אַז מיר ברויכען איין איזוואָשטשיק.

— פיואַיט! — מאַך איך צו איהם און טהו אַ פייף און ווי אַ שמיים מיט

דער בייטש, ער זאָל מיך פערשטעהן, און שטעלט אייך פאָר, אַז ער האָט מיך באַלד פערשטאַנען.

— יאַ וואָהל! — מאַכט ער צו מיר, און אין צוויי מינוט אַרום זיצען מיר שוין אַלע דריי אין אַ גרויסאַרטיגען פאַיעטאָן מיט אַזעלכע געזונטע סוסים, וואָס ביי אונז זעהט מען דאָס גאָר נישט. אויף דעם באַגאַזש האָט ער אונז אַרויפגעפּעקעלט, דער געלער דייטש מיט די געזונטע פּלייצים, איך רוק איהם אַריין אין יד אַריין אַ שענע מטבע. האַפּט ער אַראָב דאָס היטעל און דאַנקט אונז אָן אַ פולע קאָפּ. דער קוטשער פון די סוסים, אַ גאַנצער דייטש מיט אַ לילקע-ציבעך, נעהמט זיך פּאַוואָלינקע אַראָפּ פון די פערד די קאָלדרעס (דאָ געהען אַלע פערד צוגעדעקט מיט קאָלדרעס, זיי זאָלען זיך חלילה ניט צוקיהלען), זעצט זיך אַנידער און דרעהט אוים צו אונז דעם קאָפּ און לאָזט אַרוים אויך פונ׳ם האַלז, ניט פונ׳ם מויל (אַזוי רעדען זיי דאָ אַלע), עפּים אַ מינים ווערטער מיט אַ נגון, וואָס ס׳איז שווער צו פערשטעהן.

— וואָס וויל ער? — מאַכט די מוהמע נחמה צו חיה-עטלין.

— פרעג איהם וואָס וויל ער? — מאַכט חיה-עטיל צו מיר.

— וואָס איז, דייטש? וואָס ווילסט דו? — מאַך איך צו איהם מעהר מיט די הענט געוועהנטליך, און די מוהמע נחמה העלפט מיר אונטער:

— מכח איין אַכסניא פרעגט איהר?

— האָדיט שוין, מוהמעניו, זאָגט צו איהר מיין חיה-עטיל — דייטש — לאָזט איהם! מיין מאַן וועט איהם שוין זאָגען אויף דייטש.

מיין חיה-עטיל׳ס ווערטער געבען מיר צו אַזוי פיעל קוראַזש, אַז איך הויב שוין אָן צו רעדען אויף צוויי לשונות מיט אַמאָל: אויף דייטש און אויף פראַנצויז:

— גראַנד האָטעל בעסטע קוואַליטעט פּראַנטע מאָאַשיקאָ! און בשעת מעשה טהו איך איהם אַ קנאַק מיט׳ן צונג; פערשטעהט ער מיך, דער דייטש, און רופט זיך אָן צו מיר:

— יאַ וואָהל! יאַ וואָהל!

און עס געדויערט ניט לאַנג, פיהרט ער אונז צו צו זעהר אַ גרויסאַרטיג הויז מיט שפּיגעלדיגע פענסטער און עס לויפען אַרוים אַקעגען אונז ניי מלאכי חבלה מיט שוואַרצע פרעק און מע האַפּט אונז אונטער די הענט און מע פיהרט אונז גלייך אַרויף, און עס קומט אונז אַקעגען איינער מיט צוויי באַקען-בערד, איך וואָלט געמעגט שווערען אַ גראַף, אַ מאַגנאַט, צום סוף איז דאָס אַ

שווייצאַר. האַפט אַראָפּ דאָס הימעל און טראָגט אונז אַקעגען זעהר אַ שענעם גוט-מאָרגען.

– פיעל צימער ווינשען זיע? – מאַכט ער צו די דאַמען.

– וואָס ווינשט ער? – זאָגט די מוהמע נחמה, און מיר ביידע לאַכען.

– ער פרעגט וויפיל נומערען – זאָג איך.

– זאָג איהם אויף דייטש, אַז צוויי – מאַכט צו מיר חיה-עטיל און איך בעווייז איהם אויף דייטש צוויי פינגער און לעג איהם צו אויף פראַנצויזיש:

– פראַנטע מאַאַשיקאָ באָנזשור!

– יאַ וואָהל! – מאַכט ער צו מיר – אַם ערשטען שטאָק! – און פיהרט אונז אַריין אין גרויסאַרטיגע הדרים.

– ווי טייער איז ביי אייך, זאָגט די מוהמע נחמה, אַ מעת לעת?

שטעהט ער, דער דייטש און קוקט אויף איהר ווי אַ זינדיגער מענש; ער הויבט ניט אָן צו פאַרשטעהן, וואָס מע רעדט צו איהם, און מאַכט צו מיר מיט אַ שמייכעלע זיס ווי צוקער:

– פילייכט וואָלען וויר ליעבער דייטש שפרעכען?

– זאָג איהם אויף דייטש – רופט זיך אָן צו מיר מיין חיה-עטיל, און איך מאַך צו איהם מיט די הענט ווי איינער רעדט: מה יקר? פאַרשטעהט ער מיך ניט און פינטעלט מיט די אויגען... איין אומגליק מיט זייער שפראַך! ביי אונז רעדט מען אויך דייטש, נאָר ס'איז גאָר ניט דאָס דייטש, וואָס ביי זיי. איך באַגעגען מיך אַמאָל ביי אונז אין יעהופּעץ מיט דייטשען, איך מאַך מיט זיי געשעפטען. איך רעד מיט זיי האַלב יודיש, האַלב דייטש, מיר פאַרשטעהען איינס דאָס אַנדערע. דאָ זאָל גאָט שומר ומציל זיין! אַלע ציינער קאָן מען זיך אויסברעכען!

דאָס איז אָבער נאָר די ערשטע צייט, וואָס וויטער ווערען מיר אַלץ מעהר געוועהנט מיט דער שפּראַך און מיר הויבען אָן פאַרשטעהן איינס דאָס אַנדערע מיט'ן קוק. אויפ'ן אַנדערען טאָג איז שוין מיין חיה-עטיל אַליין גע-גאַנגען מיט דער מוהמע נחמה אין די קליימען און זיי האָבען שוין איינגע-האַנדעלט סחורה און מע האָט זיי שוין אָפּגענאַרט ווי די אמת'ע בראָדער סוחרים.

– געפעלט דיר, חיה-עטיל, די שטאָדט וויען? – זאָג איך צו מיין ווייב, נאָכדעם, אַז מיר האָבען זיך שוין איינגעוואַשען און איבערגעטהון פונ'ם וועג און אָפּגעטרונקען טיי און אָנגעקוקט די שטאָדט וויען.

– אָנצינדען לאָז זי זיך דיר אויס'ן פּיעֶר! – זאָגט פּיה-עטיל, – אין אַזאַ גרויסע שטאָדט זאָל ניט זיין וואו צו עסען!

וואָס זשע איז די מעשה? מיר זענען געגאַנגען זוכען אַ יודישען רעסטאָראַן,, האָבען מיר זיך אַרומגעדרעהט איבער דער שטאָדט אַ שעה זעקס און נישט געקאָנט געפינען, ווען מיר האָבען געפרעגט, איז אָדער מע האָט אונז ניט פאַרשטאַנען, אָדער מיר האָבען י ע נ ע ם ניט פאַרשטאַנען.. אַט ווייזט ער אָן, דאַכט זיך, זעהר גוט: רעכטס! לינקס! פאָרווערטס!... און קומט צו עפּיס לאָזט זיך אויס, אַז עס הויבט זיך גאָר ניט אָן... האָבען מיר דעם ערשטען טאָג טאַקי נעגעסען מכות, געלעבט מיט קאַווע און מיט לייזע אייער און מיט ווינער פּוטערגעבעקסלעך, וואָס צעגעהען זיך אין מויל ווי שניי אויף דער זון.

ערשט אויפ'ן צווייטען טאָג האָבען מיר דערטאַפּט אַ יודישען רעסטאָראַן מיט'ן נאָמען „כּשר” און נאָך וואָס פאַר אַ מין כּשר! כּשר צו כּשר איז ניט גלייך! דער רעסטאָראַטאָר, האָטש ער „שפּרעכט דייטש”, נאָר ער געהט מיט אַ יאַרמעלקע אויפ'ן קאָפּ, און צום עסען וואַשט מען זיך, און די געסט געהען צו איינס צום אַנדערען און מע גיט זיך אָפּ שלום און מע פרעגט זיך אויך, פון וואַנען פאָהרט אַ יוד? און וואוהין? און וואָס? און ווען? און אויב געשעפט, איז צוליב וואָס פאַר אַ געשעפט? און אויב צום דאָקטאָר, איז צו וואָסער דאָקטאָר? – מיט איינעם וואָרט גאַנץ יודישלעך, פּונקט ווי אין וואַרשאָ.

ז.

(צווישען יודען ווערט מען נישט פערפאַלען, איין עצה פון א רעסטאָראַטאָר. אַ קאָמיסיאָנער פון לאָמפּענגלעזער אונטערזוכט מיינע דאַמען).

„צווישען יודען, זאָגט די וועלט, ווערד מען נישט פאַרפאַלען”...

זאָלט איהר טאַקי ויסען, אַז ס'איז אמת; וואָס וואָלטען מיר געטהון, למשל, ווען מיר שלאָגען זיך ניט צו צו קיין יודישען רעסטאָראַן, וואו דער רעסטאָראַטאָר איז אַזוי פריינדליך און שלאָגט זיך אָן מיט זיינע עצות, צו וואָסער דאָקטאָר מיר זאָלען געהן? ווערליג די דייטשען מיט זייער שטומפּיגער שווערער שפּראַך, וואָלטען מיר זיך אַרומגעדרעהט אין וויען ימים ושנים, וואָס געהט דאָס אָן, אַשטייגער, דעם שווייצער פון האָטעל, וואָס מיר טהוען אין וויען? פון זיינעטוועגען וואָלטען מיר געמעגט דאָרט האַלטען ראש השנה און אפילו די אַנדערע

טעג סוכות, אבי מיר זאלען שטעהן ביי איהם אין זיין גרויסארטיגען האטעל, טרינקען די שענע טיי, וואס מע דערלאנגט אונז פונ׳ם קעסל און צאהלען איהם פאר איטליכען טרונק וואסער און פאר דער מאשינע, וואס מע הויבט אונז אויף און מע לאזט אונז אראפ צוואנציג מאל א טאג, וואס מיין היה-עטיל איז דערפון ווינציג וואס צופריעדען, זי זאגט, אז עס דרעהט זיך איהר דער קאפ אויף צו חלשע׳ן, און די מוהמע נחמה פון אצעלעס האט דאס ערשטע מאל דערפון אזוי זיך צושריען, אז מיר זענען געווען שטארקער פון איזען, אז מיר האבען נישט געפלאצט פאר געלעכטער...

נישט אזוי איז אבער צווישען יודען; דער בעל-הבית פון דער יודישער רעסטאראציע האט אונז באלד גענומען אויפ׳ן צימבעל: ווער זענען מיר? פון וואנען? וואוהין פאהרען מיר? וואס איז אונזער שלאפקייט? און צו וואסער פראפעסאר דארפען מיר? דערהערט, אז מיר פאהרען אין די ווארמבעדער און אנגעשמעקט, אז ס׳איז פאראן געלד, האט ער אונז אנידערגעלעגט א צעטל, אז מיר מוזען זיך פריהער זעהען מיט׳ן פראפעסאר, ווארום מיר קאנען ווערען אומגליקליך טאמער פאהרען מיר אין די ווארמבעדער אהן א פראפעסאר! בלייבט די קשיא: וואסער פראפעסאר? — דאס קאן אונז זאגען נאר דער דאקטאר, און וואסער דאקטאר? — דאס קאן אונז זאגען נאר דער שוואגער זיינער; דער שוואגער זיינער איז אויסגעבונדען מיט אלע דאקטוירים, אויב מיר ווילען, זאלען מיר ווארטען אויף זיין שוואגער.

איז דאך מסתמא מיר די געשיכטע נישט געפעלען.

— אפשר וואלט געווען א סברא — זאג איך — מיר זאלען זיך דורכשלאגען גלייך צום פראפעסאר? מיר זענען חלילה נישט פון די מסופנ׳ע קראנקע, מיר זענען ברוך השם געזונטע מענשען אייגענטליך, מיר ווילען נאר וויסען אין וואסער באד מיר זאלען פאהרען.

— איהר מיינט אפנים, אז איהר זענט אין רוסלאנד? — מאכט דער רעסטאראטאר. איהר ווילט געהן גלייך צום פראפעסאר? געהט אייך געזונטערהייד, נאר זעהט, איהר זאלט קיין חרטה נישט האבען.

דארפסט עפים אנארבייטען א התונה! — מאכט צו מיר שטילערהייד מיין היה-עטיל און די מוהמע נחמה האלט זי אונטער.

— וואס וועט דיך ארען, אז מיר וועלען פריהער זיין ביים פראפעסאר?

בקצור ס׳איז געבליבען מיר זאלען זיך זעהען פריהער מיט׳ן דאקטאר, דאס הייסט מיר זאלען געהן אהיים און ווארטען ביז עס וועט קומען צו אונז

דער שוואָגער פונ'ם רעסטאָראַטאָר; נאָכדעם וועט אונז דער שוואָגער ברענגען דעם דאָקטאָר און דער דאָקטאָר וועט אונז שוין פירען צום פּראָפעסאָר.

— געפעלט אייך נאָר וויפיל פּראָטעקציעס מע בעדאַרף האָבען אין וויען ביז מע דערשלאָגט זיך צו אַ פּראָפעסאָר!

אַ גאַנצען טאָג זענען מיר אָפּגעזעסען אין האָטעל און געוואַרט אויפ'ן רעסטאָראַטאָר'ס שוואָגער. די זון האָט שוין געהאַלטען ביי זעצען זיך און מיר זענען געזעסען אַלע דריי ביי איין פענסטער און געקוקט אויף דער טומעלדיגער שטאָדט מיט די נאַרישע דייטשען, וואָס דרעהען זיך אַרום הין און צוריק אַלע אין צילינדערס... פּלוצלונג הערען מיר עמיצער קלאַפּט אין טיר אַריין: איינס צוויי, דריי — און עס קומט אַריין אַ דייטש מיט אַ טענדע־ווערענדע, מיט אַ צילינדער, מיט אַ גרויסען שטעקען, און מיט הענטשקעלעך, און האָטש ס'איז שוין געווען שטאָק נאַכט, מאַכט ער צו אונז מיט אַ נגון:

— גוטען טאַאַאַאַג!

— אַלע בייזע ווייסטע חלומות אויף מיינע שונאים'ס קעפּ, איך וועל מיר נאָר אַ מעשה אָנטהון! — רופט זיך אָפּ די מוהמע נחמה, און מיר קאָנען זיך ניט איינהאַלטען און שיסען־אויס אַ געלעכטער.

איז דאָס דעם דייטש אָפּנים שטאַרק ניט געפעלען, ווארום ער האָט זיך שטאַרק צעבייזערט אויף אונז, וואָס מיר לאַכען און געקלאַפּט מיט'ן שטעקען אין טיש אַריין און אַלץ געשריען:

— אונפאַרשעמט!... רוסישע שוויינען!...

אָפּנים חזירים הייסט דאָס?... ביז איך האָב געמוזט אויפשטעהן און צו־געהן צו איהם און געבען איהם צו פאַרשטעהן, אַז ניט פון איהם לאַכען מיר, נאָר פון דער מוהמע נחמה.

— זי איז פאַרריקט? — מאַכט ער צו מיר און גיט מיר צו פאַרשטעהן אויף יודיש, אַז דאָס הייסט משוגע פונ'ם וואָרט „משוגע" פאַרשטעהן מיר, אַז ער איז אַ יוד און איך ווער געוואָהר, אַז ער איז דעם רעסטאָראַטאָר'ס שוואָגער און ס'איז נאָר אַ סברא, אַז ער קאָן רעדען אויף אונזער לשון, און עס ווערט אויף אונז אַלעמען אַ שמחה, גיך ווערד בעשאַפּען טיי (פונ'ם קעסל געוועהנטליך) און מיר טרעטען־צו צו אונזער געשעפט.

— אַלזאָ וואָס איז זייער שלאַפּקייט? — צעפּרעגט ער זיך ביי אונז.

— וואָס קאָנען מיר איהם זאָגען דערויף, אַז אייגענטליך ווייסען מיר אַליין ניט? איך פּרוב איהם געפינען אַ תירוץ, אַז איהם קאָנען מיר ניט זאָגען, מיר קאָנען דאָס זאָגען נאָר דעם פּראָפעסאָר אַליין; לאָזט ער זיך ניט איינרעדען

און זאָגט, אַז פּראָפעסאָרען זענען פאַרהאַן אין װין װיפיעל שטערען אין הימעל (קיין עין הרע ניט!) און אויף איטליכם שלאַפקייט איז פאַרהאַן אַ באַזונדער פּראָפעסאָר. „וואָס טהוט מען? — קלער איך מיר — וואָס פאַר אַ שלאַפקייט זאָל איך איהם אויסטראַכטען?“ בין איך מיך מישב און דרעה זיך אוים ווי אויף אַ טעלער און זאָג איהם דעם ריינעם ריכטיגען אמת, אַז איך בין געזונד און שטאַרק אויף אַלע אברים, און די שלאַפע זענען זיי, איך ווייז איהם אָן אויף מיין חיה־עטלין מיט דער מוהמע נחמה און לאָז אוים אויף דייטש:

— האָבען זיי פאַרשטאַנד?

— זעהר שען — מאַכט ער צו מיר מיט אַ שטרענגען קוק און רופט זיך אָן צו מיינע דאַמען: — זאָגט זשע מיר, איך בעט אייך זעהר, וואָס פעהלט אייך אייגענטליך?

— אוי, איך וועל מיר נאָר אַ מעשה אָנטאָן, לאָז ער אַרויסגעהן! — מאַכט די מוהמע נחמה צו מיין חיה־עטלין און מע משלח'ט מיך אַרוים אין קאָרידאָר אַרוים אויף עטליכע מינוט, און אַז איך קום אַריין צוריק, ווער איך געוואָהר, אַז דער פּראָפעסאָר הייסט רויטנאַגעל און דער דאָקטאָר הייסט זילבערשטערען.

— און וואָס זענט איהר? — פרעג איך איהם.

— אַ קאָמיסיאָנער פון לאָמפּענגלעזער און אַבאַזשורען — מאַכט ער גאַנץ קאַלטבלוטיג.

— וואָס סע האָט זיך מיר גע'חלומ'ט יענע נאַכט און היינטיגע נאַכט און אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָהר, איך וועל מיר נאָר אַ מעשה אָנטאָן! — זאָגט די מוהמע נחמה און טהוט אַ פליעסק מיט די הענט, און מיין חיה־עטיל ווערד רויט ווי פייער און אויף מיר פאַלט־אָן אַ פרישער געלעכטער, און בכדי דער קאָמיסיאָנער פון לאָמפּענגלעזער און אַבאַזשורען זאָל זיך ניט געפינען באַליידיגט, געפין איך אַ תירוץ און זאָג, אַז איך האָב מיך דערמאָנט אַ מעשה, וואָס האָט זיך געטראָפען ביי אונז אין יעהופּעץ נאָך פאַר־אַ־יאָהרען און איך לאָז אוים ווידער אויף דייטש:

— האָבען זיי „פאַרשטאַנד“?

— צי איך האָב פאַרשטאַנד צי ניין, דאָס איז קיין ספק ניט, נאָר צי איהר האָט פאַרשטאַנד — „דאָס איז איינע פראַגע“! — מאַכט ער צו מיר אויך אויף דייטש און געהט אַוועק שטאַרק אָנגע'ברוגז'ט, און צווישען אונז, פיהל איך, ווערד אַ שנאה, שנאת מות!

ח.

דער פּראָפֿעסאָר רויטנאַגעל וויל אונז צעשיידען. מיר צעקריעגען זיך מיט וויען. די מומע נחמה ווייזט זיך אַרויס ווער זי איז.

גרינגער איז ביי אונז איינגעבען אַ קינד אין גימנאַזיע, אָדער אַרויסנעהמען פֿונ׳ם פּריזיוו, ווי איידער זעהען זיך אין וויען מיט׳ן פּראָפֿעסאָר רויטנאַגעל. פריהער האָט אונז דער דאָקטאָר זילבערשטערען געטהון טובות, געגעבען עצות, געשריבען רעצעפּטען, אי דאָס צוליעב דעם קאָמיסיאָנער פֿון די לאָמפּענגלעזער און אַבאַזשורען, וואָס האָט אונז געטהון צוליעב זיין שוואָגער דעם רעסטאָראַטאָר, אין ערשט אויפ׳ן דריטען טאָג האָבען מיר זיך דערשלאָגען צום פּראָפֿעסאָר רויטנאַגעל, וואָס איז געווען אַזוי פריינדליך און האָט אונז צוגענומען איטליכען בעזונדער און האָט אונז פאַרשריבען איטליכען איין אַנדער באָד. מיין חיה עטלין האָט ער אָפּגעשיקט קיין פראַנצענסבאַד, די מוהמע נחמה קיין מאַריענבאַד און מיך קיין קאַרלסבאַד!

אַרויס פֿונ׳ם פּראָפֿעסאָר רויטנאַגעל, זענען מיר געבליבען שטעהן אַלע דריי, געקוקט איינס אויף דאָס אַנדערע אָהן ווערטער, ווי איינער רעדט: „וואָס טהוט מען איצטער?” און ס׳איז געבליבען מיר זאָלען זיך איין עצה האַלטען מיט׳ן דאָקטאָר זילבערשטערען און אַזוי ווי דער דאָקטאָר זילבערשטערען נעמט איצטער נישט צו, בעדאַרף מען אָנקומען צום קאָמיסיאָנער פֿון לאָמפּענגלעזער און אַבאַזשורען, נאָר אַזוי ווי מיר ווייסען ניט,וואו ער זיצט, איז געבליבען מיר זאָלען זיך דורכגעהן צום רעסטאָראַטאָר.

— נו, וואָס הערט זיך? — מאַכט ער צו אונז.

— וואָס זאָל זיך הערען? — זאָגען מיר, אייער שוואָגער האָט אונז געקוילעט, אַלע דריי געקוילעט!

און מיר האָבען איהם דערצעהלט, אַז דער פּראָפֿעסאָר האָט אונז געשיקט איטליכען בעזונדער אין איין אַנדער באָד.

— דאָס איז גאָר? נו, וואָס זשע איז? — זאָגט זיך דער רעסטאָראַטאָר גאַניץ קאַלטבלוטיג.

— אַ חכם איהר זייט — מאַכט צו איהם חיה־עטיל — דערויף בין איך געקומען אַהער מיט מיין מאַן מע זאָל אונז צעשיידען, מיך קיין ליסי, איהם קיין בטריסי!

— בערוהיגען זי זיך, מאַדאַם — מאַכט ער צו איהר — פון פראַנצענסבאַד קיין קאַרלסבאַד איז גאָר ניט אזא ווייטע שטרעקע; צוויי־דריי שטונדען רייזע, נישט מעהר. ווילט איהר, פאָהרט איהר זיך דורך צו אייער מאַן; ווילט איהר, פאָהרט זיך דורך אייער מאַן צו אייך.

— אַ דאַנק אייך פאַר דער עצה! — זאָגט צו איהם חיה־עטיל שוין מיט כעס — איהר זאָלט דערלעבען אַנזאָגען בעסערע בשורות און געבען קלוגערע עצות.

— דאָרט אין קעך ביי די לאָקשען! — לעגט־צו אַ קנייטעל די מוהמע נחמה, און דער רעסטאָראַטאָר אי זי רעכט מכבד און זאָגט צו איהר, אַז „מיט מאַרקוויבער איז ער קיין מחותן נישט"... פאַרדריסט דאָס מיין חיה־עטלין, און זי זאָגט צו איהם, אַז „די דאָזיגע מאַרקווידינע איז איהרע איין אייגענע מוהמע און קומט־ארוים פון אַ סך אַ שענערען יחוס, ווי ער מיט זיין רעסטאָראַן און אפילו מיט דעם שענעם שוואָגער זיינעם, וואָס טראָגט אַרום לאַמפּענגלעזלעך איבער די הייזער מיט אַבאַזשורען אויף צו פאַרקויפען"...

— קום! — זאָגט זי צו מיר — לאָמיר בעסער עסען לייזע אייער, איידער זיך בעגעגענען מיט אַזעלכע גראָבע לייט, וואָס רעדען כלומר׳שט אויף דייטש און נאַרען אוים אונזערע רוסישע קערבלעך.

די גאַנצע צייט, וואָס מיין חיה־עטיל האָט איהם געזידעלט, האָט איהם נישט געאַרט; נאָר די לעצטע ווערטער „רוסישע קערבלעך", האָבען איהם אַזוי צעקאָכט, אַז ער האָט זיך אָנגעצונדען מיט אַ העליש פייער, אָנגעפאַלען אויף אונז, ווי אַ ווילדע חיה, געשריען גרייט אונז דורס צו זיין — וואָס טויג אייך, מיר זענען פונ׳ם רעסטאָראַן קוים אַרוים מיט׳ן לעבען אַ מע האָט אונז אַרויס־געבאַגלייט שען, מיט כבוד, נאָכגעשריען אויף דער גאַס און געמאַכט מיט קולא־קעס: — רוסישע שוויינען! רוסישע שוויינען!

נאָר דאָס בעסטע האָבען מיר געהאַט דערנאָך, שפּעטער, אינ׳ם האָטעל. דאָרט האָבען מיר געהאַט אַ פאַרביסונג פונ׳ם שוואָגער זיינעם. דער קאָמיסיאָנער פון לאַמפּענגלעזלעך און אַבאַזשורען האָט אָנגעקלאַפּט צו אונז אין דער טיר אַריין, אַריינגעקומען מיט נאָך איינעם אַ דייטש, אויך מיט אַ צילינדער, גאָר אָהן אַ טענדע־ווערענדע און האָט אונז געפרעגט: „אויף וואָס פאַר איין אופן האָבען מיר זיך ערלויבט איהם צו בעליידיגען אונטער די אויגען?"... בשעת מעשה האָט ער געקלאַפּט מיט׳ן שטעקען אין טיש אַריין און איז געוועזען אַזוי רויט, אַז איך האָב מיך דערשראָקען, אָנגעהויבען מורא האָבען פאַר קלעפּ, אַ קשיא אויף אַ מעשה, וואָס אַ דייטש קאָן ביי זיך אין ווין?

נישט אַזוי האָט אָבער פאַקלערט די זאַך די מוהמע נחמה פון אָצעלעס. זי האָט זיך אָפּגים ווינציג וואָס איבערגעשראָקען פאַר'ן דאָזיגען דייטש, האָט זי זיך אויפגעכאַפּט פונ'ם אָרט און איז צוגעשפרונגען צו איהם גלייך אין פּנים אַריין, זיך גענומען מיט ביידע הענד ביי די זייטען און האָט איהם אויסגעלומר'ט אַ צעטל און דוקא אויף פּראָסט יודיש:

— הער נאָר אויס, דו קירע דייטש, דו שוטה בן פּיקהאָליץ, דו לאָמפּענגלאָז, איך וועל מיר נאָר אַ מעשה אָנטהון! דו מיינסט דאָך אַוודאי, אַז מע האָט זיך דערשראָקען פאַר דיין טענדע־ווערענדע מיט'ן שוואַרצען קוימען, וואָס דו טראָגסט אויפ'ן קאָפּ? סך הכל האָסט דו דאָך ביי אונז אויסגענאַרט די עטליכע גילדען אומזיסט און אומנישט, ווי אַ פּראָסטער מאַשעניק! דו מיינסט מע ווייסט ניט ווער דו ביזט, דו אָפּגעריסענער דלפון, דו נאַקעטער כתריל'ק? געהסט ניט אַוועק? אָט פאָהר איך אַריין צו דיר אין פּנים אַריין און פליק דיר אויס דאָס בערדעל עד פּרוטה אַחת, פאַרשטעהסט דו מיך, וואָרום איך האָב שוין אויף מיין לעבען געפּאַטשט אַזעלכע לייט, הערסט דו, וואָס דו וועסט זיך ביי זיי בעהאַלטען אין קעשעני! וואָס זאָגט איהר, איך בעט אייך, אויף דעם משוגע'נעם דייטש מיט דעם לאָקשען־טאָפּ, איך וועל מיר נאָר אַ מעשה אָנטאָן!... פאָלג מיך, נעם דעם וועג, וועסטו בעסער מאַכען! . . . . .

איך ווייס ניט, צי ער האָט זיך טאַקי איבערגעשראָקען פאַר דער מוהמע נחמה, וואָס האָט אויסגעזעהען אין דער מינוט ווי אַ צערייצטע ספּאָלאָשעטע הוהן, וואָס איז גרייט אויסגראַבלען אייך די אויגען, צי ער האָט גלאַט נישט געוואָלט האָבען צו טהון אין וויען מיט אַ יודינע פון אָצעלעס — מיין דייטש מיט דער טענדע־ווערענדע האָט גענומען דעם צילינדער אין די הענט און די פּיס אויף די פּלייצים און האָט געמאַכט פּליטה גאָר אויף איין אַנדער אופן, אַ שטאַרקען קלאַפּ געטהון מיט דער טיר און אויף יענער זייט שוועל געבענשט אונז מיט'ן געוויסען נאָמען: „רוסישע שווינען", וואָס מיר זענען צו דעם שוין אַזוי צוגעוועהנט געוואָרען, אַשטייגער ווי מיר זענען געוועהנט צו אַ „גוט־מאָרגען, גוט יאָהר".

פון דעמאָלט אָן האָב איך אָנגעהויבען פאַר דער מוהמע נחמה פון אָצעלעס האָבען דרך־ארץ, זי איז ביי אונז ביידען געוואָרען אין די אויגען העכער מיט ניין־און־ניינציג פּראָצענט און ס'איז ביי אונז געבליבען, מיר זאָלען זיך מיט איהר אונטערוועגנס שוין טאַקי מעהר ניט צעשיידען.

פוג'ם פריזיוו.

(מאָנאָלאָג).

—— פון וואַנען איך פאָהר? אַז אָך און וועה איז מיר, איך פאָהר פונ'ם פריזיוו פאָהר איך. דאָס איז מיינער טאַקי! אַ זוהן אָט דער יונגער-מאַן, וואָס ליעגט אָט דאָ אויסגעצויגען אויף דער באַנק. דאָס פאָהר איך מיט איהם פון יעהופּעץ פאָהר איך. געוועזן ביי אַד-וואָקאַטען זיך אַנ'עצה האַלטען און אין איין וועגס ביי פּראָפּעסאָרען האָרכען, וואָס וועלען זיי זאָגען וואָס. אַ פּריזיוו האָט מיר גאָט צו-געשיקט, פיעל מאָל געשטאַנען און נאָך נישט פאַרטיג, און דוקא אַ בן-יחיד, איין-און-איינציגער הייסט דאָס, אַ ריינער, איין אמת'ער, אַ כשר'ער פּערוויזאַדניק... וואָס קוקט איהר מיך אָן וואָס? ס'איז אייך פריקרע? איהר מעגט דאָס האָרכען מעגט איהר עס.

די היסטאָריע פון דער געשיכטע איז אַזאַ מעשה: אַליין בין איך אַ מעזערעטשער פון מעזערעטש, אַ נולד בין איך, דאָס הייסט אַ געבאָרענער ווי מען זאָגט אַ מאַזעפּעווקער, אַ נכתב אַ צוגעשריבע-נער הייסט דאָס אַ וואָראָטיליווקער, דאָס הייסט אַמאָל בין איך נישט היינט געדאַכט געזעסען אין וואָריטיליווקע בין איך, נאָר היינט זיץ איך אין מעזערעטש. ווער איך בין און ווי אַזוי איך הייס —— איז אייך קיין גרויסע נפקא מינא, דאַכט מיר; נאָר מיין זוהנס נאָמען מוז איך אייך יאָ זאָגען, וואָרום עס געהער זיך אָן צום ענין, און שטאַרק! הייסען הייסט ער איציק, דאָס הייסט אברהם יצחק, נאָר רופען רופט מען איהם אַלטער; אַזוי האָט זי איהם אַ נאָמען געגעבען, מיינע זאָל געזונד זיין, מחמת ער איז אַ ציטעריגער, איין-און-איינצי-גער איז ער, אַ בן-יחיד, דאָס הייסט מיר האָבען געהאַט אַ חוץ

איהם נאך א יונגעל האבען מיר געהאט, א יונגערן פון איהם מיט א יאהר אדער אנדערטהאלבען, איהם צו לענגערע יאהר; ער האט געהייסען אייזיק האט ער געהייסען. בעדארף זיך טרעפען אנ׳אומגליק, מען האט איהם קינדוויי, אייזיקען הייסט דאס, איבערגעלאזט איינעם אליין (איך בין, נישט היינט גערעכט, דעמאלט נאך געוועזען א וואריטי־ליוווקער בין איך נאך געוועזען, דאס הייסט איך בין געזעסען אין וואראטיליוווקע), איז זיך מישב דאס קינד, אייזיק הייסט דאס, און קריכט צו גלייך אונטערן סאמאוואר און גיסט אויס אויף זיך א זודיגען סאמאוואר, נישט פאר אייך געדאכט, און קאכט זיך אב! איהם צו לענגערע יאהר, אויף טויט קאכט ער זיך אב! פון דעמאלט אן איז ער, איציק. אברהם יצחק הייסט דאס, געבליבען א בן־יחיד און זי האט איהם פערצויגען, מיינע, זאל געזונד זיין, געגעבען א נאמען אלטער. וועט איהר דאך פרעגען: סטייטש, א בן־יחיד, איין־און־איינציגער, וואס געהער זיך אן מיט איהם א פריזיוו, וואס? הערסטו, אט דאס איז דאך דער גאנצער פערדראס! שא! אפשר מיינט איהר חס ושלום, אז ער איז א געזונדער יונג, ווי עס גיט זיך אויס אמאל א קינד, וואס וואקסט אין ראסקאש? האט איהר אויך א טעות. איהר וועט פאר איהם קיין צוויי גראשען נישט געבען, א פערזעהעניש, א קראנקער! שייך צו זאגען א קראנקער? קיין קראנקער חלילה איז ער נישט, נאר א געזונדער אודאי נישט. איין עבירה — ער שלאפט איצטער, וויל איך איהם נישט וועקען, אט וועט ער אויפשטעהן, וועט איהר זעהען א סנאסט פון א מענשען, הויט און ביינער, לאנג און שמאל, א פנימ׳ל ווי א פייג, גרוגרות דרבי צדוק, און א וואוקס, משטיינסגעזאגט, אויסגעצויגען ווי א לולב, איינגאנצען געראטען אין איהר, אין מיינער זאל געזונד זיין, אויך א הויכע און א מאגערע, איין אידעלע הייסט דאס... היינט פרעג איך אייך, בעדארף איך עפעס אין זינען האבען א פריזיוו, אז דין און לאנג איז ער, טויגען טויג ער נישט, און א „ווילגאטע" האט ער?

ס׳איז געקומען צום פריזיוו, ווער מיר „ווילגאטע", וואס מיר „ווילגאטע"? עס הויבט זיך גאר נישט אן! וואס איז די מעשה? די מעשה איז א פשוט׳ע מעשה; דאס אנדערע יונגעל מיינס, אייזיק, דער וואס האט זיך קינדוויי, נישט פאר אייך געדאכט, אבגעקאכט מיט׳ן סאמאוואר, האט מען פערגעסען אפנים אויסשטרייכען פון די מעטריקעס; בין איך דאך אוועקגעלאפען צום קאזיאנעם רב, צום

שוטה, מיט א גוואלד: „סטייטש, גזלן, רוצח איינער, וואס האט איהר געהאט צו מיר? למאי האט איהר נישט אויסגעמעקט מיין איי-זיקען למאי?" פרעגט ער מיך, דער טפש: „ווער איז געווען דער אייזיק?" — „וואס הייסט — זאג איך — אייזיקען ווייסט איהר נישט? מיין זוהן אייזיק, דער וואס האט איבערגעקעהרט אויף זיך דעם סא-מאוואר, זאג איך" — „וואסער סאמאוואר?" מאכט ער. —„גוט מאר-גען!" זאג איך, איהר זענט א היגער? א גוטער קאפ אויף אייך! אויף אזא קאפ, זאג איך, איז גוט קנאקען ניס... ווער געדענקט נישט, זאג איך, די מעשה מיט מיין אייזיקען, וואס האט זיך אבגעקאכט מיט׳ן סאמאוואר? איך פערשטעה נישט, זאג איך, וואס זענט איהר דאס פאר א ראבינער ביי אונז אין שטעדטעל, אז קיין שאלות, זאג איך, פאסקידעט איהר נישט, דערויף איז פאראן, זאג איך, א רב, זאל מאריך ימים זיין; איז דאכט זיך א יושר, איהר זאלט חאטש אכ-טונג געבען, זאג איך, אויף די געשטארבענע זאלט איהר, אלא נישט — צו וואס בעדארף מען אייך מיט אייער טאקסע?.." צום סוף, הערט וואס ס׳לאזט זיך אויס. אומזיסט-אומנישט האב איך איהם אבי-געזידעלט דעם שענעם רב, ווארום די מעשה מיט׳ן סאמאוואר איז גאר געווען נישט דא אין מעזערעטש, ס׳איז גאר געווען בשעת מיר זענען, נישט היינט געדאכט, געזעסען אין ווארטיליווקע, איהר פער-שטעהט א מעשה? ס׳איז מיר גאר ארויסגעפלויגען פונ׳ם קאפ, איז דאס מיר?

קצור הדבר, וואס טויג אייך היסטאריעס, זאכען, מעשיות, — ביז איך האב מיך א ריהר געטהון, פאפירען אהער, פאפירען אהין, האט מיין אברהם יצחק, איציק הייסט דאס וואס מען רופט איהם אלטער, אנגעוואהרען די גאנצע „ווילגאטע", נישטא קיין „ווילגאטע"! נישטא קיין „ווילגאטע"? שלעכט, א גוואלד, א געפילדער, סטייטש א בן-יחיד, איין-און-איינציגער, א ריינער, אנ׳אמת׳ער, א כשר׳ער פערוויזראדניק און אהן א שום „ווילגאטע"! נאר געה שריי חי וקים — פערפאלען!

האבען מיר אבער דאך א גרויסען גאט אויף דער וועלט, געהט מיין אלטער, איציק הייסט דאס, און שלעפט נישט ארויס דעם גרעס-טען זשערעב 699? די פריסוטסטוויע האט זיך דעמאלט געוויעגט. דער „פרינצעדראטעל" אליין האט איהם געגעבען א זעץ אין פלייצע: „בראווא, איצקא, מאלאדיעץ!" די גאנצע שטאדט האט מיר מקנא

געווען: נומער זעקס הונדערט ניין און ניינציג! — אָט אַ גליק, מזל טוב! מזל טוב!... מיט מזל זאָלט איהר לעבען! — פונקט ווי איך וואָלט דאָ אויסגענומען דאָס גרויסע געווינס, די רי״ש אלפים!

נאָר אונזערע יודעליך... ס'איז געקומען צום „פּריאָם", אַז מען האָט אָנגעהויבען צו בראַקעווען, בראַקעוועט מען נאָך; אַלע זענען געוואָרען מיט אַמאָל ווּיסטע פינסטערע. קאַליקעס; דער מיט אַזאַ חסרון; דער האָט פּלוציִם אין מיטען דרינען אָנגעהויבען הינקען אויף אַ פוס, האָט ער אָנגעהויבען, דער איז געפאַלען אויף די אויגען, איז ער געפאַלען; ביי איינעם האָט אָנגעהויבען פייפען איין אויער פייפען! ביים אַנדערן האָט זיך געעפענט אַ מכה, האָט זיך געעפענט, צוגאָסען זיך, איך בעט איבער אייער כבוד, אַ שענע צאַצקע אויפ'ן קאָפּ...

קצור הדבר וואָס טויג אייך היסטאָריעס, זאַכען, מעשיות, — ס'איז אָנגעקומען צו מיין זוהנס נומער 699, און מיין איציק, אַלטער הייסט דאָס, האָט נעביך געמוזט מיט זיין כבוד שטעלען זיך צום פּריאָם און עס איז געוואָרען ביי מיר אין שטוב אַ געוויין. שייך זאָגען אַ געוויין, אַ יללה, חשך; מיין ווייב זאָל געזונד זיין לעגט איין די וועלט, די שנור חלש'ט: סטייטש, וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, אַ בן יחיד, איין און איינציגער, אַ ריינער, אַנ'אמת'ער, אַ כשר'ער, אַ פּערוויזראַדניק — און אָהן אַ פּיצעל „ווילגאָטע"!? און ער מיין זוהן הייסט דאָס, גאָרנישט, גלייך ווי נישט איהם מיינט מען: „וואָס עס וועט זיין מיט כל ישראל, וועט זיין מיט רב ישראל", אַזוי זאָגט ער כלומר'שט מיט אַ ווערטעל, און דער פּויפּיק בשעת מעשה ציטערט איהם מסתמא גוט, וואָס זאָלט איהר דאָ קלערען.

האָבען מיר דאָך אָבער אַ גרויסען גאָט אויף דער וועלט, נעהמט דער דאָקטאָר בעטראַכטען מיין איציקען, אַלטערן הייסט דאָס, אויסמעסטען איהם אין דער לענג און אין דער ברייט, טאַפּען, קוקען מוטשען אַהער אַהין, וואָס משטיינס געזאָגט, אַז ער טויג נישט דער הונד, דאָס הייסט טויגען טויג ער, נאָר פּאַר אַ סאָלדאַט טויג ער נישט, ער האַפּט נישט סך הכל קיין דריטהאַלבען ווערשקעס אין דער ברייט האַפּט ער נישט!... ווידער אַמאָל אַ שמחה, אַ גדולה, מזל טוב, מזל טוב!... מיט מזל זאָלט איהר לעבען!... צונויפגעקומען זיך די משפּחה, געשטעלט משקה, געטרונקען לחיים, דאַנקט

השם יתברך, געפּטר׳ט דעם פריזיוו!

נאָר אונזערע יודעלעך . . . מיינט איהר דאָך, אַז ס׳האָט זיך נישט געפונען אַ שיינע, וואָס איז אַ בעלן געווען מסר׳ן אין דער גובערניע, אַז איך האָב „געשמירט״? וואָס טויג אייך, ס׳איז נישט אַוועקגעגאַנגען צוויי חדשים פונ׳ם פריזיוו, קומט מיר אָן אַ פּאַפּיר, אַז מען בעט מיין איציקען, אַלטערן הייסט דאָס, ער זאָל זיך מטריח זיין אַהין צו אין דער גובערסקי פּריסוטסטווע נאָך אַמאָל.

„נאַ וואָספּיטאַניע״ הייסט דאָס, ווי געפעלט אייך אַ שטיינער די גוטע בשורה, האַ? אַ שענע חתונה! מיין ווייב, זאָל געזונד זיין, לעגט איין די וועלט, די שנור חלש׳ט: סטייטש, סטייטש, צוויי מאָל צום פריזיוו, אַ בן־יחיד, איין־און־איינציגער, אַ ריינער, אַנ׳אמת׳ער, אַ כשר׳ער פערוויזראַדניק!

קצור הדבר, וואָס טויג אייך היסטאָריעס, זאָלען, מעשיות, אַז מען רופט אין דער גובערניע אַריין, קאָן מען קיין חזיר נישט זיין און מען מוז פאָהרען. געקומען אין דער גובערניע, הויב איך דאָך מסתמא אָן אַרומלויפען אַהין אַהער, טאָמער זכות אָבות, אַ גוט וואָרט, דאָס יענץ — געה שריי אני שלמה, דערציהל יענעם אַ מעשה, אַ בן־יחיד, איין־און־איינציגער און נישט קיין געזונדער דער־צו, מאַכט ער נאָך דאָס גרעסטע געלעכטער! און מיין זוהן? אַ שענערן לעגט מען אין קבר אַריין, נישט מחמת דער פריזיוו, ער הערט, זאָגט ער, דעם פריזיוו הערט ער אין דער לינקער פּיאַטע, אויב ס׳איז איהם בעשערט, זאָגט ער, דינען, נאָר וואָס דען? ער קאָן נישט איבערטראָגען אונזערע יסורים קאָן ער נישט, דאָס הייסט די יסורים פון די ווייבער קאָן ער נישט צוזעהן: אַ גו־בערסקי פּריסוטסטווע, אַ קשיא אויף אַ מעשה, טאָמער, איך וויים? ס׳איז דאָך נאָר אַ גורל, ווי זאָגט איהר, אַ לאָטעריע איז דאָך עס!

האָבען מיר דאָך אָבער אַ גרויסען גאָט אויף דער וועלט, מען האָט אַריינגעפיהרט מיין איציקען, אַלטערן הייסט דאָס אין דער גו־בערסקי פּריסוטסטווע און מען האָט איהם גענומען ווידער אַמאָל פון מה טבו בעטראַכטען אין דער לענג און אין דער ברייט, ווידער אַמאָל טאַפּען קוקען, מוטשען אַהער אַהין, וואָס משטיינס געזאָגט? אַז ער טויג נישט דער הונד, דאָס הייסט טויגען טויג ער, נאָר פאַר אַ סאָלדאַט טויג ער נישט. איינער האָט זיך אפילו געשטעלט

אַקעגען און געפּרובט אַ זאָג טהון: „גאָרדיען“, האָט איהם דער דאָקטאָר אָפּגעהאַקט: „ניע גאָרדיען!“ דער זאָגט: „גאָרדיען“, דער זאָגט: ניע גאָרדיען; גאָרדיען, ניע גאָרדיען — אַזוי לאַנג, אַזוי בּרייט, — בּיז דער גובּערנאַטאָר אַליין האָט זיך מטריח געווען פוּנ׳ם בּיינקעל צוגעגאַנגען, אַ קוק געטהון און געזאָגט: „סאָווערשענאָ ניע גאָרדיען“, דאָס הייסט ער טויג אויף נייען און נײַנציג כּפּרות... האָב איך בּאַלד אַוועקגעקלאַפּט אַ דעפּעש אַהיים געוועהנליך פערשטעלט: „מזל טוב! טאָוואַר אָקאָנטשאַטעלנע זאַבּראַקאָוואַן“.

אַצינד מוז איך מיך אומקעהרען נאָך אַמאָל צוריק צו דער צייט, ווען איך בּין נאָך געזעסען נישט היינט געדאַכט אין וואָראָטילִיווקע, און מיין איציק, אַלטער הייסט דאָס, איז נאָך געווען אַ קליין קינד איז ער נאָך. ויהי היום טרעפט זיך אַ מעשה, עפּיס אַ רעוויזיע אין שטאָדט, מען איז אַרומגעגאַנגען פון שטוב צו שטוב, און מען האָט איבּערגעשריבּען איטליכען בּעזונדער פון קליין בּיז גרויס, ווי אַזוי ער הייסט און וויפיעל ער איז אַלט, און וויפיעל קינדער האָט ער, צי זכרים, צי נקבות, און ווי אַזוי רופט מען זיי?... אַז ס׳איז געקומען צו מיין איציקען: ווי אַזוי רופט מען איהם? זאָגט מיין ווייב, זאָל געזונד זיין; אַלטער. איז זיך מישב יענער, מען זאָגט איהם אַלטער, אַ שענע ריינע כּפּרה, געהט ער און פערשרייבּט „אַלטער“.

אודאי קומט מיר אָן פונקט אין אַ יאָהר אַרום נאָכ׳ן פּריזיוו אַ נייע בּשורה: מען זוכט מיין זוהן אַלטערן, ער זאָל זיך שטעלען מחילה צום פּריזיוו אין וואָראָטילִיווקע! — וואָס האָט זיך מיר געחלומ׳ט יענע נאַכט און היינטיגע נאַכט און אַ גאַנץ יאָהר! נאַ דיר אַזאַ נײַס! בּרוך הבּא אַ יוד רב אַלטער!

קצור הדבר, וואָס טויג אייך היסטאָריעס, זאַכען, מעשיות, מען רופט מיין איציקען, אַלטערן הייסט דאָס, נאָך אַמאָל צום פּריזיוו גאָר איבּער אַ נײַס! מיין ווייב זאָל געזונד זיין לעגט איין די וועלט, די שנור חלש׳ט; סטייטש, וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, מען זאָל אויספאָהרען די גאַנצע וועלט פון איין עק בּיז׳ן אַנדערן עק, אַז אַ בּן-יחיד, איין און איינציגער, אַ ריינער, אַנ׳אמת ער, אַ כּשר׳ער פערוויזראַדניק זאָל בּעדאַרפען שטעהן דריי מאָל צום פּריזיוו! נאָר געה רעד טערקיש, רעד טאָטעריש, וואָס טהוט מען וואָס? בּין איך אַוועקגעלאָפען צו אונזער „אָבּטשעסטווע“, געמאַכט אַ גוואַלד, קוים געפּועלט צעהן יורען זאָלען אָבּשווערען און חתמ׳ענען זיך, אַז

זיי ווייסען פאזיטיוו, אז איציק איז אברהם יצחק, און אברהם יצחק איז א׳טער, און אז אלטער און איציק און אברהם יצחק זענען אלע איין מענש.

בעקומען דאס פאפיר, בין איך אוועק מיט׳ן פאפיר קיין וואראטילעווקע. געקומען קיין וואראטילעווקע, — א גאסט! וואס מאכט א יוד רב יאסיל, וואס טהוט איהר הי? וויל איך דאך מסתמא ניט אויסזאגען, צו וואס דארף איך עס? גלייכער אז א יוד ווייסט ווינציגער. גארנישט, זאג איך, איך בעדארף דא האבען צו א פריץ... מכח וואס?... מכח פראסע, זאג איך, איך האב געהאנדעלט, זאג איך, פראסע האב איך געהאנדעלט, געגעבען איין אדערויף, ניטא ניט קיין פראסע ניט קיין אדערויף, פערפאלען, זאג איך די קוה מיט׳ן שטריקעל! און לאז מיך אין דער פריסוטסטווע. איך קום אין דער פריסוטסטווע קום איך, טרעף איך דארט א שרייבער פון די שרייבערס און דערלאנג איהם דאס פאפיר; איבערגעלייענט דאס פאפיר, ווערט ער מלא רציחה, דער שרייבער הייסט דאס, און טהוט מיר א שמיץ דאס פאפיר אין פנים אריין מיט א מין פייער, מע זאל בעהיט און בעווארענט ווערען. „סטופאיטיע קטשארטו!״ — געהן זאלט איהר הייסט דאס צו אלדי רוחות מיט אייערע נעמען און מיט אלע אייערע יודישע מאניפארגעס! איהר ווילט זיך, זאגט ער, אויסדרעהען פונ׳ם פריזיוו, זשידי מאשעניקי, זאגט ער, ווערט ביי אייך פון אברהם — יצחק, און פון יצחק — איציק, און פון איציק — אלטער. גיין, ביי אונז געהט נישט אן אזעלכע שטיקליך, שאכער-מאכער!... „נו, קלער איך מיר, ווייבאלד „שאכער-מאכער״, מיינט ער מסתמא א קערבעל״... און איך נעהם ארויס א מטבע און וויל איהם אריינרוקען אין האנד אריין און רוף מיך אן צו איהם שטילערהייד: „איזווינטיע וואשע וויסאקע-פראוועזשיטעלסטווע!...״ אז ער חאפט זיך ניט אויף מיט א געשריי: „ווזיאטקי!?״... עס זענען זיך צונויפגעלאפען נאך שרייבערס און, וואס טויג אייך, מען האט מיר געגעבען דעם וועג האט מען מיר... אזאנ׳אומגליק — בעדארף איך אנטרעפען גראד אויף א „נקי-כפים׳ניק״!... מאלט אייך צווישען יודען ווערט מען ניט פערפאלען, איך האב געפונען א יודען, וואס דורך איהם נעהמט מען... עס האט זיכער געהאלפען ווי א טויטען באנקעס — און ס׳איז געבליבען, אז איך האב נאך א זוהן, וואס ער הייסט אלטער, זאל ער מוחל זיין, אלמער הייסט דאס, זיך שטעלען אין וואראטילעווקע צום פריזיוו, זאל ער זיך, א גוט פעקעל.

ווי אזוי איך האב איבערגעלעבט דאס יאהר בין איך שטארקער פון אייזען בין איך! חאטש אז מע וויל שמועסען צוריק, וואס האב איך, שוטה, מורא צו האבען? צעהן מאל פריזיוו, אז איך ווייס, אז ער טויג ניט דער הונד. שייך זאגען טויג ניט? טויגען טויג ער, נאר פאר קיין סאלדאט טויג ער ניט... ובפרט אז מע האט איהם שוין צוויי מאל ארויסגעבראקעוועט, האט מען איהם. נאר צוריק בין איך זיך מישב: א פרעמדע שטאדט, א פריסוטסווע מיט „נקי-כפים'ניקעס”, א קשיא אויף א מעשה?...

האבען מיר דאך אבער א גרויסען גאט אויף דער וועלט; מיין אלטער, איציק הייס דאס, האט ווידער אמאל געצויגען א זשערעב, ווידער אמאל זיך געשטעלט צום פריאם, און גאט האט א נס געטהון, די וואראטילעווקער פריסוטסטווע האט אויך געזאגט „ניע גאדיען” און האט איהם ארויסגעגעבען א ווייסען בילעט! געקומען אהיים — ששון ושמחה! געמאכט א סעודה, צונויפגערופען כמעט די גאנצע שטאדט, געהוליעט געטאנצט ביז טאג, וועמען הער איך אצינד? און ווער איז צו מיר גלייך? א קיסר!

אצינד וועלען מיר זיך אומקעהרען צוריק צו מיין אייזיקען עליו-השלום, דער וואס האט, איהם צו לענגערע יאהר, איבערגעקעהרט אויף זיך דעם סאמאוואר נאך קינדווייז, וועט איהר הערען א שענם, וועט איהר הערען. איהר פערשטעהט א מעשה? געה זיי א נביא, אז דער שענער רב דער קאזיאנער פון וואראטילעווקע וועט איהם פערגעסען אויסמעקען פון די מעטריקעס, דעם געשטארבענעם הייסט דאס, און עס וועט זיך רעכענען אויף מיר א חוב, אז איך האב נאך ערגיץ א זוהן אייזיק, וואס בעדארף זיך שטעלען היינטיגס יאהר צום פריזיוו! נא דיר אזא מין באמבע! וואס איז דאס פאר איין אומגליק אויף מיר? ווער מיר אייזיק? אייזיק איז שוין לאנג אויף דער אמת'ער וועלט! אזוי טענה איך, האלט מיך איין עצה מיט אונזער ראבינער: וואס טהוט מען, וואס? זאגט ער: ס'איז נישט גוט! פארוואס, זאג איך, איז נישט גוט, פארוואס? דערפאר, זאגט ער, ווייל איציק און אייזיק איז איין נאמען. ווי אזוי, זאג איך, איז איציק און אייזיק איין נאמען, חכם אייגער? זאגט ער: איציק איז יצחק, יצחק איז איסאק, איסאק איז איזאק און איזאק איז אייזיק. א גוטער משל!

קצור הדבר, וואס טויג אייך היסטאריעס, זאכען, מעשיות, מע זוכט מיין אייזיקען, מע טרענט פון מיר די אדערן, איך זאל איהם שטעלען

צום פריזיוו זאל איך איהם ! אין שטוב ביי מיר איז געווארען א נייער געוויין . שייך זאגען א געוויין ? חורבן בית=המקדש . ערשטענס האט מיין ווייב, זאל לעבען, זיך דערמאהנט אינ'ם געשטארבענעם , אויפגעוועקט די אלטע וואונדען : „נעחיי וואלט ער , זאגט זי , בעסער לעבען און שטעהן איצטער צום פריזיוו , איידער , זאגט זי, ער זאל ליעגען אין דער ערד און די ביינער זאלען פוילען . . ." והשנית האט זי מורא , טאמער חלילה איז טאקי לא יעלה ולא יבא, ווי דער ראבינער זאגט , אז איציק איז יצחק , יצחק איז איסאק , איסאק איז איזאק און איזאק איז אייזיק , איז דאך טאקי ניט פריילינך ! . . . אזוי זאגט זי , מיין ווייב זאל געזונד זיין , און לעגט איין די וועלט , און מיין שנור געוויינטליך חלש'ט ! א ווערטעלע אויסצורעדען—א בן=יחיד , איין און איינציגער , א ריינער , איין אמת'ער , א כשר'ער פערוויזראדניק , דריי מאל געשטעלט זיך צום פריזיוו , צוויי ווייסע בילעטען , און איז נאך נישט פארטיג ! . . . האב איך גענומען די פיס אויף די פלייצעס און בין זיך דורכגעפאהרען קיין יעהופעץ , בין איך זיך , איין עצה האלטען זיך מיט א רעכטען אדוואקאט , און אגב האב איך טאקי מיטגענומען מיין זוהן , איך זאל זיין מיט איהם ביים פראפעסאר , הערען, וואס דער פראפעסאר וועט זאגען , צי טויג ער , צי טויג ער ניט , חאטש איך וויים אליין גאנץ גוט , אז ער טויג ניט, דער הונד, שייך זאגען ער טויג ניט ? טויגען טויג ער , נאר פאר קיין סאלדאט טויג ער ניט . . . און אז איך וועל הערען, וואס דער אדוואקאט וועט מיר זאגען און וואס דער פראפעסאר וועט מיר זאגען, וועל איך שוין דעמאלט קענען שלאפען רוהיג, אויפהערען האבען צו טהון מיט'ן פריזיוו . . . צום סוף וואס לאזט זיך אוים ? עם לאזט זיך אוים , אז די אדוואקאטען מיט די פראפעסארען ווייסען אלע מעהר פון א טויטען ווייסען זיי , אז דער זאגט אזוי , און דער זאגט אזוי , וואס איינער זאגט , דרינגט דער אנדערער קאפויר, דול און משוגע צו ווערען !

צום ערשטען אדוואקאט האב איך אנגעטראפען אויף איינעם א גראבען קאפ א שטומפיגען , און דוקא מיט א גרויסען שטערן און מיט א גלאטען קאפ—א ליסינע , חאטש נעהם קאטשע אוים אויף איהר א בלאט לאקשען . ער האט בשום אופן נישט געקענט פערשטעהן , ווער איז אלטער און ווער איז איציק און ווער איז אברהם יצחק , און ווער איז געוועזן אייזיק ? דערצעהל איך איהם דאך איבער נאך אמאל און נאך אמאל, אז אלטער און איציק און אברהם יצחק — דאס איז איין מענש , און אייזיק איז דער, וואס האט איבערגעקעהרט אויף זיך דעם סאמאוואר,

בשעת איך בין נאך געווען א ווארעטיליוקער, אין ווארעטיליוקע הייסט עס... מיין איך, אז איך בין שוין מיט איהם פארטיג, צום סוף טהוט ער מיך א פרעג גאר איבער א נייס: „פאזוואלטי, שטעהט נור שטעהט, ווער זשע איז צווישען זיי דער עלטערער, איציק צי אלטער צי אברהם יצחק?“ אט האסט דו דיר! — מאך איך צו איהם: „איך האב אייך שוין דאכט זיך פופצעהן מאל געזאגט האב איך אייך, אז איציק און אברהם יצחק און אלטער איז אלץ איין פארשוין, דאס הייסט דער אמת'ער נאמען זיינער איז איציק, דאס הייסט אברהם יצחק, נאר רופען רופט מען איהם, די מאמע זיינע, זאג איך, אלטער, האט איהם אזוי פערצויגען, און אייזיק, זאג איך, איז דער, וואס האט איבערגעקעהרט אויף זיך דעם סאמאוואר, זאג איך בשעת איך בין נאך געווען א ווארעטיליוקער, אין ווארעטיליוקע הייסט עס... — ווען זשע, מאכט ער, און וואסער יאהר הייסט דאס, איז געשטאנען אברהם אלטער, מיין איך יצחק אייזיק, צום פריזיוו? — וואס בעלעבעטשעט ער?, זאג איך, וואס האט איהר צונויפגעמישט קאשע מיט בארשט? דאס ערשטע מאל אויף מיין לעבען, זאג איך, טרעפט זיך מיר, אז א יוד זאל טראגען אויף זיך אזא גויעשען קאפ, זאג איך! מע זאגט דאך אייך, אז יצחק און אברהם יצחק, און איציק און אייזיק און אלטער — דאס איז אלץ איין מענש! — שאט, זאגט ער, שרייט ניט אזוי, וואס שרייט איהר?... איהר הארכט? ער איז נאך גערעכט!... בקצור כ'האב א שפיי געטהון און אוועקגעגאנגען צו איין אנדער אדוואקאט און האב אנגעטראפען שוין דוקא אויף א גמרא-קעפעל האב איך אנגעטראפען, נאר א ביסעל שוין צופיעל איבערגעשפיצט. ער האט זיך געריבען דעם שטערן און געלערנט דעם פשט, גערעדעט, געמוטשעט די זאקאנעס, גערדונגען, אז נא אסנאוואניע טאקאי טא סטאטיא האט די מעזריטשער פריסוטסטווע איהם גארניט געטארט צושרייבען. נאר וואס דען — ס'איז פארהאן א זאקאן, זאגט ער, אז וויבאלד די פריסוטסטווע האט איהם יא צוגעשריבען, דארף איהם יענע פריסוטסטווע אויסשרייבען, „ויקלוטשאיען“ הייסט עס; און ווידער איז פארהאן, זאגט ער, א זאקאן, אז די פריסוטסטווע האט איהם צוגעשריבען און יענע פריסוטסטווע האט איהם ניט אויסגעשריבען, וויקלוטשאיעט הייסט עס, מוז זי איהם אויסשרייבען, וויקליוטשאיען הייסט עס; און ווידער איז פארהאן א קאסאציע, אז וויבאלד יענע פריסוטסטווע וויל ניט אויסשרייבען, וויקליוטשאיען הייסט עס... בקצור אזא זאקאן און אזא זאקאן, אזא

קאסאציע און אזא קאסאציע ; ער האט מיר אנגעקאסאציעט , א פולען קאפ האט ער מיר אנגעקאסאציעט , און איך האב געמוזט געהן צו א דריטען , האב איך געמוזט , און האב אנגעטראפען אויף א נייעם שלים-מזל , נאך נאר א יונג אדוואקאטעל , נאר וואס פון דער נאדעל ארויס , דאס הייסט וואס האט ניט לאנג געענדיגט „יורי״ , זעהר א צוגעלאזט מענשעל אפילו מיט א ציגנגעלע ווי א גלעקעל און סע קלינגט . ווייזען ווייזט אוים , אז ער לערנט זיך נאך רעדען , לערנט ער זיך , מחמת אז ער רעדט , זעהט מען , אז ער האט הנאה , האט ער , ממש סע קומט איהם צו א שטיק געזונד , ער האט זיך אזוי צורעדט , אזוי צופלאקערט , געהאלטען א גאנצע דרשה געהאלטען , אז איך האב געמוזט איבער-שלאגען אין מיטען און זאגען : „זעהר פיין — זאג איך — איהר זענט אודאי זעהר גערעכט , נאר וואס טויג מיר , זאג איך , אייער ווייגען , וואס איהר בעווייזט מיך ? איהר גיט מיר בעסער איין עצה , זאג איך , מיט מיין זוהן וואס טהו איך , טאמער חלילה טהוט מען איהם א רוף , טאמער ?

קצור הדבר , וואס טויג אייך היסטאריעס , זאכען , מעשיות , — איך האב מיך דערשלאגען צום רעכטען , צום אמת'ען אדוואקאט . דאס איז , פערשטעהט איהר מיך , שוין איין אדוואקאט פון די אלטע אדוואקאטען , איין אדוואקאט , וואס פערשטעהט איין ענין . איך האב איהם אויסדער-צעהלט די גאנצע געשיכטע פון א' ביז ת' , און ער איז געזעסען די גאנצע צייט צוגעמאכט די אויגען און געהארכט . אויסגעהערט , מאכט ער צו מיר : — שוין ? האט איהר שוין געענדיגט ? פאהרט אהיים , ס'איז בלאטע . מעהר ווי דריי הונדערט קערבליך שטראף וועט איהר ניט צאהלען . — אט דאס איז גאר ? , זאג איך , ע ! איך זאל וויסען , אז דא שמעקט נור מיט דריי הונדערט קערבליך שטראף ! איך האב מורא פאר מיין זוהן , האב איך מורא ! — וואסער זוהן ? — וואס הייסט , זאג איך , וואסער זוהן ? מיין אלטער , איציק הייסט דאס ? — וואס געהער זיך דאס אן , זאגט ער , מיט איציקען ? — וואס הייסט , זאג איך , וואס סע געהער זיך אן ? טאמער חלילה שלעפט מען איהם נאך אמאל טאמער ? — ער האט דאך , זאגט איהר , א ווייסען בילעט ? — ער האט , זאג איך , צוויי ווייסע בילעטען ! — נו אם-כן וואס זשע ווילט איהר ? — וואס זאל איך ועלען ? ווילען וויל איך גארנישט ! איך האב נאר מורא , זאג איך , אזוי ווי מע זוכט איצטער אייזיקען , און אייזיק איז נישטא , און אזוי ווי אלטער , „איציק הייסט עס , שטעהט פערשריבען אברהם-

יצחק, און יצחק, — אזוי זאָגט דער ראַבּינער אונזערער, דער לעקיש,— איז איסאַק, און איסאַק איז איזאַק, און איזאַק איז אײַזיק, קאָן מען חלילה זאָגען אויף מײַן איציקען, אָדער אַברהם יצחק'ן, אַלטערן הײַסט דאָס, אַז ער איז דאָס דער אײַזיק? — נו, וואָס זשע איז, מאַכט ער, אדרבּה, נאָך גלײַכער, אויב איציק איז אײַזיק וועט איהר פערשפּאָרען צאָהלען שטראָף אויך, ער האָט דאָך, זאָגט איהר אַ ווײַסען בּילעט. —צווײַ, זאָג איך, ווײַסע בּילעטען! די בּילעטען האָט אָבער איציק, ניט אײַזיק. — איהר זאָגט דאָך, מאַכט ער, אַז איציק איז אײַזיק. — ווער זאָגט דען, זאָג איך, אַז איציק איז אײַזיק? — אָט האָט איהר דאָך נאָר וואָס, זאָגט ער, געזאָגט, אַז איציק איז אײַזיק! — איך? ווי קאָן איך, זאָג איך, זאָגען אַזאַ זאַך, אַז איציק איז גאָר אַלטער, און אײַזיק איז דער, וואָס האָט איבּערגעקעהרט אויף זיך דעם סאַמאָוואַר, בּשעת איך בּין נאָך געווען אַ וואָראָטילױוקער, אין וואָראָטילױוקע הײַסט עס!... ווערט ער אָנגעצונדען און הײַסט מיר געהן: — סטופּאַיטיע, זאָגט ער, ווי, זאָגט ער, נאַדאָיעדליווע, זאָגט ער, יעווריי, זאָגט ער!... איהר פערשטעהט, וואָס דאָס הײַסט? דאָס הײַסט: איך בּין אַ נודניק. איהר הערט! איך בּין אַ נודניק?! איך!...

10
בלומען

אינהאַלט:

א) פונ'ם באַרג סיני.

ב) כותל מערבי.

ג) אברהמ'על.

ד) דער אוצר.

ה) איין עזות!

ו) איינגעטהיילט זיך.

ז) צוויי נשמות'לעך.

ח) איך שעם זיך.

ט) עק וועלט.

י) מלאך המות.

א.

פונ'ם באַרג־סיני

ביי אונז אין מאַזעפּעווקע, פון יענער זייט בית־מדרש, שטעהט אַ באַרג, אַ הויכער באַרג, הויך ביז דער חמאַרע, ביז'ן הימעל.

אַזוי האָט ער מיר אויסגעוויזען אין יענער צייט, ווען מיר האָבען געלערענט אין חדר, און גערופען האָבען מיר איהם „באַרג־סיני“.

אין אַ שיינעם זומערטאָג, גאַנץ פריה, זענען מיר, חברה, צעהען חדר־יונגלעך, נאָך יונגע קינדער, געגאַנגען, מיט די היילינגע ספרים הינטער די אָרעמס און מיט די אָנגעבייסענס אין די הענט, אין חדר אַריין.

די זון האָט נאָר וואָס אָנגעהויבען אַרויסצוגעהן „פון איהר פּוטערפאַס“ און האָט צעגאָסען איהרע מילדע גילדענע שטראַהלען אויף דעם שפּיץ באַרג.

און דער באַרג איז געווען בעדעקט מיט טוי, מיט ראָסע, און די ראָסע האָט געבלישטשעט, ווי דימאַנטען; ווי פּערעל זענען געהאַנגען די טראָפּען. ריין, מחיה ריין, איז געווען די לופט, אַזוי ריין ווי איהר קאָנט זיך נאָר פאָרשטעלען.

איבעראַשט, פאַרכּישופ'ט זענען מיר געווען מיט'ן דאָזיגען געטליכען אויסזיכט פונ'ם דאָזיגען געטליכען פריהמאָרגען.

— ווייסט איהר וואָס, חברה? האָט זיך איינער פון אונז אָנגערופען — ווייסט איהר וואָס, חברה? לאָמיר גאָר אַרויפגעהן אויפ'ן באַרג־סיני!

— ווייסט איהר גאָר וואָס, קינדער? — האָט זיך אָנגערופען נאָך איינער — לאָמיר טאַקי אַרויפקריכען אויפ'ן באַרג־סיני. מיר זענען אויף איהם נאָך קיין מאָל ניט געווען!

און מִיר הָאבֶּען זִיךְ אַלֶע גֶענוּמֶען דְרַאפֶּען אַרוֹיף אוֹיפְ'ן בַּארְג־סִינַי, אוֹיף אַלֶע פִיעָר, אוֹיף דִי הֶענְד מִיט דִי פִים, זֶענֶען מִיר אַלֶע מִיט חֵשֶׁק גֶעקְרָאכֶען אוֹיפְ'ן בַּארְג־סִינַי.

און אַז מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוֹיפְ'ן שְׁפִּיץ־בַּארְג און הָאבֶּען אַ קוּק גֶעטְהוּן אַרָאפּ, אַרָאפּ אוֹיף דֶער עֶרְד, זֶענֶען מִיר פַארְצִיטֶערְט גֶעוָוארֶען.

אַזוֹי הוֹיךְ זֶענֶען מִיר גֶעוֶועזֶען פוּן דֶער עֶרְד, אַזוֹי קְלֵיין הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעוִויזֶען דִי עֶרְד.

— וואוּ זֶענֶען מִיר, קִינְדֶער, וואוּ זֶענֶען מִיר?

— וואוּ זֶענֶען מִיר זָאגְסְט דוּ? אִינְטֶער דֶער חְמַארֶע.

— אִינְטֶער דֶער חְמַארֶע זָאגְסְט דוּ? הֶעכֶער פוּן דֶער חְמַארֶע!

— הֶעכֶער, הֶעכֶער; — אִינְטֶערֶען הִימֶעל!

— אִיהר זֶעהט דֶעם בֵּית־מֶדְרָשׁ, קִינְדֶער? דֶעם בֵּית־מֶדְרָשׁ זֶעהט אִיהר?

— יָא, קוּים־קוּים, וִוי אַ קְלֵיין שְׁטִיבֶּעלֶע דִי גְרוֹיס.

— וִוי אַ שְׁטִיבֶּעלֶע, זָאגְסְט דוּ? וִוי אַ טִישֶׁעל דִי גְרוֹיס, וִוי אַ בֵּיינְקֶעלֶע.

— וִוי אַ בֵּיינְקֶעלֶע, זָאגְסְט דוּ? וִוי דִי גְמָרָא דִי גְרוֹיס, וִוי מַ'ין סִידוּר.

— וִוי דַיין סִידוּר'ל, זָאגְסְט דוּ? וִוי אַיין אֵיי, וִוי אַ וָועלְשֶׁע נִיסֶעל.

— וִוי אַ נִיסֶעל, זָאגְסְט דוּ? וִוי אַ פַאסָאלִי, וִוי אַיין אַרְבֶּעסִיל.

— וִוי אַיין אַרְבֶּעסִיל? וִוי אַ מָאהְנְדִיל, וִוי אַ מִילְבּ, וִוי אַ... אַ... אַ...

און סְ'אִיז בַּיי אוּנְז אַלֶע גֶעבְּלִיבֶּען דֶער הֶסְכֵּם מִיר זָאלֶען זִיךְ אוֹיסְצִיהֶען אוֹיבֶּען אוֹיפְ'ן בַּארְג מִיט דִי פֶּנִימֶ'ער אַרוֹיף.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁטַארְק אַיינְגֶעקוּקְט אִין בְּלָאהֶעי הִימֶעל און מַיינֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען דֶעם הִימֶעל צוּ זִיךְ צוּגֶעצוֹיגֶען, אַלְץ נֶעהֶנְטֶער

און געהינטער, אזוי לאנג ביז איך האב איהם צו זיך צוגעצויגע־נאהינט, גאנץ נאהינט.

אזוי נאהינט, אז איך האב די האנד אויסגעצויגען און האב מיט מיינע פינגער זיך צוגעריהרט צום הימעל, צום קאלטען הימעל, זיך צוגעריהרט, אנגענומען, אנגעטאפט, געהאלטען, געהאלטען, געהאלטען...

ניט נאר די אויגען אליין זענען געווען אין הימעל; מיין נשמה, מיין הארץ, מיין גוף, מיין גאנצער „איך" — איך בין אינגאנצען, אינ־גאנצען געווען דארט אויבען אין הימעל.

איך בין געווען אין הימעל און האב געזעהען מלאכים. מיט די ווייסע ברייטע פליגלען זענען די מלאכים געשווימען אינטער'ן ברייטען בלאהען הימעל; זיי האבען זיך געוויגט און געוויגט, געשוועבט און געשוועבט—און געשטאנען אויף איין ארט. פון זייער וויגען זיך און פון זייער שוועבען זענען געגאנגען זיסע זעלטענע קולות; סע האט זיך געזינגען און געזינגען, אזוי שטיל געזינגען, אזוי שען גע־זינגען, אזוי זיס געזינגען, ווי די כהנים מיט די לוים, ווי דער „ארגעלי" אין בית המקדש, ביי יודען פארצייטענס, ווי סע שטעהט ביי אונז אי־הייליגע ספרים געשריבען.

און א גרינג, קיהל ווינטעלע איז פערביי מיר דורכגעלאפען, און האט מיך עטוואס, קוים־קוים אנגעריהרט אין שטערען. און א טר־...ער ריח, א ריח פונ'ם גן־עדן איז פערביי מיר דורכגעגאנגען און מיינע אויגען האבען זיך צוגעמאכט, צוגעמאכט...

— אין חדר אריין! שקצים, עכברושים, הולטאיעס! אין חדר אריין, ימח־שמו'ניקעס! הארט, שיבעניקעס, איה וועל אייך שוין צו־שטעלען, ליידאקעס, א ביינקעלע צום רבין! אין חדר אריין פוסטע־פאסניקעס, כל־בו'ניקעס, אין חדר אריין!

דאס איז געווען דער שמש פון בית המדרש, ר' יקותיאל

דָער שַׁמָש, אַ בֵּעזָער יוד מִיט אַ צוּפְלָעצְטָער גָאז און מִיט אַ שְׁטָענְדִיגָען לוּלְקֶע־צִיבּוּק אִין דִי צֵייהְן.

און מִיר זָענָען מִיט אַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלֶען פוּנ'ם הִימֶעל אוֹיף דָער עֶרְד.

ב.

כּוֹתֶל מַעֲרָבִי

די איבערגעבליבענע וואַנט פונ'ם בּית־הַמִקְדָש

— דערציילט זשע מיר, איך בעט אייך, אַקוראַט. האָט איהר היינט דאָס, אַליין געזעהען מיט אייערע אייגענע אויגען די "כּוֹתֶל מַעֲרָבִי"? אַזוי היינט דאָס? האָט איהר זי גוט געזעהען? דערציילט זשע מיר, ווי אַזוי, און וואָס, און ווען?...

אַזוי האָט מיין רבּי זיך אָנגערופען צו אַ יודען, וואָס איז נאָר וואָס געקומען צוריק פון אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, פון ירושלים.

— זאָגט זשע מיר, איך בעט אייך, מאָהלט מיר אויס אַקוראַט, ווי אַזוי, און וואו, און וואָס, און ווען?

דער ירושלים־יוד האָט איהם אויסגעמאָהלט אַקוראַט, ווי אַזוי און וואו און וואָס און ווען, און מיין רבּי האָט געשלונגען די ווערטער, אָנגעקוועלט, געוואָרען בּרייטער ווי לענגער, ווי אַ מענש, וואָס נעמט אָפּ אַ גָרים פון אַ נאָהענטען מענשען אין אַ ווייטער מְדִינָה.

דער רבּי האָט זיך אַזוי שטאַרק איינגעקוקט אין'ם ירושלים־יוד, אַז ער האָט גאָר ניט בּעמערקט, ווי מיר, חֶבְרָה, האָבען זיך איינציגווייז אַרויסגערוקט פונ'ם טיש, און האָבען זיך אַרויסגעגנבעט אין דרויסען אַרויס, און האָבען געחאַפּט אַ גליטש אויפ'ן אייז.

אַז מיר זענען געקומען צוריק אין חֶדֶר אַריין, האָבען מיר נאָך געטראָפען זיי זיצען.

— כּוֹתֶל מַעֲרָבִי! — האָט דער רבּי געזאָגט צום ירושלים־יוד — כּוֹתֶל מַעֲרָבִי! אָט דאָס איז אונז פאַרבּליבען פון אונזער גאַנצען בּית־הַמִקְדָש, פון אונזער גאַנצער מְלוּכָה! כּוֹתֶל מַעֲרָבִי! כּוֹתֶל מַעֲרָבִי!...

און דער רבּי האָט זיך צעוויינט.

אברהמ׳על.

איך האב זיך מיט זיי באגעגענט, זענען זיי ביידע צוזאמען אלט געווען כמעט צוויי הונדערט יאהר.

— אברהמ׳על! מיר האבען א גאסט.

— ווער איז?

אונ דאס פארפאלק פון צוויי הונדערט יאהר האבען מיך אויפגענומען מיט פרייד, מיט פערגניגען.

אונ איך האב ביים פארפאלק פון צוויי הונדערט יאהר פארבראכט די צייט מיט פרייד מיט פערגניגען.

ביידע נידעריגע, ווייסע ווי געפאלענער שניי אהן צייהן, איינגעבויגענע, נאר פרעהליכע, ציכטיגע, לעבעדיגע, ווייזען אויס ווי ברודער אונ שוועסטער, ניט ווי מאן אונ ווייב.

— איך געדענק נאך אייער זיידען, אייער עלטער זיידען; געווען א וואוילער יוד, גאר א וואוילער, אבער טאקי יאר א וואוילער, ניט אזוי ווי היינטיגע יודען, ניין, אבער טאקי גאר ניין! מיר האבען זיך בעקענט מיט איהם, א פנים וואו האבען מיר זיך בעקענט מיט אייער עלטער זיידען?...

ער שאמקעט מיט די ליפען אונ דערציילט מיר אלטע מעשיות פון אמאליגע יאהרען, אונ דערמאהנט ער זיך אן יענע יאהרען, ווערט ער ווי מונטערער, פרישער, יונגער.

— הער נאר, סערדצע! זאגט ער צו דער אלטיטשקער, געדענקסט ניט, נשמה מיינע, ווי אזוי האט געהייסען דער פריץ, וואס זיין עלטער־עלטער־זיידע האט פון איהם געהאלטען די ארענדע? הא, סערדצע?

— פאן פרזשעשרזשאנסקי. זאגט זי, אברהמ׳על, פאן פרזשעשרזשאנסקי האט ער געהייסען.

— יא, ביסט גערעכט, סערדצע, ביסט גערעכט; פאן פרזשעשרזשאנסקי האט ער געהייסען.

און זיי פייפען אויס מאדנע דעם דאזיגען נאמען מיט׳ן צונג.

— דאס האט בעדארפט זיין, סערדצע, ניט זעהר לאנג; א יא? ווי מיינסט דו, סערדצע?

— נישט לאנג. אברהמ׳עלע, נישט לאנג; א יאהר.. א יאהר זעכציג אדער זיבעציג, נישט מעהר, נישט מעהר ווי א יאהר זיבעציג, ענטפערט איהם די אלטיטשקע.

און דער אלטער יונגערמאנטשיק דערציעהלט מיר אלערליי מעשיות, אנעקדאטען, ביז שפעט-שפעט אין דער נאכט אריין.

— קום שוין, אברהמ׳ניו, קום שוין שלאפען!

און די אלטיטשקע נעמט דעם אלטען און פיהרט איהם אב פאר א האנד שלאפען. ווי מע פיהרט אב א קליין קינד, און אין עטליכע מינוט ארום קומט זי אריין צו מיר שוין אליין, אביסעל אויסגעטהון, מיט א ווייסען אנגעקראכמעלטען שלייער אויפ׳ן קאפ און מיט עטליכע שפילקעס אין מויל. זי זעצט זיך צו צו מיר אביסעל שמועסען, און מיר שמועסען ווידער א היבשע ווייל און מיר קענען זיך גאר זאט ניט אנרעדען; דאס הייסט, ניט איך רעד: זי רעדט, די אלטיטשקע רעד, און איך הער זי אויס.

— איהר קאנט זיך גאר ניט פארשטעלען — זאגט זי צו מיר, אנגעשפארט אויף די אויסגעטרוקענטע עלענבויגענס — איהר קאנט זיך גאר ניט פארשטעלען, ווי שוואך מיין אברהמ׳על הויבט אן צו ווערען די לעצטע צייט. איין איבריגע האלבע שעה לאז ער זיצען ביי דער נאכט, ווערט ער מיד און מוז געהן שלאפען; נאר למאי זאל איך זינדיגען? א דאנק גאט דערפאר. קיין סך אברהמ׳לעך, ווי מיין אברהמ׳על, איז ניט דא. איך האב נאך פון איהם קיין איינציג מאהל חלילה, קיין אומכבוד נישט געהאט, קיין קרום ווארט ניט געהארט,

פון דער ערשטער שעה נאך דער חופּה ביז היינטיגען טאג צו הונדערט און צוואנציג יאהר. למאי זאל איך זאגען? איך האב צו איהם גאר ניט, איך האב צו איהם גאר ניט, און מיר לעבען זיך, ברוך השם צו פריעדען, ווי גאט האט געבאטען, און צום אויבערשטען קיין טענות האבען מיר אויך ניט. ער פיהרט אונז אום פון כמה יאהרען, און מיר דארפען, חלילה, צו לייטען ניט אנקומען, און קיין פרעמדם האבען מיר נאך קיין מאל ניט פארנומען, געלויבט איז גאט ב"ה...

— נו, און אייערע קינדער?

— מיינע קינדער?... עך־עך־עך! גאט ב"ה האט מיך גע־שטראפט, אויסגעשטארבען אלע קינדער... אייניקלעך האבען מיר געלויבט דער אויבערשטען, אור־אייניקלעך און אור־אור־אייניקלעך קיין עין הרע ניט... נאר קיין קינדער נישטא; אלע אויסגעשטארבען.

די אלטיטשקע האט זיך פארטראכט.

אין א מינוט ארום רופט זי זיך אן צו מיר:

— וואס זאגט איהר עפּיס אויף איהם?

— אויף וועמען?

— אויף מיין אברהמ'לען.

איך האב נישט געקאנט פארשטעהן, וואס זי מיינט דערמיט, האב איך נאר א שמייכעל געטהון און האב איבערגעטראגען אונזער שמועס אויף איין אנדער ענין.

מיר האבען נאך לאנג — לאנג פארבראכט; מיר האבען גע־רעדט וועגען אלערליי זאכען און וועגען פארשידענע לייט; נאר מעהר און אפטער פון אלע האט זיך געדרעהט ביי איהר אויפ'ן צונג אברהמ'על, איהר אברהמ'על.

אברהמ'על איז געווען א ביישפּיעל אויף יעדען אופן, א פאר־גלייכען צו יעדען מענשען. אברהמ'על! אברהמ'על! אברהמ'על!

עס האט זיך מיר אויסגעדאכט, אז סע זיצט אקעגען מיר א

ווייבעל, א יונג ווייבעל, ג"ט קיין אלטע יורינע פון קרוב צו הונדערט יאהר.

איך וואלט א בעל'ן זיין וויסען, וואו איז אצונד דאס דאזיגע פאריל?...

דֶער אוֹצָר.

אוֹיף יֶענֶער זַייט בַּארג, אוּנְטֶערֶען אַלְטֶען בֵּית־הַמִּדְרָשׁ, גֶעפִינְט זִיךְ אַיין אוֹצָר.

אַזוֹי הָאט מֶען גֶעשְׁמוּעֶסְט בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעדְטִיל.

נָאר קוּמֶען צוּם אוֹצָר אִיז נִיט אַזוֹי גְרִינְג; אַז אַלֶע יוּדֶען אִין שְׁטֶעדְטִיל וֶועלֶען לֶעבֶּען בְּשָׁלוֹם, אוּנ וֶועלֶען זִיךְ נֶעמֶען אַלֶע אִיהם זוּכֶען דֶעמָאלְט וֶועט מֶען אִיהם גֶעפִינֶען.

אַזוֹי הָאט מֶען גֶעשְׁמוּעֶסְט בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעדְטִיל.

אוּנ אַז אַלֶע יוּדֶען וֶועלֶען לֶעבֶּען צוּפְרִידֶען, עֶס וֶועט נִיט זַיין קֵיין קִנְאָה בַּיי יוּדֶען, קֵיין שִׂנְאָה, קֵיין קְרִיעג, קֵיין לְשׁוֹן הָרָע, קֵיין רְכִילוּת אוּנ מֶע וֶועט זִיךְ נֶעמֶען אַלֶע, וֶועט מֶען אָבְּזוּכֶען דֶעם אוֹצָר, אוּנ אַז נִיט וֶועט עֶר אַרַיין טִיעף — טִיעף אִין דֶער עֶרְד אַרַיין...

אַזוֹי הָאט מֶען גֶעשְׁמוּעֶסְט בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעדְטִיל אוּנ מֶע הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען זוּכֶען דֶעם אוֹצָר, דֶער דָא אוּנ דֶער דָארְטֶען, אוּנ מֶע הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען זִיךְ צוּ שְׁפַּארֶען אוּנ אִיבֶּערְשְׁפַּארֶען, צוּ אַמְפֶּערֶען זִיךְ אוּנ צוּ וֶוערְטְלֶען זִיךְ, צוּ זִידְלֶען אוּנ צוּ קְרִיעגֶען זִיךְ, וָואס וַייטֶער אַלְץ מֶעהְרֶער, אַלְץ שְׁטַארְקֶער אוּנ אַלְץ אִיבֶּערְ'ן אוֹצָר; דֶער הָאט גֶעזָאגְט: עֶר דַארְף זַיין דָא, דֶער הָאט גֶעזָאגְט: דָארְטֶען, אוּנ מֶע הָאט נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט זִיךְ צוּ שְׁפַּארֶען אוּנ אִיבֶּערְשְׁפַּארֶען, צוּ אַמְפֶּערֶען זִיךְ אוּנ צוּ וֶוערְטְלֶען זִיךְ, צוּ זִידְלֶען אוּנ צוּ קְרִיעגֶען זִיךְ, וָואס וַייטֶער אַלְץ מֶעהְרֶער, אַלְץ שְׁטַארְקֶער אוּנ אַלְץ אִיבֶּערְ'ן אוֹצָר — אוּנ דֶער אוֹצָר... הָאט גֶעזוּנְקֶען אַלְץ טִיעפֶער אוּנ טִיעפֶער אִין דֶער עֶרְד אַרַיין.

ה.

אײן עזות!

אויף דער ערד איז ער געזעסען, אויף דער ערד, בײ דער טהיר פון דער שול. ער איז געזעסען און האט גערעכענט די גראשענס געצעהלט די פרוטות, די פרוטות, וואס ער האט דורכ'ן טאג געמאכט צונויפגעקליבען.

צװײ מאל אין וואך, מאנטאג און דאנערשטאג, געהט ער איבער די הײזער! פרוטות נעמט דער ארעמער ארעמאן בײ די רײכע ארעמע לײט, די צװײ טעג זענען זײנע.

ווי ליכטיג שײנט די זון, ווי ווארעם זענען איהרע שטראהלען! אײן האנט האלט ער אין בוזעם, און אין דער אנדערע — האלט ער די גראשענס, די פרוטות. ער ווארפט זײ און קלינגט מיט זײ: ער צעהלט זײ און רעכענט זײ. פליצלום...

ווער פאהרט דאס אין דער דאזיגער קארעטע זעקס פערד געשפאנט? א! דאס איז דער גראף פונ'ם שטעדטיל.

די פערד טראגען די קארעטע, און דער שטויב געהט נאך ווי צװײ וואלקענס, בײ די זײטען.

דער שטויב האט איהם אביסעל פארשאטען די אויגען מיט'ן מויל און האט איהם אויף צװײ מינוט פארשטעלט די שײן פון דער ליכטיגער זון.

— אביסעל אײן העזה! אײן עזות פון א גראף! — האט ער א מורקע געטהון זיך אין בארד אַרײן — און האט זיך ווידער גענומען צו דער ארבײט, רעכענען די גראשענס, צעהלען די פרוטות...

ו.

איינגעטיילט זיך.

היינט איז געווארען אַ מאָדע: „חברות", „חדרים", „שקאָלעס", סאַנאַטאָריע. אַמאָל האָבען מיר דערפון נאָר נישט אָנגעהויבען צו וויסען.

געשטאָרבען איין אָרעמאַן און איבערגעלאָזט אַ טוץ קינדער יתומים — האָטש נעם וואַרף זיי אַריין אין וואַסער אַריין! מאָלט איך, עס רעדט זיך נאָר אַזוי; עס האָט זיך נאָך נישט געמאַכט מע זאָל נעמען לעבעדיגע נפשות און וואַרפען זיי אין טייך אַריין; עס רעדט זיך נאָר אַזוי...

אַזוי ווי היינט געדענק איך. בתריאל דער וואַסערפיהרער איז געשטאָרבען און באַלד נאָך איהם איז געשטאָרבען זיין ווייב בתריליכע און ס'איז געבליבען פון זיי אַ היבש ביסעל קינדער, אָהן אַ טאַטען, אָהן אַ מאַמען, אָהן אַ ווינקעל, אָהן אַ שטיקעל ברויט — אַ גוואַלד, אַ גוואַלד, חשך איז געוואָרען אין שטאָדט, חשך צווישען די אָרעמע לייט. — רוצחים! גזלנים! קוילערס! וואָס שווייגט מען? ווי לאָזט מען דאָס אַזוי פיעל נפשות אויסגעהן פון הונגער? פאַר וואָס טהוט מען עפּיס ניט? וואו זענען די נגידים אונזערע? די גבירים?

די נגידים, די גבירים זענען געווען פאַרנומען מיט זייערע געשעפטען און די אָרעמע לייט האָבען ניט אויפגעהערט צו פילדערען און צו ליאַרמען, אַזוי לאַנג ביז ס'איז געקומען אויף דער נאַכט, האָט מען געמאַכט ביים רב איין אסיפה און ס'איז געבליבען מען זאָל זיך מיט די קינדער איינטיילען.

אָט דאָ איז ערשט געוואָרען דער רעכטער געפילדער: בעלנים אויף אַזאַ גרויסער מצוה זענען געווען אַ סך און קינדער סך־הכל זיבען.

ז.

צְוַוייא נְשָׁמָה'לֶעךְ.

— שׁוֹין פַארְטִיג בַּיי דִיר דָארְט אַלְסְדִינְג? נֶעם אֶט דִי צְוַויי אוּנ בְּרָאנְג זֵיי אַרָאפּ אַהִין, אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּנ קוּם בַּאלְד צוּרִיק.

אַזוֹי הָאט גָאט בָּרוּךְ הוּא גֶעזָאגְט צוּם מַלְאָךְ, אָנְוַוייזֶענְדִיג אִיהם אוֹיף צְוַויי זִינְדִיגֶע נְשָׁמָה'לֶעךְ.

אוּנ דֶער מַלְאָךְ הָאט גֶענוּמֶען דִי צְוַויי זִינְדִיגֶע נְשָׁמָה'לֶעךְ אוּנְטֶער דִי פְלִיגֶעל אוּנ הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט מִיט זֵיי אוֹיף דֶער עֶרְד.

אוּנ דִי נַאכְט הָאט פַארְשְׁפְּרֵייט אִיהְרֶע שְׁוַוארְצֶע פְלִיגֶעל אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּנ ס'אִיז גֶעוֶועזֶען פִינְסְטֶער.

אוּנ אַ קַאלְטֶער ווִינְט אַ שְׁטַארְקֶער ווִינְט הָאט גֶעדְרֵעהט אוּנ גֶעבְּלָאזֶען דוּרְךְ דִי פֶענְסְטֶער, דוּרְךְ דֶער טִיר, דוּרְךְ דִי וֶוענְט פוּן אַ קְלֵיין־אַיינְגֶעהוֹיקֶערְט שְׁטִיבֶּעל; אִינ'ם קְלֵיין־אַיינְגֶעהוֹיקֶערְט שְׁטִיבֶּעל, אוֹיף שְׁטְרוֹי גֶעבֶּעט, לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד אַיין אוֹיסְגֶעטְרוּקֶענְט וַוייבֶּעל; דָאס וַוייבֶּעל לִיגְט אוּנ קַאטְשֶׁעט זִיךְ; זִי קַאטְשֶׁעט זִיךְ — זִי גֵעהט צוּ קִינְד.

אוּנ אַ קַאלְטֶער ווִינְט, אַ שְׁטַארְקֶער ווִינְט הָאט גֶעדְרֵעהט אוּנ גֶעבְּלָאזֶען אוּנ הָאט נִיט גֶעקָאנְט דוּרְךְ בְּלָאזֶען דִי גֶעמוֹיֶערְטֶע וֶוענְט מִיט דִי הוֹיכֶע מִיְרֶען אוּנ פֶענְסְטֶער פוּן אַ שֵׁיין־רַייךְ הוֹיז. אִינ'ם שֵׁיינֶעם רַייכֶען הוֹיז, וַוייךְ גֶעבֶּעט, גוּט גֶעבֶּעט, מִיט אַטְלֶעס אוּנ מִיט זַייד, לִיגְט אַ גֶעזוּנְטֶע אַ שֵׁיינֶע פְרוֹי; דִי גֶעזוּנְטֶע שֵׁיינֶע פְרוֹי לִיגְט אוּנ קַאטְשֶׁעט זִיךְ; זִי קַאטְשֶׁעט זִיךְ — זִי גֵעהט צוּ קִינְד.

אוּנ דֶער מַלְאָךְ הָאט אִין דֶער גִיךְ אַהֶער אַרַיין גֶעלָאזְט דִי צְוַויי נְשָׁמָה'לֶעךְ.

— גֵעהט, קִינְדֶערְלֶעךְ — הָאט עֶר צוּ זֵיי גֶעזָאגְט — גֵעהט בְּרִידֶערְלֶעךְ, קוּמְט אָפּ אַבִּיסֶעל אוֹיף דֶער וֶועלְט!

אונ ס'איז אין דער דאזיגער נאכט געבאהרען צוויי יינגעלעך איינס אויף דער ערד, אויף שטרוי, — אויף הונגער, אויף דחקות אויף צרות — א פּיקערעל, איין עסערעל, איין איבעריג'ס אויף דער וועלט; אונ דאס אנדערע — אויף אטלעס אונ אויף זייד, אויף פרייד, אויף גוטס, אויף גליק, אויף לאקעטקעס, אויף זאבאווקעס, צו געניסען פון דער וועלט.

— היתכן? האט דער מלאך געפרעגט ביים רבונו של עולם, איז טאקי רעכט אזוי? דעם גאר אונ דעם גאר ניט? דעם שטרוי אונ דעם אטלעס? דעם לאקעטקעס אונ דעם דחקות?

— קוק אראפ אונ שווייג! האט איהם געענטפערט דער האר פון דער גאנצער וועלט.

עס איז איבערגעלאפען צוואנציג יאהר.

אונ די נאכט האט פארשפרייט איהרע שווארצע פליגעל אויף דער ערד אונ ס'איז געוועזען פינסטער.

אונ א שטארקער ווינט, א קאלטער ווינט האט געדרעהט אונ געבלאזען דורך די פענסטער, דורך דער טיר, דורך די ווענט פון א קליין איינגעהויקערט שטיבעל; פונ'ם קליין איינגעהויקערט שטיבעל הערט זיך א קול, א וויינענדיג קול:

— רבש"ע! ליבער גאט! נעם אן מיין געבעט, הער צו מיין געוויין; שיק מיר דעם טוידט, נעם מיך צו פון דער וועלט — איך קאן זיך שוין מעהר דא ניט מוטשען! —

— ניין, לעב נאך, לעב נאך, מוטשע זיך, — לעב לאנג, לעב לאנג, מיין קינד!...

אונ א שטארקער ווינט, א קאלטער ווינט האט געדרעהט אונ געבלאזען אונ האט ניט געקאנט דורך—בלאזען די געמויערטע ווענט מיט די הויכע טירען אונ פענסטער פון א שען רייך הויז; פונ'ם שע־נעם רייכען הויז הערט זיך א קול, א וויינענדיג קול:

— רבש"ע! ליבער גאט! נעם אן מיין געבעט, הער צו מיין

געוויין; נעם צו דעם מלאך המות פון מיר; איך וויל לעבען; איין עבירה אזא גוטס; איך וויל פון דער וועלט אזוי יונג נישט געהן!

— ניין שטארב, ניין שטארב, געזעגען זיך; — געניג שוין גע־הוליעט, מיין קינד!...

און א שטארקער ווינט, א קאלטער ווינט האט געדרעהט און געבלאזען די נאכט, און די זינדיגע נשמה פונ'ם גליקליכען הויז פון דעם גביר דעם געזונדען איז ניט ווילענדיג צוריק אויפ'ן הימעל ארויף.

און א שטארקער ווינט, א קאלטער ווינט האט נאך לאנג דא געבלאזען און געדרעהט, און די זינדיגע נשמה אינ'ם געפאלענעם שטיבעלע האט זיך ניט ווילענדיג ביים קבצן ביים קראנקע געהאלטען נאך לאנג, נאך לאנג געהאלטען!

ח.

איך שעם זיך.

איך האב געהאט א חבר, מיר האבען געלערענט אין איין חדר אינאיינעם געלעבט, אינאיינעם געטהון נארישקייטען, אינאיינעם געטיילט פריידען און ליידען...

די בלינדע, וואס מע רופט זי פארטונע, די הצלחה האט זיך צוגעשמייכעלט צו מיין חבר, און סע האט איהם בעגליקט, און ס'איז איהם אוועקגעגאנגען בעסער און בעסער, און ער איז געוואקסען העכער און העכער.

און איך בין געבליבען פון אונטען...

לאנג, גאנץ לאנג האבען מיר זיך ניט געזעהען, ניט בעגעגענט מיר זענען געגאנגען אויף פערשידענע וועגען, מיר האבען געוואהנט אין פערשידענע שטעדט.

איין מאל בין איך געקומען אין דער שטאדט וואו מיין חבר האט געוואהנט און בין געגאנגען פארביי מיין חבר'ס אויסגעצייכענט הויז און האב זיך אבגעשטעלט:

„יא אריינגעהן, צי ניט אריינגעהן?"

און איך בין אריינגעגאנגען.

שטעלט איך פאר — ער האט מיך דערקענט!...

— וואס'זשע מאכסט דו, ברודער? ווי געהט עס?

א היבשע ווײלע זענען מיר געשטאנען פון פארענט; אינוועניג צו זיך האט ער מיך ניט אריינגערופען.

ער האט פערשטאנען, אז סע וואונדערט מיך, האט ער צו מיר געזאגט, בעטראכט מיין הלבשה:

— זיי מיר מוחל, גוטער ברודער, האב קיין פאראיבעל, איך בעט דיך, זיי מיר מוחל, איך קאן ניט איך שעם זיך!...

— צי שעמסט זיך? דו שעמסט זיך מיט מיר?

— אַך, ניין, חלילה, ניט דאָס מיין איך, ניט דאָס האָב איך געזאָגט! איך האָב געזאָגט, איך שעם זיך מיט... מיט מײַן גרויס־אַרטיג הויז... פאַר דיר, פאַר אַיין אַלטען חבר, פאַר... פאר... זאָג מיר, וואו וואהנסט דו? וואו שטעהסט דו? איך וועל קומען, איך וועל זיין בײַ דיר, איך וועל זײַן בײַ דיר!

ער האָט געוואָרפען אײַן אויג אויף מײַנע אויסגעדרעהטע צו־ריסענע שטיוועל און איז געוואָרען רויט פאַר בושה...

איך האָב איהם פערשטאַנען און האָב איהם מוחל געווען מיט'ן גאַנצען האַרצען, מיט'ן גאַנצען האַרצען!

ט.

עֶק־וֶועלְט.

דָארְט, אויף יֶענֶער זַייט בֵּית עוֹלָם, אִינְטֶער דֶער שְׁטָאדְט, גֵעהט זִיךְ צוּנוֹיף דֶער הִימֶעל מִיט דֶער עֶרְד.

דָארְט, אויף יֶענֶער זַייט בֵּית עוֹלָם, אִינְטֶער דֶער שְׁטָאדְט, אִיז עֶק־וֶועלְט.

אַזוֹי הָאבֶּען מִיר אַלֶע אִין חֵדֶר אָפְּגֶעפַּסְקְ׳ט אוּנ הָאבְּען אָפְּגֶערֶעדְט צְוִוישֶׁען זִיךְ, צוּנוֹיפְזַאמְלֶען זִיךְ שַׁבָּת בַּיי טָאג, וֶוען דֶער עוֹלָם, וֶוען אַלֶע יוֹרֶען, וֶוען דִי גַאנְצֶע שְׁטָאדְט שְׁלָאפֶען מִיטְ׳ן זִיסֶען שַׁבָּתְ׳דִיגֶען שְׁלָאף, אוּנ זִיךְ לָאזֶען גֵעהן אוּנ גֵעהן בִּיזְ׳ן עֶק־וֶועלְט.

שַׁבָּת בַּיי טָאג, וֶוען דֶער עוֹלָם, וֶוען אַלֶע יוֹרֶען, וֶוען דִי גַאנְצֶע שְׁטָאדְט זֶענֶען גֶעשְׁלָאפֶען מִיטְ׳ן זִיסֶען שַׁבָּתְ׳דִיגֶען שְׁלָאף, הָאבֶּען מִיר זִיךְ צוּנוֹיפְגֶעזַאמֶעלְט אוּנ הָאבֶּען זִיךְ גֶעלָאזְט גֵעהן אוּנ גֵעהן בִּיזְ׳ן עֶ־וֶועלְט.

אוּנ מִיר זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען — צִי אַ שָׁעָה, צִי צְוֵוי, צִי דְרַיי — ווייס אִיךְ נִיט; נָאר מִיר זֶענֶען ב״ה, מִיט גָאטְ׳ס הִילְף, גֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם בִּיז דֶער מִיהל, בִּיז דֶער וִוינְט־מִיהל.

דָא, בַּיי דֶער וִוינְט־מִיהל הָאבֶּען מִיר זִיךְ גֶעזֶעצְט רוּהֶען; זִיךְ צוּגֶעזֶעצְט, צוּגֶעלֵייגְט; צוּגֶעלֵייגְט זִיךְ, אוֹיסְגֶעצוֹיגֶען זִיךְ אוֹיפְ׳ן גְרִינֶעם גְרָאז, אוֹיפְ׳ן שְׁמֶעקֶענְדִיגֶען גְרָאז אוּנ גֶעחַאפְּט אַ דְרִימֶעל.

יֶעדָער פוּן אוּנְז אִיז פַארְנוּמֶען מִיט זַיין זַאךְ, מִיט זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען, מִיט זַיין פֶערְגְנִיגֶען. סְ׳אִיז שְׁטִיל. קֵיינֶער זָאגְט נִיט קֵיין וָוארְט; קֵיינֶער וִויל מֶע זָאל אִיהם אִיבֶּערְשְׁלָאגֶען, קֵיינֶער וִויל יֶענֶעם אִיבֶּערְשְׁלָאגֶען.

— וואו זְשֶׁע אִיז עֶק־וֶועלְט? הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען אֵיינֶער פוּן אוּנְז.

— אָט דאָס איז דאָך עק־וועלט, נאַרעלע! האָט איהם דער אַנדערער געענטפערט.

און ס'איז בײַ אונז אַלע געבליבען דער הסכם, אַז דאָ, אונטער דער ווינט־מיהל, איז עק־וועלט; אַז ווײַטער פון דער מיהל איז שוין די הרי־חושך, די פינסטערע בערג, וואָס זענען בעדעקט מיט אַ שוואַרץ גראָז, און דאָרט, אויף די בערג געפינען זיך נאָך עד היום קליינע יודלעך מיט לאַנגע בערד ביז די שפּיץ־פינגער פון די פיס. די קליינע יודלעך, וואָס גאָט האָט זיי אַהער פאַרטריבען פאַר זייערע צינגער, פאַר זייערע לאַנגע צינגער, דערפאַר, וואָס זיי האָבען גע־הרג'עט איינער דעם אַנדערען מיט די צינגער; און אויף יענער זײַט בערג איז שוין דער פאַרגליווערטער ים, וואָס דער שטורעמווינט פאַר־טרײַבט אַהין אַלע אָקרענטען מיט אַלע שיפען און וואָס קיינער קומט שוין פון דאָרט ניט צוריק...

— אין בית־מדרש אַרײַן! ווײַסע חברה־ניקעס! אין בית־מדרש אַרײַן! לײַטישע בחורימ'לעך! דאַכט זיך שענער צו זיצען אין בית־מדרש שבת בײַ טאָג און לערנען „פרק", איידער וואַלגערען זיך גלײַך מיט אַלע שקצימ'לעך, אונטער דער מיהל. אין בית־מדרש אַרײַן, גוים, עם־הארצים, אין בית-מדרש אַרײַן!

דאָס איז געוועזען „מאָטי רויטעבאַק", אַ שענער יוד, אַ יודע ספר, אַ בעל־הבית מיט איין אייגענער שטוב און מיט „אַ שטאָדט" אין מזרח־וואַנט, די דריטע שטאָדט פונ'ם אָרון־קודש...

ו.

מלאך־המות.

איך האב געהערט אין חדר, מיין רבי האט מיר דערצעהלט! מיין רבי ר׳ מאיר זכרונו לברכה...

שרעקליכע מעשיות האט ער זיך אנדערצעהלט פונ׳ם מענשענס סוף, פונ׳ם מלאך־המות מיט די טויזענדער אויגען פון קאפ ביז פוס, פונ׳ם מלאך־דומה מיט די אייזערנע ריטער, וואס קומט אין קבר אריין מיט א דאפראס:

— רשע! מה שמך? רשע! ווי אזוי רופט מען דיך? עסקת בתורה? וואס האסט דו געלערנט?

און נאך פיעל שרעקליכע, באמת מורא׳דיגע מעשיות און עס איז איבערגעגאנגען א פראסט איבער׳ן לייב און די האר האבען זיך געשטעלט קאפויר.

נאר שרעקליכער פון אלעס איז ביי מיר געוועזען דער מלאך־המות, דער מלאך־המות מיט די טויזענדער אויגען פון קאפ ביז פוס און איך בין זיכער, אז ווען איך וואלט דערנסטמאל זיך באגעגענט מיט׳ן דאזיגען פארשוין, וואלט איך געוויס געשטארבען פאר פחד אליין.

אך, ווי עס בייטען זיך די צייטען!

אצונד, ווען איך זעה זיך מיט „איהם״ כמעט יעדען טאג ווער איך גאר גיט נתפעל.

איך פיעל „איהם״ נעבען זיך; איך הער „זיין״ אטהמען אט דא נעבען זיך; איך ווייס, איך הער, אז „ער״ געהט מיר נאך פון הינטער פוס — טריט — און גאר ניט!

— נו, גיכער, גיכער! — זאָגט „ער“ מיר — מאַך אַ צוואה און קום...

— מאָרגען, אם־ירצה־השם, מאָרגען! — ענטפער איך „איהם“ און לייג דאָס אָב פון טאָג אויף טאָג.

און אַזוי ווי איהר זעהט, נאַרען מיר איינער דעם אַנדערען: ער זאָגט מיר: „צוואה“! איך איהם: מאָרגען... מאָרגען... מאָרגען...

11
המן און זײַנע טעכטער

הָמָן און זַיינֶע טֶעכְטֶער.

א.

פאַר וואָס מע האָט איהם גערופען המן — ווייס איך נישט; נאָר גערופען האָט מע איהם.

אפשר דערפאַר, ווייל ער איז געוועזען אַ שלעכטער? — האָט פון איהם קיינער ביי אונז קיין שלעכטס נישט אַרויסגעזעהן.

אפשר דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַט צעהן זיהן? — האָט ער נישט געהאַט, אַ חוץ צוויי טעכטער, איין זוהן אַפילו.

אפשר דערפאַר ווייל ער האָט געהאַט אַ ווייב זרש? — איז ערשטענס ביי יודען נישטאָ אַזאַ נאָמען, און צווייטענס האָט ער פון זינט איך געדענק איהם קיין ווייב נישט געהאַט.

פאַר וואָס זשע פאָרט האָט מען איהם אַ נאָמען געגעבען ביי אונז אין מאַזעפּעווקע אַזאַ מיאוסען נאָמען!?

נאָר אַ קשיא, וואָס ביי אונז אין מאַזעפּעווקע קאָן מען אַ נאָמען געבען!

למאי ס'איז פאַרהאַן ביי אונז אַ יוד — מיר דאַכט ער לעבט נאָך — וואָס מע רופט איהם „תרח"!

און ווי געפעלט אייך אַ נאָמען „גיהנם"? אַ נאָמען „האַרמידער"? אַ נאָמען „טעלעצע"? אַ נאָמען „מלאך המות"? אַ נאָמען „חלירע"? אַ נאָמען „קליפה"?

צי למשל ס'איז געווען ביי אונז אַ יודינע, האָט זי געהייסען „עטי־פעטי", און נאָך אַ יודינע „צאינה וראינה", און איינע אַ יודינע איז ביי אונז געווען מיט גאָר אַזאַ מין נאָמען: „חנה־שרה־פייגע־פעלצעליכעס"!

בקצור געהייסען האָט ער מרדכי און גערופען האָט מען איהם „המן"; און געווען איז ער אַ הויכער, אַ טרוקענער, מיט גרויסע שוואַרצע אויגען, מיט אַ לאַנגער נאָז, מיט אַ קורץ אויסגעפליקט גרויליך בערדעל, וואָס ער האָט

תמיד געפליקט פון דעם אייגציגוויזע די האר, נישט געלאזט ס'זאל וואכסען; די באקען זענען געהאנגען אראפ מיט א סך קנייטשען אויפ'ן לאנגען האלז, און די אונטערשטע ליפ האט געקוקט ארוים, און געגאנגען איז ער אויסגעצויגען ווי א סטרונע, געקוקט אויף איטליכען פון אויבען אראפ, ווייניג גערעדט, קיין מאל נישט געלאכט און שטענדיג-שטענדיג פערטראכט.

געהאנדעלט האט ער תמיד מיט פריצים, מיט די מאזעפעווקער יודען נישט געהאט קיין שום מגע-ומשא, א חוץ א נדבה, א נדר אין שול אריין, אי דאס שטיל, אהן ווערטער, נישט געדונגען זיך, נאר געפרעגט „וויפיעל", — און ארויסגענומען, און געגעבען.

אויך די צוויי טעכטער זיינע, צוויי שעהנע מיידלעך, האבען זיך נישט אנגעקערט מיט קיינעם; תמיד געזעסען אין שטוב, מיט קיינעם נישט גערעדט, זיך בעהאלטען אפילו פאר דער דינסט.

אין שטאדט האט מען זיי גערופען „די המנ'טעס", און געהאלטען פאר שלעכטע מענשען, אזעלכע „רשע'טעס" ווי דער טאטע זייערער, ווי „המן".

געוואהנט האבען זיי „נישט ווי געוויינטליך", דאס הייסט נישט ווי אלע מאזעפעווקער יודען; זיי האבען זיך געהאט א בעזונדערן הויף מיט א גארטען גאר, און מיט א גרויסען פארקאן, און א הונט איז געווען דארט אין הויף.

א פחד איז אויף מיר אנגעפאלען אלע מאל, ווען איך בין דורך-געגאנגען פערביי המנ'ס הויף; נישט פאר'ן הונט, ווארום אלע האבען געוואוסט אז דער הונט איז אויף א קייט; נאר פאר'ן נאמען „המן" אליין האב איך שוין געציטערט.

נאך אז איך בין געווען א קינד פלעגט מען מיך שרעקען מיט דעם דאזיגען נאמען: אט רוף איך אריין „המנען"! „אט גיב איך דיך אפ צו המנען"! שפעטער אז איך האב אנגעהויבען געהן אין חדר אריין, האט מען מיר אנגעוויזען המנ'ס הויף און המנ'ען אליין, און אלע מאל, ווען איך האב מיך מיט איהם בעגעגענט, בין איך פון איהם אנטלאפען.

איין מאל, געגאנגען פון חדר אהיים, האב איך איהם דערזעהן כמעט נעבען אונזער שטוב, בין איך דורך-געפלויגען פערביי און האב מיך אומגעקערט ערשט דעמאלס, אז איך האב געזעהן אז ער איז שוין נישטא.

דאס אנדערע מאל בין איך געגאנגען פארנאכטליך אין שול אריין, געווען פערטיעפט אין רעיונות, געטראכט וועגען די קנעפלעך וואס איך

: פערשפילט אין חדר, און וועגען דעם חומש מיט רש"י וואָס איך קאָן ניִשט, און וועגען די שמיץ וואָס איך וועל חאַפּען פונ'ם רבין... צים, איך טהו אַ קוק — ויבא המן! ער געהט מיר אַקעגען און שטעהט כמעט נעבען מיר, האָב איך אָנגעהויבען שרײַען ניִשט מיט מײַן קול האָב מיך געלאָזט לויפען אין דער וועלט אַרײַן, און איך בין געפאַלען, מע האָט מיך אויפגעהויבען כמעט אַ טוידטען.

— וואָס איז דיר? גאָט איז מיט דיר!

— איך האָב איהם געזעהן... ער איז געשטאַנען נעבען מיר...

— ועמען האָסט דו געזעהן? ווער איז געשטאַנען?

— המן... המן...

— וואָסער המן? אַ? „המן"? וואָס זשע איז, נאַריש יונגעל וואָס דו ביזט? ער איז דען אַ בער? ער וועט דיך אויפעסען? פי, שעמען מעגסט דו זיך? אַ חדר־יונגעל, וואָס לערנט שוין חומש מיט רש"י זאָל מורא האָבען פאַר אַ מענשען!...

פון דעמאָלט אָן בין איך געוואָהר געוואָרען, אַז המן איז אַ מענש, און מע דאַרף פאַר איהם קײַן מורא ניִשט האָבען.

ב.

מיר זענען שוין לאַנג אַרויס פונ'ם חדר, איך און מײַן חבר, מיר האָבען שוין אַפילו ניִשט געלערענט מעהר מיט חברים אין בית המדרש. אַ נײַע תורה האָבען מיר מקבל געווען. נײַע לערנונגען, אַ נײַער רבי, נײַע חברים, נײַע האָפנונגען זענען אויפגעשטאַנען.

„השכלה" האָט געהייסען די נײַע תורה. „לעהרער" האָט געהייסען דער נײַער רבי. גימנאַזיע, אוניווערסיטעט, דאָקטאָר — אָט דאָס זענען געווען די נײַע האָפנונגען.

ביכער, ביכער, ביכער — אָט דאָס איז געווען אונזער עובר־א, אונזער יצר־הרע, אונזער לעבען!

ביכער אין מאַזעפּעווקע? פון וואַנען זאָל זיך נעמען אין מאַזעפּעווקע ביכער? וויפיעל ס'איז געווען ביכער בײַ בעקאַנטע האָבען מיר זיי אײַנגע־שלונגען און האָבען זיך גענומען צו דער ביבליאָטעקע.

נאָר די מאַזעפּעווקער ביבליאָטעקע האָט אונז געקלעקט אויף אײַן צאָהן.

ביכער, ביכער, ביכער! אונזער מאגען האט געמאהנט מזונות: ביכער און ביכער!

האט אונז דער לעהרער איין מאל אין א שעהנעם פריהמארגען אנט-פלעקט א סוד, אנגעוויזען איין אוצר, צוויי גרויסע שאפעס פול אנגע-שטופט מיט ביכער. און שטעלט איך פאר ביי וועמען? ביי המנ׳ען!

פון דעמאלט אן זענען מיר געווארען אפטע — אפטע געסט ביי המנ׳ען! גענומען ביכער, אפגעבראכט די ביכער און גענומען אנדערע ביכער, אלערליי ביכער. ביי המנ׳ען זענען געווען ביכער און ביכער, פון כל טוב!

פון דעמאלט אן האט זיך אנגעהויבען אונזער קענטשאפט. און ווי ווייט און ווי שטארק זענען מיר געווען נתפעל, אז מיר האבען זיך בע-קאנט מיט המנ׳ן גופא!

ערשטענס זענען מיר נתפעל געווארען פון דעם, וואס המן איז קלאהר אומעדום „ווי א וואסער״. פון וואס איהר זאלט מיט איהם נישט רעדען — ווייסט ער; וואס פאר א בוך איהר זאלט נישט אנחאפען — האט ער איהם געלייענט.

צווייטענס — אלס מענש.

א מאדנער, א משונה מאדנער מענש אט דער המן! נישט נאר קיין שלעכטער בטבע, נישט נאר קיין בעזער, קיין טרוקענער, קיין אנגע-בלאזענער; אדרבה — א צוגעלאזטער, א ווייכער, א פריינדליכער, און תמיד גרייט אייך צו דינען, געהן וואוהין איהר וועט איהם הייסען און טהון וואס איהר ווילט.

אין שטוב — שטיל ווי א טויב, קלענער ביי זיך פון אלעמען, האדע-וועט אליין די קאץ, גיט אכטונג מע זאל געבען עסען דעם הונט, גיט זיך אפ מיט פויגעלעך גאר, טיילט ארוים די דינסטען אין קעך אריין, נישט געהערט ער זאל עמיצען זאגען א הויך ווארט — א מאדנער, א משונה מאדנער מענש אט דער דאזיגער המן!

— פאר וואס האט מען איהם א נאמען געגעבען המן? — האב איך אויף א ציקאווועסט א פרעג געטהון איין מאל אין דערהיים, און האב בעקומען דרויף אזא מין ענטפער:

— דערפאר וואס ער איז א המן.

איך האב מיך געפרובט איבערשפארען:

— וואס פאר א המן איז ער? ער איז דאכט זיך גאר נישט קיין המן! האט מען מיר דרויף געענטפערט:

— רעדסט ווי א קינד. דער מענש איז איין המן! דער מענש זיצט איין אלמן שוין אפשר פופצעהן יאהר און האט נישט חתונה! גענוג? דער מענש האט צוויי טעכטער, דוקא שעהנע מיידלעך, האלט ער זיי אויף א יקרות און וויל קיין שדוך נישט טהון — גענוג? דער מענש האט נאך אויף זיין לעבען קיין שמייכעל נישט געטהון — גענוג?

איך האב מיך אנגעהויבען צוקוקען צו המנ'ען נעהנטער; אמת: מע זעהט פון איהם קיין פרעהליכע מינע, מע זעהט פון איהם קיין שמייכעל נישט; תמיד פערטראכט, שטענדיג ערנסט; ערנסט בשעת ער רעדט; ערנסט בשעת ער טהוט עפיס; ערנסט בשעת ער האדעוועט די קאץ; ערנסט בשעת ער גיט די פויגעלעך א טרונק; ערנסט בשעת ער טיילט אוים אין קעך אריין און נעמט אפ חשבון פונ'ם מארק.

גלייך, אויסגעצויגען ווי א סטרונע, מיט'ן אויסגעפליקטען בערדעל, מיט'ן לאנגען געקנייטשטען האלז, מיט דער ארויסגעשטעלטער אונטערשטער ליפ, שטענדיג ערגסט, קיין מאל נישט קיין שמייכעל טהון — א המן, איין אמת'ער המן — און דאך א וואהלער א צוגעלאזטער, א פריינדליכער, א קלוגער, א מחיה'דיגער מענש!

— וואס פאר א המן איז ער?

אזוי האבען מיר זיך געפרעגט איינס דאס אנדערע, איך און מיין חבר און האבען נישט געקאנט געפינען קיין תירוץ.

מיט אמאל איז אונז פערענטפערט געווארען די קשיא.

ג.

איך מיין אז איך וועל אייך אפילו נישט זאגען, וועט איהר אליין פער־שטעהן, אז פון אונזער אפט אריינקומען צו המנ'ען האבען מיר זיך סוף כל סוף צוגעשלאגען צו זיינע טעכטער, צו די „המנ'טעם".

פאר וואס זאג איך „צוגעשלאגען"? ווייל ער האט זיי געהאלטען כמעט אונטערן שלאס.

קיין בן אדם האט זיי נישט געקאנט זעהן, זיי האבען זיך געהאט זייער בעזונדער חדר, צום פאטער קיין מאל נישט ארויסגעגאנגען, מיט קיין זאך אין שטוב זיך נישט אבגעגעבען א חוץ ביכער, הײנט פון וואנען זאל מען זיי קענען?

ויהי היום, מיר קומען איין מאל צו געהן — נישטא המן אין דער

היים, ערגיץ אוועקגעגאנגען

זעגען מיר אריינגעקומען צו איהם אין חדר אריין, דארט וואו דער אוצר פון ביכער; און אזוי ווי מיר קומען אריין — טרעפען מיר צוויי נקבות זיצען און ליינען, איינע שעהנער פון דער אנדערער, איינע א הויכע, איין ערעלע מיט שווארצע אויגען, און מיט שווארצע האר. די אנדערע א נידעריגע, א קיילעכיגע, איין אונטער־געשארענע מיט קלוגע, לעבעדיגע, גרויע אויגען.

דאס זעגען געוועזען המנ׳ס טעכטער, די „המנ׳טעס״.

איך רעכען לחלוטין פאר איין איבעריגע זאך בעשרייבען ווי אזוי מיר האבען זיך בעקענט מיט המנ׳ס טעכטער, פון וואס מיר האבען גערעדט, ווי אזוי מיר האבען גערעדט, דאס איז אזא מאטריאל, וואס לאזט זיך ציהען ווי גומעלאסטיק, אזא מאטריאל וואס מע קאן פון איהם ציהען פארעם אהן א שעור און שרייבען און שרייבען.

נאר וויפיעל מע זאל נישט שרייבען, א סוף מוז עס דאך אמאל האבען; דעם שפיץ, דעם שפיץ, מוז מען ארויסזאגען.

דער שפיץ — מיר האבען זיך ביידע פערליעבט.

מיין חבר אין דער עלטערער, דער הויכער מיט די שווארצע האר, און איך אין דער קלענערער מיט די בלויע גרויסע אויגען.

מיר האבען זיך ביידע פערליעבט מיט דער אמת׳ער, הייסער, מסוכנער ליעבע; פערליעבט ווי עס קענען זיך פערליעבען צוויי מאזעפעווקער בחורים׳לעך, וואס זענען אויף זייער לעבען נאך נישט געזעסען נאהנט נעבען א מיידעל סע זאל זיך זיי נישט אנצינדען די בעקלעך; וואס האבען געוואוסט אז „א כלה״ איז די וואס מע פיהרט זי צו דער חופה; וואס האבען געוואוסט אז א ליעבע איז די ליעבע פון שיר השירים, אז א ראמאן איז הייליג, קודש קדשים.

מיר האבען זיך ביידע, איך מיט מיין חבר, „אנטפלעקט״, אויסגעזאגט איינער דעם אנדערן פונ׳ם הייליגען סוד, און פון דעמאלס אן איז צוגענומען געווארען אונזער גליקליך קינדערש לעבען.

פון דעמאלס אן איז צוגענומען געווארען דער שלאף פון אונז׳רע אויגען, דער אפעטיט צום עסען און אפילו דער אפעטיט צום לערנען און דער חשק צו די ביכער.

דאס הייסט לערנען האבען מיר אפילו נישט אויפגעהערט צו לערנען, מיר האבען זיך געגרייט אוועקצופאהרען שטודירען; נאר ס׳איז שוין געוועזען נישט דאס; נישט דאס פייער, נישט דער ברען וואס פריהער.

פון דאַמאָלס אָן האָבען מיר געטשאַטעװעט קומען צו המנ׳ן פונקט דעמאָלס װען ער איז נישטאָ אין דערהײם, און מיר זענען געװען גליקליך, אַז מיר האָבען געקאָנט רעדען חאָטש עטליכע — עטליכע װערטער מיט די דאָזיגע „הויכע עדעלע נשמות״.

אַזוי האָבען זײ אויסגעזעהן בײַ אונז אין די אויגען, װײַל גערעדט האָבען זײ װיניציג און נאָר געקוקט, געקוקט אויף אונז און יעדער קוק האָט אָנגעצונדען בײַ אונז אַ פײַער אין הארצען, יעדער קוק איז געװען אַ שאָס פון אַ ביקס, אַ בליץ פונ׳ם הימעל.

און נאָך דעם, אַז המן האָט אָנגעקלונגען אין דער טהיר, האָבען זײ זיך פערבאָרגען בײַ זיך אין חדר און שוין מעהר נישט בעװיזען זיך פאַר אונז ביז׳ן אַנדערן מאָל.

אַזוי האָט זיך דאָס געצויגען ביז ס׳איז געקומען די צײַט פון אונזער אַװעקפאָהרען צום עקזאַמען.

דאָס אַװעקפאָהרען צום עקזאַמען איז געװען בײַ אונז אַזאַ יום־טוב, װאָס מיר האָבען זיך געגרײַט צו איהם עטליכע יאָהר כסדר.

װיפיעל צרות און יסורים דאָס האָט געקאָסט! װיפיעל מלחמות איז מען אויסגעשטאַנען! װיפיעל טרעהרען זענען פערגאָסען געװאָרען, איידער מיר האָבען געפועלט, אַז מע זאָל אונז לאָזען שטודירען, איידער מיר האָבען דערהערט דאָס גוטע װאָרט, װי מע פיהרט אונז אָב אין דער גרויסער שטאָדט אַרײַן צום עקזאַמען!

און אַז ס׳איז געקומען די צײַט פון פאָהרען צום עקזאַמען, זענען מיר געבליעבען שטעהן, איך און מײַן חבר, װי אין דער הינערפלעט. נישט געװאוסט װאָס צו טהון.

אַװעקפאָהרען און נישט גערעדט מיט אונזערע „הויכע עדעלע נשמות״ פון גאָרנישט? נישט אויסגעזאָגט פאַר זײ פון יענעם הײליגען סוד קײן װאָרט אַפילו?... נאָר װי אַזוי רעדט מען? װי אַזוי הויבט מען אָן צו רעדען מיט אַזעלכע „הויכע עדעלע נשמות״?

און ס׳איז געבליבען בײַ אונז בײדען, מיר זאָלען דאָס אַרויסזאָגען הורך בריעף, אויסגיסען אויף פאַפיר.

און מיר האָבען „אויסגעגאָסען״ אונזער האַרץ אויף פאַפיר.

וואָס מיר האָבען דאָרטען געשריבען, קאָן איך איצט נישט געדענקען; און אפילו ווען איך זאָל געדענקען, וואָלט איך אייך נישט אויסגעזאָגט, וואָרום איהר וואָלט דאָס נישט פערשטאַנען און איהר וואָלט געלאַכט.

און מיר האָבען נישט געלאַכט; ניין, דוקא נישט! מיר האָבען געוויינט.

מיר האָבען זיך געגעבען איינס דאָס אַנדערע איבערלייענען די דאָזיגע בריוולעך און האָבען געוויינט, געוויינט מיט טרעהרען, מיט הייסע, אמת'ע טרעהרען!

גוט אויסגעוויינט זיך, האָבען מיר אונזערע צוויי שעהנע מליצה־בריעף איבערגעגעבען מיט גרוים מיה דורך המנ'ס דיענסטמיידעל און אויף מאָרגען, אַז מיר זענען געקומען אין דער „געוועהנליכער צייט" צו המנ'ען, אין דער צייט, ווען ער איז נישטאָ אין דערהיים, האָט אונז דאָס דיענסט־מיידעל בעגעגענט מיט אַ מאָדנעם שמייכעל אויפ'ן פנים און האָט אונז אַריינגעפיהרט אין המן'ס חדר אַריין און געהייסען צוואַרטען ביז די „באַרישנעס" וועלען אַריינקומען פון גאָרטען.

און מיר האָבען זיך צוגעזעצט וואַרטען ביז אונזערע „הויכע עדעלע נשמות" וועלען אַריינקומען פון גאָרטען.

ס'איז געווען אָפען דאָס פענסטער, אין דרויסען האָט געשיינט — אָנהויב זומער איז דאָס געווען, — די זון האָט פרעהליך אַראָבגעקוקט פון איהר הויכען געצעלט, פונ'ם לויטער בלויען הימעל און פונ'ם גאָרטען — דער איינציגער יודישער גאָרטען אין מאַזעפּעווקע — האָט זיך געלאָזט הערען אַ זיסער ריח פון די ווייַנשעל־בוימער, וואָס האָבען געהאַלטען אין רעכטען בליהען, און די קליינע ווייסע שמעקעדיגע ווייַנשעל־בליהמעלעך האָבען זיך ווי פליעגעלעך, ווי קליינע ווייסע לעבעדיגע, פרעהליך געטראָגען אין דער לופטען, און עס האָט זיך געלאָזט הערען אַ זשומען, אַ פּישטשען און אַ שמיצערן פון אַ סך — אַ סך פויגלען, פונ'ם גאָרטען, פונ'ם איינציגען יודישען גאָרטען אין מאַזעפּעווקע.

עס האָט זיך געעפענט די טהיר און עס זענען אַרייַנגעקומען אונזערע „הויכע עדעלע נשמות".

און אַז אונזערע „הויכע עדעלע נשמות" זענען אַרייַנגעקומען, האָבען מיר זיך ביידע, איך און מיין חבר, אַ חאַפּ געטהון פון די ערטער, זיך נענגרייט האָרכען איין ענטפער אויף אונזערע טרויעריגע בריעף. אויף אונזערע אומשולדיגע טרעהרען.

נאָר די „הויכע עדעלע נשמות", אַז זיי האָבען אונז דערזעהן,

האָבען זײַ אַ קוק געטהון אײנס אויף דאָס אַנדערע און האָבען אויסגעשאָסען אַ געלעכטער אונז גלײַך אין פּנים אַרײַן און זענען אַנטלאָפען צו זיך אין חדר אַרײַן.

און איך מיט מײַן חבר זענען געבליבען שטעהן ווי געלײמט, געקוקט אײנס אויף דאָס אַנדערע און נישט געקאָנט אויסרעדען קײן וואָרט אפילו.

אַ גליק וואָס דאָס דינסטמײדעל איז אַרײַנגעקומען צו אונז. און אַרײַנגעקומען איז זי צו אונז מיט אַזאַ מינע, ווי אײנער רעדט: „וואָס שטעהט איהר ווי די לײמענע גולם'ס? געהט אײַך געזונדטערהײד!"...

מיר האָבען פערשטאַנען, אַז מיר דאַרפען געהן; נישט געהן נאָר לויפען, לויפען וואוהין די אויגען וועלען טראָגען! און מיר זענען געלאָפען, געלאָפען פון דער דאָזיגער שטוב, גלײַך ווי עמיצער האָט אונז געיאָגט, גלײַך ווי צעהן בעזע הינד זענען אונז נאָכגעלאָפען, און יענער געלעכטער האָט זיך געלאָזט הערען, געקלונגען אין אונזערע אויערן.

און די זון האָט געשײַנט, און די ווײַנשעל־בוימער האָבען געבליהט, און די פויגלען האָבען געזשומעט און געפּישטשעט און געשמיצערט. און איך מיט מײַן חבר זענען געלאָפען, געלאָפען און יענער געלעכטער האָט נאָך זיך געלאָזט הערען, געקלונגען אין די אויערן.

. . . .

. . . .

עס איז אונז פערענטפערט געוואָרען די קשיא פאַר וואָס מע האָט איהם גערופען „המן" און זײַנע טעכטער — די „המנ'טעס"

12
גימנאזיע

„גימענאזיע״.

— דער ערגסטער שונא, הערט איהר, וועט אייך נישט טהון דאס, וואס א מענש קאן טהון זיך אליין, ובפרט אז עס מישט זיך אריין א יודינע, א ווייב הייסט עס. אקעגען וואס, מיינט איהר, זאג איך עס? אקעגען מיר אליין טאקע. אט נעהמט מיך למשל, ווי איהר זעהט מיך אטא, דאכט זיך וואס? א יוד, כלעבען, א מיטעלמעסיגער, אויף דער נאז ביי מיר שטעהט ניט אויפגעשריבען: צי האב איך געלד. צי האב איך קיין געלד ניט, צי אפשר בין איך גאר דערונטער? עס קאן זיין, אז אמאל האב איך דוקא יא געהאט געלד, און ניט אזוי געלד אליין,— געלד איז בלאטע — פרנסה האב איך געהאט און בכבוד און שטיל, נישט געפלויגען, נישט געטראסקעט, ווי אנדערע, וואס האבען ליעב פי־פו־פא. ניין! איך געה מיט דעם גאנג, אז שטיל און פאמעליך איז בעסער. שטיל און פאמעליך האב איך מיר געהאנדעלט, שטיל און פאמעליך א פאר מאל געשטעלט זיך, שטיל און פאמעליך אפגעעקט מיט די סוחרים און ווידער גענומען זיך שטיל און פאמעליך צו דער ארבייט. איז דאך אבער פארהאן א גאט אויף דער וועלט, האט ער מיך מזכה געווען מיין אייגענם א ווייב ... זי איז דאך דא נישטא, קאנען מיר רעדען אפענטליך... א ווייב, הייסט דאס, ווי אלע ווייבער, דאס הייסט אזוי אויפ׳ן קוק איז זי אפילו דוקא גאר נישקשה׳דיג — יא! איין „אסאבע״, קיין עין־הרע, צוויי מאל אזוי די גרוים ווי איך, און נישט קיין מאוסע, טאקי א יפת־תואר, קאן מען זאגען, און נישט קיין נארישע, א קלוגע, מע קאן זאגען, א גאנץ קלוגע, א בר־דעת, א גאנצער מאנסביל — און דאס איז ערשט דער רעכטער חסרון: אוי, נישט גוט, הערט איהר, אז דאס ווייב איז א מאנסביל! טויזענד מאל קלוג, אז דער אויבערשטער האט פארט בעשאפען פריהער אדם הראשונען און נאכדעם שוין חוה׳ן! געהט זשע

אָבער רעדט מיט איהר, זאָגט זי: „וואָס דער אויבערשטער האָט בעשאַפען פריהער אייך און נאָכדעם אונז—דאָס איז, זאָגט זי, איז זיין עסק; נאָר דאָס, זאָגט זי, וואָס ער האָט מיר, זאָגט זי, אַריינגעגעבען אין פּיאַטע מעהר שכל ווי דו האָסט אין קאָפּ, בין איך אין דעם, זאָגט זי, כלל ניט שולדיג". „אַקעגען וואָס, זאָג איך, איז דאָס געקומען צו רייד?" „אַקעגען דעם, זאָגט זי, איז דאָס געקומען צו רייד, וואָס פאַר אַלם-דינג דאַרף מיר דאַרען דער קאָפּ; אַפילו דאָס קינד, זאָגט זי, אַריינגעגעבען אין גימענאַזיע בעדאַרף אויך אין זינען האָבען איך". „וואו שטעהט דאָס, זאָג איך, געשריבען „גימענאַזיע"? איך קאָן ניט בעשטעהן, זאָג איך, אַז ער זאָל די תורה אויסלערנען אין דעם היים?" „איך האָב דיר שוין טויזענד מאָל, זאָגט זי, געזאָגט, אַז דו ווערסט ביי מיר ניט פּועל'ן איך זאָל, זאָגט זי, גערן קעגען דער וועלט; די וועלט איז זיך, זאָגט זי, נוהג, אַז קינדער געהען היינט אין גימענאַזיע". „נאָך מיין שכל, זאָג איך, קומט אויס, אַז די וועלט איז משוגע". „נאַר דו איינער, זאָגט זי, ביזט אַ קלאָרער? די וועלט, זאָגט זי, זאָל געהן מיט דיין שכל, וואָלט זי טאַקע געהאַט אַ שען פּנים!" „איטליכער מענש, זאָג איך, געהט זיך מיט זיין שכל". „מיינע שונאים, זאָגט זי, און מיינע פריינדס שונאים מעגען דאָס פערמאָגען אין קעשענע, אין קאַסטען און אין שאַפּע, וואָס דו פערמאָגסט אין קאָפּ, וואָלט שוין דעמאָלט געווען אויף איין אופן". „אַז אַך און וועה איז, זאָג איך, דעם מאַנסביל, אַז אַ נקבה דאַרף אויף איהם זאָגען מבינות!"... „אַז אַך און וועה איז, זאָגט זי, דער נקבה, וואָס האָט אַזאַ מאַנסביל, וואָס די נקבה זאָל דאַרפען זאָגען אויף איהם מבינות!!!"... היינט געהט טענה'ט זיך אויס מיט אַ ווייב! אַז איהר זאָגט איהר דאָס, ענטפערט זי אייך בוידעם, איהר זאָגט איהר אַ וואָרט, גיט זי אייך אויסגאָב צוועלף, און טאָמער שווייגט איהר איהר אָב, הויבט זי גאָר אָן צו וויינען, אָדער זי נעהמט, איך בעט איבער אייער כבוד, און פאַלט חלשות, — זעהט איהר, דעמאָלט בין איך אייך שוין אודאי מקנא! בקצור אַהין-אַהער, אויסגעפיהרט האָט „זי", ניט איך, ווארום לאָמיר זיך ניט נאַרען, אַז „זי" וויל, איז עפּעס אַ תירוץ?... —

על כפּנים וואָס זאָל איך אייך דערצעהלען? — גימענאַזיע! מע בעדאַרף, הייסט עס, זיך נעהמען צוגרייטען איהם, ער זאָל אַריין ראשית חכמה אין „מלאַדשי פּריגאָטאָוויטעלנע". אודאי איז עס אַ גרויסע תורה, אַ קלייניגקייט „מלאַדשי פּריגאָטאָוויטעלנע"! דאַכט מיר, אַז ביי אונז

אַ ליאַדע חדר־יונגעל, אַ דרדקי, וועט זיי אַלע פערשטעקען אין גאַר־טעל, ובפרט נאָך אַזעלכער ווי מיינער, וואָס מע זאָל אויספאָהרען אַ אימפּעריע, וועט איהר נישט געפינען דעם צווייטען! איך בין דאָך אַ פאָ־טער, ניט שייך צו זאָגען; נאָר יענער האָט אַ קאָפּ, וואָס עקט זיך די וועלט! וואָס טויג אייך לאַנגע רייד, ער איז אַוועקגעגאַנגען און האָט זיך געשטעלט און האָט געהאַלטען און האָט... ניט אויסגעהאַלטען! וואָס איז די מעשה? ער האָט געחאַפּט אַ צוויי פון רעכענען; ער איז, זאָגען זיי, שוואַכליך אינ'ם חשבונען, אין „חכמת המאַטעמאַטיקע", הייסט עס. ווי געפעלט אייך אַזאַ געשיכטע? יענער האָט אַ קאָפּ, וואָס עקט די וועלט, מע זאָל אויספאָהרען אַ אימפּעריע, דערצעהלען זיי מיר מעשיות—מאַטעמאַטיקע! בקצור ער האָט ניט אויסגעהאַלטען! האָט דאָס איך אודאי זעהר גוט פערדראָסען; ער איז שוין געגאַנגען האַלטען, נעהייבי וואָלט ער אויסגעהאַלטען. נאָר איך בין דאָך אַ מאַנסביל, ניט קיין נקבה, האָב איך מיך מישב געווען, אַ שענע ריינע כפרה, אַ יוד איז געוועהנט געוואָרען... געהט זשע אָבער שמועסט מיט איהר, אַז זי האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַ משוגעת: איין מאָל פאַר אַלע מאָל גימנאַזיע! טענה איך מיט איהר: „זאָג מיר, זאָג איך, זאָלסט מיר זיין געזונד, צו וואָס, זאָג איך, דאַרפסט דו דאָס? צום פּריזיוו—איז ער ברוך השם אַ בעוואָרענטער, זאָג איך, איינאונאיינציגער; צו פרנסה — בעדאַרף איך עס, זאָג איך, אויך אויף כפרות: וואָס אַרט מיך, זאָג איך, אַז ער וועט זיין אַ קרעמער גלייך מיט מיר, צי אַזוי אַ סוחר ווי אַלע יודען? און טאָמער איז איהם, זאָג איך, חלילה בע־שערט צו זיין אַ נגיד, אַ באַנקיר, בין איך, זאָג איך, אויך ניט בדלות". אַזוי טענה איך מיט איהר. הערט עפּיס די וואַנד? „גלייכער אַזוי, וואָס ער איז, זאָגט זי, ניט אַריין אין מלאַדשי פּריגאָטאָוויטעלנע". „וואָס איז דען?" „אַזוי זאָגט זי; ער וועט שוין, זאָגט זי, בעסער אַריין גלייך אין סטאַרשע פּריגאָטאָוויטעלנע". מילא סטאַרשע פּריגאָטאָוויטעל־נע איז סטאַרשע פּריגאָטאָוויטעלנע! עס שפּיעלט ביי מיר אודאי אַ גרוי־סע ראָליע, אַז יענער האָט אַ קאָפּ, מע זאָל אויספאָהרען אַ אימפּעריע! וואָס לאָזט זיך אויס דער סוף? ס'איז געקומען צו דער רעכטער שפּיעל — ווידער אַ צוויי, שוין נישט פון מאַטעמאַטיקע; אַ נייער אומגליק: דאָס אויסלעגעכטס איז ביי איהם נישט ווי מע בעדאַרף! דאָס הייסט לעגען לעגט ער אוים גוט, — נאָר וואָס דען? אויף איין אות איז ער אַ ביסעל דאַסיג: אויף דער „בוקווע יאַטי". דאָס הייסט שטעלען שטעלט

ער איהם, דעם יאטי, פארוואס זאל ער איהם ניט שטעלען? דער חסרון, זאגען זיי, ער שטעלט איהם נישט דארט וואו מע בעדארף. בין איך בדלות! איך וויים גארניט, הערט איהר, ווי אזוי וועל איך קאנען פאהרען קיין פאלטאווע און קיין לאדז אויפ׳ן יריד, אז טאמער וועט ער חלילה ניט שטעלען דעם „יאטי“ אט דארטען, וואו זיי ווילט זיך! הכלל אז מע האט אונז אנגעזאגט די גוטע בשורה, האט זי דאך מסתמא איינגעלעגט די וועלט; געפלויגען צום דרעקטאר, געטענה׳ט, אז ער קאן, ער יכול׳ט: א סימן, זאגט זי, אט לאז מען איהם אריינרופען און פערהערען איבער א נייס, נאך אמאל פונ׳ם אנהויב. האט מען זי דאך געהערט מסתמא ווי דעם פאראיאהריגען שניי — געשטעלט א צוויי און נאך א מין צוויי, מיט א מינוס א צוויי! — און גיה רוף מיך קנאקניסעל! א געוואלד, א געפילדער: סטייטש ווידער ניט אויסגעהאלטען! זאג איך צו איהר: „נו, אם כן, זאג איך, וואס זאל מען טהון? בעדארף מען זיך, זאג איך, טאקי נעהמען דאס לעבען?! א יוד, זאג איך, איז געוועהנט געווארען“... ווערט זי דאך מסתמא אנגעצונדען און הויבט דאך אן מסתמא צו פייערן, בעגראבען און שעלטען, ווי „זיי“ קאנען... נאר דאס בין איך אייך מוחל. א רחמנות איז נעבאך געוועזען אויף איהם, א צער בעלי חיים! סטייטש, אזאנ׳אומגליק; אלע וועלען זיך אנטהון אין ווייסע קנעפלעך און ער ניט!... טענה איך מיט איהם: „שוטה איינער וואס דו ביזט! פרא-אדם! ס׳איז דען א הילכי תמצא, זאג איך, אז די גאנצע וועלט זאל אריין? נארעלע, עמיצער מוז דאך, זאג איך, בלייבען אין דערהיים אויך, ציי נייין? עלעהיי, זאג איך, צום פריזיוו...“ ווערט זי מלא כעס און פאלט אן אויף מיר מיט א גוואלד „א שענער בעל רחמניק, זאגט זי; ווער בעט דיך, זאגט זי, זאלסט איהם טרייסטען מיט אזעלכע קלוגע דבורים? דו זעה בעסער, זאגט זי, מע זאל פון זיינטוועגען קריגען עפים א רעכטען לעהרער, זאגט זי, ז בעזונדערען, א רוסישען, אויף גראמאטיקע!“...

איהר הערט ווערטער? שוין צוויי לעהרערס זאל איך האלטען איין לעהרער מיט איין מלמד איז קארג! בקצור אהין אהער, אויסגע פיהרט מסתמא האט „זי“, ניט איך, ווארום לאמיר זיך ניט נארען אז „זי“ וויל, איז עפים א תירוץ?...

על כפנים וואס זאל איך אייך דערצעהלען? מע האט צוגענומ א נייעם לעהרער, א רוסישען שוין, נישט חלילה קיין יודישען, פע נאר טאקי א גוי ממש, ווארום גראמאטיקע, פערשטעהט איהר מיך, א

ערשטען קלאַס אַרײַן — דאָס איז דאָך האַרבער פון חרײַן, אַ קלײניג־קײַט — גראַ־מאַ־טיקע! בוקווע יאַטי! מילא איך זאָל אײַך דערצעהלען פונ׳ם לעהרער, וואָס גאָט האָט אונז צוגעשיקט, איז גאָר אַ בזיון אויסצוזאָגען. מיר האָבען געהאַט פון איהם אָבגעשניטענע יאָהר. ער האָט אונז אַלעמען געמאַכט מיט דער בלאָטע גלײַך, געלאַכט און געשפּעט פון אונז אין די אויגען; למשל, ער האָט, ברענען זאָל ער, קײן אַנדער זאַך איהם ניט געקענט אויסקראַצען בשעת לערנען מיט איהם גראַמאַטיקע ווי קנאָבעל: „טשאַסנאָק, טשאַסנאָקאַ, טשאַסנאָקו, טשאַסנעקאָיו" — דער רוח זאָל איהם נעהמען! ווען ניט „זי", וואָלט איך איהם אָנגענומען פאַר׳ן גאָרגעל און יואָלט איהם אַרויסגעוואָרפען צו אַלדי שוואַרצע יאָהר מיט זײַן שענער גראַמאַטיקע! בײַ איהר איז אָבער אַלסדינג געווען כדאַי. וואָס איז? ער וועט וויסען, וואו מע דאַרף שטעלען אַ „יאַטי" און וואו ניט. מאָלט אײַך, מע האָט איהם דעם ווינטער געגוג אָנגעמוטשעט, און ערשט אַרום שבועות האָט ער בעדאַרפט געהן צו דער שחיטה. געקומען נאָך שבועות איז ער געגאַנגען און געשטעלט זיך און געבראַכט צוטראָגען אַהײם שוין גישט קײן צווײ, נאָר אַ פיער מיט אַ פינף. אַ שמחה, אַ גדולה — מזל־טוב! מזל־טוב!... שאַט, חאַפּט זיך נאָר ניט אַזוי מיט׳ן מזל־טוב; מע ווייסט נאָך נישט אַקוראַט, צי ער איז אַרײַן: דאָס וועט מען ערשט וויסען אַרום אַווגוסט. וואָס עפּיס אַרום אַווגוסט, פאַר־וואָס ניט באַלד? געהט פרעגט זײ! נאָר וואָס זאָל מען טהון? אַ יוד איז געוועהנט געוואָרען...

געקומען אַווגוסט, איך טהו אַ קוק — מײַנע רוהט ניט: פונ׳ם דרעקטאָר צום ספּעקטאָר, פונ׳ם ספּעקטאָר צום דרעקטאָר. „וואָס לויפסטו הײַנט אַרום, זאָג איך צו איהר, ווי אַ פערסמטע מויז, זאָג איך, פון שמונין צו בונין?"... — „וואָס הייסט, זאָגט זי, וואָס איך לויף? ביסט ניט קײן היגער? דו ווייסט אַפּנים ניט, זאָגט זי, וואָס עס טהוט זיך אָב הײַנטיגע יאָהרען, זאָגט זי, אין די גימענאַזיעס מיט די פּריצענטען!"... כך הוה, וואָס לאָזט זיך אויס? ער איז דאָך טאַקי ניט אַרײַן! פאַרוואָס, ווילט איהר וויסען? דערפאַר וואָס ניט קײן צווײ פינפען. ער זאָל געווען, זאָגען זײ, האָבען צווײ פינפען, וואָלט ער אפשר, זאָגען זײ, אַרײַן. איהר הערט? — אפשר! געפעלט אײַך דער „אפשר"? מילא וואָס איך האָב געהאַט פון איהר, דאָס בין איך אײַך מוחל. אַ רחמנות איז נעבאַך געווען אויף איהם, אויפ׳ן קלײנעם; ליעגט מיט׳ן פּנים אין קישען און הערט ניט אויף צו װײנען, אַזוי לאַנג אַזוי ברײט, ביז מע האָט איהם

געמוזט נעהמען אַ נײַעם לעהרער, טאַקי אַ סטודענט פון דער גימנאַזיע, און מען האָט איהם גענומען צוגרייטען שוין אין דער II-טער קלאַס אַרײַן, גאָר באופן אחר, וואָרום II-קלאַס איז ניט קיין שפּיעלעכיל: אַהינצוצו דאַרף מען שוין, אַחוץ מאַטעמאַטיקע און גראַמאַטיקע, אויך געאָגראַפיע, מיט טשיסטאָפּיסאַניע, מיט איך ווייס אַליין ניט וואָס, חאָטש אַז מען וויל צוריק, נאַט אײַך דרײַ גראָשען; אַ שטיקעל מהרש"א איז אַ סך שווערער פון אַלע זייערע לערנעכטסען און אפשר שכל'דיגער אויך. נאָר וואָס זאָל מען טהון? אַ יוד איז געוועהנט געוואָרען...

בקיצור עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה אוראָקען: אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה — די אוראָקען, אָבגעדאַוועט און איבערגעביסען — די אוראָקען, אַ גאַנצען טאָג — אוראָקען. ביז שפּעט בײַנאַכט הערט מען ווי ער טאַראַבאַנעט: „אימעניטעלני-דאַטעלני, סלאָזשיטעלנע — וויטשיטאַטעלנע" — עס גרילצט אַזש אין די אויערן! ווער עסען? וואָס שלאָפען? „גענומען נעבאַך אַ נפש, זאָג איך, און מען מוטשעט איהם אומזיסט-אומנישט! ס'איז, זאָג איך, אַ צער בעלי חיים, דאָס קינד, זאָג איך, וועט חלילה קראַנק ווערען!" „בײַם זיך אָב, זאָגט זי, די צונג!" וואָס טויג אײַך, ער איז אַוועקגעגאַנגען ווידער אַמאָל צו דער שחיטה און ער האָט געבראַכט צו טראָגען גאָלע פינפען! וואָס דען? יענער האָט אַ קאָפּ מען זאָל אויספאָהרען אַ אימפּעריע! און דערצו נאָך אַזאַ מתמיד, אַז טאָג ווי נאַכט נאָר געלערנט, און נאָר גע'חזר'ט! איז דאַכט זיך גוט? איאָ? געקומען צום שפּיץ, מען האָט אַרויסגעהאָנגען אין דער גימנאַזיע די נעמען פון אַלע צוגענומענע קינדער אויף דער וואַנד, מען טהוט אַ קוק — נישטאָ מײַנער! אַ געוואַלד, אַ געשרײַ: סטײַטש, אַזאַ רציחה! גאָלע פינפען!!! אָט וועט זי געהן, אָט וועט זי לויפען, אָט וועט זי זײַ אַזוי און אַזוי!... בקיצור, זי איז געגאַנגען און געלאָפען און האָט זײַ אַזוי און אַזוי — אַזוי לאַנג, ביז מען האָט זי געבעטען, זי זאָל אויפהערען דולען אַ קאָפּ, דאָס הייסט, מען האָט זי פשוט, צווישען אונז רעדענדיג, מחילה דורכגעטריבען. יאָ! — און אַז מען האָט זי דורכגעטריבען, איז זי ערשט דעמאָלט אַרײַנגעפאַלען אין שטוב אַרײַן מיט אַ געוואַלד עד לב השמים: „סטײַטש, זאָגט זי, וואָס פאַר אַ פאָטער ביסטו? דו זאָלסט זײַן, זאָגט זי, אַ געטרײַער פאָטער, אַ וואַרימער, אַזוי ווי אַנדערע פאָטערס, וואָלסטו אויך געפונען זכות אבות, אַזוי ווי אַנדערע: צום דירעקטאָר, פּראָטעקציעס, קענט אַפּט, דאָס, יענץ!"... געפעלט אײַך אײַן אײַנפאַל פון אַ יודינע? „קאַרג

אַפּנים, זאָג איך, וואָס איך טראָג אויפ'ן קאָפּ די זמנים מיט די ירידינ מיט די קוויטלעך מיט די וועקסלען מיט די פּראָטעסטען מיט די איבעריגע צרות? צי דו ווילסט אפשר, זאָג איך, איך זאָל זײַן אײַן אָנזעצער איבער דײַן גימנאַזיע מיט דײַנע קלאַסען, וואָס ליגען מיר שוין, זאָג איך, אָט אַדאָ!" מײַנט איהר דאָך, אַז זי הערט וואָס מע רעדט צו איהר? ווער, וואָס? זי טהוט זיך איהרס: זי זינגעט און פײַלט און עסט און טאָטשעט ווי אַ וואָרים טאָג ווי נאַכט! „דאָס ווײַב, זאָגט זי, זאָל בײַ דיר זײַן אַ ווײַב און דאָס קינד אַ קינד; איך זאָל, זאָגט זי, האָבען בײַ דיר חאָטש אַ שטיקעל „ווערדע", חאָטש אויף אָט אַזוי פיעל". — „וואָס זשע, זאָג איך, וואָלט געוועןָ?" — „וואָלסטו, זאָגט זי, בײַ מיר דערמאָלט געלעגען נײַען איילען אין דער ערד, איך וואָלט דיך, זאָגט זי, בעגראָבען דרײַ מאָל אַ טאָג, אַזוי אַז דו וואָלסט בײַ מיר, זאָגט זי, קיין תחית המתים ניט אויפגעשטאַנען!..." געפעלט אײַך אַזאַ ברוך הבא? דאָס איז גלאַט אַזוי זיך, ווי זאָגט ער: גענומען אָבגעבאָדען אַ מאַן מיט אײַן עמער וואַסער, פון דרך שלום וועגען. מ'פערשמעהט זיך פון זיך זעלבער, אַז איך פון מײַן זײַט שווײַג אויך נישט, וואָרום מע איז דאָך, ווי יאָגט איהר, נישט מעהר ווי אַ מענש, און איטליכער מענש האָט דאָך אַ גאַל... שטאַרק מקנא זײַן בעדאַרפט איהר מיר נישט, און אויסגעפיהרט האָט מסתמא „זי", ניט איך, וואָרום אַז „זי" וויל, איז עפּיס אַ תירוץ?

על כפּנים, וואָס זאָל איך אײַך דערצעהלען? איך האָב גענומען ווכֿען זכות-אבות, קענטשאַפט, דאָס, יענץ; איך האָב מיר געשוואַרצט דאָס פּנים; געליטען בזיונות, וואָרום יעדער פרעגט אַ קשיא און איז גערעכט. איהר זענט קיין עין הרע, זאָגען זיי, רב אהרן אַ יוד אַ בעל-הבית און האָט אײַן שטיקעל בן יחיד, וועלכער גוטער יאָהר טראָגט אײַך, איהר זאָלט זיך מיט איהם שטופען, וואו מע דאַרף ניט?..." נו, געה דערצעהל זיי מעשיות, אַז איך האָב מײַן אײַגענם אַ ווײַב ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר, וואָס האָט זיך אַרײַנגענומען אַ משוגעת אין קאָפּ אַרײַן: גימענאַזיע און גימענאַזיע און גי—מע—נאַ—זיע! וואָס טויג אײַך, איך בין, ווי איהר זעהט מיך אָטאָ, אַליין אויך ניט פון די גרויסע שלימזלניקעס, איך האָב מיר מיט נאָטס הילף אויסגעטראָטען אַ שטיקעל וועג, גלײַך אַהין וואו מע בעדאַרף, און האָב מיך דערשלאָגען צום ארון בפקדך אין קאַבינעט אַרײַן, יאָ! און האָב מיך אַוועקגעזעצט מיט איהם אײַנטענה'ן, אַזוי און אַזוי, איך קען ברוך השם רעדען מיט

אַ פּריץ, אַז איך וויל; די צונג פּיקען בעדאַרף מען מיר ניט. „טשטאָ וואַס אוגאָדנאָ?“ פרעגט ער מיך און בעט מיך זיצען. זאָג איך איהם שטיל אויפ'ן אויער: „אדוני פּריץ, זאָג איך, מי, זאָך איך, ליודי ניע באָגאַטיע, נאָ או נאַס, זאָג איך, יעסט מאַלענקע סאָסטאָיאַניע אי אָדין חאַראָשעיי, זאַמעטשאַטעלנע מאַלטשיק, קאַטאָריי, זאָג איך, חאָטשעט אוטשיטסאַ, אי יאַ, זאָג איך, חאַטשו; נאָ מאָיאַ זשענאַ אָטשען חאָטשעט!...“ מאַכט ער צו מיר נאָך אַמאָל: „טשטאָ וואַס אוגאָדנאָ?“ זאָג איך צו איהם נאָך אַמאָל און רוק מיך צו צו איהם נאָך נעהנטער: „פּריצוניו, זאָג איך, מי, זאָג איך, ליודי ניע באָגאַטיע, נאָ או נאַס, זאָג איך, יעסט, זאָג איך, מאַלענקע סאָסטאָיאַניע אי אָדין חאַראָשעיי, זאַמעטשאַטעלנע מאַלטשיק, קאַטאָריי, זאָג איך, חאָטשעט אוטשיטסאַ; אי יאַ, זאָג איך, חאַטשו; נאָ מאָיאַ זשענאַ, זאָג איך, אָטשען חאָטשעט!...“ און קוועטש איהם דעם „אָטשען“, ער זאָל מיך פערשטעהן... איז דאָך עס אָבער אַ גויעשער קאָפּ, שטויסט ער זיך ניט, וואָס איך מיין, און מאַכט צו מיר שוין מיט כעס: „טאַק טשטאָ זשע וואַס אוגאָדנאָ?!“ געה איך און לעג אַריין די האַנד אין קעשענע פּאַוואָלינקע און גיעהם אַרויס פּאַוואָלינקע און מאַך צו איהם פּאַוואָלינקע: „איזוויניטיע! מי, זאָג איך, ליודי ניע באָגאַטיע, נאָ או נאַס, זאָג איך, יעסט מאַלענקאָיע, זאָג איך, סאָסטאָיאַניע אי אָדין חאַראָשעיי, זאַמעטשאַטעלנע מאַלטשיק, קאַטאָריי, זאָג איך, חאָטשעט אוטשיטסאַ; אי יאַ, זאָג איך, חאַטשו; נאָ מאָיאַ זשענאַ, זאָג איך, אָטשען חאָטשעט!...“ און נעהם און רוק איהם אַריין און קוועטש איהם די האַנד... בקצור — יאָ! ער האָט פערשטאַנען, וואָס איך מיין, און גיעהט און נעהמט אַרויס אַ ביכעלע און פרעגט מיך אוים ווי אַזוי איך הייס, און ווי אַזוי הייסט דער זוהן מיינער, און אין וואָסער קלאַס וויל איך, ער זאָל אַריין?... קלער איך מיר: „אָט אַזוי זשע רעד!“ און איך מאַך איהם קלאָר, אַז הייסען הייס איך קאַץ, אַהרן קאַץ, און מיינער הייסט משה, מאָשקע הייסט עס, און אַריין, וויל איך, זאָל ער אין IIIקלאַס. רופט ער זיך אָן צו מיר: ווייבאַלד אַז איך הייס קאַץ און מיין זוהן הייסט משה, מאָשקע הייסט עס, און וויל אַריין אין III קלאַס, זאָל איך איהם ברייִנגען, זאָגט ער, צו פּיהרען אין יאַנואַר, וועט ער דעמאָלט געוויס אַריין. איהר פערשטעהט? שוין גאָר אַנדערע דבורים! אַפנים אַז מע שמירט, פאָהרט מען?... דער חסרון איז גאָר וואָס ניט באַלד. נאָר וואָס זאָל מען טהון? מע היי[illegible] ווארטען, דאַרף מען וואַרטען. אַ יוד איז געוועהנט געוואָרען..

געקומען יאַנואַר — ווידער אַמאָל אַ טאַרעראַם, אַ לויפעניש אַהין — אַהער, היינט — מאָרגען דאַרף זיין איין אַסיפה, אַ סאַוועט היסט דאָס, עס וועלען זיך צונויפקלויבען דאָרטען דער דירעקטאָר מיט'ן ספּעקטאָר מיט אַלע לעהרערס פון דער גימנאַזיע, און ערשט נאָך דער אסיפה, נאָכ'ן סאַוועט הייסט דאָס, וועט מען וויסען, צי ער איז אַריין צי ניין. געקומען צו דער רעכטער אַרבייט — מיינע איז ניטאָ אין דער היים; ניטאָ קיין וואַרמעס; ניטאָ קיין סאַמאָוואַר, ניטאָ גאָרנישט. זי איז אין גימנאַזיע איז זי; דאָס הייסט ניט אין גימנאַזיע, נאָר ביי דער גימנאַזיע; דרעהט זיך אַרום אין דרויסען אויפ'ן פראָסט פון גאַנץ פריה אָן און וואַרט, ביז מע וועט זיך צוגעהן פון דער אסיפה, פונ'ם סאַוועט הייסט דאָס... דער פראָסט ברענט, אַ זאַווערוכע, ס'קעהרט די וועלט — און זי דרעהט זיך אַרום אין דרויסען ביי דער גימנאַזיע און וואַרט. אַ יודינע בלייבט אַ יודינע. דאַכט מיר, דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז ווייבאַלד מע זאָגט צו, איז מסתמא היילינג, ובפרט... איהר פערשטעהט? נאָר געהט רעדט מיט אַ יודינע! בקיצור, זי וואַרט אַ שעה, זי וואַרט צוויי, זי וואַרט דריי, זי וואַרט פיער; אַלע קינדער זענען זיך שוין לאַנג צוגאַנגען אַהיים פון דער גימנאַזיע, און זי וואַרט נאָך, וואָס טויג אייך, זי האָט אָבער אַזוי לאַנג געוואַרט, ביז זי האָט זיך פאָרט דערוואַרט: עס עפענט זיך די טיר און עס געהט אַרויס פון דאָרטען איינער פון די לעהרערס. שפּרינגט זי צו צום לעהרער און טהוט איהם אַ חאַפּ, צי ווייסט ער ניט מיט וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט די אסיפה, דער סאַוועט, הייסט דאָס? זאָגט ער: פאַרוואָס זאָל ער ניט וויסען? מע האָט, זאָגט ער צוגענומען אַרום און אַרום פינף און צוואַנציג קינדער, דריי און צוואַנציג קריסטליכע און צוויי יודישע. פרעגט זי: וועמען? זאָגט ער: איינעם אַ שעפּסעלזאָהן און איינעם קאַץ. דערהערט דעם נאָמען קאַץ, מיינע — פייל אויסען בויגען, פאַלט אַריין אין שטוב אַריין מיט אַ גדולה: „מזל טוב! איך דאַנק דיר, רבונו של עולם! איך דאַנק דיר! — צוגענומען! צוגענומען!"... און בשעת מעשה שטעהען איהר טרעהרען אין די אויגען. מיר, פערשטעהט זיך, טהוט אודאי אויך הנאה די מעשה, נאָר געהן טאַנצען בין איך ניט מחויב, דערויף בין איך דאָך עפּיס אַ מאַנסביל, ניט קיין נקבה.. „איך זעה אַרויס, מאַכט זי צו מיר, אַז ביי דיר איז דאָס ווינציג וואָס אָנגעלעגט?" „פון וואַנען, זאָג איך, לערנסט דו דיר אַזוי דעם פּשט?" „אַזוי, זאָגט זי, וואָרום דו ביסט אַ קאַלטער מלאך; דו זאָלסט, זאָגט זי, וויסען ווי אַזוי דאָס קינד נעבאַך צאַפּעלט, וואָלסטו אַזוי ניט גע-

זעסען; דו וואָלסט שוין לאַנג, זאָגט זי, געלאָפען איהם בעשטעלען אַ מונדיר, זאָגט זי, און אַ היטעלע, און אַ רענצעלע, זאָגט זי, און מאַכען, זאָגט זי, אַ סעודה פאַר גוטע פריינד". "וואָס עפּיס פּלוצים אַ סעודה אין מיטען דרינען, זאָג איך, ס'איז אַ בר-מצוה? צי אַ קנס-מאָל?" אַזוי מאַך איך צו איהר גאַנץ רוהיג, וואָרום איך בין דאָך עפּיס אַ מאַנסביל, ניט קיין נקבה... ווערט זי ברוגז און הערט גאָר אויף צו רעדען, און אַ ווייב אַז זי הערט אויף צו רעדען, איז דאָך טויזענד מאָל ערגער ווי געשאָלטען. וואָרום אַז זי שעלט, הערט מען חאָטש אַ קול פון אַ מענטשען, און אַזוי... גערע, רעד צו דער וואַנד!... בקיצור, וואָס זאָלט איהר דאָ קלערען? מסתמא האָט "זי" אויסגעפיהרט, ניט איך, וואָרום אַז "זי" וויל, איז עפּעס אַ תירוץ?

על כל פנים מע האָט געמאַכט אַ סעודה; מע האָט צונויפגערופען פריינד און גוטע פריינד, און מיינעם האָט מען אָנגעטהון פון קאָפּ ביז די פּיס, אַ מונדיר זעהר אַ שענעם מיט ווייסע קנעפּלעך, אַ היטעלע און פון פאָרענט אַ צאַצקע — אַ גובערנאַטאָר!... אָן איהם האָט מען באמת געהאַט אַ מצוה נעבאַך, באמת אַריינגעזעצט אַ נייע נשמה, ממש מחיה געווען, ער האָט געשיינט, זאָג איך אייך, ווי די זון אום תמוז! דער עולם האָט געטרונקען לחיים, געווינשעוועט: "ער זאָל לערנען געזונדערהייד די גימענאַזיע, און זאָל געהן און געהן פון דאָרטען געזונדערהייד ווייטער און ווייטער אין אוניווערסיטעט אַריין"... "עט, זאָג איך, דאָס איז דוקא ניט אַזוי נויטיג; מע וועט זיך בעגעהן, זאָג איך, אָהן דעם אויך, לאָז ער מיר נאָר דורכגעהן די אַכט קלאַסען גימענאַזיע, זאָג איך, מאַך איך איהם חתונה אם ירצה השם, מיט גאָטס הילף"... רופט זיך אָן מיינע מיט אַ שמייכעלע און קוקט בשעת מעשה אויף מיר מיט אויגען: "זאָגט איהם, אַז ער האָט, זאָגט זי, מחילה אַ גרויסען טעות: ער געהט נאָך, זאָגט זי מיט'ן אַלטען שניט"... "זאָגט איהר, אַז איך זאָל, זאָג איך, האָבען די ברכות, וואָס דער אַלטער שניט איז, זאָג איך, געווען בעסער פונ'ם נייעם שניט"... זאָגט זי: "זאָגט איהם, אַז ער איז, לאָז ער מיר מוחל זיין"... "ווערט צווישען עולם אַ געלעכטער: "אוי, זאָגען זיי, רב אהרן, האָט איהר אַ ווייב קיין עין הרע! אַ קאָזאַק, ניט קיין ווייב"... בתוך כך האָט דער עולם גענומען צו גלעזליך ווין; גוט אַ לעק געטהון, איז מען געוואָרען, ווי זאָגט ער, "לעבעדיג", און מע האָט געחאַפּט אַ רקוד'ל גאָר אויף איין אַנדער אופן; מע האָט אונז גענומען ביידען אין קאָהן אַריין, און דעם קליינעם אויך אין מיטען, און

מע האָט „געהעפּעט" גאָר קיין מעשה ניט, טאַקי ביז'ן ווייסען טאָג אַריין. אין דער פריה זענען מיר אַוועק מיט איהם אַהינצוצו. געקומען אַהינצוצו, איז נאָך מסתמא פריה, צוגעשלאָסען טיר און טויער, ניטאָ, ווי זאָגט ער, קיין משוגענער הונד אין דער ווייבערשער שוהל. אָנגעשטאַנען זיך אין דרויסען און גוט אָנגעפרוירען זיך אויפ'ן פראָסט, האָבען מיר זיך פּשוט מחיה געווען, אַז מע האָט אונז געעפענט די טיר און מע האָט אונז ברוך השם אַריינגעלאָזט אינוויינינ. גיך האָבען אָנגעהויבען צונויפקומען זיך די חברה קליינוואַרג מיט די רענצליך אויף די פּלייצעם; ס'איז געוואָרען אַ ליאַרים, אַ טומעל, אַ געריעדערייַ, מיט אַ לאַכערייַ, מיט אַ לויפערייַ, מיט אַ הו־האַ, אַ יריד! ווייסע חברה'ניקעם זענען געשפּרונגען איבער קעפּ, מכבד געווען זיך איינס דאָס אַנדערע מיט אַ זעץ, מיט אַ שטופּ, מיט אַ שנאַל. קוקענדיג אויף די דאָזיגע בנים'לעך מיט די רויטע בעקלעך, מיט די פרעהליכע לאַכענדיגע עינים'לעך, האָב איך מיך דערמאָהנט להבדיל אָן אונזער אַמאָליגען פינסטערען איינגען וויסטען חדר פון די אַמאָליגע־אַמאָליגע יאָהרען, און האָב אַרויסגעזעהן, אַז אַפּנים „זי" איז טאַקי גערעכט; דאַכט זיך אַ נקבה, נאָר אַ מאַנסבילשער קאָפּ אויף איהר!... און אַזוי ווי איך טראַכט מיר אַזוי, קומט צו צו אונז עפּים איינער מיט גאָלדענע קנעפּ, אַ לעהרער ווייזט אויס, און מיט אַ בויגען פּאַפּיר אין די הענד און טהוט מיך אַ פרעג: וואָס דאַרף איך? ווייז איך איהם אויף מיינעם, אַז דאָס האָב איך איהם געבראַכט צו פיהרען אין חדר, אין גימנאַזיע הייסט דאָס. פרעגט ער מיך: אין וועלכע קלאַס? זאָג איך, אין III־טע; ערשט ניט לאַנג, זאָג איך, צוגענומען. פרעגט ער מיך: ווי אַזוי איז דער נאָמען זיינער? זאָג איך: קאַץ, משה קאַץ, דאָס הייסט מאָשקע קאַץ. זאָגט ער: „מאָשקע קאַץ? מאָשקע קאַץ איז ביי איהם נישטאָ אין III קלאַס; פאַרהאַן, זאָגט ער, ביי איהם אַ קאַץ, אָבער נישט קיין מאָשקע, נאָר מאָרדוך, מ אָ ר ד ו ך ק אַ ץ"... זאָג איך: „קאַקאָי מאָרדוך? מאָשקע, אַ ניע מאָרדוך!" מאַכט ער צו מיר: „מאָרדוך" און טיטשעט מיר דאָס פּאַפּיר אין פּנים אַריין. איך איהם: מאָשקע, און ער מיר: מאָרדוך! בקיצור מאָשקע־מאָרדוך, מאָרדוך־מאָשקע, מיר האָבען זיך אַזוי לאַנג געמאָשקעט און געמאָרדוכט, ביז מיר זענען געוואָהרע געוואָרען אַ שענע מעשה: וואָס האָט געזאָלט זיין מיינעם, איז געווען יענעם. איהר פערשטעהט אַ חתונה! טעות גוי מותר... מע האָט טאַקי צוגענומען איינעם אַ קאַץ, — יאָ!... נאָר על פּי טעות איין אַנדערן, נישט אונזערן;

פארהאן, פערשטעהט איהר מיך, צוויי קעץ ביי אונז אין שטאדט!... וואס זאגט איהר אויף אזא שלאק? איך האב אויסגעבעט א בעט, און יענער וועט האבען הנאה! ניין, איהר זאלט וויסען, ווער דער „יענער" איז, אט דעם קאץ מיין איך! א גארנישט מיט א נישט; א בעל-מלאכה, דאכט, זיך איין איינבינדער אדער א שפאלירניק, אפילו אזוי. א גאנץ שטיל מענטשעל, נאר ווער קען איהם? ווער ווייס איהם? א קבצן! איז זיין בן — יא, און מיינער — ניט! קאן נישט צוזעצט ווערען די גאל? זאגט שוין איהר אליין! איהר האט בעדארפט זעהן*דאס צער בעלי חיים פין מיינעם, בשעת מע האט איהם געהייסען מחילה אראבנעהמען די צאצקע פונ'ם היטעל! „פאן יוש ניע אסריעסאר"—האט דאס געהייסען... א כלה צום בעדעקענס בעדארף געווים אזוי פיעל טרעהרען נישט פערגיסען, וויפיעל מיינער האט יענעם טאג אויסגעגאסען; וואס איך האב איהם ניט געבעטען — ניט מיט גוטען, ניט מיט בייזען. „זעהסטו, זאג איך צו איהר, וואס דו האסט אנגעארבייט פאר א חתונה? האב איך דיר, זאג איך, ניט געזאגט, אז דיין גימענאזיע איז פאר איהם א שחיטה? גאט זאל העלפען, זאג איך, עס זאל אונז חאטש, זאג איך, אבלויפען גלאט, ער זאל דאס חלילה, זאג איך, ניט אויסקרייענקען..." — „לאזען מיינע שונאים, זאגט זי, קריינקען, אז זיי ווילען; מיין קינד, זאגט זי, מוז אריין אין גימענאזיע! איז ער ניט אריין, זאגט זי, איצטער, וועט ער אריין, אם ירצה השם, איבער איאהר; איז ער ניט אריין, זאגט זי, דא, וועט ער אריין אין איין אנדער שטאדט, — אריין מוז ער, סיידען, זאגט זי, איך וועל חלילה צומאכען איין אויג, און די ערד וועט מיך צודעקען!" — איהר הארכט דבורים? און ווער, מיינט איהר, האט אויסגעפיהרט: איך צי זי? לאמיר זיך ניט נארען — אז „זי" וויל, איז עפים א תירוץ?

על כל פנים, איך וועל אייך שוין קיין סך ניט מאריך זיין, איך האב מיך דאס א ביסעל אנגעהעצקעט מיט איהם, אויסגעוועזן מיט איהם וואו די וועלט האט איין עק, וואו ערגיץ א שטאדט, וואו ערגיץ א גימענאזיע. דארט זענען מיר געוועזן, זיך געשטעלט, געהאלטען, און דוקא אויסגעהאלטען און דוקא גוט אויסגעהאלטען, און דוקא ניט אריין. פאר-וואס? אלץ איבער די פריצענטען! איהר מעגט מיר גלויבען, איך האב מיך, הערט איהר, דעמאלט אליין אנגעקוקט ווי א משוגענעם: „שוטה! וואס? וואס איז דאס פליהען וואס דו פליהסט ארום פון איין שטאדט

אין דער אַנדערער? צו וועלכע גוטע יאָהר בעדאַרפסטו דאָס האָבען? נו, און אַז ער וועט שוין אַרײַן, וואָס וועט דעמאָלט זײַן?" ניין, זאָגט איך וואָס איהר ווילט, — נצחון איז אַ גרויסע זאַך! ס'איז שוין בײַ מיר אַלײן אַרײַן אין אַ מין עקשנות, פערשטעהט איהר מיך, און דער אויבערשטער האָט רחמנות געהאַט און האָט מיר צוגעשיקט אין פוילען אַ גימענאַזיע אַזעלכע, אַ „קאָמערטשעסקע", וואָס אַהינצוצו נעהמט מען צו אויף איטליכען קריסט להבדיל אײנעם אַ יודען, סע מאַכט אויס אַזוי גרויס ווי פופציג פּריצענט הײסט עס, נאָר וואָס דען? יעדער יוד, וואָס וויל, אַז זײַן קינד זאָל אַרײַן, מוז ער קומען צו געהן מיט זײַן קריסט, איז אויב ער האַלט אויס, דער קריסט הײסט דאָס, און מע טראָגט אַרײַן פאַר איהם די קלינגערס, איז דעמאָלט פאַרהאַן אַ שטיקעל האָפענונג... אָנשטאָט אײן פעקעל האָט מען דעמאָלט אויף זיך, הײסט דאָס, צווײ. איהר פערשטעהט? געגוג סע טריקענט מיר דער מח אויף מײַנעם, בעדאַרף מיר נאָך דאַרען דער קאָפּ אויף יענעמס, וואָרום טאָמער האַלט ניט אויס חלילה עשו, איז דעמאָלט יעקב אין דער ערד... נו כך הוה, אײדער איך האָב געקריגען דעם קריסט, אײנעם אַ שוסטער, חאָליאַוואַ הײסט ער, איז מיר אָנגעקומען מיט גרינגע ווערים; צום סוף, ס'איז געקומען צו דער רעכטער שפּיעל, מײנט איהר, אַז מײַן שוסטער איז ניט אַרײַן אין דער אדמה אַזוי ווי קורח? און דוקא אויף „זאַקאָן באָזשע"! וואָס טויג אײַך, מײַנער האָט זיך געמוזט בכבודו ובעצמו אָוועקזעצען מיט איהם חזר'ן „זאַקאָן באָזשע"... אַ די קשיא: ווי קומט מײַנער צו „זאַקאָן באָזשע"? דאָס זאָלט איהר ניט פרעגען, וואָרום ער קאָן אַלמדינג און ווײסט אַלמדינג און פערשטעהט אַלמדינג, —אַז מע שמועסט, אַז ער יכולט, איז דאָך ניט שייך צו זאָגען! בקיצור, גאָט האָט געהאָלפען די גוטע שעה די גליקליכע, זײ זענען בײדע אַרײַן. זענט איהר שוין פאַרטיג? געקומען צום אַרײַנשרײַבען אין די ביכער אַרײַן, אַרויסנעהמען אַ קוויטאַנציע, מײַן קריסט איז ניטאָ! וואָס איז די מעשה? ער וויל ניט, דער ערל, אַז זײַן זוהן זאָל זיך געפינען צווישען אַזוי פיעל יהודים, חאָטש נעהם געב איהם אַ קרײַנק! ער זאָגט: צו וואָס נוצט עס איהם, אַז אַלע טירען זענען פאַר איהם סײַ ווי סײַ אָפען, און ער קאָן אַרײַן וואוהין ער וויל? און געהט זאָגט איהם אפשר, אַז ער איז אומגערעכט? „וואָס זשע, זאָג איך, ווילסטו, פּאַני חאָליאַוואַ?" זאָגט ער: „גאָרנישט". בקיצור אַהין, אַהער, מענטשען, גוטע ברידער, מע האָט זיך אַרײַנגעלעגט, מע איז אַוועק מיט איהם אין אַ טראַקטיר, געמאַכט

א כוסה איינע און צוויי און דריי — איידער כ'האב דערלעבט זעהן דאס גוטע קוויטעל, אז ער איז אריין, זענען מיר די אויגען ארויסגעקראכען, און דאנקען השם יתברך, כ'האב געמאכט א ברכה ברוך שפטרני.

געקומען אהיים — א נייע צרה! וואס איז שוין ווייטער? מיינע האט זיך איבערגעלעגט און בעטראכט: סטייטש, איינאונאיינציגער, איין אויג אין קאפ, וועט ער זיין דארטען און מיר — דא? „וואס זשע, זאג איך, ווילסטו למשל?“ זאגט זי צו מיר: „וואס זאל איך וועלען? דו ווייסט ניט, וואס איך וויל? איך וויל, זאגט זי, זיין מיט איהם“. — „נו, און די שטוב, זאג איך, וואס וועט זיין מיט דער שטוב?“—„די שטוב, זאגט זי, איז א שטוב“... האט איהר עפּיס צו איהר? וואס טויג אייך, זי האט זיך אויפגעזעצט און איז אוועקגעפאהרען מיט איהם אהינצוצו, און איך בין געבליבען איינער א'ליין איבער דער גאנצער שטוב. מאלט אייך א שטוב, אזא יאהר אויף מיינע שונאים! דאס לעבען איז געווארען אויס לעבען, דאס געשעפט איז געווארען אויס געשעפט, אלדינג איז געגאנגען ארצה, און מיר האבען געהאלטען אין איין שרייבען בריוולעך; איך שרייב צו איהר, זי שרייבט מיר אפּעט; בריוולעך אהער: שלום לזוגתי היקרה... שלום לבעלי היקר... „אין גאטעס ווילען, שרייב איך איהר, וואס וועט זיין דער תכלית? מע איז דאך ניט מעהר ווי א מענש! אהן א בעל-הבית'טע, אימשטיינסגעזאגט“... בקצור עס האט מיר געהאלפען ווי דער פאראיאהריגער שניי: אויסגעפיהרט מסתמא האט „זי“, ניט איך, ווארום לאמיר זיך קארשט ניט נארען: אז „זי“ וויל, איז עפּיס א תירוץ?

על כפנים איך ענדיג אייך שוין די מעשה. איך האב מיך צו-בראכען, צולאמעט, געמאכט א תל פונ'ם געשעפט, אויסגעפערקויפט. בדיל הדל געווארען, און האב מיך איבערגעפעקעלט מחילה אהין צו זיי. געקומען אהין צו זיי, אנגעהויבען ארומקוקען זיך, וואו בין איך אין דער וועלט, שמעקען, אויסשמעקען, קוים מיט צרות איך האב מיך ארויפגעשלאגען אויף א שטיקעל דרך, געמאכט א שטיקעל שותפות מיט איינעם א סוחר, אפילו אזוי א גאנץ לייטישער מענש — יא!... א פיי-נער בעל-הבית און א שטיקעל גבאי אין שוהל, נאר אין תוך אריין א דרעהער, א שווינדלער, א קעשענע-גנב, — מיך שיער אומגליקליך גע-מאכט! פערשטעהט איהר שוין מסתמא, ווי דער קאפ איז מיר דעמאלט געווען אין דעו ערד? דערווייל, איך קום צו געהן איינמאל אהיים. מיינער געהט מיר אקעגען עפּים מאדנע, רויטליך אופ'ן פנים און אהן

א צאצקע אויפ'ן היטעל. מאך איך צו איהם: „הער נאר, משה'ל, וואו איז ערגיץ די צאצקע דיינע?“ מאכט ער צו מיר: וואסער צאצקע?... זאג איך: „דאס קנעפעל“. זאגט ער: — וואסער קנעפעל?... זאג איך: „דאס קנעפעל וואס אויפ'ן היטעל; ערשט אויף יום-טוב געקויפט א ניי היטעל מיט א נייער צאצקע!“... ווערט ער נאך רויטער ווי פריהער און מאכט צו מיר: — אראבגענומען... זאג איך: „וואס הייסט אראבגענומען?“ זאגט ער: — איך בין פריי... זאג איך: „וואס הייסט דו ביסט פריי?“ זאגט ער: — מיר זענען אלע פריי... זאג איך: „וואס הייסט איהר זענט אלע פריי?“ זאגט ער: — מיר געהען שוין ניט... זאג איך: „וואס הייסט איהר געהט שוין ניט?“ זאגט ער: — מיר האבען געמאכט יד-אחת מיר זאלען ניט געהן... זאג איך: „וואס הייסט איהר האט געמאכט יד-אחת? וואס פאר מאכערס? וואס פאר יד-אחת'ניקעס? א גדולה אויף דער באבע, זאג איך, דערויף האב איך מיך טאקי אויסגעבראכט, מפקיר געוועזן פון דיינעטוועגען דו זאלסט נאכדעם קאנען מאכען יד-אחת?! אז אך און וועה, זאג איך, צו דיר און צו מיר און צו אונז אלעמען! גאט זאל געבען, זאג איך, עס זאל זיך חאטש ניט אויסלאזען צו יודישע קעפ, ווארום אומעטום, זאג איך, איז דאך דער יוד דאס כפרה-היהנדעל!“... אזוי מאך איך צו איהם און הויב אן פייערן, זאגען מוסר, ווי געוויינטליך א פאטער רעדט מיט א קינד. איז דאך אבער פארהאן א ווייב, זאל מאריך ימים זיין, קומט זי צו לויפען און לעגט מיר אוועק א מענה-לשון, אזוי און אזוי, אז איך בין שוין גאר אויסגעוועבט געווארען, אז איך הויב ניט אן צו וויסען, זאגט זי, וואס אויף דער וועלט טהוט זיך, אז עס איז היינט געווארען, זאגט זי, איין אנדער וועלט גאר, א קלוגע וועלט, א פרייע וועלט, א וועלט, זאגט זי, פון אלע גלייך, אוים ארים אוים רייך, אוים הארעלע קנעבטעלע, אוים שעפעלע שערעלע, אוים הינטעלע האווקעלע, אוים קעצעלע דראפעלע, אוים מייזעלע ביסעלע“... — „טע-טע-טע, זאג איך, פון וואנען האט זיך גענומען צו דיר אזא מאדנע שפראך? עפיס א ניי לשון, זאג איך, נייע ווערטער; אפשר וואלסטו שוין, זאג איך, אין איין וועגס ארויסגעלאזט די היהנער, זאג איך, פון דער שטייג, קיש-קיש קורע גא סוואבאדע“?... ווערט זי אנגעצונדען, גלייך ווי איך וואלט אויף איהר אויסגעגאסען צעהן עמער זודיג וואסער — און גננו — ווי „זיי“ קאנען... מילא מוז מען שוין אויסהערען די דרשה ביז'ן סוף. איז אבער דער חסרון, וואס ס'איז אהן א סוף. „ווייסטו וואס, זאג איך, שא, זאג

איך, אָבער לאָז זײַן געװוּג, זאָג איך, און שלאָג מיך אין האַרצען: חטאתי, זאָג איך, עויתי ופשעתי, זאָג איך, און אײַן עק, זאָג איך, אַבי לאָז זײַן שטיל!" װײַל זי ניט הערען זעהען. „נײַן, זאָגט זי, זי װיל װיסען למאי און סטײַטש און געװאַלד און בפירוש און אדרבה און װאָס הײַסט עס, און װי געשיקט זיך עס, און נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל און טאַקי נאָך אַמאָל דאָס אײַגענע!" . . . .

. . . .

. . . .

איך בעט אײַך — װער האָט דאָס אױסגעטראַכט אַ... װײַב?

13
דאָס טעפּעל

דאָס טעפּעל.

(מאָנאָלאָג).

—רבי! איך וויל אייך פרעגען אַ שאלה וויל איך אייך. איך ווייס ניט, צי קענט איהר מיך, צי קענט איהר מיך ניט? איך בין יענטע בין איך, יענטע די קורעלאַפּניטשקע, איך האַנדעל מיט אייער האַנדעל איך, מיט עופות, מיט געגז און מיט קאַטשקעס. איך האָב מיר מיינע שטענדיגע קונה'טעס האָב איך מיר, אַ צוויי־דריי הייזער, האַלטען זיי מיך אונטער, זאָל זיי גאָט געבען געזונד און אַלדאָס גוטס; ווארום איך זאָל נאָך דאַר־פען צאָהלען פּריצענט, וואָלט ניט געקלעקט די חלה אויף „אַ מוציא". האָב איך אַ דרייערל האָב איך, אַמאָל דאָ—אַמאָל דאָרטען, דאָ גענומען—דאָרט געגעבען, דאָרט געגעבען—דאָ גענומען,—מע דרעהט זיך אימשטיינס געזאָגט! אודאי, וואָס זאָלט איהר קלערען. ווען מיין מאַן עליו־השלום זאָל מיר אַצינד לעבען — טע־טע־טע!... האָטש אַז מע וויל שמועסען דאָס אייגענע צוריק, האָב איך קיין האָניג פאַר איהם נישט געלעקט, וואָרום קיין פּערדינער, זאָל ער מיר מוחל זיין, איז ער דאָך ניט גע־ווען, נאָר געזעסען און געלערנט, געזעסען און געלערנט, און געהאָראָ־ועט האָב איך, און האָרעווען בין איך געוועהנט נאָך פון קינדווייז אויף, נאָך ביי מיין מאַמע עליה־השלום, בתיה האָט זי געהייסען, בתיה די לעכטציהערין, זי איז געווען אַ לעכטציהערין, פלעג אויפקויפען חלב ביי די קצבים און ציהען לעכט, חלב'נע צעפּליך, מע האָט נאָך נישט גע־וואוסט דעמאָלט פון קיין גאַז און פון קיין לעמפּליך מיט גלעזליך, וואָס טרישטשען אַלע מאָל, ערשט יענע וואָך געפּלאַצט ביי מיט אַ גלעזעל און פאַר צוויי וואָכען אַ גלעזעל...

יאָ, אַקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגען דעם וואָס איהר זאָגט יונג געשטאָרבען... אַז מיין משה־בנציון עליו־השלום איז

געשטאָרבען, איז ער אַלט געװעזען סך הכל זעקס און צװאַנציג יאָהר. האַ? נאָך אַמאָל — װי אַזױ זעקס און צװאַנציג? נײַנצעהן איז ער אַלט געװעזען צו דער חתונה, אַ יאָהר אַלט איז פאַרהאַן, אַז ער איז געשטאָרבען, איז אינאײנעם נײַנצעהן און אַלט, אַפּנים אַזױ גרױס װי דרײַ און צװאַנציג. פאַרװאָס זשע איז בײַ מיר אױסגעקומען זעקס און צװאַנציג? װײַל איך האָב פערגעסען די זיבען יאָהר, װאָס ער האָט געקרענקט, דאָס הײַסט קרענקען האָט ער געקרענקט אַ סך מעהר, ער איז געװעזען פון תמיד אָן אַ קראַנקער, דאָס הײַסט אַזױ איז ער אַפילו געװעזען אַ געזונדער, נאָר דער הוסט, דער הוסט האָט איהם אַװעקגעלעגט! ער פלעגט, ניט פאַר אײַך געדאַכט, שטענדיג הוסטען, דאָס הײַסט ניט שטענדיג, נאָר דעמאָלט, װען דער הוסט איז אָנגעקומען, פלעג ער זיך פערהוסטען, און אַז ער האָט זיך פערהוסט, האָט ער געהוסט און געהוסט... די דאָקטױרים האָבען געזאָגט, אַז ס'איז בײַ איהם אַ ספּאַזמע אַזעלכע, דאָס הײַסט אַזעלכעס, װאָס אַז מע װיל הוסטען, הוסט מען, און אַז מע װיל ניט הוסטען, הוסט מען ניט. שטראָס, גראַס—מאַך מיר אַ האַרמידער! ציגען זאָלען אַזױ װיסען אין פרעמדע גערטנ" שפּרינגען, װי זײ װײסען. די דאָקטױרים הײַסט דאָס, װער ס'האָט זײ געשלײַערט!... אָט האָט איהר רב אהרן דעם שוחט'ם יונגעל, יאָקעל הײַסט ער, עס האָט איהם װעה געטהון אַ צאָהן האָט איהם װעה געטהון, האָט מען איהם געטהון אַלסדינג, געשפּראָכען און געשטאָכען און געזעהען, אַז עס העלפט ניט, געהט ער, יאָקעל הײַסט דאָס, לעגט אַרײַן אַ קנאָבעל אין אױער אַרײַן, — מע זאָגט אַ ס'איז אַ רפואה קנאָבעל צו צײַהן־װעהטאָג,—האָט ער זיך געריסען אױף די גלײַכע װענד, יאָקעל הײַסט דאָס, און פונ'ם קנאָבעל זאָגט ער ניט אױס, קומט דער דאָקטאָר און טאַפּט איהם בײַם דופק, — װאָס טאַפּסט איהם בײַם דופק, דו נאַרישעד לעקיש?... אַודאי מע זאָל איהם, יאָקלען הײַסט דאָס, ניט געװעזען אָבפּיהרען קײן יעהופּעץ, װאָלט ער שױן איצטער אָנגעשפּאַרט װײַסט איהר װאו? דאָרטען װאו די שװעסטער זײַנע, פערזיל נעבאַך, װאָס איז אַװעקגעגאַנגען פון אַ „גוט אױג", ניט פאַר אײַך געדאַכט, אין קימפּעט...

— יאָ, אַקעגען װאָס איז דאָס געקומען צו רײד? אַקעגען דעם װאָס איהר זאָגט אײַן אַלמנה... איך בין געבליבען אײַן אַלמנה, ניט דאָ געדאַכט, נאָך גאָר אַ יונגענד הײַסט דאָס, מיט אַ קלײן קינד און מיט אַ האַלבער שטוב אױף די „קבצנישקעס", די אַנדערע פון לײזער דעם סטאָליערס דירה, אױב איהר װײסט: ניט װײַט פון דער באָד. װעט

איהר דאָך פרעגען, וואָס עפּיס אַ האַלבע שטוב נאָר? מחמת די אַנדערע האַלבע איז ניט מיינע; זי געהער צו מיין שוואָגער געהער זי, עזריאל הייסט ער, איהר קענט איהם, אַליין איז ער אַ „ווערסעלעקוטער“, פון ווערסעלעקוט, אַ שטעדטעל אַזעלכעס, און האַנדלען האַנדעלט ער מיט פיש און פערדינט קיין עין־הרע זעהר שען, עס ווענדט זיך ווי דער טייך האַלט: איז אין דרויסען שטיל, חאַפּט זיך פיש, און אַז סע חאַפּט זיך פיש, איז וואָלוועל פיש; איז אין דרויסען אַ ווינד, חאַפּט זיך ניט קיין פיש, און ס'איז טייער פיש; נאָר גלייכער איז, אַז עס חאַפּט זיך און ס'איז וואָלוועל.. אַזוי זאָגט ער, עזריאל הייסט דאָס. פרעג איך איהם: „וואָס איז דער שכל?“ זאָגט ער: „דער שכל איז אַ פּראָסט שכל: איז אין דרויסען שטיל, חאַפּט זיך פיש, און אַז סע חאַפּט זיך פיש, איז וואָלוועל פיש; איז אין דרויסען אַ ווינד, חאַפּט זיך ניט קיין פיש, און ס'איז טייער פיש; נאָד גלייכער איז, אַז עס חאַפּט זיך און ס'איז וואָלוועל“... זאָג איך: „יאָ, אָבער וואָס איז דער שכל?“ זאָגט ער: „דער שכל איז אַ פּראָסטער שכל: איז אין דרויסען שטיל, חאַפּט זיך פיש, און אַז סע חאַפּט זיך פיש, איז וואָלוועל פיש“...—„טפו זאָלסטו ווערען! — זאָג איך צו איהם — גע'ה טענה מיט אַ גראָבען יונג“...

— יאָ, אַקעגען וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגען דעם וואָס איהר זאָגט אַנ'אייגענע דירה... אודאי איז גלייכער איין ווינקעלע אַנ'אייגענס, איידער שלעפּען זיך אין שכנות, ווי זאָגט איהר — „מיינס, איז ניט יענעמס“!... האָב איך מיר, הייסט דאָס, מיין האַלבע שטוב, אַ שטיקעל נחלה, ניט צו פערזינדיגען. נאָר איך בעט אייך, צו וואָס בעדאַרף אַנ'אַלמנה אימשטיינס געזאָגט מיט איין און איינציג קינד אַ גאַנצע האַלבע? פאַרהאַן וואו דעם קאָפּ אַנידערלעגען — גענוג! ובפרט אַז מע בעדאַרף זי דעקען, די שטוב, זי שטעהט שוין היבשע עטליכע יאָהר נישט געדעקט שטעהט זי, דעקוטשעט ער מיר, דער זיסער שוואָגער מיינער, עזריאל הייסט דאָס, מע זאָל זי דעקען!... „ציי'ט, זאָגט ער, מע זאָל זי דעקען!...“—„נו, זאָג איך, למאי זשע דעקט מען זי נישט?“... זאָגט ער: „לאָמיר זי דעקען“... זאָג איך: „לאָמיר זי דעקען“... דעקען — דעקען, דעקען, דעקען — און דערביי בלייבט דאָס. וואָרום אויף דעקען בעדאַרף מען שטרוי, פון שינדעל שמועסט מען ניט, וואו האָב איך אויף שינדעל? פערדינג איך צוויי חדרים פערדינג איך: אין איין חדר'ל זיצט ביי מיר חיים־חנה דער טויבער, איין אַלטער מאַן, שוין עובר בטל. די קינדער צאָהלען מיר פאַר איהם פינף גילדען אַ וואָך

דירה=געלד, און עסען עסט ער ביי זיי, א טאג איבער א טאג, דאס הייסט — א טאג עסט ער און א טאג פאסט ער, און דעם טאג וואס ער עסט, עסט ער אויך מכות, אזוי זאגט ער, חיים=חנה דער טויבער, און אפשר איז דאס א ליגען אפשר, אלטע לייט האבען ליעב ווארטשען, וויפיעל מע גיט זיי, איז ווינציג, וואו מע זעצט זיי, איז שלעכט, און וואו מע לעגט זיי, איז הארט...

— יא, אקעגען וואס איז דאס געקומען צו רייד? אקעגען דעם וואס איהר זאגט שכנים... קיין גוטער יוד זאל זיי ניט קענען! מילא יענער, דער טויבער, איז א טויבער, כאטש א שטילער שכן, ווי זאגט איהר? מע הערט איהם ניט און מע זעהט איהם ניט... האט מיר אבער דער גוטער יאהר געטראגען, איך זאל דעם אנדערן חדר פערדינגען דער מיטניטשקע, גנעסי הייסט זי; זי האלט א קליי=טעל פון מעהל האלט זי. — א גוטע „שטוקע"!... תחילת, איהר זאלט זעהען, איז זי געוועזען ווייך ווי א האָניגטייגעל, — קוצעניו, מוצעניו, נשמה'ניו, הארצעניו, זי וועט מיר דאס, זי וועט מיר יענץ... וואס בעדארף זי דען, אימשטיינס געזאגט? א שטיקעל אויוועז אויף צושטעלען דאס טעפעל, איין עק ביינקעל אויף אויסזאלצען דאס שטיקעל פלייש איינמאל אין וואך, און א ברעג טישעל אויף אויסקאטשען א בלעטעל לאקשען איינמאל אין א יובל... „און די קינדער?" — זאג איך — וואו וועט איהר אהינטהון די קינדער אייערע וואו? איהר האט דאך, גנעסי, זאלען געזונד זיין, קליינע קינדער האט איהר דאך"!... — „וויים איך — זאגט זי — וואס איהר רעדט, יענטע לעבען! איהר ווייסט דען, וואס דאס איז פאר קינדער? „בעריליאנטען"

— ניט קיין קינדער! זומער=לעבען וואלגערן זיי זיך אין דרויסען א גאנצען טאג, און ווינטער פערקלייבט מען זיך אויפ'ן אויוועז, ווי די שעפעליך, און מע הערט ניט פון זיי קיין פיפס. איין חסרון נאר וואס זיי דארפען קיין עין=הרע א סך, האבען ליעב קייען, פיקערס קיין עין=הרע"... נו — נו, אודאי האב איך מיר געקויפט איין אומגליק אויף מיינע שונאים'ס קעפ! מילא קינדערליך — איינס אין איינס, איבערגעוואשענע, גאט זאל ניט שטראפען פאר די רייד, א שטיקעל ברויט איז פאר זיי ניט אויפצועסען! טאג ווי נאכט איז ביי זיי הואַ! מע שרייט און מע קוויטשעט, מע הרג'עט זיך און מע שלאגט זיך, — א גיהנם! וואס זאג איך א גיהנם, — דער גיהנם, זאג איך, איז גאלד!... נאר מיינט ניט, אז איהר זענט פארטיג; דאס זאלט

נאָך געווען אַ האַלבע צרה, וואָרום אַ קינד קען מען איינשטילען — אַ זעץ, אַ פּאַטש, אַ קניפּ — פּאַרט אַ קינד! האָט איהר גאָט געגעבען אַ מאַן, עוזר הייסט ער, איהר מוזט איהם קענען, ער איז אונטער־שמש אין אונטערשטען קלייזעל, נעבּיך אַ כשר'ער יוד, און דאַכט זיך גאָר ניט אַזאַ גרויסער נאַר אויך, — זאָלט איהר הערען, ווי זי בּע־גראָבּט איהם, גנעסי הייסט דאָס: עוזר אַהין, עוזר אַהער! עוזר דאָס, עוזר יענץ! עוזר — עוזר! עוזר — עוזר!... און ער, אָדער ער זאָגט אָב אַ ווערטעל (ער איז נאָך אַ ווערטעל־זאָגער צו די צרות) אָדער ער רוקט אָן דאָס היטעל און געהט אַוועק... ס'איז נאָר, זאָג איך אייך, אַ הצלחה און געגנוג!...

— יאָ, אַקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגען דעם וואָס איהר זאָגט שלעכטע שכנים... שלעכט צו שלעכט איז ניט גלייך! לאָז מיר דאָס דער רבונו של עולם ניט פערדעכענען פאַר קיין לשון־הרע, איך דאַרף אויף איהר, וואָס איז שייך, קיין שלעכטס ניט רעדען. וואָס האָב איך צו איהר? זי איז אַ יודינע, וואָס האָט ליעב געבּען אַיין אָרימאַן אַ שטיקעל בּרויט; נאָר דער גוטער יאָהר זאָל זי וויסען, אַז עס קומט איהר אָן די „מאַנקאָליע" — זאָל גאָט שומר ומציל זיין! ס'איז אַ בּזיון צו דערצעהלען: קיין אַנדערן וואָלט איך דאָס געווים ניט געזאָגט, נאָר בּיי אייך, ווייס איך, ועט דאָס זיין אַ סוד... ש־ש־ש... זי פּאַטשט איהם אונטער... דעם מאַן הייסט דאָס... אַז קיינער זעהט ניט... „אַי — זאָג איך צו איהר — גנעסי, גנעסי! ווי האָט איהר קיין מורא ניט פאַר גאָט? פאַר גאָט ווי האָט איהר קיין מורא ניט?"... זאָגט זי: „ס'איז ניט אייער באָבּעס דאגה"... זאָג איך: „אַ שענע ריינע כפרה"... זאָגט זי; „לאָז דער זיין די כפרה, וועד עס קוקט אַריין אין יענעמס טעפּעל"... זאָג איך. „לאָז דעם אַרוים די אויגען, ווער עס האָט קיין בּעסערס ניט געזעהען"... זאָגט זי: „לאָז דעם פערלעגען, ווער עס הערט זיך צו"... וואָס זאָגט איהר אויף אַזאַ פּיסקאַטע?...

— יאָ, אַקעגען וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רייד? אַקע־גען דעם וואָס איהר זאָגט, איך האָב ליעב ריין... למאי זאָל איך לייקענען! איך האָב טאַקי ליעב, ס'זאָל זיין ריין אין איטליכס ווינקע־לע! וואָס קומט מיר דערפאַר? קען זי אפשר ניט ליידען, גנעסי הייסט דאָס, למאי בּיי מיר איז ריין, בּיי מיר איז שען, בּיי מיר איז ציכטיג, בּיי מיר איז ליכטיג—און בּיי איהר? איהר זאָלט זעהן, —

תמיד חושך, שטענדיג פינסטער, פערטיאַפּעט און פערשליאַפּעט, ביז'ן האַלז, די פּאָמוניצע פול ווי איין אויג — טפו!... קומט דער פריה־מאָרגען — איז הימעל עפּען זיך! ס'איז דען קינדער? שדים — ניט קיין קינדער! פונקט ווי מיין דוד'ל להבדיל באלף הבדלות! וואָרום מיין דוד'ל, זאָל געזונד זיין, איז דאָך אַ גאַנצען טאָג אין חדר איז ער, און קומט ביינאַכט, נעהמט ער זיך צו דער אַרבייט: אָדער ער דאַווענט, אָדער ער לערנט, אָדער ער קוקט אַזוי אַריין אין אַ ספר קוקט ער; און איהרע קינדערליך, גאָט זאָל ניט שטראָפען פאַר די רייד, אָדער סע עסט, אָדער סע וויינט, אָדער סע שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנד... איהר פערשטעהט? בין איך שולדיג, אַז גאָט האָט זי געבענשט מיט אַזאַ חאַליאַסטרע פון „סאַוואָלעס" און פון „גאַנצעס", און מיר האָט ער געשענקט אַזאַ מתנה, אַ שטיק גאָלד, אַ בערליאַנט, עס זאָל מיר נאָר ניט פערשטערט ווערען, רבונו של עולם, וואָרום ער קאָסט מיך געזונט טרעהרען קאָסט ער מיר! קוקט נישט, וואָס איך בין אַ יודינע! אַ מאַנס־ביל אויף מיין אָרט וואָלט דאָס געוויס ניט איבערגעטראָגען! עס זאָל אייך צו קיין חרפה ניט זיין, פאַרהאַן מאַנסבילען אַזעלכע, וואָס זענען טויזענד מאָל ערגער פון ווייבער זענען זיי; אַז סע קוועטשט זיי צו עפּיס אַ זאַך, ווייסען זיי ניט, וואו זיי זענען אין דער וועלט... וואָס דאַרפט איהר אַ סך ראיות? אָט נעהמט למשל יאָסי משה אברהם'ס: כל־זמן פרוי־מע־נעחע האָט איהם געלעבט, האָט ער זיך געהאַלטען, און אַז זי איז ניט דאָ געוואָרען, געשטאָרבען, האָט ער אָבגעלאָזט הענד און פיס און לייב און לעבען...—רב יאָסי! — זאָג איך צו איהם — גאָט איז מיט אייך! מילא אַז סע שטאַרבט אַ ווייב, וואָס זאָל מען טהון? ס'איז אַ גאָטס זאַך! ה' לקח, ה' נתן, ווי אַזוי שטעהט דאָרטען געשריבען ביי אונז אין די הייליגע ספרים? אייך בעדאַרף מען ניט דערצעהלען, מסתמא ווייסט איהר בעסער...

— יאָ, אַקעגען וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגען דעם וואָס איהר זאָגט אַ בן־יחיד... ער איז ביי מיר איינאונאיינציגער, ווי זאָגט איהר איין אויג אין קאָפּ, דוד'ל הייסט ער. איהר קענט איהם נישט? ער הייסט נאָך מיין שוועהר דוד הערש הייסט ער, איהר זאָלט איהם זעהען — אינגאַנצען דער פאָטער, איהם צו לענגערע יאָהר, משה־בנציון, אפילו די וואוקס די אייגענע, און דאָס פנים ווי ביי איהם עליו־השלום, געל, אויסגעדאַרט, אויסגעדיוועט, הויט און ביינער, און שוואַך, שוואַך, אויסגעמוטשעט נעבאַך פונ'ם חדר, פון דער

גמרא... „אָבער געגוג דיר — זאָג איך צו איהם — געגוג דיר, זוה־נעניו, רוה זיך אָב אַ ביסעל, זעה וואָס פאַר אַ פּנים דו האָסט, נעהם עפּיס אין מויל אַריין, זאָג איך, עס עפּיס, טרינק עפּיס. נאַ דיר אַ גלעזעל ציקאָריע נאַ דיר!"... „ציקאָריע, זאָגט ער, טרינק בעסער אַליין, מאַמע; דו האָרעוועסט, זאָגט ער, איבערן כח. איך וואָלט דיר בעסער געהאָלפען, זאָגט ער, טראָגען דעם קאָשעק פונ'ם מארק"... „סאַ משל! — זאָג איך — וואָס רעדסטו וואָס? דו ווייסט, וואָס דו רעדסט? וואָס הייסט, דו וועסט טראָגען קאָשיקעס? ניט דערלעבען ווע־לען דאָס מיינע שונאים, איך האָב געגוג שונאים! דו בעדאַרפסט, זאָג איך, לערנען, זיצען און לערנען!"... און בשעת מעשה קוק איך אויף איהם, אויף מיין דוד'לען, הייסט דאָס, — איינגאַנצען ער עליו השלום, אפילו מיט'ן הוסט, פערפינסטערט און פערוויסט בין איך געוואָרען! יעדער הוסט, וואָס ער טהוט, רייסט מיר אויס אַ שטיק האַרץ; וואָרום איידער איך האָב איהם דערלעבט צו זעהען אַ שטיקעל מענש, זענען מיר גוט די אויגען אַרויסגעקראָכען! אַז בסך הכל דאַרפט איהר וויסען האָט זיך קיינער נישט געגלויבט, אַז דאָס קינד זאָל בלייבען לעבען זאָל דאָס, וואָרום ערגעץ אַ שלאַק, אַ צרה, אַ חולאת—איז דאָס געוועזען ביי איהם: טאָמער ווילט איהר מאָזלען — איז מאָזלען, פּאָקען — איז פּאָקען, און דיפטעריטען, און שקאַרלאַטינעס, און „זאַוועלקעס", און „זובישטשעס", און וואָס ניט?... די נעכט, וואָס איך בין אויסגעזעסען איבער איהם, זאָל מיר גאָט ניט רעכענען; אַפּנים אַז די טרעהרען מיינע און אַ ביסעל טאַקע זכות־אבות האָבען זיך אַריינגעמישט און איך האָב קוים־קוים דער־לעבט די בר־מצוה זיינע! מיינט איהר דאָך, אַז ס'איז איין עק? הערט זשע אויס איין אנטיק: בעדאַרף ער ניט געהן איינמאָל בייגאַכט, וויג־טער איז דאָס געוועזען, פונ'ם חדר, און בעגעגענען עפּיס איינעם אָנגע־טהון אין גאַלע ווייסען און פּאַטשען מיט ביידע הענד?... אודאי האָט זיך נעבאַך דאָס קינד איבערגעשראָקען אויף טויט און איז אַנידערגע־פאַלען חלשות אויפ'ן שניי, און מע האָט איהם געבראַכט אַהיים אַ טויטען האָט מען איהם געבראַכט, קוים־קוים אָבגעמינטערט; אַז מע האָט איהם אָבגעמינטערט, האָט ער זיך ערשט דעמאָלט אַנידערגע־לעגט, אַ וועהטאָג אין דער מאַמען זיינער, און איז אָבגעלעגען אין אַ העליש פייער אַזוי גרויס אַזוי קליין ווי זעקס וואָכען!... ווי אַזוי איך האָב איבערגעלעבט אָט דאָס שטיקעל צייט איז טאַקי נאָר אַ נס מן השמים! וואָס האָב איך דעמאָלט נישט איבערגעטהון? געגעבען נדרים,

פערקויפט איהם און צוריק אויסגעקויפט, צוגעזעצט איהם נאָך אַ נאָמען (חיים־דוד־הערש) און טרעהרען — טרעהרען, וועֶר רעדט פון טרעהרען? „גאָטעניו! — האָב איך געטענה'ט צום רבונו של עולם — ווילסט מיך שטראָפען? שטראָף מיך מיט וואָס דו ווילסט, נאָר מיין קינד זאָלסטו ביי מיר ניט צונעהמען זאָלסטו ניט!“... און אַז גאָט האָט מיר געשענקט די מתנה, ער איז געזונד געוואָרען, מאַכט ער צו מיר: „דו ווייסט מאַמע? איך קען דיר אָבגעבען אַ גרוס פונ'ם טאַטען. דער טאַטע איז ביי מיר געווען צו גאַסט“... דערהערט די דאָזיגע ווערטער, איז מיר שיער די נשמה אַרויס, און דאָס האַרץ — טיאָך־טיאָך־טיאָך!... „לאָז ער זיך מיהען, זאָג איך, אַ סימן, אַז דו וועסט אם־ירצה־השם לאַנג לעבען און זיין געזונד“... אַזוי זאָג איך איהם, און דאָס האַרץ — טיאָך־טיאָך־טיאָך!... ערשט אָט שפּעט אין אַ צייט אַרום ווער איך געוואָהר, אַז דער וואָס איז געווען אָנגעטהון אין ווייסען און געפּאַטשט מיט די הענד, ווייסט איהר ווער דאָס איז געווען? אַנו, טרעפט, רבי, איהר זענט דאָך אַ חכם! — רב ליפּא איז דאָס געווען, ליפּא דער וואַסער־פיהרער! ער האָט זיך יענעם טאָג פערשטעהט איהר מיר, געקויפט אַ נייעם פּעלץ אַ ווייסען, און מחמת דער פראָסט האָט געברענט, האָט ער זיך געוואָלט אַ ביסעל דערוואַרימען, האָט ער געפּאַטשט אַ האַנד אָן אַ האַנד — מיינע צרות אויף זיין קאָפּ! האָט איהר געהערט אַ השגה — אַ יוד זאָל זיך אָנטהון אין אַ ווייסען פּעלץ גאָר אין מיטען דרינען?...

— יאָ, אַקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגען דעם וואָס איהר זאָגט געזונד. געזונד — דאָס איז דער עיקר. אַזוי זאָגט דער דאָקטאָר אונזערער, און הייסט מיר, איך זאָל איהם „פּילנעווען“ זאָל איך איהם, קאָכען יאַיכליך, אַלע טאָג אַ יאַיכעל, זאָגט ער, חאָטש פון אַ פערטעל עוף, אויב איך קאָן, זאָגט ער, אויספיהרען, האָדעווען איהם, זאָגט ער, מיט מילך און מיט פּוטער און מיט „טשעקאָלאַד“. אויב איך קאָן, זאָגט ער, אויספיהרען... אַ שענער משל — אויב איך קאָן אויספיהרען? אַפּנים ס'איז דען פאַרהאַן איין זאַך אויף דער וועלט, וואָס איך זאָל פון דוד'לס וועגען ניט קאָנען אויספיהרען? ס'איז עפּיס אַ תירוץ? און אַז מע זאָל מיר זאָגען אַ שטייגער כדומה למשל, גנה, יענטע, גראָב ערד, האַק האָלץ, טראָג וואַסער, קנעט ליים, בעֶ'גנב'עֶ אַ קלויסטער — אַבי פון דוד'לס וועגען — איז אפילו אין מיטען האַלבע נאַכט אינ'ם גרעסטען פראָסט! אָט האָט זיך איהם פערוואָלט היינטיגען זומער

ביִכליך אזעלכע, ספרים מסתמא, וואָס איך האָב זיי ניט, און מחמת איך גײה אַרײַן אין די גרעסטע הײַזער גײה איך, האָט ער מיך געבעטען; טאָמער קאָן איך איהם קריגען די דאָזיגע ביִכליך צי די ספרים, און האָט מיר פערשריבען אויף פּאַפּיר... האָט ער מיר... קום איך צו געהן און בעוויַיז דאָס פּאַפּיר און בעט ביי זיי די ביכליך צי די ספרים איין מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל, לאַכען זיי פון מיר: „צו וואָס טויג אײַך, יענטע, אַזעלכע ביכער? איהר האָדעוועט מיט זיי די עופות, די גענז מיט די קאַטשקעס?"... „לאַכט, לאַכט — טראַכט איך מיר— אבי מיין דוד'ל וועט האָבען אין וואָס אַרײַנצוקוקען וועט ער האָבען"... גאַנצע נעכט, גאַנצע נעכט קוקט ער אַרײַן אין די דאָזיגע ביכליך צי די ספרים, און בעט מיך, איך זאָל איהם ברייַנגען נאָך און נאָך... וועל איך איהם זשאַלעווען? טראָג איך אָב די, און נעהם נאָך... קומט צו געהן אַ חכם אַ דאָקטאָר און פרעגט מיך, צי קאָן איך אויספיהרען פון זײַנעטוועגען אַלע טאָג אַ יאַיכעל חאָטש פון אַ פערטעל עוף! און פון דריי פערטעל עוף אַז מע בעדאַרף, וועל איך קוקען אויף דרך־ארץ? פון וואַנען נעהמט זיך, פרעג איך אײַך, אַזעלכע דאָקטוירים אויף דער וועלט? וואו וואַקסען זיי אויס? אויף וועלכע הײַוען ראָשטשינעט מען זיי און אויף וואָסער אויווען באַקט מען זיי?...

— יאָ, אַקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגען דעם וואָס איהר זאָגט יאַיכליך... שטייל איך איהם צו אַלע טאָג אַ יאַיכעל פון אַ פערטעל עוף, און פאַרנאַכט, אַז ער קומט צו געהן פונ'ם לערנען, עסט ער, און איך זעץ מיך אַוועק אַקעגען מיט איין אַרבייט אין דער האַנד און ווער גרעבער ווי לענגער ווער איך, און איך בעט גאָט, גאָט זאָל מיר העלפען, איך זאָל איהם מאָרגען אם־ירצה־השם ווידער קענען צושטעלען אַ יאַיכעל פון אַ פערטעל עוף... „מאַמע, — זאָגט ער צו מיר — פאַרוואָס עסטו נישט מיט מיר?"... „עס געזונד! — זאָג איך— איך האָב שוין אָבגעגעסען"... „וואָס האָסטו געגעסען?" זאָגט ער... „וואָס איך האָב געגעבען — זאָג איך — האָב איך געגעסין, אבי איך האָב שוין געגעסען, עס געזונד!" און אַז ער לערנט אָב די ביכליך צי די ספרים, נעהם איך ערשט דעמאָלט אַרוים פונ'ם אויווען אַ פּאָר געבאַקענע קאַרטאָפעל נעהם איך, אָדער איך רייב אָן אַ שטיקעל ברויט מיט ציבעלע רייב איך, און מאַך מיר אַ סעודה... און איך שווער אײַך באמונות, איך זאָל אַזוי דערלעבען אָן איהם נחת מיט אַלדאָס גוטס, אַז איך האָב הנאה פון דער דאָזיגער ציבעלע אַ סך מעהר ווי

פון דעם שענסטען געבראָטענס, ווי פון דער בעסטער יויך, ווארום איך דערמאָהן מיך, אז דוד'ל האָט קיין עין-הרע געגעסען אַ יאיכעל פון אַ פערטעל עוף, און אם-ירצה-השם אויף מאָרגען איז ווידער פארהאַן אַ יאיכעל פון אַ פערטעל עוף!... איין ש-יקעל חסרון נור אָט דאָס הוס-טען וואָס ער הוסט נעבאך, אלע מאל: קאחי-קאחי! קאחי-קאחי!... איך בעט דעם דאָקטאָר בעט איך, ער זאָל איהם עפּיס געבען צום הוסט... זאָגט ער: „וויפיעל איז אַלט געוועזען דער מאַן מיינער, משה-בנציון עליו השלום, בשעת ער איז געשטאָרבען און פון וואָס איז ער גע-שטאָרבען?“... „פונ'ם טויט, ס'איז איהם אויסגעגאַנגען, זאָג איך, יאָהרען, איז ער געשטאָרבען... וואָס איז דאָס פּאַר אַ משל אַהערצו-צו?“... „איך בעדאַרף דאָס וויסען — זאָגט ער — איך האָב בעטראַכט אייער זוהן, איהר האָט אַ וואוילען זוהן, אַ געראָטענעם“... „אַ שענעם דאַנק אייך, זאָג איך, דאָס ווייס איך אליין. איהר גיט מיר בעסער אַ רפואה צום הוסט גיט מיר, ער זאָל אויפהערען הוסטען זאָל ער מיר“... „דאָס קאָן מען ניט, זאָגט ער, איהר דאַרפט נור, זאָגט ער, אַכטונג געבען, ער זאָל ווינציגער לערנען“... „וואָס דען, זאָג איך, זאָל ער טהון?“ „ער זאָל עסען אַ סך, זאָגט ער, און געהן שפּאַצירען אַלע טאָג, און דער עיקר נישט זיצען בייגאַכט איבער די ביכער. אויב עס איז איהם בעשערט, זאָגט ער, זיין אַמאָל אַ דאָק-טאָר, וועט ער ניט אָנוועהרען שפּעטער מיט עטליכע יאָהר“... „וואָס עס האָט זיך מיר געחלום'ט, טראַכט איך מיר, יענע נאַכט און היינ-טיגע נאַכט און אַ גאַנץ יאָהר! עפּיס רעדט ער נישט צו דער זאַך, טאַקי נור ווי אַ דולער רעדט ער! וואָס הייסט מיין דוד'ל וועט זיין אַ דאָקטאָר גאָר? פאַרוואָס זאָל ער בעסער ניט זיין קיין „גובערנאַטער“ פאַרוואָס?“... קום איך צו געהן אַהיים און דערצעהל דאָס מיין דוד'לען דערצעהל איך דאָס, ווערט ער רויט ווי פייער און רופט זיך אָן צו מיר: „ווייסט וואָס, טאַמע? געה נישט מעהר צום דאָקטאָר און רעד נישט מיט איהם“... „איך וויל שוין אפילו, זאָג איך, זיין פנים ניט אָנקוקען! איך זעה דען ניט, אַז ער איז אַ חושים?“... אַ דאָקטאָר זאָל דיר האָבען אַ מאָדנע טבע, ליעב האָבען זיך אריינלאָזען אין אַזעל-כע דרכים, נאָר אויספרעגען ביים חולה: פון וואָס ער לעבט, און ווי אַזוי ער לעבט, און וואו נעהמט ער אויף צו לעבען?... וואָס נעהט דאָס דיך אָן! מע שענקט דיר אַ האַלב קערבעל? נעהם און פערשרייב אַ רע-צעפּט!...

— יאָ, אַקעגנען וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רייד? — אַקעגען דעם וואָס איהר זאָגט: מע איז כסדר פערטאַרעראַמט. אודאי איז מען פערטאַרעראַמט און מע שלאָפט אין שלייער, אַז מע האָט אַ קאָשיק מיט אייער, מיט עופות, מיט גענז און מיט קאַטשקעס און עטליכע נגידות'טעס אויף זיך, וואָס איטליכער וויל פריהער, האָט מורא, טאָמער האָט יענע אויסגעקליבען די בעסטע אייער מיט די שענסטע עופות... ווען האָב איך צייט, זאָגט שוין איהר אַליין, קאָכען יאַיכליך, אַז איך בין קיינמאָל ניטאָ אין דער היים? נאָר אַ למדן, ווי זאָגט איהר, גיט זיך אַנ'עצה: גאַנץ פריה, איידער איך קלייב מיך אַרויס אין מאַרק, הייץ איך איין אין אויווען הייץ איך, נאָכדעם חאַפּ איך מיך אַראָב אויף אַ מינוט און זאַלץ אויס דאָס פערטעל עוף זאַלץ איך, און געה אויף דער אַרבייט, און חאַפּ מיר ווידער אַראָב און גיס אָב דאָס פלייש גיס איך, און שטעל צו דאָס טעפּעל שטעל איך, און בעט זי, די שכנה מיינע, גנעסי הייסט דאָס, זי זאָל אַכטונג געבען אויפ'ן טעפּעל זאָל זי, דאָס הייסט אַז דאָס טעפּעל וועט פערזידען, זאָל זי דאָס צודעקען מיט דער פּאָקרישקע און פערשאַרען מיט אַש — אַ גרויסע אַרבייט, אימשטיינס געזאָגט! וויפיעל מאָל מאַכט זיך, אַז איך קאָך אָב פון איהרעטוועגען אַ גאַנצע וועטשערע? מען איז דאָך עפּיס יודען, וועה איז מיר, מע זיצט דאָך צווישען מענשען, ניט אין קיין וואַלד זיצט מען!... און שפּעטער, אויפדערנאַכט, אַז איך קום אַהיים פון דער אַרבייט, צובלאָז איך ערשט אַ פייער צובלאָז איך, און וואַרים אָן דאָס טעפּעל, און ער עסט אַ פריש יאַיכעל עסט ער... וואָלט דאַכט זיך געווען גוט, איאָ? איז דאָך אָבער מיין שכנה, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, מחילה אַ גרויסע... איך וויל ניט זאָגען וואָס... איז זי זיך מישב היינט אין דער פריה און שטעלט זיך אַוועק קאָכען פון איהרע קינדערס וועגען אַ מילכיגען אָנבייסען — האַלעשקעס אָדער באַלאַבעשקעס מיט מילך. וואָס איז דאָס פאַר אַ מאכל באַלאַבעשקעס מיט מילך? און וואָס עפּיס פלוציים אין מיטען מיטוואָך שבת־צונאַכט? לאָז מיך אַזוי וויסען אַ בייזע וועטשערע! אַ מאָדנע יודינע אָט די מיטנישקע! ביי איהר איז אָדער גאָר, אָדער גאָרניסט, דריי טאָג קאָן אַוועקגעהן, זאָל זי ניט צולעגען קיין פייער אין אויווען, און פלוציים קומט איהר אָן, זאָל זי נעהמען „אָנבויטען" אַ גאַנצע פּאָמוניצע, כלומרשט אַ הירזשענעם קוליש אָדער אַ קרופּניק, וואָס מע בעדאַרף אָנטהון אַ פּאָר ברילען, מע זאָל דאָרטען דערזעהען אַ הירזשעלע, אָדער גאָר אַ טאָפּ מיט פּישקאַרטאָפלעס, וואָס די ציבעלעס

לאָזען זיך הירען פאַר אַ מייל און פונ'ם פּעפער, וואָס זי האָט אָנגעפּעפערט, געהען זיי אום נאָכדעם אַלע אַ גאַנץ מעת-לעת, האַלטען אָפען די מיילער און האַקען: הואַ-הואַ!...

— יאָ, אַקעגען וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגען דעם וואָס איהר זאָגט שלימזל... איז זיך מישב די שכנה מיינע און פאַרקאַלאָטשעט באַלאַבעשקעס פון רעטשענע מעהל און שטעלט צו אַ קריגעל מיט מילך שטעלט זי אין אויווען, סע זאָל אויסזידען, און צווישען די קינדער איהרע ווערט אַ שמחה, אַ גדולה, טאַטעניו! זיי האָבען קיין מעהל ניט געזעהען, קיין ביסעל מילך אפנים? מאָלט אייך נישט מעהר זאָלען אונזערע שונאים פערמאָגען, וויפיעל דאָרט איז געווען מילך! אפשר צוויי לעפעל, דאָס איבעריגע וואַסער... נאָר ביי אַזעלכע קבצנים אימשטיינס געזאָגט, איז דאָס אויך אַ זאַך!... דערוויל טראָגט אָן דער גוטער יאָהר דעם שמש. עס ווייזט אויס, אַז עוזר האָט נאָך אין קליינעל אָנגעשמעקט, אַז אין דער היים ביי איהם קאָכט זיך אַ נגידישער אָנבייסען קאָכט זיך, איז ער געקומען צו פליהען מיט אַ ווערטעל, ווי דער שטייגער זיינער: „אַ גוט יום-טוב!" — „אַ וויסטער אַ פינסטערער גוט יום-טוב אויף דיר, זאָגט זי, וואָס אַזוי פריה?"... — „איך האָב מורא געהאַט, זאָגט ער, טאָמער חלילה פערשפּעטיג איך דאָ אַ ברכו... וואָס קאָכט זיך דאָס ביי דיר אין אויווען?"... — „קדחת, זאָגט זי, פון דייגעטוועגען אין אַ קליין טעפּעלע"... — „פאַרוואָס ניט, זאָגט ער, אין קיין גרויסען טאָפּ, וואָלט שוין געווען פאַר אונז ביידען?"... — „אַ, פערחאַפּט זאָלסטו ווערען מיט דיינע ווערטליך!" — זאָגט זי אָנגעצונדען און נעהמט דעם ראַהעטש און טהוט אַ חאַפּ דאָס קריגעל, טהוט זיך דאָס קריגעל אַ קעהר איבער, און די מילך — פליוך איבערן גאַנצען אויווען!... אַ גוואַלד, אַ רעש, אַ געפילדער! גנעסי שעלט דעם מאַן מיט טויטע קללות; זיין גליק, וואָס ער האָט זיך אָבגעטראָגען בעצייטענס... און די קינדער נעביך זענען אַראָב פונ'ם אויפ'ן-אויווען און האָבען געמאָכט אַ געוויין מיט אַ געשריי, גלייך ווי מע האָט זיי אָבגעקוילעט טאַטע-מאַמע... אַ כפרה, זאָג איך, אייערע באַלאַבעשקעס מיט מילך, מיין דוד'לם יאָיכעל, האָב איך מורא איז יאָ פערפאַלען, און דאָס טעפּעל מיינס איז חלילה טרפה געוואָרען!"... — „חאַפּט דער רוח דאָס יאָיכעל אייערם מיט'ן טעפּעל, זאָגט גנעסי, מיינע באַלאַבעשקעס מיט מילך זענען אפשר ביי מיר אַזוי טייער, ווי אייערע אַלע טעפּליך מיט אַלע אייערע יאָיכליך, וואָס איהר קאָכט פון אייער קדיש וועגען!"...

„ווייסט איהר וואָס? — זאָג איך, זיין זאָלט איהר אַלע די כּפּרה פאַר מיין דוד׳לס מינדסטען נאָגעל פונ׳ם קלענסטען פינגערל!״... — „ווייסט איהר וואָס, זאָגט זי, זיין זאָל דוד׳ל די כּפּרה פאַר אונז אַלעמען, ער איז איינער!״... וואָס זאָגט איהר אויף אַזאַ הולטייקע? איז זי ניט ווערט געוועזען, מע זאָל איהר צופּאַטשען די פּיסקעס מיט אַ נאַסער האַנדטשירקע?...

— יאָ, אַקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגען דעם וואָס איהר זאָגט — פון מילכיגס מיט פליישיגס אין איין אויוועז קען קיין גוטס ניט אַרויס... האָט זיך דאָס קריגעל הייסט דאָס געשטעלט פּאַ־פּעריק, און די מילך — הויך איבערן גאַנצען אויוועז; האָב איך מורא, טאָמער חלילה האָט זיך דאָס אָנגעריהרט אָן מיין יויך־טעפּעל, בין איך אַ פערפאַלענע בין איך! חאָטש אפילו צוריק שמועסענדיג ווי קומט די מילך צו מיין טעפּעל, אַז מיין טעפּעל איז געשטאַנען פערדרוקט אין אַש העט־העט אין אַ ווינקעלע? נאָר אויך די אייגענע מעשה, איך קען ערב זיין? אַ קשיא אויף אַ מעשה! מיין פינסטער מזל! טאָמער?... איך וועל אייך זאָגען דעם רעכטען אמת וועל איך אייך, מילא דאָס יאַיכעל ווי דאָס יאַיכעל; עס טהוט מיר אודאי האַרצעדיג באַנג, וואָס וועט ער נעבאַך עסען, דוד׳ל? נאָר מסתמא וועל איך שוין עפּיס צוטראַכטען פון זיינעט־וועגען מסתמא; איך האָב נעכטען געבראַכט געגז פון דער שחיטה, גע־מאַכט „אַבדירקעס״ אויף צו פערקויפען, איז מיר פערבליבען אַ ביסעל „דרויב״ אויף שבת: קעפּליך, קישקעליך, דאָס, יענץ, — מע קען שוין עפּיס מאַכען דערפון; איז מיר אָבער שלעכט — איך האָב נישט קיין טעפּעל האָב איך נישט; איך האָב מורא, טאָמער מאַכט איהר מיר טרפה דאָס טעפּעל, בין איך געבליבען אָהן אַ טעפּעל, און אָהן אַ טעפּעל בין איך ווי אָהן אַ האַנד בין איך. וואָרום איך האָב אינגאַנצען איין טעפּעל; דאָס הייסט האָבען האָב איך געהאַט דריי טעפּליך פליישיגע, האָט ביי מיר גנעכי, אויף קיין גוט אָרט זאָל זי אייך ניט שטעהן, איינמאָל אַנטליהען אַ טעפּעל, אַ שפּאָגעל ניי טעפּעל, און געהט און גיט מיר אָב אַ שטשערבאַטע טעפּעל. זאָג איך צו איהר: „וואָס איז דאָס פאַר אַ טע־פּעל?״... זאָגט זי: „ס׳איז אייער טעפּעל״... זאָג איך: „ווי קומט צו מיר אַ שטשערבאַטע טעפּעל, אַז איהר האָט ביי מיר גענומען אַ גאַנץ טעפּעל?״... זאָגט זי: „שאַט, שרייט ניט אַזוי, מע ווערט פון אייך ניט גליקליך! ערשטענס האָב איך אייך אָבגעגעבען אַ גאַנץ טעפּעל, צווייטענס אַז איך האָב ביי אייך גענומען דאָס טעפּעל, איז דאָס געוועזען

איין אָנגעשטשערבעט טעפּעל; און דריטענס — איך האָב בײַ אײַך קיינמאָל ניט גענומען קיין טעפּעל, איך האָב מיר מײַן טעפּעל, און טשעפּעט זיך אָב פון מײַן לעבען!״... אַ הולטײַקע קען!...

— יאָ, אַקעגען וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגען דעם וואָס איהר זאָגט, אַז טעפּליך אין בעל־הבתישקייט איז קיינמאָל נישט צו פיעל... בין איך הייסט דאָס, ווי איהר זעהט, געבליבען בײַ צוויי טעפּליך? גאַנצע טעפּליך און איין טעפּעל אַ שטשערבאַטע טעפּעל, דאָס הייסט צוויי טעפּליך... נאָר ווי טאָר איין אָרימאַן האָבען צוויי מעפּליך בעדאַרף זיך מסתמא טרעפען אַזוי, אַז איך קום איינמאָל צו געהן פונ׳ם מאַרק מיט די עופות קום איך, בינדט זי אָב איין עוף און דערשרעקט זיך פאַר דער קאַץ... וועט איהר פרעגען ווי קומט אַהער אַ קאַץ? אַלץ זי מיט איהרע קדישים! דערטאַפּען זיי ערגעץ אַ קעצעל, מוטשען זיי דאָס אַזוי לאַנג, ביז זיי פערמוטשען דאָס. „אַ צער בעלי חיים! — טענה׳ט מיט זיי מײַן דוד׳ל — אַ לעבעדיגע זאַך!״... נאָר גײה רעד מיט אַזעלכע היצלים, לײדיגגעהערס, פוסטעפּאַסניקעס!... בקיצור, זיי האָבען עפּיס אָנגעהאַנגען דער קאַץ אויפ׳ן שפּיץ ווײדעל, האָט זי אָנגעהויבען שפּרינגען, מאַכען אָנשטעלען, האָט זיך דאָס עוף דערשראָקען, און איז אַרויפגעפלויגען גלײַך אויף דער אויבערשטער פּאָליצע — און טראַך צ׳ טעפּעל אין דער ערד אַרײַן! איהר מיינט, אפשר דאָס שטשערבאַטע טעפּעל? יאָ, ס׳פערשטעהט זיך! אַז ברעכען וועט זיך ברעכען אַ גאַנץ טעפּעל! דאָס איז שוין תמיד אַזוי, פון זינט די וועלט איז אַ וועלט!... איך האָב געוואָלט וויסען האָב איך געוואָלט, פאַרוואָס איז דאָס, למשל צוויי מענשען געהען, דער געהט און דער געהט; איינער איז אַ בן־יחיד, איינאונאיינציגער, אַ ציטעריגער בײַ דער מאַמען, און דער אַנדערער איז...... רביניו! גאָט איז מיט אײַך! וואָס איז אײַך אַזעלכעס?... רביצין! רביצין! וואו זענט איהט ערגיץ?... אַהערצו געהט! גיכערט! דער רב איז עפּיס נישט מיט אַלעמען! ניט גוט געוואָרען... אַפּנים אויף צו חלשען!... וואַסער! וואַסער!...

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

14
כל נדרי

כָּל נִדְרֵי.

(פֶערְלָארֶענֶע נְשָׁמוֹת).

א.

די נאַכט פון כל נדרי איז דער „פּאַרנאַס“ געוועזען שוין באַלייכטעט מיט אַלערליי־פאַרביגע לאָמפּען און לעמפּלעך, דעקאָרירט און צוגעקליבען אויפ'ן שענסטען אופן. די מוזיק האָט געשפּיעלט, די אָפענע סצענע איז געוועזען גרייט צו בעווייזען דער וועלט אַלע איהרע אַנטיקלעך, חדושים ונפלאות — משונה מאָדנע גרינגע דינע גאַז־קאָלירענדיגע קליידלעך, אַ סך ברילִיאַנטען, משוגענע טואַלעטען, נאַקעטע לייבער און פיס, פיס אָהן אַ שעור!...

— וואָס איז דאָס? — פרעגט דער פרומער לעזער — משוגע צי חסר דעה? וואָס איז דאָס פאַר אַ הפקירות געוואָרען! עשׂרת ימי תשובה אין אַ קאַפע־שאַנטאַן! ערב יום כפור — מוזיק מיט קליידלעך מיט נאַקעטע לייבער!...

איך ווייס, ליעבער פריינד, גלויבט מיר, איך ווייס, אַז ס'איז ערב יום־כפור; איך ווייס, אַז דאָס אָרט, וואוהין מיר געהען אַצינד — איז נישט אַזוי כדאי אַריינצוטרעטען אין די טעג, וואָס מע רופט זיי „ימים נוראים“, און די פאַרשוינען, וואָס מיר וועלען זיך דאָרט מיט זיי באַגעגענען, געהערען זיך אָן ווינציג וואָס מיט'ן כל נדרי און מיט'ן הייליגען טאָג יום־כפור, וואָס ער הייסט ביי אונז „שבת שבתון“, דער שנת פון אַלע שבתים; נאָר פון וואַנען ווייסען מיר, אפשר געפינען זיך אויך דאָ אינ'ם דאָזיגען זינדיגען אָרט זינדיגע יודישע נשמות, און צווישען זיי אויך פאַרגעסענע, פאַרוואָגעלטע, פאַרוואָרפענע, אומגליקליכע נפשות נעבעך, וואָס קומען אָב אויף דער וועלט מעהר פאַר פרעמדע זינד ווי פאַר אייגענע? פון וואַנען ווייסען מיר, ווער ס'איז מעהר שולדיג אינם נידעריג פאַלען פון די דאָזיגע פערלאָרענע נשמות? פון וואַנען ווייסען מיר, וועלכעס איז כדאי און וועלכעס איז ניט כדאי?...

נאָך אַזאַ מין שטיקעל הקדמה, וואָס שמעקט אַביסעל מיט „על חטא“, (און אַ יוד שלאָגט זיך אָב „על חטא“ און זינדיגט ווייטער), קאָנען מיר דאַכט זיך שוין אומקעהרען זיך צוריק צו דער מעשה.

דער „פּאַרנאַס“ איז דעקאָרירט און צוגעקליבען אויפ'ן שענסטען אופן; די מוזיק שפּיעלט; מענשען דרעהען זיך אַרום הין און צוריק אויף איין אײנג שטיקעל ערד, וואָס מע רופט עס „גאָרטען“, וואָרום מע האָט דאָרט אַנידערגעזעצט אין זאַמד עטליכע טשאַכאָטאָטשנע בוימלעך, וואָס טשאַכנען, קוים וואָס זיי דערציהען דעם זומער, און אַלץ וואָס דאָ געפינט זיך — איז פאַלש און פאַלש. דער גאָרטען איז ניט קיין גאָרטען, די בוימער זענען ניט קיין בוימער, די בריליאַנטען זענען ניט קיין בריליאַנטען, די שמחה איז ניט קיין שמחה, ס'איז נאָר געמאַכט, ס'איז נאָר געמלאכה'ט, בכדי יענער זאָל מיינען...

אַלע ווייסען דאָס, אַלע פיהלען דאָס, נאָר פון דעסטוועגען געהט מען אַהער אַלע אויף דער נאַכט, און מע בריינגט אוים געלד, מע זיצט און מען הערט. מע געגעצט, נאָר מע זיצט... די מוזיק רימפּעלט און עס רימפּעלט אויפ'ן האַרצען, נאָר מע מוז זיצען און הערען ביז'ן סוף. דאַנקען גאָט די מוזיק האָט אויפגעהערט צו רימפּלען, דאָס גלעקיל קלינגט, דער עולם געהט פאַרנעמען ערטער און דער פאָרהאַנג פון דער אָפענער סצענע הויבט זיך אויף און עס שפּרינגט אַרוים אַ נפש אינ'ם געשטאַלט פון אַ נקבה, אָנגעטהון משוגענערווייז, דאָס הייסט העכער האַלב נאַקעט, און מיט אַ קול פון אַ יונג־קינד קוויטשעט זי אוים אַ נגון, וואָס איהר ווייסט ניט, צי זי זינגט קופּלעטען צי זי בייזערט זיך אויף דער דיענסט פאַר די קאַרטאָפּליס... און חאָטש דער גאַנצער עולם פיהלט, אַז די קופּלעטען זענען נאַריש און דאָס זינגען טויג אויף כפרות, פון דעסטוועגען פאַטשט מען בראַוואָ און אַ צוויי דריי ליידיגגעהערס רופען זי אַרוים פון יוצא וועגען נאָך אַ מאָל אויף „ביס“, און זי לאָזט זיך לאַנג ניט בעטען, זינגט אַ נייעם נגון, נאָך ערגער פונ'ם ערשטען, און דער עולם געגעצט און פאַטשט „בראַוואָ“ און עס הערט זי ווידער אַ געשריי: „ביס!“...

— דזשוי! טהו אַ שפּרונג, ווער געוואָהר, געקומען שוין דראַגאַ מאַרישקאַ צי נאָך ניט? — אַזוי רופט זיך אָן איינער אַ גראָבער דייטש מיט אַ רויטער נאָז אונטער אַ גלאַנצענדיגען ציליגדער. דאָס איז דער בעל־הבית פונ'ם גאָרטען.

— איך קום ערשט פון דאָרטען, נישטאָ זי נאָך — ענטפערט

דזשוי, אַ יונגער מאַנטשיק מיט אַ רויטען שניפּס, מיט אַ געגאָ־ט פּנים, נאָר מיט איין אויסגעבויגענער נאָז, וואָס זעהט אויס מזרע היהודים...

— וואָס וועלען מיר טהון, טאָמער קומט ניט, חלילה, דראַגאַ מאַרישקאַ? סע שניידט זיך איין עולם פון היפּשע מענשלעך, רייכע יונגע־לייטלעך, מע וואָלט געקאָנט לייזען שען געלד... וואו קען זיין אַזוי שפּעט דראַגאַ־מאַרישקאַ?

— למאי אָט איז פּערי־פּיטשי־פּאוטשי אויך נישטאָ? — זאָגט דזשוי — דער רוח ווייסט זיי וואו זיי זענען ערגיץ!... מע בעדאַרף אַ לויף טהון צו זיי אַהיים!...

— נעה, געה, דזשוי, נשמהניו, ברענג זיי צו פיהרען פאַר די צעפּ! — זאָגט די „רויטע נאָז" צו דער גענאַלטער מאָרדע און מע זעהט, אַז די רויטע נאָז האָט יסורים. „זי" עקט זיך... און דאָרט אויף דער סצענע שפּרינגט אַרום אַ פאַרשלעפּטע קריינק, קוליעט זיך איבער דריי מאָל הין און צוריק און מאַכט אַ סך ערגערע הויות ווי די ערגסטע פּורים־שפּיעלער, און דאָס געפעלט דעם עולם אַזוי שטאַרק, אַז מע פּאַטשט איהם „בראַוואָ" נאָך איידער ער האָט אָבגעמאַכט אַלע זיינע שטיק, און מע רופט איהם אַרויס נאָך אַמאָל אויף בּים.

די „רויטע נאָז" איז אין איינע צרות:

— דזשוי! וואו איז דזשוי? נישטאָ דזשוי! נישטאָ דראַגאַ מאַרישקאַ, נישטאָ פּערי־פּיטשי־פּאוטשי, נישטאָ קיינער, קיינער!...

אַזוי זאָגט די „רויטע נאָז" און לויפט אַרום הין און צוריק ווי אַ פאַרסמ'טע מויז איבער'ן גאַנצען „פּאַרנאַס".

און אויף דער סצענע בעוויזט זיך אַ פאַרשטעלטער יוד, דאָס הייסט אַ גוי, וואָס האָט זיך צוגעטשעפּעט אַ קלאָטשקעוואַטע באָרד מיט ווילדע פּאות אויף איין אַרשין און קרימט זיך נאָך אַ יודען. די דאָזיגע באָרד און פּאות מיט דער שפּיצעדיגער יאַרמעלקע מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע מיט די שיך און זעקליך רופען אַרויס אַזאַ מין התפעלות אינ'ם גאַנצען עולם, אַז זיי ווערען שיער ניט די כפּרה. איינער פון דרויסן טהוט אַ געשריי „יאַנקעל!" און דער יוד פון דער סצענע טהוט אַ פרעג: „חיים־סראָליק־קוגעל, וואָעס"? און צווישען עולם ווערד אַזאַ געלעכטער, גלייך ווי עס איז דאָ געזאָגט געוואָרען מי יודע וואָס פאַר אַ שאַרפע חכמה, און ווער שמועסט, אַז דער יוד ציהט נאָך אַרויס פון דער אונטער־טער קעשענע אַ פּישקעלע, נעמט אַ שמעק טאַבּעק און טהוט אַ ניס, דעמאָלט ווערד איין איינלייגעניש אויף אַ האַלבע שעה אין

א געשריי, בים! בים! בים!.. דערפון קאן מען שוין פארשטעהן, וואס סע טהוט זיך אב, אז ער הויבט אן זינגען דאס שענע, קלוגע ליד על, וואס צעגעהט זיך אין אלע איברים, שאקעלט בשעת מעשה מיט'ן קאפ אויף און אראב און טרייסעלט מיט די פאות, טאנצט און קנאקט צו מיט די פינגער:

„הענדיל פענדיל מענדילסאן,
פייטיל טרייטיל מאנדעלשטאם,
שניאר דרייער מאירבער,
שמערקא בערקא קולישער....

דער עולם ווערט מלא גדולה, ששון ושמחה; איינער שרייט: „בראוואָ!" דער אנדערער — „בים!" און איינער, א דריטער, חאפט זיך גאר ארוים מיט א שרעקליכען „הורררראַ!", שרייט מיט אלע כוחות, גלייך ווי מע האט איהם דערפאר באצאהלט מי יודע וויפיל...

דאס איז אבער אלץ פאר דער „רויטער גאז" ווינציג. „זי" געהט ארום אין איינע צרות, בייזערט זיך. קנייפט אונטער שטילערהייד די באדיענטע, טרייבט זיי, זיי זאלען געהן א קוק טהון, צי איז ניט געקומען שוין דראגא מארישקא? וואו איז דראגא-מארישקא? וואו איז פערי-פיטשי-פאוטשי? וואו איז דזשווי? ווי אין דער ערד ארײן! שוין זשע זענען זיי דארטען אלע דריי?...

און דער בעל-הבית פונ'ם „פארנאס" שטעלט אוועק איינעם פון די באדיענטע ביי דער טיר און אליין חאפט ער א דראשקע און הייסט זיך פיהרען אויף דער „יודישער גאס"...

ב.

ווער איז די דראגא מארישקא? וואס קוקט מע דא אויף איהר אזוי שטארק ארוים?

דראגא מארישקא איז א זינגערין איינע פון די סאמע בעליעבטעסטע אין „פארנאס"... אליין איז זי פון בודאפעשט, זינגט אונגארישע מעלאדיען און ציגיינער-ליעדער מיט אזא שען קול, מיט אזא מין מתיקות. אז זי נעמט ארוים ביי איטליכען בעזונדער דאס חיות. אלע איהרע ליעדער, האטש מע פערשטעהט ניט די ווערטער, זענען פול מיט טרעהרען, מיט הארץ, האבען אין זיך א לעבעדיגע נשמה און דערגרייכען

ווייט, דערלאַנגען טיעף אין די ביינער אַריין, דערוועקען מאָדנע געפיהלען, רופען אַרויס טרויעריגע געדאַנקען, אַמאָל אַ זיפץ פונ'ם טיעפען־טיעפען האַרצען און אָפט מאָל אַ טרעהר אויף די אויגען. וואו ליגט דאָ דער סוד באַהאַלטען: צי אין דער זיסער ווייכער בוימעלדיגער שטימע? צי אין די געראָטענע קלינגענדיגע ווערטער, וואָס זי גיט זיי צו אַ בעזונדער חן בשעת זי רעדט זיי אַרויס? צי אין איהרע שענע, שוואַרצע, טיפע פאַרטראַכטע אויגען וואָס שיינען אַרויס פון איהר קלאָהר־ווייס־ליכטיג פנים, וואָס איז באַברעמט מיט שענע, קורצע געגרייזעלטע האָר? צי אין איהר קאָנען האַלטען זיך אויף דער סצענע? צי אין די אַלע זאַכען אינאיינעם גענומען? דאָס איז פאַר געוויס, אַז קוים באַווייזט זיך דראַגאַ־מאַרישקאַ אויף דער סצענע, ווערד נישט קיין ליאַרעם מיט קיין געפילדער; אדרבה, עס ווערד שטיל, אַלע באַקומען עפיס פאַר איהר דרך־ארץ, מע פיהלט, אַז עס שטעהט אַ מ ע נ ש אויף דער סצענע, אַ מענש ווי אַלע מענשען, אַ מענש מיט אַ האַרץ, מיט אַ נשמה! און הויבט אָן דראַגאַ מאַרישקאַ צו זינגען, אַזוי ווערט דער עולם ווי פאַרשטאָרבען, און אַלע וואָלטען יועלען, דאָס זינגען זאָל זיך ציהען און ציהען, עס זאָל זיך גאָר נישט אויסלאָזען... יודען האָבען ליעב געהן האָרכען דראַגאַ מאַרישקען דערפאַר, וואָס אין איהר זינגען ליעגט אַ סך „מאָראַליש", עס שמעקט מיטען יודישען שטייגער... אין איהר זינגען הערט זיך אַ קלאָגען, אַ באַקלאָגען זיך פון אַ צעבראָכען האַרץ. פון אַ באַליידיגטע נשמה, און אַ געפיהל פון רחמנות קלעמט אַרום דאָס האַרץ, און נישט אַזוי גרינג פאַרגעסט איהר נאָכדעם דאָס דאָזיגע ליכטיג פנים, מיט די טיפע, שוואַרצע, פאַרטראַכטע אויגען, און די זיסע ווערטער מיט'ן צוקער־זיסען געזאַנג לאָזען זיך נאָך לאַנג הערען ביי איך אין די אויהרען.

סע פערשטעהט זיך, אַז אויף דראַגאַ־מאַרישקאַ'ן זענען פאַרהאַן אַ סך, אַ סך בעלנים, וואָס ברייגגען אוים אַ סך, אַ סך געלד, און די „רויטע נאָז" איז דערפון רעכט צופריעדען, און די אַלע איבעריגע זינגעריגס און טענצעריגס זענען איהר — געוויינליך, רעכט מקנא, זיי זאָלען נאָר קאָנען — וואָלטען זיי זי דערטרייגקען אין אַ לעפיל וואַסער. אַך, ווען זיי זאָלען וויסען, וואו איז איצטער דראַגאַ מאַרישקע וואָלטען זיי אַוועקגעגעבען אַלע זייערע פאַלשע בריליאַנטען, זיי וואָלטען איהר שוין צוגעשטעלט אַ רעכט ביינקעלי וואו מע בעדאַרף און וואָלטען זיך אָבגערעכענט מיט איהר ווי עס געהער צו זיין...

וואו זשע איז געוועזן דראגא-מארישקא? אין שוהל צו כל נדרי...

ג.

דארט אין א קליין שטעדטיל גאליציען, וואו זי איז געבארען — האט זי געהייסען דבורה-מיריל, א יודישע טאכטער, א כשר קינד, געוואכסען ביי פרומע עלטערען פאנאטיקער און גאנץ רייכע לייט, וואס נאכדעם האט זיך ביי זיי דאס רעדעל א דרעה געטהון צוריק, זיי האבען אנגעווארען דאס געלד, פערארעמט געווארען און אריבערגעפאהרען קיין בודאפעשט, געעפענט פריהער א קלייטיל פון ציגארען נאכדעם א יודישען רעסטאראן אויף דער יודישער אלטאפ-גאס. נאר דער שלים-מזל האט זיי נאכגעיאגט פוס-טריט. ווי געוויינליך אין א נייע ארט און אזא גרויסער שטאדט ווי בודאפעשט, האבען זיי אנגעהויבען זיך אנדערש פיהרען, מאכען א נייע מין לעבען, איבערגעביטען די יודישע נעמען אויפ'ן אונגארישען שטייגער, אנגעהויבען זיך אנדערש קליידען, די מוטער אליין האט מיט דער צייט אראב געווארפען דעם פאריק און דער עלטערער זוהן האט אנגעהויבען שטודירען מוזיק — דאס אלסדינג אינאיינעם האט דער פאטער נישט געקענט אריבערטראגען און איז געשטארבען אין יודישען שפיטאל און דאס גאנצע געזינדעל האט זיך צעזייעט און צעשפרייט אויף אלע זיבען ימים: דער עלטערער זוהן איז אוועק ערגיץ מיט מוזיקאנטען, דער אנדערער האט זיך גלאט אוועק געלאזט אין דער וועלט אריין, א סברה אז קיין בראזיליע און איז פארפאלען ווי אין וואסער אריין, איינע איין עלטערע טאכטער האט חתונה געהאט פאר א משורר אין כאהרשול, די אנדערע האט זיך געשטעלט אין א זאקען פאבריק און דראגא מארישקא איז געבליבען אליין מיט דער מוטער, איהר מיט-געהאלפען אין רעסטאראן בעדינען די אורחים, געגרייט און דערלאנגט צום טיש דאס עסען.

שען פון דער נאטור זענען זיי געוועזן אלע, נאר שענער פון אלע איז געוועזן דראגא מארישקא און די אורחים, וואס האבען ביי זיי געגעסען קעסט האבען ליעב געהאט אז נאר די שענע, בריהענדע דראגא זאל דערלאנגען צום טיש נישט קיינער. א סך געסט האבען איהר געמאכט קאמפלימענטען, איינגע האבען זיך ניט בענוגענט מיט קאמפלימענטען

אַליין, זיך בעגאַנגען אַביסעל גראָבליך, ווי געוויינליך מאַנסבילען, אַז זיי דערזעהען אַ שענע צייטיגע פרי וואַכסט און האָבען רחמנות, זי קאָן נאָך, חלילה, איבערוואַכסען...

צווישען די שטענדיגע אורחים, וואָס פלעגען אָפט קומען עסען אינ'ם יודישען רעסטאָראַן אויף דער אַלטאָפּעֿגאַס, איז געווען איינער אַ גאַנץ רייכער גאַסט פון וויען, מיט'ן נאָמען פייערשפּייער, אַ יונגערמאַן מיט אַ בלאַס איידיל פנים מיט אַ לאַנגען דינעם האַלז און מיט אַביסעל אַ הייזעריגליכע שטימע, נאָר מיט זעהר גוטע, אַביסעל קורצזיכטיגע, אויגען. אַלע צוויי דריי חדשים פלעגט ער קומען פון וויען קיין בודאַ־פּעשט מיט סחורה פון זיין פאָטערס אייגענע פאַבריק, וואו ער האָט זיך גערעכענט אַלס קאָמי־וואָיאַזשאָר, און פלעגט פערברייינגען עטליכע טעג און קומען אַלע טאָג עסען אין יודישען רעסטאָראַן, וואָס אויף דער אַלטאָפּעֿגאַס און די שענע דראַגאַ איז איהם אַזוי געפעלען, אַז ער האָט איהר איינמאָל, נאָכ'ן צעצאָהלען זיך פאַר'ן עסען אָהן אַ שום הכנות — בשעת מעשה איז איהם נאָר דער דינער. לאַנגער האַלז אַביסעל רויט געוואָרען — אויפגעשטאַנען און געבעטען ביי איהר די האַנד, דאָס הייסט, ער האָט איהר פאָרגעלייגט, אַז אויב זי וויל האָט ער פאַר איהר חתונה. דראַגאַ מאַרישקאַ, וואָס האָט זיך בשום אופן ניט גערעכט אויף אַזאַ זאַך, האָט איהם גאַנץ פשוט געענטפערט, אַז זי מוז פריהער איבעררעדען מיט דער מוטער, און די מוטער, דערהערט אַזאַ גליק, האָט זי געטריבען די טאָכטער, זי זאָל געהן וואָס גיכער איהם זאָגען יאָ, און אויף דעם גאַנצען געזינדעל איז געוואָרען אַ שמחה, אַ פרייד: די עלטערע שוועסטער איז געקומען צו לויפען ניט טוידט ניט לעבעדיג מיט'ן מאַנן דעם משורר וואָס אין כאָהרשול, געפאַלען דער שוועסטער אויפ'ן האַלז, געזאָגט, אַז איצט וועט קומען אַ סוף צו זייערע אַלע צרות, איהר מאַנן וועט פאַרשפּאָרען זינגען אין כאָהר פאַר 15 קראָנען אַ וואָך, די קלענערע שוועסטער וועט פאַרשפּאָרען אַרבייטען זיבעצעהן שעה אין טאָג ביי די זאָקען, און די אָרעמע מאַמע וועט נישט דאַרפען שוין שטעהן גאַנצע טעג ביים אויבען, נישקשה פייערשפּייער איז גענוג רייך און איז זעהר אַ גוטער מענש. ער וועט זיי אַלעמען קומען צו הילף און זיי וועלען אַלע ווידער אַ מאָל אויפלעבען, ווי זיי האָבען געלעבט אַ מאָל פאַר זייער גוטען פאָטער, ער זאָל האָבען אַ ליכטיגען גן עדן. ביידע שוועסטער האָבען זיך אַרומגענומען, געקושט און צעוויינט זיך פאַר פרייד.

ד.

ס'זאָל אַלסדינג זײַן אַזוי ווי מיר שטעלען זיך פֿאָר — וואָלט דאָך קײַן מאָל אין ערגיץ קײַן צרות ניט געווען אויף דער וועלט. אַז דער אַלטער פֿײַערשפּײַער, אַ משוגענער דײַטש און אַ רעכטער עקשן איז געוואָהר געוואָרען פֿונ'ם שדוך, וואָס דער זוהן האָט געטהון אין בודאַפּעשט, האָט ער איהם אַרײַנגערופֿען צו זיך אין קאַבינעט אַרײַן, געהײסען זיך איבערגעבען די קאַסע, איהם אַרויסגעגעבען זײַן געהאַלט, וואָס איהם קומט ביז'ן סוף יאָהר און געזאָגט, אַז ער איז פֿרײַ, ער קאָן שוין געהן דינען ערגעץ אַנדערש און האָט איהם צום לעצטען מאָל פֿאָרגעלעגט אַזאַ מין תּנאַי, אָדער אוים שדוך אָדער אוים זוהן. דער יונגער פֿײַערשפּײַער איז אָבער אויך געווען אַ דײַטש און נישט קײַן קלײנער עקשן, האָט ער איהם דערויף געענטפֿערט, אַז מע וועט גיכער פּועל'ן בײַ איהם דאָס אַנדערע איידער דאָס ערשטע און ער וועט בכלל בעסער שטאַרבען איידער נעמען צוריק דאָס וואָרט, ובפֿרט, אַז ער האָט ליעב דאָס מיידיל מיט סכנת נפֿשות און ער רעכענט זיך פֿאַר איינעם אַ גליקליכען... און אַזוי ווײַטער. דער אַלטער פֿײַערשפּײַער האָט איהם גאַנץ פֿײַן אויסגעהערט; נאָכדעם האָט ער איהם אָנגעוויזען מיט דער האַנד אויף דער טיר און אַ זאָג געטהון:

— אַלזאָ איז דאָס אָבגעמאַכט? אַדיע!

— אַדיע! האָט איהם דער זוהן געענטפֿערט און אַ בײג געטהון זיך, און אַזוי איז מען זיך צוגאַנגען דער זוהן מיט'ן פֿאָטער אויף תּמיד.

סע פֿערשטעהט זיך, אַז ס'איז באַלד אַוועק־געגאַנגען אַ וואַרעמער בריעף קײַן בודאַפּעשט צו דראַגאַ מאַרישקאַן, באַשרײַבען די גאַנצע סצענע מיט'ן פֿאָטער, און ער בעט זי, אַז זי זאָל זײַן גאַנץ רוהיג, ער איז שוין ניט קײַן יונגעלי, ער איז, ברוך השם, נישט קײַן פֿאַרפֿאַלענער, ער וועט זיך אָבזוכען מיט גאָטס הילף אַ שטעלע אין גיכען, און אַז ער וועט זיך נאָר צו עפּיס צושלאָגען — שטעלט ער מיט איהר חופּה אין אַ גוטער שעה אַ מזל'דיגער און אַזוי ווײַטער. און ס'איז טאַקי אַזוי געווען. ער האָט גיך באַטראַכטען אַ גאַנץ פֿײַנע שטעלע, זיך אײַנגעאָרדנעט ווי עס געהער צו זײַן און געקומען צו פֿאָהרען קײַן בודאַפּעשט און געשטעלט די חופּה.

די חתונה איז געווען אַפֿילו נישט אַזאַ פֿרײליכע חתונה; ס'איז

געווען, ווי מע רופט דאס אן: „א שטילע חופּה-וועטשערע"; די מחותּנים האבען זיך שטארק געבלאזען, ס'איז געווען, פארשטעהט איהר מיך, ניט אזוי ווי זיי האבען געמיינט. זיי האבען געמיינט א געהויבענע חתונה מיט רייכע מתּנות... דער עלטערער שוועסטערס מאן האט שוין געחלומט פון איין נייער שטעלע ביים רייכען שוואגער: די קלענערע שוועסטער האט זיך שוין כמעט ווי אבגעזעגענט מיט איהרע חבר'טעס אויף דער זאקען-פאבריק; און אויך די אלטע מוטער האט שוין גערעכענט צומאכען דעם יודישען רעסטאראן: גענוג שוין בראטען זיך ביים אויווען, גענוג שוין בעדינען די אורחים, אונטערטראגען איטליכען עסען. די אלטע מוטער האט אנגעהויבען אפטער ווי פריהער דערמאהנען איהרע צוויי זיהן, וואס זענען אוועק אויף דער וועלט; זי האט געהאפט, פערשטעהט איהר, אז זיי וועלען מסתּמא דערהערען פונ'ם גליק, וואס זייער יונגערער שוועסטער האט געטראפען און וועלען געוויס קומען צו פאהרען א היים... מיט איינעם ווארט, איטליכער האט זיך ארומגעטראגען מיט זיין חלום, און אזוי ווי דאס רוב חלומות לאזען זיך אויס מיט גאר ניט, אזוי האט זיך פון די דאזיגע חלומות אויסגעלאזט א טייך: דער עלטערער שוואגער איז געבליבען אויף זיין אלטער שטעלע; די יונגערע שוועסטער איז געזעסען ביים אלטען ווארשטאט פון די זאקען, די אלטע מאמע ביים אויווען; די צוויי זיהן האבען זיך ארומגעבלאנקעט אויף דער וועלט ווי פריהער, אלע האבען זיך אפּגענארט, געהאט א טעות אין חשבון און געבלאזען זיך אויף דער נארישער דראגא מיט איהר נארישען מאן דעם דייטש, וואס ער וויל זיך ניט איבערבעטען מיט'ן פאטער: א מענש האט אזא רייכען פאטער און געהט דיענען צו א פרעמדען פאר אזעלכע הונדערט פופציג קראנען געהאלט! נאך דער חתונה האט זיך די עלטערע שוועסטער נישט געקאנט איינהאלטען און האט זיך צעקריגט מיט דראגא'ן, אויפגעהערט רעדען מיט איהר און נישט געגאנגען איבער איהר מעהר צו דער מוטער אין שטוב אריין, און פון דעמאלט אן איז אבגענומען געווארען דער שלום-בית אין יענעם הויז און מע האט זיך געגעסען איינס דאס אנדערע לעבעדיגערהייד.

נאר איין דראגא האט זיך געפיהלט גליקליך מיט איהר געליעבטען בערנארד (אזוי האט געהייסען דער יונגער פייערשפּייער), וואס האבען זיך ליעב געהאט ביידע דאס חיות, און מיט איהרע צוויי קליינע מלאכים'ליך וואס זענען געבארען גיך איינס נאך דאס אנדערע, און וואס זי האט זיי ליעב געהאט און אבגעהיט ווי דאס שווארצאפעל פונ'ם אויג. איין חסרון

נאר, וואס בערנארד איז כמעט קיין מאל ניט אין דערהיים, פאהרט ארום טאג ווי נאכט, קומט צו פאהרען איין מאל אונטער א יום־טוב אויף איין טאג, קושט זיך אן מיט די קינדער און פאהרט ווידער אוועק. נאך א חסרון, וואס בערנארד איז נישט אין בעסטען געזונד, ער איז פון תמיד אן זעהר איין איידעלער, ס'איז גאר א סברה, אז ער טאר גאר אזוי פיעל ניט הארעוועון ווי ער הארעוועט, ער טאר גאר אזוי פיעל ניט ארומפאהרען ווי ער פאהרט ארום. דער דאקטאר זאגט, אז זומער בעדארף ער האבען רוה, זיצען ערגיץ „אינם גרינע", אויף א דאטשע הייסט עס, טרינקען מילך וכדומה. נאר בערנארד וויל ניט הערען ניט זעהן. בערנארד טראכט גאר ניט וועגען זיך אפילו איין מינוט; דאס גאנצע לעבען זיינס איז דראגא און איהרע צוויי מלאכים'ליך, און קומט ער צו פאהרען א מאל אהיים און קאן זיי עפים ברייינגען צו פיהרען פון וועג א מתנה און זיצען מיט זיי א טאג, קומט איהם דערמאלט צו געזונד אויף א גאנץ יאהר!

א מענש איז אבער ניט קיין מאשין, נישט פון אייזען. בערנארד האט אזוי לאנג געהארעוועט, ביז ער האט זיך געמוזט איין מאל אנידערלייגען רוהען; און האט ער זיך אנידערגעלייגט, איז ער שוין מעהר נישט אויפגעשטאנען. דאקטוירים האבען אנגעהויבען דארט צו זיין גאנץ אפטע געסט, און דער אפטייק האט מען געקאכט פון זיינעטוועגען רפואות. דער פראפעסאר האט געהייסען מע זאל איהם אבפיהרען ערגיץ אין א קור־ארט און ס'איז ניט געוועז מיט וואס, איז געקומען די עלטערע שוועסטער מיט איין עצה, אז דראגא זאל אוועקשרייבען צו זיין פאטער, צום אלטען פייערשפייער, א בריוועל, איהם פרעגען: „היתכן? ביז וואנען איז דער שעור צו זיין ברוגז אויף א זוהן?" האט דאס דערהערט בערנארד און איז געווארען אנגעצונדען, ער האט זיך אזש פארהוסט פאר כעס, געבעטען זיך, געזאגט דער טוידט זאל זיין — צום פאטער זאל מען ניט שרייבען! האט איהם דערויף די שוועגערין געענטפערט, ווי א געטרייע שוועסטער, אז „ס'איז כלעבען ניט כדאי, אז איבער זיין עקשנות זאל איהר שוועסטער. חלילה, בלייבען איין אלמנה"... מען קאן זיך גרינג פארשטעלען, וואס פאר א בורע ס'איז געווארען אין שטוב פון די דאזיגע ווערטער, וואס פאר א שנאה ס'איז ארוים צווישען די צוויי שוועסטער און וואס פאר א גיהנם ס'איז געווארען אין שטוב ביי דער אלטער אלמנה, וואס האט בעדארפט שטעהן ביים איווע, און

האָרעווען און מִיט אִיהר האָרעוואַניע ראַטעווען דעם קראַנקען בערנאַרדען, וואָס האָט געצאַנקט ווי אַ לִיכט...

נאָר דאָס אִיז אַלץ פון די זאַכען. וואָס מע קאָן זיי נאָך אַריבער־טראָגען. בִּיטערער פון אַלץ אִיז, אַז עס קומט דער אומדערבאַרעמִיגער כוידט פאַר דער צייט און רייסט אַרוים מִיט גוואַלד, אָהן אַ שום רחמנות, דעם יונגען בוים, וואָס אויף אִיהם האָבען אַרויסגעקוקט און וואָס פון אִיהם האָבען געלעבט עטלִיכע נפשות און לִיעב געהאַט אִיהם און געווען צו אִיהם צוגעבונדען מִיט לייב און לעבען.

געשטאָרבען בערנאַרד.

ה.

בערנאַרד אִיז געשטאָרבען און דראַגאַ אִיז געבלִיבען מִיט צוויי קליינע קִינדערלִיך ווי אויפ'ן וואַסער. די גאַנצע צייט, וואָס בערנאַרד האָט געקרייַנקט, האָט זיך דער יודִישער רעסטאָראַן אויף אַלטאָפענגאַס שטאַרק אָבגעשלאָגען פון אורחים; די אַלטע האָט זיך, נעבעך, אויס־געבראַכט וואו זי האָט געהאַט אַ פרוטה! דראַגאַ האָט פאַרקויפט וואו זי האָט געהאַט ערגיץ אַ שטִיקעל צִיערונג אָדער אַ מלבוש; מע אִיז אַריינ־געפאַלען נאָך אִין אַ גרעסער אָרעמקייט ווי פרִיהער. מע האָט זיך צעקרִיעגט, פיינט געקרִיגען און געגעסען איינס דאָס אַנדערע נאָך ערגער ווי בִּיז אַהער! און געקרִיעגט, פיינט געהאַט און געגעסען זיך האָט מען דערפאַר, וואָס אַלע האָבען געפאָדערט פון דער יונגער אַלמנה זי זאָל אַוועקשרייבען צום אַלטען, משוגענעם פייערשפייער קיין ווִיען ער זאָל אַרויסשִיקען חאָטש עפּעס געלד אויף די אָרעמע יתומים נעבעך; זיי זענען דאָך זיינע קִינדער, זיין בלוט און פלייש... נאָר דראַגאַ האָט נִיט געוואָלט פאָלגען; זי אִיז געבלִיבען געטריי אִיהר געטרייען בערנאַרדען נאָכ'ן טוידט ווי פאַר'ן לעבען; בערנאַרד האָט געזאָגט מע זאָל דעם פאָטער נִיט שרייבען, אִיז דאָס הייליג! האָט מען זי אויסגעמיידט און זיי האָבען אַליין אַוועקגעשרִיבען צום אַלטען פייערשפייער זעהר אַ מיאוסען ברִיעף (געשרִיבען האָט אִיהם דער משורר פון דער בודאַפּעשטער כאָהרשול) און רעכט אָנגעזִידעלט אִיהם פאַר זיין „שטיינערען הארץ" און פאַר זיין „הִילצערנע נשמה"; האָט זיך דער אַלטער פייערשפייער דוקא אָנגערופען מִיט אַ ברִיעף, אַז ער נעמט ביידע יתומים צו זיך קיין ווִיען מִיט אַ תנאי,

די מוטער זאל איהם ארויסגעבען א פאפיר, אז זי זאגט זיך אב פון זיי אויף אייביג און זי טאר קיין מאל צו איהם נישט קומען אויף דער שוועל...

דער דאזיגער בריעף האט שוין אויפגעבראכט אלעמען, און דראגא איז געוועזען אויסער זיך פאר וואס מע האט צו איהם געשריבען אהן איהר וויסען. געוויינט, געשריגען, געארבייט, זיך געריסען די האר און צעקריגט זיך מיט דער גאנצער שטוב און געשווארען, אז זי וועט אוועק פון זיי אויף אייביג!

נאר וואוהין קאן געהן אזא ארעמע, יונגע אלמנה ווי דראגא מיט צוויי פיצליך קינדער? זי האט אזוי לאנג געוויינט ביז זי האט זיך איבערגעוויינט און א דאנק דעם שוואגער דעם משורר, וואס האט געהאט קענטשאפט מיט זינגערס, האט זי זיך געשטעלט פאר א זינגערין פריהער אין א געמיינעם כאהר, נאכדעם אין א פיינערען כאהר. א שטימע האט זי געהאט פון תמיד א זיסע און שען איז זי געוועזען ווי די וועלט, האט זי אנגעהויבען ביסלעכווייז אויסנעמען ביים עולם, ארויסטרעטען מיט איהרע שענע „ציגיינער-ליעדער”, פריהער אין די קליינע בודאפעשטער שיינקליך אדער ווירצהייזער, און נאכדעם אין די גרעסערע גערטנער און קאפע-שאנטאנען, און אנגעהויבען פערדינען גאנץ שען געלד, זיך איבער-געבעטען מיט איהרע אייגענע, און עס האט שוין געהאלטען דערביי, אז זיי האבען איהר געשדכנט א נייעם שדוך, א יודישען קאלבאסניק. איין אלמן מיט עטליכע קינדער, נאר מיט א שענע קאלבאסנע קלייט, די ערשטע יודישע קאלבאסנע אין בודאפעשט.

דער דאזיגער קאלבאסניק, א געזונדער יונג מיט א שווארצע גע-גאלטע מארדע, מיט א גראבען בויך און מיט גראבע בעוואכסענע הענט, האט אנגעהויבען אפטליך אריינקומען, שדכענען זיך צו דער יונגער אלמנה, געגעבען אנצוהערעניש איהר אז ניט אזעלכע ווי זי בעדארף זינגען אין די שיינקליך, אז זי קאן זיך אבזוכען איהר גליק ערגיץ אנדערש — בקצור, ער האט איהר פארגעלייגט זיין האנד מיט זיין קאל-באסנע קלייט און זי האט איהם אבגעזאגט.

דער קאלבאסניק האט זיך געפונען שטארק באליידיגט פאר אזא מעשה און איז אוועק א ברוגזער, פאר כעס זיך פארגעסען געזעגענען מיט דער אלטער, און צווישען דער משפחה איז געווארען א נייע מחלוקה, א נייע שנאה, נייע קריגעני שען, נייע אינטריגעס, ביז עס האט זיך

געטראפען א מעשה, וואס ווערד באשריבען אינ'ם קאפיטעל, וואס קומט ווייטער.

ו.

איניאיינעם מיט'ן ליכטיגקייט, וויסענשאפט, געזונדהייט און אלע איבעריגע נוצליכע זאכען, וואס די ציוויליזאציע האט פארשפרייט צווישען די מענשען, האט זי אויך אריינגעבראכט דעם חשק צו לעבען א גוטען טאג און די תאוה צו אלערליי פערגניגען, און אזוי ווי די איינציגע גליקליכע, וואס זענען תמיד זאט און ווייסען ניט פון קיין צרות, ווילען געניסען וואס מעהר פערגניגען, און געניסען פערגעניגען האט דאך קיין שעור און קיין גרונד ניט אזוי ווי דעם ים. האבען זיך געפונען מענשען, וואס מאכען זיך דערפון א פרנסה, נעמען זיך אונטער פאר געלד צו-שטעלען פאר די זאטע און גליקליכע כל המינים פערגניגען, וואס דעם מענשענס פאנטאזיע קאן צוטראכטען.

איינע פון די ערטער אויף צו שעפען פערגניגען אין דער גרויסער, שענער שטאדט, איז דער אויבענדערמאהנטער גארטען „פארנאס", ניט די ארעמע פערטשאכנעטע בוימלעך מיט דער שלעפעריגער מוזיק, מיט'ן ערגסטען בופעט, וואס מאכלים זענען דארט א סם-המות צום מאגען, מיט די ערגסטע ווייגען. וואס זענען זויער ווי עסיג און זענען מיט גאלד גלייך — און פון דעסטוועגען לויפען אהינצו די זאטע, גליקליכע מענשען, שעפען פערגניגען אלע נאכט, און נאר ביי נאכט, ווארום דאס רעכטע לעבען הויבט זיך ערשט אן דארטען שפעט נאך האלבע נאכט...

אהער אין דעם דאזיגען „פארנאס" איז אריינגעפאלען אונזער דראגא מארישקא, ווי דאס שפיעלפויגעל, וואס פאלט אריין אין שטייגעלי אריין; דאס פויגעלי טאנצט, שפרינגט, שטעלט זיך אוועק און הויבט אן זינגען, זינגט — זינגט אהן איין אויפהער און מענשען קיקען און הארכען ווי שען דאס פויגעלי זינגט און קוועלען אן פון דעם און קלויבען פערגניגען. קיינעם פאלט גאר ניט איין בשעת מעשה, אז דאס פויגעלי ניט סע טאנצט נאר סע רייסט זיך פון געפיינקעניש, ני סע זינגט, נאר סע וויינט, וויינט און קלאגט נאך דער פרייהייט, וואס סע האט פארלארען, וויינט און קלאגט אויף דער איינגער וועלט, אויף די שלעכטע מענשען, וואס האבען

דאָס געפאַנגען און פערשלאָסען אין דער ענגער טורמע, צוגענומען ביי דעם דאָס גליק אויף אייביג!

צווישען די אַלע אַנדערע מיטלען, וואָס מענשען האָבען צוגעטראַכט אויף חאַפּען שפּיעלפויגעליך, איז פאַרהאַן אויך אַ פּראָסט נאָר זעהר אַ גוט מיטעל: מע שיט אויס אויף דער פאַרשפּרייטער נעטץ אַ סך קערענדליך, קומט דאָס הונגעריגע פויגעלי צו שפּרינגען, פּיקט־פּיקט די קערענדליך אַזוי לאַנג. ביז סע פּלאָנטעט זיך, נעבעך, אין דער נעטץ — און פאַרטיג!

אויף צו חאַפּען יונגע אומשולדיגע נשמות האָבען מענשען צוגעטראַכט דאָס בעסטע מיטעל: גאָלד און בריליאַנטען — די צוויי זאַכען, וואָס ס'איז שווער אַקעגען זיי בייצושטעהן! די אָרעמע דראַגאַ מאַרישקאַ האָט בעדאַרפט זיין שטאַרקער פון אייזען זי זאָל אויסשטעהן אַזאַ שווערען נסיון ווי אַ קאָנטראַקט אויף דריי הונדערט רובעל אַ חודש מיט מתנות (בריליאַנטען) נאָר פאַר אַ פּאָר מאָל אַרויסגעהן אויף דער סצענע, אָבזינגען אַ צוויי דריי ציגיינער־ליעדער וואָס זי זינגט זיי אַזוי זיס, אַזוי געשמאַק, אַז עס צעגעהט זיך אין יעדען אבר... דער פאַרשוין, וואָס האָט איהר פאָרגעלייגט אַזאַ מין קאָנטראַקט, דער בעל־הבית פון'ם „פאַרנאַס”, איז אַ יענער וואָס מיט'ן גראַנצענדיגען צילינדער און מיט דער רויטער נאָז, נאָר מיט אַ סך בריליאַנטענע רינגען אויף די גראָבע פינגער, איז ניט אָבגעטראָטען פון איהר אויף קיין טריט. פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס ער האָט זי דערזעהן און דערהערט זינגען אין גאָרטען אין בודאַפּעשט, איז ער צו איהר צוגעזאָטען געוואָרען און האָט איהר אַרויסגעזאָגט גאַנץ עפענטליך אַז איהר אָרט איז ניט דאָ אין דעם אָרעמען שיינקיל, גאָר ביי איהם אין דעם שענעם „פאַרנאַס”; דאָרטען וועט מען זי, זאָגט ער, פאַר איהרע ציגיינער־ליעדער אָבגילטען, אָבשיטען מיט בריליאַנטען, אַ סימן — אָט צעהלט ער איהר אָב באַלד דריי הונדערטער רוסישע באַנקנאָטען במזומנים פאַר'ן ערשטען חודש, שרייבט איהר אונטער אַ קאָנטראַקט אויף אַ גאַנצען סעזאָן און נעמט זי אויף זיינע אייגענע הוצאות ביז אַהין אויפ'ן אָרט.

און נישט לאַנג געטראַכט נעמט ער אַרויס אַ גאַנץ גרויבען טייסטער באַציערט מיט אַ מאָנאָגראַם פון בריליאַנטען פול אָנגעשטויסען מיט קנאַקענדיגע באַנקנאָטען און די בריליאַנטענע פינגערליך ביי איהם בלישטשען און פינקלען זיך אָב אין אַלערליי פייערליך, און די אָרעמע דראַגאַ מאַרישקאַ קוקט אויף די פעקליך קנאַקענדיגע באַנקנאָטען און אויף די פינקעלדיגע בריליאַנטען און די ערשטע **מחשבה וואָס** פליהט איהר

דורך אין קאָפּ — איז איהרע צוויי טהײַערע, ליעבע טײַבעליך: „וויפיל גלעזער מילך קאָנען זיי דערפאַר האָבען! וויפיל העמדעליך! וויפיל פאָר שיכעליך!"... און אויך די אַלטע מוטער קוקט אויף די קנאַקענדיגע באַנקנאָטען ווי אַ הונגעריגע קאַץ אויף געבראָטענעם לעבער, באַלעקט זיך אַזש און קוקט אויף דער טאָכטער, ווי איינער רעדט: „שטיא! דו קווײַנקעלסט זיך נאָך?..." און די עלטערע שוועסטער דערשמעקט געלד, קומט זי צעלויפען נישט טוידט נישט לעבעדיג, חאַפּט זי אַרום קושען און רוימט איהר אַיין אַ סוד אויפ'ן אויער:

— נעם, נאַרעלי, און פאָהר! דאָרט איז אַ לאַנד פון נאַראָנים, פון גאָלד און פון בריליאַנטען! געלד איז דאָרט ווי מיסט און בריליאַנטען וואַלגערן זיך אין די גאַסען!

דראַגאַ ענטפערט איהר דערויף גאָר נישט; נאָר איהרע שענע, שוואַרצע, טיפע אויגען *קוקען אַהין וואו איהרע צוויי טהײַערע ליעבע טײַבעלעך ליגען און שלאָפען בײַדע אין איין בעטעלע, די קעפּלעך צעקאָשמעט, די הענטלעך צעוואָרפען און די בעקלעך בײַ זיי בליהען ווי פרישע, שמעקענדיגע רויזען, און די אויגען ווערען איהר נאַסליך פון טרעהרען.

אַלע פאַרשטעהען דעם דאָזיגען לאַנגען ברויערינגען קוק, אַלע ווייסען וואָס בעדײַטען די דאָזיגע שטילע טרעהרען, און די אַלטע אָרעמע מוטער טרייסט זי, זאָגט איהר צו, שווערט איהר בײַ איהר עלטער, אַז זי וועט אָבהיטען די קינדערליך ווי דאָס שוואַרץ־אַפּעל פונ'ם אויג! זי ווייסט, נישקשה, ווי אַזוי אָבהיטען אַ קינד, זי האָט שוין אויף איהר לעבען עפּים אויפגעצויגען קינדער!...

און צוויי כחות האַלטען מלחמה, אַ שווערע שטאַרקע מלחמה: דער כח פונ'ם ליעבשאַפט און געטרײַשאַפט צו די קלײנע טהײַערע קינדערלעך און דער כח פון גאָלד, פון באַנקנאָטען און בריליאַנטען.

דער כח פון גאָלד האָט אײַנגענומען...

ז.

דער גיהנם, וועדליג די אַלטע ספרים פון אַלע פעלקער שטעלען פאָר, איז אַ מין קאַלכ־אויווען אַ גרויסער, וואָס הייצט זיך פון אײביג ביז אײביג, ברענט מיט אַ העליש פײַער. די רשעים דאָרטען בראָטען זיך

און פרעגלען זיך ווי קאטשקעס, מלאכי־חבלה מיט אייזערנע ריטער שמייסען זיי פון אונטען, גנאטעווען, שטעכען מיט אָנגעגליהטע אייזענס, טרייבען אויף רעטשקע, שטעלען אויף צוויעקעס, הענגען אויף פאר די צינגער און וואַרפען כף־הקלע פון איין עק וועלט ביז'ן אנדערען עק...

יענע מחברים, וואס האָבען אַזוי בעשריבען דעם גיהנם, האָבען אַ פּנים נישט געוואוסט נאך, אַז עס קאָן געמאָלט זיין אַ גיהנם באַלייכט מיט עלעקטרישע לאָמפּען, מיט שענע צוגעקלויבענע קאָבינעטען, די מוזיק זאָל שפּיעלען, און די רשעים אויסגעסטראָצעלט אין זייד און אין סאמעט, בעהאנגען מיט גאָלד און בריליאנטען, זאָלען נישט פּרעגלען זיך אויף הייסע סקאָווערדעס, נאָר זיי זאָלען עסען און טרינקען, שפּיעלען און זינגען, טאנצען און שפּרינגען.

אין אַזא מין גיהנם האָט זיך געפונען אונזער אָרעמע דראַגא.

די קנאַקענדיגע באַנקנאָטען מיט די פּינקעלדיגע בריליאַנטען פון יענעם פּאַרשוין, וואָס איז געקומען זי נעמען אויף גאַסט־ראָלען, דער מוטערס רעד, דער שוועסטערס קושען זיך, דאָס שווערע, טרויעריגע געזעגנען זיך מיט די צוויי טייבעליך און די נסיעה אין אַ ווייט פרעמד לאַנד, האָבען איהר אַזוי פערדרעהט דעם קאָפּ, אַז זי האָט זיך גאר ניט צוגעקוקט צום קאָנטראַקט, וואָס זי האָט אונטערגעשריבען, ניט באַמערקט דעם פונקט נו' 13.

וואָס איז געשטאַנען אין'ם פונקט נו' 13? דאָרט איז געשטאַנען: „איך, די זינגערין דראַגא מארישקא, פערבינד מיך בלייבען אין „פּאַרנאַס" אַלע נאַכט ביז דאָס פייער ווערד געלאָשען, מיט די געסט בעדאַרף איך זיין פריינדליך, צו אַלעמען צוגעלאָזט און אַזוי ווייטער"... די ווערטער „פריינדליך" און „צוגעלאָזט" האָט דראַגא תחלת ניט פערשטאַנען, און אַז זי האָט דאָס פערשטאַנען, איז שוין געווען צו שפּעט און האָט שוין דערצו גאר נישט געקאָנט העלפען... ווי גרויס איהר נויט איז ניט געווען צו געלד, ווי שען און רעש'ענדיג ס'איז ניט געווען דאָס אויפנעמען, וואָס מע האָט זי אויפגענומען אַלע נאַכט ביי איהר אַרויסטריטען אין „פּאַרנאַס", ווי רייך עס זענען ניט געווען די מתנות, וואָס מע האָט איהר אונטערגעטראָגען פאר איהר שען זינגען און נאָך מעהר פאר איהר שען פּנים, ווי גוט דאָס אַלסדינג איז ניט געווען קאָן איך אייך פערזיכערן, אַז זי וואָלט דאָס אַלסדינג אַוועקגעשענקט, אַ שמיץ געטהון אין פּנים אַריין און אַנטלאָפען צוריק אַ היים, ווען זי וואָלט ניט זיין געבונדען מיט הענד און פיס, ווי אַ פליג אין שפּינוועבס, ווען זי וואָלט ניט זיין אַזוי

ערענד אין א פרעמד לאנד, צווישען מענשען וואס זי פערשטעהט ניט זייער שפראך און וואס ווילען ניט וויסען פון איהר אייגען וועלטיל א חוץ איהר זינגען און א חוץ איהר שען פנים... און אז איהר וועט צורעגען דערצו די אלע נפשות, וואס דרעהען זיך ארום איהר, די אלע זינגערינס מיט די טענצערינס, וואס פערקויפען זיך פאר געלד, בפרהסיא, מיט איין אנגעהייערער חוצפה, מיט אזא־נ־עזות און מיט אזא ציניזם, וואס זי האט דאס קיין מאל נישט געזעהן און נישט געהערט און אפילו זיך נישט פארגעשטעלט — דאס אלסדינג, אז איהר וועט צענויפנעמען אינ־איינעם — וועט איהר גרינג פערשטעהן, פאר וואס איך רוף אן איהר לעבען אין „פארנאס" מיט'ן נאמען גיהנם.

פאר וועמען ס'איז א גן־עדן, פאר איהר איז דאס געוועזען א גיהנם.

די שלעפעריגע מוזיקאנטען שפיעלען א שלעפעריגען וואלס; די שלעפעריגע באדיענטע מיט די שווארצע פרעק און מיט די ווייסע שניפסען שטעהען ווי די טאקען און ווארטען, ביז מע וועט זיי הייסען עפיס דערלאנגען; די לאזשעס ארום און זענען באזעצט מיט שלעפעריגע געסט, וואס זענען כלומרשט פריילין, און א גאנצע חאליאסטרע פון האלב נאקעטע, אנגעפארבטע און אנגעקראכמאלעטע זינגערינס און טענצערינס דרעהען זיך ארום אין זאל אדער זיי שטעהען אויף אויס־צוקלויבען, ווי די בהמות אויפ'ן יריד, קוקען מיט די אונטערגעשמירטע אויגען ארויף אין די לאזשעס אריין צו די געסט, ווארטען, טאמער וועט זיי עמיצער איינלאדען אויף א גלעזיל שאמפאניער־וויין, אדער א פשוט'ע גלאז ביער, אדער גאר א שטיקל הערינג מיט ברויט.. נאר קיינער דופט זיי ניט, קיינער וויל זיי ניט, קיינער קוקט נישט אויף זיי, און דער, וואס קוקט, קוקט ער פון אויבען אראב, ווי אויף צענויפ־געטריבענע, נארישע שאף.

— קיי און שפיי!... דער רוח ווייסט וואס... נישט איינע א רעכטע!...

אזוי זאגט איינער פון די געסט מיט א לאנגען געניץ, קוקט אראב אויף די אנגעפארבטע, אנגעקראכמאלעטע נאקעטע לייבער פון די צענויפ־געטריבענע, נארישע שאף, און די צענויפגעטריבענע, נארישע שאף קוקען ארויף מיט גרויס קנאה אהין אין יענער לאזשע, וואו סע זיצט די דראגא מארישקא און נאך איינע א בעריהמטע טענצערין, א געניטע שאנסאנעטין, מיט א מאדנעם דרייגארענדיגען נאמען „רעטשי־פיטשי־פוטשי", און א פריילינע קאמפאניע זיצען מיט זיי און הייסען זיך דערלאנגען

אַלע מאָל, שאַמפּאַניער־וויין. די פרייליכע קאָמפּאַניע בעשטעהט פון דריי יונגע לייט, וואָס איינעם פון זיי איז אָנגעזאָלעט אויפ'ן האַרצען: ער האָט זיך צעאָמפּערט מיט'ן ווייב, איז ער געקומען אַהער פערטרינקען די צרות... איינער איז דוקא ניט צעקריגט מיט'ן ווייב — וואָס האָט ער צו איהר? ער האָט ערשט ניט לאַנג חתונה געהאַט און האָט גענומען היבש גרן, און געקומען אַהער איז ער ניט אַליין חברה האָבען איהם פאַרשלעפּט, איהם צוגעזאָגט באַקענען מיט צוויי „אַנטיקלעך"... און דער דריטער איז גלאַט אַ שאַרלאַטאַן, וואָס האָט זיך פאַרהוליעט און פאַרשכורט אַזוי שטאַרק, אַ ס'איז איהם נמאס דאָס לעבען, אַל'ץ איינס דאַרף מען שטאַרבען, — לאָז שוין בעסער זיין אינאיינעם מיט דער דראַגאַ מאַרישקאַ און מיט דער רעטשי־פּיטשי־פּוטשי!...

ח.

רעטשי־פּיטשי־פּוטשי די ערשטע טענצערין אין „פאַרנאַס" — איז דער אייציגער לעבעדיגער מענש, וואָס דראַגאַ מאַרישקאַ קאָן זיך מיט איהר צונויפרעדען. פון דער ערשטער מינוט אָן זענען זיך די צוויי אַרטיסטקעס צענויפגעגאַנגען, געוואָרען גוטע שוועסטער, און רעטשי־פּיטשי־פּוטשי, איין אַלטע בעל־עבירה'ניצע, האָט גענומען לערנען מיט איהר נייער שוועסטער הלכות שאַנסאָנעטין, לייענען איהר לעקציעס:

— ביזט נאָך גאָר אַ ציגעלע, ווי איך זעה אַרויס, אַ כשר בהמה'לי. דו ווייסט ניט, וואָס זיי זענען אָט די אַלע פראַנטען און אַלע מאַנסבילען אויף דער וועלט! הינט, וועלף, ווילדע חיות זענען גאָלד אַקעגען זיי, מע בעדאַרף מיט זיי לערנען בלק, זיך נוקם זיין אין זיי, צאַפּען זייער בלוט, און דער עיקר — וואָס מעהרער געלד אויסברייגגען זיי, צונעמען, אויסרייניגען, אויסזויגען, און לאָזען זיי געהן צו אַלדע שוואַרצע יאָהר! זיי זענען אַלע אסור לרחם, ביי זיי צו נעמען איז אַ מצוה! פאַרברענען אויפ'ן פייער, דעם רוח אוועקגעבען, ניט מיר ניט דיר!..

און בשעת מעשה ברענען די אויגען ביי דער רעטשי־פּיטשי־פּוטשי און זי לייענט ווייטער איהר לעקציע:

— דו לערען זיך פון מיר נאַרעלי, און ווי זיך נוקם אין זיי פאַר זיך און פאַר מיר און פאַר אונז אַלעמען! אז זיי געבען דיר מתנות

זאלסט דו בעטען נאך... אז זיי שטעלען וויין, זאלסט דו טרינקען וויפיל דו קאנסט, דאס איבעריגע זאלסט דו אויסגיסען אויף דער ערד... אז מע וויל דיך מכבד זיין זאלסט דו אויסקלויבען אלסדינג, וואס טהייערער, אזוי אז דאס גאנצע געלד זייערס זאל בלייבען אין כופעט... רחמנות— ווי אויפן הונט! ניטא אויף זיי קיין רחמנות! איך קען זיי, א! איך קען זיי דורך און דורך!..

און רעטשי־פיטשי־פוטשי דערצעהלט איהר פאקטען, דערצעהלט איהר פון איהר לעבענס־געשיכטע אזעלכע מעשיות וואס די האר שטעלען זיך קאפויער, און דראגא האט פאר איהר מורא און האט אויף איהר רחמנות. זי ווערד געוואהר ביי איהר אזעלכע זאכען וואס שמעקען מיט גנבה, גזלה, רציחה... זי ווערד געוואהר ביי איהר א שרעקליכע מעשה, ווי אזוי איהרע איינענע האבען די דאזיגע יפהפיה אמאל פארקויפט, פשוט פארקויפט פאר געלד, ארויסגעפיהרט, באוויזען, געדונגען זיך און פארקויפט, ווי מע פארקויפט א פערדיל... זי ווערד געוואהר ביי איהר, ווי אזוי מע האט זיך מיט איהר מאוס בעגאנגען די, וואס האבען זי געקויפט, און ווי אזוי מע באגעהט זיך מיט איהר נאך עד היום...

— דו זעהסט אט א יענעם מארדאשניק מיט'ן רויטען שניפס און מיט דער יודישער נאז? דזשוי הייסט ער, דאס איז מיין געליעבטער... איהם האב איך דאס אוועקגעגעבען מיין גאנץ לעבען, דער שלאק זאל איהם זיין, די נשמה וואלט איך איהם, דאכט מיר אויך אוועקגעגעבען, און ער ווייסט דאס גאנץ גוט און עקספלאאטירט מיין משוגענע, געטרייע ליעבע צו איהם, און ער פארקויפט מיך פאר געלד, און ער גיט אוועק דאס געלד פאר אנדערע, פאר אזעלכע וואס זענען נישט ווערט מיינע זאקען־בענדלעך, און ער ווייסט, דזשוי, אז איך ווייס דאס און ער היט זיך פאר מיר איך זאל איהם ניט סם'ען...

— סם'ען? — זאגט דראגא, און טהוט זיך אזש א ווארף פאר שרעק.

— וואס האסט דו זיך, נארעלי, אזוי דערשראקען? איך וואלט איהם שוין לאנג געסמט, ווי א הונט אוועקגעסמט! זיין טרפה'נע הצלחה, וואס איך האב איהם ליעב, וואס איך געה אוים נאך זיינע טריט, ברענען זאל ער אויפ'ן פייער!

און רעטשי־פיטשי־פוטשי נעמט ארוים א קליין גילדען פארטרעטיל, וואס זי טראגט דאס אויף דער ברוסט, טהוט דאס פריהער א זעץ אין טיש אריין און טראגט דאס צו נאך דעם צום מויל און קושט דאס אזוי געשמאק, אזוי געטריי, ווי מען קושט א טייער קינד, א ציטעריגס.

— איינגעזונקען זאָל ער ווערען, אַט דער דזשוי! איך האָב איהם שוין לאַנג געקאַנט איינזעצען ער זאָל פאַרפוילט ווערען אין טורמע און אפשר מיט מיר אינאיינעם, האָב איך רחמנות אויף איהם, איך קאָן נישט, איך האָב איהם ליעב, אַ שלאַק איהם אין זיינע ביינער, ווי דאָס לעבען האָב איך איהם ליעב, מעהר ווי דאָס לעבען!

און דראַגאַ מאַרישקאַ וויל אַנטלויפען פון דער דאָזיגער אומגליקלי־בער, מעהר מיט איהר נישט זיין בעקאַנט, נאָר עס ציהט זי צו איהר אַ מאָדנער פאַרבאָרגענער כח, און זי פאַרטרויט פאַר איהר אַלסדינג, אַלע סודות, און יענע פיהרט זי אויפן גלייכען וועג, לערענט מיט איהר הלכות שאַנסאָנעטין, ווי אַזוי זי זאָל עקספּלאָאַטירען, באַנעמען די מאַנס־בילען, שלעפּען ביי זיי וואָס מעהר געלד.

— אַ סך מעהר מצוה, נאַרעלי, אויף דיר און אויף דיינע קינדער... לאָז פאַלען אויף זייער קאָפּ דיין שולד אַקעגען דיין געשטאָר־בענעם מאַן און דיינע זינד אַקעגען דיינע לעבעדיגע קינדער...

און דערמאָנט מען דער דראַגאַ מאַרישקאַ איהר געשטאָרבענעם מאַן מיט איהרע לעבעדיגע קינדער, ווערד זי פאַרברענט פאַר בזיון און עס פאַלט איהר אַרוים דאָס האַרץ, עס ציהט זי ביי דער נשמה. זי פיהלט, אַז זי איז אַ גרויסע — גרויסע פאַרברעכערין אַקעגען איהר געטרייען בערנאַרדען אויף יענער וועלט און אַקעגען איהרע אונשולדיגע קינדערלעך דאָ אויף דער וועלט, חאָטש צוליב זיי און נאָר צוליב זיי איז זי זיך מפקיר מיט איהר גאַנץ לעבען; צוליב זיי און נאָר צוליב זיי האָט זי זיך פאַרקויפט אַהער מיט איהר נשמה, און די בריעף, וואָס זי בעקומט פון דערהיים, צווינגען זי, אַז זי זאָל דאָ בלייבען אויף ווייטער, פאַרדינען וואָס מעהר געלד, ווארום זיי דאַרפען, שרייבט איהר די אַלטע מוטער, קיין עין הרע אַ סך, אַ סך האָבען; און די אַלטע מוטער איז קראַנק, קאָן נישט האָרע־ווען מעהר; און די עלטערע שוועסטער שרייבט, אַז זי מעג איהר נישקשה שיקען מעהר אַ ביסעל ווי זי שיקט ביז אַהער, ווארום דאָס, וואָס דער מאַן איהרער דער זינגער אין כאָהר פאַרדינט, קלעקט איהר אויף איין צאָהן, און זי גיט איהר אָנצוהערעניש אַז ווען ניט איהר מאַנן וואָלט דראַגאַ נישט געוועזען דאָס, וואָס זי איז אַצינד...

די דאָזיגע ליעבע, זיסע בריוולעך נעמען צו ביי דער אָרעמער דראַגאַ וואו זי האָט ערגיץ אַ טראָפּען בלוט, דאָס זי פיהלט, אַז זי פאַלט, פאַלט אין שאול תחתיה אַריין אַלע טאָג וואָס נידעריגער און נידעריגער, און זי זעהט אַז זי געהט צו גרונד, און די אויגען ווערען איהר אַלע מאָל

טיעפער — און דאס געפעלט דעם עולם; און דאס זינגען, וואס זי זינגט ווערד אלע מאל טרויעריגער און טרויעריגער — און דאס געפעלט דעם עולם און עס דרעהען זיך ארום איהר אלערליי מענשלעך ווי בינען ארום האניג, און זיי זענען איהר נמאס ווי דער טוידט, און ס'איז איהר נמאס די וועלט, נמאס דאס לעבען, און זי ווייסט, אז זי האט קיינעם ניט אויף דער גאנצער וועלט אחוץ דעם גאט, וואס אין הימעל, אחוץ איהר בערנארדס נשמה וואס אין גן עדן, אחוץ איהרע צוויי אומשולדיגע טייבעלעך דארט אין דערהיים, און די דאזיגע זינדיגע נשמה ציהט זיך צו גאט, צום יודישען גאט, וואס איז אומעדום פול. און זי רייסט זיך אין א יודישער שוהל אריין און קאן דאס נישט אויספיהרען, ווארום קיינער טאר דאס ניט וויסען אז זי איז א יודיש קינד, עס קאן איהר חלילה, שאדטען אין א סך, א סך זאכען... דאס איז א סוד, וואס נאר זי און די „רויטע נאז", דער בעל־הבית פונם „פארנאס" ווייסען דאס, און ווייטער קיינער נישט, קיין פויגעל נישט!..

ט.

נאך איין נפש איז פארהאן, וואס האט א שייכות צום „פארנאס", און וואס מיר מוזען זיך מיט איהם בעקענען. זיין נאמען איז אבראשע. אליין איז ער א קלייניטשקער מיט בלויזע אויגען און מיט שיטערע הערלעך, מיט א רויט, תמיד פארשוויצט פנים, רעדט שטיל און זעהר ווינציג, קוים וואס מע הערט פון איהם א ווארט, און איז א גרויסער חשוב ביי אלע ארטיסטען און ביי אלע ארטיסטקעס אין „פארנאס". טאמער בעדארף עמיצער א הלואה אויף א קליינע צייט, א גמילות חסד'ל, א משכון אוועקטראגען אין לאמבארד, אדער אזוי א שליחות — איז אבראשא. געבען עפיס בעהאלטען, א סוד אז מע דארף פערטרויען, אויסרעדען זיך אמאל דאס הארץ — איז אבראשע, און אבראשע — דאס ווייסען אלע — איז איין אייזערנער קאסטען. קיין שום אנדערע געשעפטען האט ניט אבראשע און לעבט זיך פון דעסטוועגען גאנץ פיין, דאס ווייב ביי איהם געהט שען אנגעטהון, די קינדער ביי איהם לערנען אין דער שולע, נאר אליין איז ער טאג ווי נאכט פארטארעמט, רייבט זיך ארום די ארטיסטען פון „פארנאס" און פארנעמט אין שטאדט זעהר ארט איבער א קליין זיין פרנסה, משטיינס געזאגט... און אבראשא ווייסט דאס דוקא און עס זאל איהם אנהויבען צו

אַרען, אַבי ער דאַרף, ברוך השם. צו קיינעם נישט אָנקומען און קאָן געבען דעם ווייב מיט די קינדער אַ שטיקעל ברויט „בכבוד"...

אָט פאַר דעם נפש האָט אונזער דראַגאַ מאַרישקא אַנטפּלעקט איהר הייליגען סוד, אַז זי איז אַ יודיש קינד און זי מוז ערב יום־כפור שלאָגען כפרות פאַר זיך און פאַר איהרע קינדער, עס מעג זיך קעהרען די וועלט, און זי מוז זיין אויף דער נאַכט אין שוהל צו כל נדרי; עס מעגען פאַלען שטערען פון'ם הימעל, און אַ ליכט פון וואַקס וויל זי געבען אין שוהל אַריין פאַר איהר מאַנס נשמה גאָר אָהן אַ שום תירוץ! און דער עיקר — וואָס קיינער טאָר דערפון נישט וויסען... אַבראַשע האָט איהר צוגעזאָגט, אַז ס'וועט זיין אַללרייט און איז אַוועק מיט שטילע טריט און האָט געהאַלטען וואָרט. ערב יום כפור איז בעשאַפען געוואָרען ביי איהר אַ קלאָהר ווייסע הוהן אויף כפרות און אַ גרויסע וואַכסענע ליכט האָט ער איהר געקויפט און אַוועקגעטראָגען פון איהר נשמה וועגען אין שול אַריין, און אַלסדינג שטיל און פאַרשטעלט, אַז קיין בן אדם האָט דערפון נישט געוואוסט; און אויף דער נאַכט, אַז עס האָבען זיך באַוויזען שטערען, איז אַבראַשע געקומען צו געהן מיט זיין ווייבס אַ קליידעל און מיט אַ שוואַרץ זיידען טיכעל, וואָס דראַגאַ האָט זיך צוגעדעקט מיט דעם און איז מיט איהם אַוועק אין דער יודישער גאַס, און אַז זיי זענען געקומען אין שוהל אַריין, האָט ער זי איבערגעגעבען אויף די העגד פון דער שמש'טע און אַ זאָג געטהון שטילערהייד:

— דאָס איז דאָס ווייבעל, וואָס איך האָב אייך געזאָגט — און איז פאַרשוואונדען געוואָרען שטיל ווי זיין שטייגער איז.

י.

אין שוהל איז געווען אייגג און היים און טשאַדנע פון די ליכט, ווי געוויינטליך יום כפור צו כל נדרי, און אויבען, אויף דער ווייבערשער שוהל, איז געווען נאָך מעהר אייגג און נאָך מעהר היים און נאָך מעהר טשאַדנע. אויבען אָן ביי די גראַטעס זענען געשטאַנען די גבירטעס, די נגידות'טעס מיט די בעל־הבתישע ווייבער איבער די סדורים, מחזורים און גרויסע קרבן־מנחה'ס און האָבען געשמאַק געדאַווענט; און וואָס ווייטער, נידעריגער צו דער טיר, זענען געשטאַנען די געמיינערע ווייבער אָהן סדורים, אָהן מחזורים און אָהן קרבן־מנחה'ס, האָבען אָנגעריסט

טרעהרען און זענען געווען פארטיג צו וויינען. מע האָט נאָר געוואַרט ביז דער חזן מיט די משוררים וועלען אָנהויבען צו זאָגען דעם טרויעריגען כל נדרי. און אַז דער חזן מיט די משוררים האָבען אָנגעהויבען צו זאָגען דעם טרויעריגען כל נדרי, האָט זיך אָנגעהויבען ביסלעכווייז הערען אַ געוויין. צווישען די אָרעמע ווייבער וואָס ביי דער טיר, איז געשטאַנען אויך אונזער דראַגאַ מאַרישקאַ און האָט זיך צוגעהערט צום שענעם, טרויעריגען אַלטען נוסח פון דעם אַלטען—אַלטען כל נדרי, וואָס איז אומעדום אויף דער גאַנצער וועלט איין געזאַנג. און דער שענער, טרויעריגער נוסח פונ'ם אַלטען—אַלטען כל נדרי, וואָס איז אומעדום אויף דער גאַנצער וועלט איין געזאַנג האָט איהר דערמאָנט אין איהרע אַמאָליגע גליקליכע יאָהרען און פערגליכט מיט איהר לעבען אַצונד, און זי איז ביי זיך שטאַרק — שטאַרק אַראָבגעפאַלען, חרטה געהאַט, תשובה געטהון אויף איהרע גרויסע זינד מיט'ן גאַנצען — גאַנצען האַרצען...

אַ סך, אַ סך ווייבער האָבען דאָ געשמאַק געדאַוועט און נאָך מעהר געשמאַק געוויינט. נאָר איך ווייס נישט, אויב צווישען אַלע אַנדערע ווייבער אין דער דאָזיגער שוהל האָט נאָך עמיצער אַזוי געשמאַק געדאַוועט — אָהן ווערטער נאָר מיט האַרץ — ווי די אָרעמע דראַגאַ. איך ווייס ניט, אויב צווישען די אַלע אַנדערע ווייבער אין דער דאָזיגער שוהל האָט נאָך עמיצער אַזוי געשמאַק געוויינט, אַזוי ערנסט תשובה געטהון אויף איהרע גרויסע זינד, ווי די אָרעמע דראַגאַ.

נאָך איינע איז געווען אין שוהל אין יענער נאַכט, וואָס דראַגאַ האָט פון איהר קיין אויג נישט אַראָבגעלאָזט. דאָס איז געווען אַ יונג ווייבעל אויך מיט אַ שוואַרץ טיכעל איבערן גאַנצען פנים, און ווערדיג דראַגאַ האָט אַרויסגעזעהן — האָט זי אַ פנים אויך געשמאַק געוויינט. „מסתמא אַ פערביטערטע נשמה, נעבעך...“ אַזוי האָט זיך געטראַכט דראַגאַ מאַרישקאַ, און איהרע מחשבות האָבען זי אויפגעהויבען און האָבען זי אַוועקגעטראָגען אין איהר אייגען וועלטיל, מיט איהרע אייגענע צרות, און דער שענער, אַלטער, טרויעריגער נוסח פונ'ם אַלטען — אַלטען כל־נדרי, וואָס איז אומעדום אויף דער גאַנצער וועלט איין געזאַנג, האָט זיך געלאָזט הערען אַרויף אין דער ווייבערשער שוהל און צענויפגעגאָסען זיך מיט'ן שטילען געוויין פון די אָרעמע ווייבער, פון די פערביטערטע נשמות, און מעהר פון אַלע האָבען געוויינט די אָרימע זינדיגע דראַגאַ און דאָס יונגע ווייבעל, וואָס מיט דעם שוואַרצען טיכעל איבערן פנים.

און שפּעטער, אַז ס'איז געקומען צו די וויינענדיגע „עלות“, וואָס

דער חזן זינגט מיט אַ וויינענדיג קול דעם וויינענדיגען נגון, איז דער געוויין פון די ווייבער אין דער ווייבערשער שוהל געוואָרען נאָך שטאַרקער און נאָך גרעסער, און מעהר פון אַלע האָבען געוויינט אַלץ די אָרעמע זינדיגע דראַגאַ און אַלץ יענץ ווייבעל, וואָס מיט'ן שוואַרצען טיכעל איבערן פנים. אַזוי פיעל און אַזוי שטאַרק האָט דאָס דאָזיגע יונגע ווייבעל געוויינט, ביז זי האָט זיך צוגעזעצט, אָנגעבויגען, פאַרוואָרפען דעם קאָפּ און געפאַלען חלשות.

* *

*

אין אַלע יודישע שוהלען אַלע יום־כפור צו כל־נדרי, מאַכט זיך, אַז אַ ווייבעל הויבט אָן חלשען. עס ווערד תחלת אַ שטיקעל גערודער, אַ מאָל שפּרינגט אַרויס דערפון איין אומגליק, אַ לויפעניש, אַ קוועטשעניש מיט אַ דערשטיקעניש, נאָר מייסטענטהייל איז מען דערצו געוואונט געוואָרען: דאָס פערחלשטע ווייבעל טראָגט מען אַרויס אין דרויסען אויף דער לופט, מע גיסט זי אָב מיט וואַסער, מע גיט איהר שמעקען חלש־טראָפּען און מע מינטערט זי אָב. אויך איצט האָט מען דאָס ווייבעל מיט'ן שוואַרצען טיכעל אַרויסגעטראָגען אין דרויסען אויף דער לופט, אָפּגעגאָסען מיט וואַסער און געגעבען שמעקען חלש־טראָפּען. צווישען די אַלע, וואָס האָבען זי געמינטערט, איז געוועזען אויך אונזער דראַגאַ מאַרישקאַ וואָס האָט אויף איהר שטאַרק רחמנות געהאַט און אַז דאָס איפּגעמונטערטע ווייבעל האָט אויפגעעפענט די אויגען און די העל בלאַסע לבנה האָט בעלייכט איהר העל־בלאַס פנים, האָט זי דראַגאַ דערקענט ווער זי איז, און האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי און איז אַליין שיער ניט געפאַלען חלשות.

ד אָ ס א ִי ז ג ע ו ו ע ן ר ע ט ש ִ י — פ ִ י ט ש ִ י — פ ו ט ש ִ י.

• • • • • • • • • • • • • • • • • • •

אָנגעבויגען איבער איהר אויף די קניע איז געשטאַנען אַבראַשע מיט קאַלט וואַסער, מיט עסיג און מיט חלש־טראָפּען — די געוויסע יודישע יום־כפור־דיגע מעדיקאַמענטען, און ביי דער זייט איז געשטאַנען דזשוי מיט דער געגאָלטער מאָרדע, מיט'ן רויטען שניפּס אין מיט דער נאָז; אַקעגען דער שיין פון דער העל־בלאַסער לבנה האָט ער אויסגעזעהן ווי איין אויסגעגאָסענע ווייסע פיגור, אַ סטאַטוע. ער איז געוועזען ערשטוינט ניט נאָר פון דעם, וואָס ער האָט דאָ געטראָפען אין שוהל צו

כל־נדרי ביידע ארטיסטקעס דראגא מארישקא און רעטשי־פיטשי־פוטשי; ער האט גאנץ גוט געוואוסט אז זיי זענען, גלייך אזוי ווי ער, יודישע קינדער, חאטש איינער פונם אנדערן האט דאס פארבארגען... איהם האט זיך אויסגעדאכט און ער וואלט געגאנגען שווערען אין טלית און קיטעל, אז צווישען עולם, וואס זענען ארויסגעשפרונגען פון שוהל אנקוקען דאס פאר'חלש'טע ווייבעל האט ער געזעהן דורכלויפען פארביי אויך דעם בעל־הבית פונ'ם „פארנאס" מיט א קליין סדור'ל אין די הענד אנגערוקט דעם צילענדער איבער די אויגען. . . . .

. . . .

און דאס חיינענדיגע קול פון די וויינענדיגע „יעלות" האט זיך געלאזט הערען פון שוהל אין דרויסען ארויס, דורך די אפענע טירען, און די העל־בלאסע לבנה האט העל געשיינט און בעלייכט די העל־בלאסע פנימער פון אונזערע פארשוינען פונ'ם „פארנאס", וואס האבען זיך איבערגעקוקט צווישען זיך און האבען זיך איינס דאס אנדערע רעכט פערשטאנען, אהן ווערטער...

ענדע.